STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11140

ROYTKOP

A. Svirskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. סוויִרסקי

רויטקאָפּ

אילוס: מ. ראַזומני

אונטער דער רעדאַקציע פֿון
ו. לאַצקי-בערטאָלדי

„ביכער פֿאַר אַלעמען“
ריגע 1931

געדרוקט אין דרוקעריי
„ספּלענדיד", ריגע,
הערן ג. 21, טעל. 27249

ערשטער טייל.

פונוואַנען דער רויטקאָפּ האָט זיך גענומען.

בעת אַקסיניע איז אַרויס עפענען די לאָדנס, האָבן נאָך די פייגעלעך געדרעמלט. זי האָט שטיל אַ שאָרך געטאָן מיט דער טיר פון פאָרהייזל און איז אַריבער דעם שוועל.

די זון איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען, אָבער דער באַגינען איז שוין געווען נאָענט. דער הימל האָט זיך אַף מורח־זייט פאַרפאַרבן מיט אַ גאָלדיק־פיאָלעטן קאָליר. איינער נאָכן אַנדערן האָבן די שטערנס גיך אויסגעצאַנקט, פונקט ווי עמיץ וואָלט געשפּריצט איבערן הימל און זיי געלאָשן. האָלאָדאַיעווקע, די טייבגעסל, איז נאָך פאַרזונקען געווען אין טיפן שלאָף. די גאַס איז פאַרבויט געווען נאָר פון איין זייט: די אַנדער זייט איז געווען אַ הויכער באַרגריס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן גראָד צום טייך צו.

פאַרן עפענען די לאָדנס, איז אַקסיניע באָרוועסערהייט אַריבער די שטויביקע, ניט־ברוקירטע גאַס, און געבליבן שטיין באַם ברעג פון הויכן באַרגריס. איבערן טייך זיינען, ווי שטיקער שפּינוועבס, אַראָפּגעהאַנגען און זיך צעשוואומען גראָע קנוילן נעפּל. אין אַ צוזאַמענגעשפּאַרטער, צעקרימטער שורה האָבן זיך די קליינינקע, נעבעכדיקע הייזעלעך געטוליעט באַם ברעג אָפּריס, פונקט ווי וויסטע קאַליקעס, וואָס מ'האָט אַרויסגעטריבן פון מושב־זקנים.

די באַלעבאַטים פון די הייזלעך, כאָטש זיי האָבן געטראָגן דעם נאָמען „הויזאייגנטימער", זיינען אָבער לחלוטין ניט רייכער געווען פון די מחנות היימלאָזע, וואָס שלעפּן זיך אַרום איבער דער וועלט און לעבן פון נדבות.

די תושבים פון האָלאָדאַיעווקע זיינען געווען קבצנים מיט אַ

יחוס־בריון: בא זיי איז אָרימקייט, נישט און כּלערליי אָנשיקעניש איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור, אַזוי ווי בא די רייכע גייען אַריבער בירושה כּבודים און מיליאָניקע פאַרמעגנס. קיין איינער פון די האָלאָדאַיעווקער האָט זיך נישט געקאָנט באַרימען מיט א רייכן זיידן, צי מיט אַ גבירישער מומען, אָדער מיט אַ פאַרטאַכלעוועטן הויף. דאָ האָט שוין די אָרימקייט געהויזט פון דור־דורות, און די האָלאָדאַיעווקער זיינען שוין צוגעוואוינט געווען צו איר, אַזוי ווי די נעגערס זיינען צוגעוואוינט צו דער טראָפּישער היץ, און ווי עקסימאָסן — צו אכזריותדיקע קעלטן.

נישט רייכער פון די אַנדערע איז אויך געווען אַקסיניע, די ווייב פון טאַראַס זאַזוליע. איר מאַן איז אפילו געווען א בעל־מלאכה — אַ סטאָליער און אַן ארונות־מאַכער, אָבער קיין געלט האָט ער נישט פאַרמאָגט. נאָר צווייטמאָל אין יאָר, אין דער צייט פון די גרויסע ירידים איז בא די זאַזוליעס געווען נישקשהדיק. דעמאָלט האָט טאַראַס פאַרקויפט גאַנצע פאַרטיעס טישן און בענקלעך, וואָס ער האָט פריער געהאַט צוגעגרייט אין זיין וואַרשטאַט.

איצט איז די צייט אויך געגאַנגען צו א יריד, און טאַראַס האָט זיך זייער געאיילט צוצוגרייטן סחורה. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שלאָף פריער, ווי אַלעמאָל, און האָט אָוועקגעאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. און דאָס איז די סיבה, וואָס זיין ווייב איז היינט אַרויס אַזוי פרי עפּענען די לאָדנס.

זאַזוליכע איז געשטאַנען א ווײַלע אויפן בריג אָפּרים, האָט זיך געשמאַק אויסגעגענעצט און האָט זיך נאָכדעם צוריק אומגעקערט צו איר שטיבל עפענען די לאָדנס.

די יונגע פרוי האָט געעפנט די לאָדנס פון די דריי פענסטערן, האָט זיי צוגעבונדן מיט שטריקלעך צו דער וואַנט, כּדי דער ווינט זאָל מיט זיי נישט אַרומפּאַטשן, און שוין געוואָלט צוריק אַריינגיין אין שטוב — אָבער מיטאַמאָל האָט זי דערהערט עפּיצן שטיל און יאָמערלעך קרעכצן. אַקסיניעס אָפּגעברענטער, זונקלהויטיקער פנים האָט זיך אויסגעצויגן פון חידוש און פון

נייגער. מען האָט ווײַטער געקרעכצט. די פרוי האָט ברייט אופגעריסן די אויגן, די מויל, און זיך גענומען איינהערן.

— אָי — אָי — אָי !... — האָט זיך דערטראָגן פון הינטערן הויז.

אַקסיניען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס קרעכצט אַ פרוי. עטלעכע סעקונדן האָט זי זיך צוגעהערט צו די משוגעהדיקע קלאַנגען, און האָט זיך צעשראָקן אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן. אָבער דערבײַ איז ניט געווען קיין איין מענטש. ענדלעך איז אַקסיניע בײַגעקומען דעם פחד, און ווען די קרעכצעס זײַנען געוואָרן נאָך שטאַרקער, האָט זי אונטערגעהויבן איר ציטערנע קלײדל און זיך גענומען לויפן, אַריבערשפרײַזנדיק די ווילדגראָז און די קראָפּעווע, וואָס איז געוואַקסן פאַזע טאַראַסעס הויז. אַקסיניע איז פאַרשוואונדן. ס'איז שטיל געוואָרן. אין אַ ווײַלע אַרום איז זאַזוליכע, מיט אַ פאַרקרימטן פּנים פון שרעק, אַרויסגעלאָפן פון הינטערן ווינקל און אין איין אָטעם אַרײַן אין שטוב.

טאַראַס איז געשטאַנען פאַר זײַן וואַרשטאַט. זײַן גרויסע, געבויגענע געשטאַלט האָט פאַרנומען כמעט אַ העלפט צימער. זײַן אָנטאָן איז געווען — אַ פּאָר ברייטע פּומפּהויזן מיט אַ גראָער העמד, און די באָרוועסע, שוואַרצע פיס האָבן געשטעקט אין ווײַכע, אַליינגעמאַכטע לאַטשן.

— טאַראַס, קום געכער אַרויס אין גאַס ! — האָט אַקסיניע געשריען פאַרסאָפּעט, אַרײַנפליענדיק אין שטוב, ווי אַ ווינטער.

איר פּנים איז געווען בלייך און צעשראָקן. זי האָט אינגאַנצן געציטערט.

— וואָס האָב איך דען פאַרגעסן אין גאַס ?... — האָט טאַראַס געזאָגט גלײַכגילטיק, ניט אופהייבנדיק די אויגן פון זײַן אַרבעט.

— חכם מײַנער ! — האָט אַקסיניע געשריען — גיי שוין געכער, זאָג איך דיר... טו אַ קוק, וואָס ס'האָט פּאַסירט...

— וואָס האָט דען פּאַסירט ? אַ הון איז אַוועקגעפּגרט?...—

האָט זאָזוליע זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט און לוסטיק אַ דריי געטאָן מיט זיין קאָפּ שוואַרצע, צעשויבערטע פּאַטליעס.

— דו קאַלטער גזלן איינער!...—איז די ווייב געוועזן אויפֿער זיך — ווערסט שוין אַמאָל זיך אַ ריר טאָן, צי ניט?

— ווי זאָל איך זיך ניט אַ ריר טאָן?... אַז אַ אישה צעשרייט זיך, וועט שוין אפֿילו אַ טויטער זיך אויך אַ ריר טאָן— האָט טאַראַס געענטפֿערט, און זיך צובויגנדיק, כּדי זיך ניט אָפּצוקלאַפּן אָן בּיישטידל, איז ער אַרויס פֿון וואַרשטאַט.

אַקסיניע איז געלאָפֿן פֿאַרויס.

— אָטדאָ, הינטערן שטעלכל... הערסט, ווי מען קרעכצעט? אַהער, אַהער! הערסט?... — האָט זי געשעפּטשעט, זיך פֿאַרבלינענדיק פֿון אופֿרעקונג.

טאַראַס איז שווייגעדיק איר נאָכגעגאַנגען, האָט געפּיפּקעט זיין ליולקעלע, וואָס ער האָט באַוויזן צו פֿאַררויכערן גייענדיק.

— אָט אַהער קוק! הערסט? — האָט אַקסיניע געפֿליסטערט.

טאַראַס האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויפֿן גראָז איז געלעגן אַ פֿרוי, און בּאַ איר זייט האָט רואיק געדרעמלט אַן עופֿלע, פֿאַרוויקלט אין שמאַטעס. די אומבאַקאַנטע האָט אָפּגעשוואַכט און הייזעריק געקרעכצעט. איר קאָפּ, אַרומגעבונדן מיט אַ טונקעלער, צעלעכערטער פֿאַטשיילע, איז געלעגן אויף אַ גראָעם פּעקל. זי איז געוועזן בּלייך, מיט פֿאַרשוואַרצטע, פֿאַרשמאַכטע ליפּן, און עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט גוססן. אירע אויגן זיינען געוועזן אומבאַוועגלעך, פֿאַרגלייזט, און האָבן געקוקט אין איין פּונקט פֿאַר זיך. אָנגעטאָן איז זי געווען אין בּרודיקע, צעפּיצלטע שמאַטעס. זי האָט געהאַט אַן אויסזען פֿון אַ קבצנטע, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער שטעט און דערפֿער און בעטלט נדבות.

צוגייענדיק צו דער גוססער, האָבן טאַראַס און אַקסיניע שטיל און באַדייטעוודיק זיך איבערגעקוקט.

— פֿרעג איר, ווער זי איז און ווי זי קומט אַהער — האָט טאַראַס שטיל געזאָגט צו דער ווייב.

— פֿונוואַנען בּיסטו, ליבינקע? — האָט אַקסיניע אָנגע-

הויבן אויספרעגן, זיך צובויגנדיק צו דער ליגנדיקער — דו ביסט קראַנק? דאָס איז דיין קינד?... ווי ביסטו אהער גע-קומען?...

אקסיניע האָט געשאָטן מיט פראַגן, אָבער קיין ענטפער האָט זי אַף זיי ניט באַקומען. די אומבאַקאַנטע האָט געגוססט— דאָס האָט מען געזען.

— איכ׳ל צורופן מענטשן — האָט זאַוואָליכע באַשלאָסן און אַ קוק געטאָן אַפן מאַן, וואָס ער וועט זאָגן דערצו.

— אוודאי... — האָט טאַראַס צוגעגעבן — וועק אוף די שכנים, אַניט קאָן מען נאָך ווער׳ייסט וואָס טראַכטן.

אקסיניע איז אַוועק. און באַלד האָט איר הילכיקע שטים צעשטערט די שטילקייט פונם אָנקומענדיקן פרימאָרגן.

— קומט אַרויס!... — האָט אַקסיניע געפילדערט און געקלאַפט אין די לאָדנס פון די אַרומיקע הייזער.

אין אַ מינוט צען אַרום איז זאַוואָליעס קליינער הויפל שוין פול געווען מיט מענטשן.

די אומבאַקאַנטע איז אַוועקגעשטאָרבן, נאָך איידער די זון איז אופגעגאַנגען. אין דער מינוט, ווען זי האָט אַרויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, האָט איר קינד זיך אופגעכאַפּט. ער האָט זיך גענומען וואָרפן און וויינען. די ווייבער האָבן אָפּגעשטימט, אַז ער מוז זיין דריי חדשים אַלט.

אַקסיניע האָט אַלעמען דערציילט, ווי זי איז אופגעשטאַנען, ווי זי איז אַרויס עפענען די לאָדנס און ווי זי האָט דערהערט קרעכצן...

— הייסט עס, האָט זי נאָך געלעבט? — האָבן איר די צוהערער איבערגעשלאָגן.

— אוודאי האָט זי געלעבט. אַ טויטע וועט דאָך ניט קרעכצן — האָט זאַוואָליכע דערקלערט און ווייטער בסדר גע-רעדט.

און דאָס קינד האָט דערווייל געשריען אָן אופהער.

— מען דאַרף אים אָנהאָדעווען — האָט אַ ווייבל זיך געכאַפּט און אים גענומען אַף די הענט.

די ווײַבל איז געווען אַ טײַערע נשמה. געהייסן האָט זי אגאַפיע די נײטערקע. איר מאַן איז געווען אַ שנײַדער, אַ שוואַ=כער מענטשל און אַ גרויסער שיכּור. אגאַפיע האָט געהאַט פינף קינדער: איינער פון זיי איז נאָך געווען בײַ דער ברוסט.

ווי נאָר אגאַפיע האָט אַרופגענומען אַף די הענט דעם אומבאַקאַנטן עופהלע, איז ער גיך אַנטשוויגן געוואָרן, און איז צוגעפאַלן צו איר ברוסט, ווי אַ הונגעריקע חיהלע.

— טו נאָר אַ קוק, ווי ער זויגט! — האָט זיך טאַראַס געחידושט. ער האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

— אַ קינד וויל עסן, ווי דען?.. די מאַמע זײַנע האָט אַוודאי קיין מילך ניט געהאַט — האָבן די ווײַבער גענומען ריידן און איבערשלאָגן איינע דער אַנדערער.

— היי, שטילער זײַט! פּאָליצײַ קומט!.. — האָט עמיץ אַ געשריי געטאָן.

די ווײַבער זײַנען שטיל געוואָרן.

פונוויטן האָט מען געזען אָנקומענדיק דעם פּאָליציסט פּראָ=כאָר שוועמל, ווי די אײַנוואוינער פון האָלאָדאַיעווקע האָבן אים גערופן. דאָס איז געווען אַן אַלטער אויסגעדינטער זעלנער, מיט אַ ווײַכן צעקנײטשטן פּנים, וואָס האָט אויסגעזען, ווי דורכגעווייקט. אַף דער אויסגעטריקנטער, אַראָפּהײנגענדיקער גאָמבע האָבן גע=שפּראָצט ווײַסע הערלעך, ווי באָרשטן. פּראָכאָר האָט געשמעקט טאַבעק, און דעריבער זײַנען זײַנע גראָע, שיטערע וואָנסן אונ=טער דער נאָז פאַרדעקט געווען מיט אַ טונקל=ברוינער ברודיקייט. ווי אַלט ער איז, האָט ער אַליין ניט געוואוסט. אַן אַנדערשמאָל האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַכציק יאָר, און אָפטמאָל האָט ער זיך גאָר מודה געווען, אַז ער איז איבער אַ מאה. אַ פּאָליציסט איז ער דאָ שוין געווען פון כּמה יאָרן.

די האָלאָדאַיעווקער האָבן אויסגעצייכנט געקענט זײַער „אָר=דענונג=אָפּהיטער". און אים זעענדיק פאַר זײַערע אויגן דעם גאַנצן לעבן, האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ער לעבט אייביק און האָבן געקוקט אַף אים, ווי מען קוקט אַף אַ היימישן טײַבל,

וואָס שטראָמט שטענדיק אין איין ריכטונג, אָדער ווי אַף אַ בוים, וואָס לעבט אריבער אַסך מענטשלעכע דורות.

— וואָס איז דאָ? — האָט שוועמל געפרעגט און גע־דרייט מיט די ליפּן, ווי מעלה־גירהנדיק.

— אַ שלעפּערקע איז דאָ געשטאָרבן — האָט טאַראַס געענטפערט און ווייטער פארוויכערט די ליולקע.

— אַ מענטש איז געשטאָרבן און דו פּיפּקעסט זיך! — האָט דער אַלטער אויסגערעדט טאַראַסן און מיט אַ פאָרוואָרף גע־שאָקלט דעם קאָפּ.

נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען זיין טאַבעקשקעטעלע, אָנגע־פּאַקט ביידע נאָזלעכער מיט טאַבעק און אַ נאָס געטאָן.

— צו געזונט, זיידע־לעבן!..

— צו לעבן נאָך אַ צוויי־הונדערט יאָר!..

— צו וואַקסן און צו גֶעדייען!...

דאָס האָבן אָנגעוואונטשן דעם אַלטן די חברה קונדסים, וועלכע האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט.

— טראָגט זיך פונדאַנען!.. אָט וועל איך אייך... — האָט דער אַלטער זיך אָנגעבייזערט אַף די קינדער און זיי געוואָלט שרעקן מיט זיין שווערד, וואָס האָט געווים אויך געהאַט ניט ווי־ניקער יאָרן פון אים אַליין.

— שרעק ניט, זיידינקע: איכ׳ל דאָך בלייבן אַף אַן אָרט!

— האָט איינער פון די יאַטלעך געחוזקט.

די אַנדערע האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

— נו, נו, וואָס הירזשעט איר! טראָגט זיך אָפּ, כל־זמן איר האָט נאָך גאַנצע ביינער! — האָט טאַראַס אָנגעשריען און אַ טופּע געטאָן מיטן פוס.

די אינגלעך זיינען תיכּף אַנטשוויגן געוואָרן.

פראָכאָר איז צו צום אומבאַקאַנטן מת און האָט דערביי אָפּ־געדעקט זיין בלויזן, געלן שאַרבן, וואָס האָט פונוויטן אויסגעזען, ווי אַ גרויסע ביליאַרד־פּילקע.

צווישן עולם האָבן זיך גענומען פארשפּרייטן בלערליי קלאַנ־גען און סברות בנוגע דער געשעעניש, איינע האָבן געזאָגט, אז

די געשטאָרבענע איז אַ פֿויערטע, און זי איז אויסגעגאַנגען פֿון הונגער; אַנדערע האָבן באַשלאָסן, אַז זי איז אָפּגעשטאַנען פֿון דער מחנה אַרבעטער, וואָס איז נעכטן דורכגעגאַנגען די שטאָט, און אַרינגע די פֿלאָפּלעריקע, דעם מוליערס ווײַב, אַ גראָבע גויע מיט אַ פּלאַטשיקן פּנים, האָט גאָר געטענהט, אַז די אומבאַקאַנטע איז דערוואָרגן געוואָרן דורך גזלנים...

— האַק ניט קיין טשאַיניק, אַרינגע! — האָט איר מאַן איר געפּרובט איינהאַמעווען — פֿון דײַנע שקרים איז דאָך שוין אַפֿילו די האַלקע אַפֿן פּאַרקאַן רויט געוואָרן...

— ניט די האַלקע איז רויט, נאָר דײַן נאָז, פּאַסקודנער שיכּור איינער!... — האָט די ווײַב זיך אָנגעבייזערט אַפֿן מאַן.

— שווייגט שוין!... זיך צעשריען, פּונקט ווי אַפֿן מאַרק...

— האָט טאַראַס איבערגעשלאָגן די צעקריגטע פּאָרל, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו פּראָכאָרן: — זײַ אַזוי גוט, זיידינקע, נעם צו פּונדאַנען דעם מת... איך האָב קיין צײַט ניט, כ'האָב שטודאַרבעט.

— הערסט, וואָס אים האָט זיך פֿאַרוואָלט! — האָט דער פּאָליציסט גענומען שאַמקען — וואָס בין איך פֿאַר אַ באַלעבאָס אויף דעם? דאָ מוז אַלץ אָפּגעטאָן ווערן על־פּי־דין... קודם־כּל מוז מען אָנזאָגן דעם צירקלאָופֿזועער, ער וועט אָנזאָגן דעם פּריסטאַוו, יענער וועט אָנזאָגן דעם דאָקטאָר, דער דאָקטאָר — דעם געריכטאויספֿאָרשער, דער אויספֿאָרשער — דעם פּראָקוראָר, דער פּראָקוראָר...

— און דער פּראָקוראָר — האָט טאַראַס בײַז איבערגעשלאָגן דעם אַלטן — וועט פּונדאַסניי אָנזאָגן דיר, דו אַלטער שוועמל, און דו וועסט אָנפּאַקן אַ נאָז מיט טאַבעק און אַ נאָס טאָן, און דערפֿון וועט די געשטאָרבענע אויפֿשטיין תּחית־המתים... דו ביסט שוין איינמאָל אַ פּאָליציסט!

טאַראַס האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַליין אַוועק נאָכן צירקלאָופֿזועער. און פּראָכאָר שוועמל האָט ווײַטער געשאַמקעט מיט זײַן אָנצייניקער מויל, דערציילנדיק וועגן

די פאַרערונגען פון געזעץ; אָבער קיינער האָט זיך ניט צוגע־הערט צו אים.

דאָס קינד פון דער געשטאָרבענער איז איצט אַריבער צו אַק־סיניען. אַגאַפיע האָט אים געשטילט, נאָכדעם אים איבערגעגעבן זאָוליכען און אַליין אַוועק אַהיים, צו אירע קינדער.

— דו האָסט דאָך ניט קיין קינדער, געם צו דעם עופהלע צו זיך — האָט אַגאַפיע געזאָגט, איבערגעבנדיק אַק־סיניען דאָס קינד — וועסט פאַרדינען אַ מצוה...

— וואָס רעדסטו! וואו קאָנען מיר אויסהאָדעווען פרעמ־דע קינדער! פאַר אונז איז אַ גליק, אַז מיר קומען אַליין ווי ניט איז דורך... — האָט אַקסיניע זיך אָפּגערופן מיט שרעק.

דערווייל האָט דאָס קינד אין אַקסיניעס אומגעניטע הענט זיך אַרויסגעוויקלט פון זיינע שמאַטעס און גענומען זיך צאַפּלען מיט זיינע מאָנטשינקע פיסעלעך. און כּדי ער זאָל ניט אַראָפּ־פאַלן, האָט אַקסיניע אים צוגעטוליעט צו זיך. דאָס קינד האָט געשמייכלט צו איר, באַוויזן זיינע אָנצייניקע יאַסליעס. דאָס איז געווען אַ געזונטער דרייחדשימדיקער אינגל, זיין גופל איז געווען רונדע, אָנגעגאָסן, רויזפאַרביק. זיינע קליינינקע פיסעלעך און הענטעלעך האָבן כּסדר זיך געדרייט, ווי אַ מיל. ער האָט אָפן און פריילעך געקוקט אַף דער וועלט מיט גרויסע, ברוינע אויגן.

— וואָס פאַרא שיינער בחורעץ! — האָט אויסגערופן איינע פון די ווייבער —עס גלויבט זיך עפּעס ניט, אַז זיין מאַמע זאָל זיין געווען אַ קראַנקע... זעט נאָר, ווי געזונט און ווי קיי־לעכדיק ער איז!...

— און ווי גיך עס זיינען אים אויסגעוואָקסן הערלעך — האָט זיך אַ צווייטע געחידושט.

— ער וועט זיין אַ רויטקאָפּ, אפילו איצט איז שוין זיין קעפּל רויט, ווי קופּער...

— לאַנג וועט ער ניט לעבן...

— אַז אָך און ווי איז שוין צום לעבן פון אַ קיילעכדיקן יתום!...

— וואָס האָט איר זיך צעבאַלעבאַטשעט?... טפו אַף

איך ז... — האָט אַקסיניע אָנגעשריען אַף די ווײַבער און זיך אָפּגעקערט פון זײ.

דאָס קינד איז איר עפּעס מיטאַמאָל געוואָרן ליב און טײַער. זי האָט אים ליב באַקומען פון יענער רגע, ווען ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר, האָט געשמייכלט צו איר מיט זײַן אָנציניקן מײַלכל און ניט אָפּגעריסן פון איר פּנים זײַנע ברייטע, ברוינע אויגלעך. דערדאָזיקער צוטרויליכער קוק פון נאַאיווע קינדישע אויגן האָט אויפגעוועקט אין דער יונגער פרוי דעם געפיל פון מאַמישער ליבע און צאַרטקייט, וואָס איז איר ביז איצט אומבאַקאַנט געווען.

„פאַרוואָס זאָל איך אים טאַקע ניט נעמען צו זיך ! — האָט אַקסיניע זיך געטראַכט, צערטלענדיק מיטן בליק דעם עופהלע — איכ'ל בעטן טאַראַסן. ער איז דאָך אַ גוטער, ער וועט דערלאָזן. פיל וועט אונז דאָך דאָס קינד ניט קאָסטן, און ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער העלפן טאַראַסן...״

דערווײַל איז טאַראַס צוריקגעקומען צוזאַמען מיט אַנדריי אַנדרעעוויטש, דעם פּאָליציײַאופזעער. זײ זײַנען געגאַנגען פאַזע דעם ברעג טײַך.

אַנדריי אַנדרעעוויטש, אַ דיקער מאַנספּאַרשוין מיט אַ גרויסן, רונדן בויך, איז אָנגעטאָן געווען אין אַ ווײַסן רעקל. כאָטש די זון האָט זיך נאָך ניט אַרויסגעהויבן פון הינטער דעם וועלדל אַף יענעם ברעג טײַך, האָט דער אופזעער געפּרײַכט, זיך געבלאָזן, און אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל, האָט ער זיך לאַנג געווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן.

— אָט וועט דאָס הײַנט זײַן אַ דומימה ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זײַן באַסאָוון קול, און זײַן פּנים האָט זיך אָנגעבלאָזן, פּונקט ווי הינטער די באַקן וואָלטן געלעגן בולבעס.

— יאָ, יאָ... ניט קאַלט הײַנט — האָט טאַראַס צוגעגעבן.

— וואַרט אַ ווײַלע — האָט דער אופזעער אָפּגעשטעלט זאַזוליען — לאָמיר זען, ווער זיצט דאָס זאָ און כאַפּט פיש ! איז דאָס ניט אַמאָל אונזער דאָקטאָר !

טאַראַס איז צו צום ראַנד פונם באַרגריס און אַראָפּגעקוקט. אונטן איז אַ הויכגעוויקסיקער מאַן געשטאַנען מיט די פיס אין וואַסער און האָט פאַרוואָרפן אַ ווענטקע. אױף אַ פלאַטשיקן שטיין אױפן ברעג זײנען געלעגן די הוט, די שיך און די זאָקן פונם פישפאַנגער.

— יאָ, דאָס איז טאַקע דער דאָקטאָר! — האָט טאַראַס געזאָגט, זיך גוט אײנקוקנדיק אין דעם פישפאַנגערס רוקן.

— אויסגעצייכנט... אים האָבן מיר טאַקע נויטיק — האָט געזאָגט דער אופזועער און איז אויך צו צום ראַנד פון באַרגריס.

— יאַקאָוו איוואַנאָוויטש! — האָט ער אַ רוף געטאָן, זיך לײכט צובויגנדיק.

דער פישפאַנגער האָט זיך אפילו ניט גערירט. ווייל גראָד אין דעם מאָמענט, ווען דער רוף האָט זיך צו אים דערטראָגן, האָט אַ פיש אַ צופּ געטאָן בײַ דער ווענטקע.

— יאַקאָוו איוואַנאָוויטש, זײַט אַזוי גוט, קומט מיט אונז! — האָט דער אופזועער נאָכאַמאָל גערופן.

אָבער דער דאָקטאָר האָט אַלץ ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען אין וואַסער מיט אַרופגעקאַשערטע הויזן. זײַן לאַנגער, מאָגערער פּנים מיט די גאָלדענע שפּאַקולן אױף דער נאָז, איז געווען שטאַרק ערנסט און פאַרטיפט.

— יאַקאָוו איוואַנאָוויטש, מ'האָט געפונען אַ טויטן קערפּער!... קומט מיט אונז, זײַט אַזוי גוט!

בײַם דאָקטאָר האָבן פון כעס געגומען טאַנצן פאַר די אויגן גרינע רעדער. „ער וועט פאַרטרײבן אַלע מײַנע פיש, דער פּאַסקודניק“ — האָט ער מיט פאַרדראָס אַ טראַכט געטאָן, ער האָט געוואָלט מאַכן דעם אופזועער אַ צייכן, ער זאָל שווייגן, און אַזוי ווי די הענט זײַנען אים געווען פאַרנומען, האָט ער אַרויסגעהויבן פון וואַסער אַ פוס און האָט מיט איר געגומען פאָכען צום פאָליצײַאופזועער. אָבער אין דער צײַט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געגעבן צייכנס מיט דער פוס, האָבן די פיש אופגעגעסן דעם ווערימל פון דער ווענטקע און האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

— הער אופזעער, איר האָט זיך געטאָן א נדר מיך צו פאַרנודיען? — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, ציטערנדיק פון צאָרן.

— איך האָב אייך דאָך נים געשטערט צוליב פוסטע זאַכן

— האָט דער אופזעער זיך פאַרענטפערט — בא זאַזוליען אין הויף האָט מען געפונען א מת.

— אַזוי איז דאָס טאַקע — האָט טאַראַס צוגעגעבן.

דער דאָקטאָר האָט זיך שווער אָפגעזיפצט און גענומען ארויסשלעפן פון וואַסער זיינע וועגטקעס, און אין א ווײַלע ארום איז ער שוין געזעסן אַפן שטיין, און האָט מיט כעס ארופגעצויגן זיינע שטיוול.

— געפונען... — האָט ער געוואָרטשעט — איך האָב שוין אויך געהאַט געפונען א באַרש, און איר האָט אים פאַרטריבן מיט אייער מת... כ'בין בכיון אופגעשטאַנען נאָך פאַר באַגינען, קיינער זאָל נים שטערן, און מיטאַמאָל האָט אייך דער רוח געבראַכט...

און אַזוי וואָרטשענדיק, איז ער ארוף אויבן, צו די, וואָס האָבן אים אָפגעוואַרט.

דערווײַל איז אויך געקומען דער פּריסטאַוו, א יונג א כוואַט, א הויכגעוויקסיקער, מיט קלינגעוודיקע שפּאָרעס און מיט ארופגעדרייטע וואָנסן. נאָך פאַרן אויעקגיין מיט טאַראַסן האָט אים דער צירקלאָופזעער געלאָזט זאָגן וועגן דער געשעעניש.

— אָ, איר זייט שוין דאָ, דאָקטאָר? א גוטמאָרגן אייך! — האָט דער פּריסטאַוו באַגריסט דעם דאָקטאָר.

— יאָ, איך בין דאָ, אָבער דער באַרש איז שוין ווייט...

— וואָס פאַרא באַרש?! — האָט דער פּריסטאַוו זיך געחידושט.

— יאַקאָוו איוואַנאָוויטש איז געזעסן מיט דער ווענטקע...

— האָט דער אופזעער געזאָגט.

— אָ, אַזוי-אַזוי! איר האָט נאָך אַלץ נים אופגעגעבן די לײדנשאַפט? איר געדיינקט, ווי פאַראַיאָרן זייט איר ארייַנגעפאַלן אין טייך, און מיין וועשערין האָט אייך געראַטעוועט!...

— וואָס ווילט איר זאָגן דערמיט? — האָט דער דאָקטאָר מיט פאַרדראָס איבערגעשלאָגן דעם פּריסטאַוו.

— אַז איר האָט דעמאָלט געגעבן אַ וואָרט...

— גוט, גוט, שווייגט!.. אייערע זכרונות אינטערעסירן קיינעם ניט.

דער פּריסטאַוו האָט אַ שמייכל געטאָן, פאַרגלעט די וואָנסן און מער ניט גערעדט. אַזוי זיינען זיי שווייגנדיק דערגאַנגען ביז טאַראַסעס הויף.

דער עולם האָט, דערזעענדיק די אָנגעקומענע, געמאַכט פאַר זיי אַ וואַרע. זיי זיינען צו צום מת. און פּראָכאָר האָט זיי באַגעגנט. דער זקן האָט אָן אויפהער געגריסט דעם פּריסטאַוו, ניט אַראָפּנעמענדיק פון אים זיינע אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן.

— ווער איז זי? — האָט דער פּריסטאַוו געפרעגט, זיך איינקוקנדיק אין דעם געלן פּנים פון דער געשטאָרבענער.

— איך ווייס ניט, פּריץ! — האָט פּראָכאָר געענטפערט אַפן זעלנערישן שטייגער.

— זי איז ניט קיין היגע?

— ניין, פּריץ! — האָט דער אַלטער שוועמל אַרויסגע-בראַקט, זיך פלייסנדיק וואָס מער אויסצוגראָדן זיין צעהויקערטע געשטאַלט.

דער המון האָט מיט אינטערעס נאָכגעקוקט, וואָס דאָ קומט פאָר. אין אַזעלכע מאָמענטן איז דער אַלטער פּראָכאָר עפּעס גע-וואָרן העכער אין אַלעמענס אויגן. און די קליינע חברה — זיי האָבן גאָר אויפגעגעסן מיט די אויגן די סצענע. פון זייערע שאַר-פע אויגלעך האָט זיך קיין זאַך ניט אויסבאַהאַלטן, און זיי האָבן ניי-געריק באַטראַכט דעם פּריסטאַווס שפּאָרן און זיינע כוואַטסקע וואָנסן, די לאַטעס אַף פּראָכאָרס אויסגעדינטן מונדיר, די פּעטלי-ביקע געשטאַלט פונם צירקלאָפּזעער און דאָס ציגענע בערדל פונם דאָקטאָר.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אונטערזוכונג, וועלכע האָט סיווי גאָרנישט אויפגעקלערט. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער די גע-שטאָרבענע איז, ניט פונוואַנען זי איז און ניט פון וואָס זי איז

געשטאָרבן. דער דאָקטאָר האָט אפילו געזאָגט, אַז זי איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאָג, אָבער ער האָט באַלד צוגעגעבן, אַז ער קאָווירט ניט דערפאַר, און אַז מען דאַרף איר פּאַלמעסן, כּדי אויסצוגעפינען די סיבה פון איר טויט.

ווען דער פּראָטאָקאָל איז שוין געווען צענויפגעשטעלט, האָט מען זיך דערמאָנט אָן דעם קינד פון דער געשטאָרבענער.

אַקסיניע האָט אים נאָך אַלץ געהאַלטן אויף די הענט. זי האָט זיך שוין דורכגערעדט מיט טאַראַסן וועגן דעם קינד, און זי האָט ניט אויסגעפירט: דער מאַן האָט בשום אופן ניט געוואָלט צונעמען דעם אינגל.

— דאָס איז דער אינגל אירער? — האָט דער פּריסטאַוו געפרעגט אַקסיניען.

— יאָ.

— הם... וואָס טוט מען מיט אים? מען מוז אים איבער-געבן אין פּאָליציי... וואָס איז — מ'דאַרף אים נאָך שטילן?

— יאָ.

— אָט איז אָן אָנשיקעניש! וואו טוען מיר אים אַהין?

— איך האָב אים געוואָלט אַריינגעמען צו אונז — איז אַקסיניע מיטאַמאָל דרייסט געוואָרן—ער זאָל שטענדיק בלייבן בא אונז..

— אַוודאי, אַוודאי, אויסגעצייכנט! — האָט דער פּריסטאַוו זיך דערפרייט — נעמט אים... ס'וועט זיין גוט פאַר אייך און פאַר אונז...

— געוויס, פּריץ — האָט אים אַקסיניע איבערגעשלאָגן, שוין גאָר דרייסט ווערנדיק — איך ווייס, אַז ס'וועט זיין גוט, אָבער מיין מאַן...

— וואָס דער מאַן?... ער וויל ניט? איר האָט קינדער?

— ניין, ניטאָ.

— אַזוי? וועלכער איז דיין מאַן? אָט יענער, דער גע-זונטער חברה-מאַן?

טאַראַס האָט געטאָן אַ טריט נעענטער און געבליבן שטיין, אַ פאַרשעמטער.

— פאַרוואָס ווילסט ניט נעמען צו זיך דעם יתום ? — האָט דער פּריסטאַוו געפרעגט.

טאַראַס האָט געשוויגן.

— ווייל וועט ער דאָס אופּעסן בּאַ דיר, און מיר וועלן דערווייל פּטור ווערן פון איבעריקע צרות... נעם אים צו, האַ?

טאַראַס האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּאַטילניצע, באַקוקט זיינע פּיס, און נאָכדעם אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גע-זאָגט :

— מילא !

מער האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט. אָבער פון דעם איין וואָרט האָט אַקסיניעס שיינער, טונקלהויטיקער פּנים אופגע-שיינט, און אין אירע שוואַרצע אויגן האָט אופגעבליצט אַ פרייד.

— אַ דאַנק אייך, פּריץ — האָט זי געזאָגט צום פּריסטאַוו.

— ניטאָ פאַרוואָס. איך האָב שטענדיק ליב צו טאָן מענטשן אַ טובה... — האָט געענטפערט דער פּריסטאַוו, און אַ קלונג טוענדיק מיט די שפּאָרן, איז ער דער ערשטער אַרויס פון הויף.

נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען דער דאָקטאָר, דער אופזעער ; און דער פּאָליציסט, וועלכער איז איצט ווייטער פאַר אַלעמען געוואָרן דערזעלביקער אָפּגעבליאַקעוועטער אַלטער שוועמל, וואָס פריער, איז געבליבן אופּפּאַסן דעם קערפּער.

אַרויסגייענדיק אין גאַס, האָט דער פּריסטאַוו באַפוילן דעם צירקלאופזעער תיפף צושיקן אַ פור אָפּצופירן דעם מת אין טויטנשטיבל, און ער איז מיטן דאָקטאָר אַוועק פּאַזע דעם ברעג טייך.

די נייע עלטערן.

טאַראַסעס שטיבעלע איז פולגעפּאַקט געוואָרן מיט ווייבער, וואָס זיינען געקומען געבן אַקסיניען עצות, ווי זי זאָל זיך באַגיין מיטן עופהלע, ווי זי זאָל אים האָדעווען, ווי אים איינשלעפערן,

אײנע פֿון די װײַבער האָט געמערקט, אַז דאָס קינד טראָגט ניט קײן צלמל אויפֿן האַלז.

— אױ, מײנע שײערינקע! — האָט זי אַ פּליעשק געטאָן מיט די הענט — ער האָט דאָך אַפֿילו קײן נאָמען ניט!

— זע, ס׳איז דאָך אמת! — איז אַקסיניע אומרואיק געװאָרן — טאַראַס, הא, טאַראַס!—האָט זי אַ רוף געטאָן דעם מאַן, װעלכער האָט זיך שױן דערװײַל װײַטער גענומען צו זײַן אַרבעט.

— װאָס איז דאָרטן װײַטער? — האָט זיך פֿון װאַרשטאַט דערטראָגן טאַראַסעס קול.

— קום אַהער. אַ װיכטיקע זאַך...

— ע, אַ רוח...—האָט טאַראַס אַ בורטשע געטאָן און איז אַרײַן אין דער העלפֿט שטיבל, װוּ די װײַבער זײַנען געשטאַנען.

— דער עופֿהלע האָט דאָך ניט קײן נאָמען...

— ניט, איז ניט! װאָס זאָל איך טאָן?

טאַראַסעס גלײַכגילט האָט אַרױסגעבראַכט אַקסיניען פֿון די כּלים.

— דו ביסט אַראָפּ פֿון זינען, טאַראַס... װי איז דאָס אַ קינד אָן אַ נאָמען? ס׳איז דאָך ניט קײן װיץ — האָסט גענומען אַ קינד אױף האָדעװאַניע, און װײסט אַפֿילו ניט, װי ער הײסט.

— איך האָב אים ניט גענומען — דער פּריסטאַװ האָט אים מיר אַרײַנגערוקט — האָט טאַראַס איבערגעשלאָגן — און אַ נאָמען געבן װעלן מיר אים שפּעטער, נאָכן יריד, דערװײַל איז קײן געלט ניטאָ פֿאַרן גלח.

— און װי זאָלן מיר אים דערװײַל רופֿן?!

— רופֿ אים דערװײַל רױטקעפּל...

— איר האָט געהערט אַן המצאה? — האָט אַקסיניע זיך צעשריען — רױטקעפּל זאָל מען רופֿן אַ קינד!

— גאָט איז מיט אײַך, אַזאַ נאָמען איז דאָך גאָר ניט פֿאַראַן — האָט אַרײַנע די פּלאַפּלערקע געזאָגט מיט אַ חניפֿהדיקן שמײכעלע.

זי איז שױן זינט צװײ חדשים געװען צעהאַמפּערט מיט

אַקסיניען און ניט אַריינגעשמעקט צו איר אין שטוב. היינט האָט זי אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך צוזאַמען מיט אַלעמען אויך אַריינגעשפּאַרט אַהין.

— איך ווייס ניט, אויב אַזאַ נאָמען איז דאָ, אָדער ניטאָ, איך ווייס נאָר, אַז כ׳האָב קיין צייט ניט צו פּלאַפּלען מיט אַלע ווייבער. איך בעט אייך, מיינע טייערע געסט, קומט אַריין זיך אויסשמועסן נאָכן יריד...

טאַראַס האָט זיך פאַרנויגט און איז ווייטער אוועק צו זיין אַרבעט. די שכנטעס האָבן זיך אָנגעבלאָזן אַף דער קאַפּוליער אָנצוהערעניש און גענומען איינע נאָך דער אַנדערער זיך אַרויס־שאַרן.

— פאַר זיך אַליין איז ניטאָ צו פרעסן, און בעלי־רחמים וויל מען זיין: ס׳האָדעוועט פרעמדע יתומים! — האָט אַ רינגע מיט בעם געוואָרטשעט, אַרויסגייענדיק אין גאַס.

די זאַזוליעס זיינען טאַקע געווען גרויסע קבצנים. גאָר אָפט האָט געטראָפן, אַז אין שטוב איז ניט געווען קיין שטיקל ברויט. אין אַזעלכע טעג פלעגט טאַראַס אויסמאַרקירן, וואָס ווי־ניקער צו זיין אינדערהיים און ער פלעגט פאַרטרינקען אין שיינקל זיינע צרות, אַקסיניע איז געווען אויסער זיך און צווישן מאַן און ווייב זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען זייער שטורעמדיקע סצענעס. אָבער ניט שטענדיק האָבן זיך די זאַזוליעס געשטריטן. ס׳זיינען געווען טעג, ווען זיי האָבן געלעבט, ווי אַ פּאָר טייבעלעך. דאָס האָט פּאַסירט דעמאָלט, ווען טאַראַס האָט פאַרדינט און געבראַכט די גאַנצע מאַטניאַ אַהיים, צו דער ווייב. דעמאָלט האָט מען אַקסיניען בשום אופן ניט געקאָנט דערקענען: פון אַ אישה אַ מרשעת איז זי געוואָרן אַ מילדע, פאַרליבטע ווייבל. דעם מאַן האָט זי אָנגערופן מיט די צערטלעכסטע נעמען און איז אפילו אַליין געלאָפן באַקומען פאַר אים משקה.

אָבער איצט זיינען שוין צווישן דער פּאָרל לאַנג ניט פאָר־געקומען קיין צערטלעכע סצענעס, וויל טאַראַסעס געשעפטן זיי־נען געגאַנגען זייער פּאַסקודנע. די לעצטע צייט האָט די משפחהלע בכלל געלעבט נאָר אַף באָרג. פאַר די האַלץ, וואָס

טאראס האט גוטיק געהאט צו זיין ארבעט, איז ער שוין אויך שולדיק געווען ארום צען רובל. אין האלאדאיעווקע האט דאס געהייסן „זיין אפגעטונקט אין חובות". די איינציקע האפענונג זייערע איז געווען אפן יריד, און די האפענונג האט זיי טאקע נים געמאכט צום נארן: אין א חודש ארום נאך דער געשעע־ניש, וואס איז באשריבן געווען אין ערשטן קאפיטל, האט טא־ראס מיט ריווח פארקויפט זיין סחורה, האט זיך אויסגעצאלט מיט די חובות, און איז געקומען אהיים ניכטער און מיט געלט אין קעשענע.

— נו, מיין ווייב — האט ער שטארק אופגעליינט גע־זאגט — איך האב פארקויפט אלץ און געבראכט א פולע קע־שענע מיט געלט. איצט קאן מען דעם רויטקעפיקן יונגאטש געבן א נאמען.

אקסיניע האט פון גרויס שמחה בכלל נים געוואוסט וואס צו זאגן. ענדלעך איז איר חלום פארווירקלעכט, און דאס קינד בלייבט טאקע בא איר.

— איכ'ל רופן עטלעכע שכנים — האט טאראס ווייטער גערעדט — מיר'ן נעמען א קאפעלע משקה, וועלן זינגען עפעס פריילעכס, און דעם רויטקעפל וועלן מיר א נאמען געבן קאליע...

— פארוואס קאליע?

— נו, אדרבה, ווי דען?

— אלעקסאנדער איז בעסער...

— מיינעטוועגן, זאל זיין אלעקסאנדער — האט טאראס מסכים געווען, און צום ערשטן מאל פאר דער גאנצער צייט האט ער א גלעט געטאן זיין האדעוואניק איבערן קעפל. אק־סיניע האט דאנקבאר ארופגעקוקט אפן מאן.

— אונזער אינגעלע! — האט טאראס מיט א שטילן קול געפרעגט און א שמייכל געטאן.

— אונזערער! — האט אקסיניע מיט פרייד נעענט־פערט, און האט צוגעגעבן: — ער איז אונזערער אף שטענדיק, און מיר וועלן אים האלטן, ווי אן אייגענעם...

זי האָט זיך אַריבערגעפּויגן איבער דער קאָריטע, וואָס דאָס קינד איז געלעגן, און האָט אים אַ הייסן קוש געטאָן.

אין זעקס יאָר אַרום.

זעקס יאָר זיינען פאַרביי. פאַר דער צייט זיינען אין האָלאַדאַיעווקע פאָרגעקומען אַ סך שינוים. פראָכאר שוועמל איז אָפּגעשטאָרבן, אָרינע די פלאָפּלערקע איז געוואָרן אַן אַלמנה, דער קרעמער סערגיענקאָ האָט אופגעשטעלט דעם ערשטן צווייגאָרנדיקן מייערל, אַקסיניע האָט געבאָרן און אופגעהאָדעוועט צוויי מיידלעך, קאַטיע און ווערא, און דער האָדעוואַניק פון די זאַזוליעס איז שוין אויסגעוואַקסן אַ געזונטער, אַ יאָדערדיקער חברה־מאַן, און ער האָט שוין געהאַט אַ שם איבער גאַנץ שטאָט, אָנגעהויבן מיטן נגיד סערגיענקאָ, בא וועמען ער האָט אָנוסטן מיט אַ שטיין אויסגעהאַקט אַ שויב, און געענדיקט מיט די הינט, וואָס טרייבן זיך אַרום איבער די גאַסן.

סאַשקע רויטקאָפּ, ווי מען רופט אים איצט, לויפט אַרום באָרוועס איבערן שטאָט. אָנגעטאָן איז ער אין אַ גראָער העמדל, אין אַ פּאָר ברייטע פּומפּהויזן. אַ הוטל טראָגט ער קיינמאָל ניט, און בעת ער שפּרייזט אַרום איבערן גאַס, פליען פריי אַרום אין ווינט זיינע רויטלעכע, גינגאָלדענע קרויזן. חברים הוט סאַשקע אָן אַ צאָל. אַלע יונגאַטשעס האָבן אים שטאַרק לאָב, און ער איז זייער פּירער. די גרויסע אָבער האָבן אים פיינט און פאַר זיי איז ער אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען. כאָטש ער איז מער ניט, ווי זעקס יאָר אַלט, האָט דער רויטקאָפּ שוין באַוויזן אַלעמען זיך איינצועסן אין די ביינער. אַ קליינינקער, אַ פלינקער, פינקט ווי אַ מאַלפּע, פאַלט ער כּסדר אָן צוז מען מיט זיין באַנדע אַף די גאָרטנס, און מאַכט דאָרטן אָן אַ חורבן. אָנכאַפּן סאַשקען איז ניט פון די לייכטע זאַכן: ער לויפט געשווינד, פונקט ווי אַ הירש, און איז שאַלקהאַפטיק, ווי אַ פוקס. און אויב אַ נערטנירער גיט זיך ווען ניט ווען איין אים צו כאַפּן און אָפּשמייסן מיט קראָפּעווע, פאַרזאָגט ער שוין אַ צענטן,

ווייל דער יונגאַטש רעכנט זיך שוין אָפּ מיט אים, ווי געהעריק און מאַכט אַ תל פון זיין גאָרטן.

וואָס ס'זאָל אין שטאָט ניט פּאַסירן, איז סאַשקע שטענדיק דערבײַ. ער קומט דער ערשטער אָף אַלע שריפות, אָף אַלע חתונות און לוויות... קיין געשלעג פאַרלויפט זיך ניט אָן אים.

ווינטער באַווייזט זיך סאַשקע זעלטן אינדרויסן, ווייל ער האָט ניט קיין שיך. דערפאַר אָבער באַווייזט ער שוין זומער אָפּ־צוטאָן צרות פאַרן גאַנצן יאָר. אַלע האָבן אָף קיין איין רגע ניט געטאָרט פאַרגעסן, אַז דער סטאָליער טאַראַס האָט אַ האָדעוואַ־ניק. ווען אין גאַס האָט זיך באַוויזן אַ וויינענדיק קינד מיט אַ צע־קלאַפּטער נאָז, האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס איז דעם רויטקאָפּס אַרבעט. די ציגײַנערס, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען האָלאָדאַיעווקע און געפירט דרעסירטע מאַלפּעלעך, האָבן דעם קונדס געקענט ניט ווייניקער פון זייערע מאַלפּעס: ער האָט זיי פאַרמאַטערט מיט זײַנע שפּיצלעך.

מיט איין וואָרט: אַפן זיבעטן יאָר פון זיין לעבן איז שוין סאַשקע רויטקאָפּ געווען דער פּאָפּולערסטער פּאַרשוין אין האָלאָ־דאַיעווקע. די באַרימטקייט זײַנע איז אים אַפילו אָנגעקומען ניט לייכט. ניט ווייניק קלעפּ האָט ער אַרײַנגעכאַפּט פון זיין האָדע־ווער, געווג מאָל האָט ער זיך אַראָפּגעקייקלט פון באַרגרים אין טייך אַראָפּ, ניט נאָר איינמאָל האָט ער אײַנגעשטעלט זיין לעבן, שפּרינגענדיק איבער די דעכער אין געיעג נאָך פויגעלעך.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז טאַראַס זאָל האָבן געהאַט גרויס נחת פון סאַשקעס העלדישקייטן. כמעט יעדן טאָג איז אים אויס־געקומען זיך אָנצוהערן טענות פון די געליטענע, און — וואָס אמת איז אמת — ער האָט ניט געזשאַלעוועט זײַנע פויסטן און ניט זיין שטאַנגמאָס, אָבער אופגעטאָן האָט ער דערמיט ניט קיין סך. רויטקאָפּ האָט ניט אופגעהערט צו גנבען און גזלען אין די גאָרטנס און צו צעקלאַפּן בײַ זײַנע חברים די נעז.

— דו וועסט שוין פאַרענדיקן דײַנע יאָרן אָף דער תליה!
— האָט טאַראַס אָפטמאָל נביאות געזאָגט, ברעכנדיק די בײַנער

זיין אופצילינג — וואָס האָסט זיך אָנגעזעצט אױף מיר, כּל־בּוניק אײנער!

אָבער אַקסיניע האָט זיך שטענדיק אַרײַנגעמישט און האָט ניט דערלאָזן צו הארב שטראָפן דעם אינגל.

אַקסיניע האָט געהאַט װעגן אים גאָר אַן אַנדער מײנונג, איידער דער מאַן. אין איר עם־הארצישקײט און אײביקער דער־שלאָגנקײט האָט די פרוי געליגט גרויסע האָפענונגען אױף דעם אינגל און זי האָט אים ניט אױפגעהערט שטאַרק האַלט צו האָבן, כאָטש זי האָט שוין געהאַט אײגענע קינדער.

בעת טאַראַס האָט מיט כּעס געשריען, אַז זײן האָדעװאַניק װעט נאָך אַמאָל פאַרזוכן דעם טעם פון סיביר, האָט אַקסיניע זיך אָנגענומען זײן קריװדע און געטענהט:

— ניט אמת, מײן סאַשינקע װעט זײן ניט אַנדערש, װי אַ גענעראַל.

— סײדן ער װעט זיך גוט אױסצײכענען אױף קאַטאָרגע — האָט טאַראַס געענטפערט מיט חוזק.

— ס'אַ ליגן, ער װעט זײן אַ בעסערער פון דיר...

— מילא! — האָט טאַראַס מיט בּיטול אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט, און זײן װײַב איז פון דער תּנועה גאָר אַרױס פון די כּלים.

אײנמאָל — דאָס איז געװען פרילינג — איז רױטקאָפּ עפּעס גאָר אַ שטילינקער געװאָרן. דעמאָלט איז ער אַלט געװען זעקס יאָר. אין גאַס האָט ער אָנגעהױבן גײן זעלטן, אין שטוב איז ער אױך געװען ניט אָפט, און גאַנצע טעג איז ער אָפּגעזעסן אין דעם אַלטן, האַלב־חרובן שטאַל, הינטער װעלכן ס'איז מיט זעקס יאָר צוריק געשטאָרבן זײן מאַמע. װאָס ער האָט דאָרטן געטאָן, האָט מען ניט געװאוסט. קײנעם האָט דאָס אױך ניט געאַרט. אַפילו זײנע חברים האָבן שױן אױך אין עטלעכע טעג אַרום גע־נומען פאַרגעסן אָן אים.

— דו האָסט שטענדיק געפײניקט סאַשינקען —האָט אײנ־מאָל אַקסיניע געזאָגט צום מאַן — אָבער טו נאָר אַ קוק, װאָס

פּאַראַ שטילינקער ער איז געוואָרן. אַ גאַנצן טאָג שפּילט ער זיך, דער יתומל, איינינקער אַליין אין שטאַל.

— וואָרט־וואָרט — האָט טאַראַסן עפּעס זיך ניט געגלויבט

— מ'דאַרף אָקאָרשט אַ קוק טאָן, וואָס טוט ער דאָרטן.

אין דעמזעלביקן טאָג האָט טאַראַס עפּעס נויטיק געהאַט אין שטאַל, און ווען ער האָט געשטעלט דעם רשטן טריט אי־נעוויניק, האָט פון אַ ווייטן פינסטערן ווינקל עמיץ אַ בייזן ברום געטאָן אַף אים. דאָס איז געווען אַ הונט, און ווערליק דער ברום, האָט טאַראַס פאַרשטאַנען, אַז ניט קיין קליינער. ער האָט זיך גע־נומען צוקוקן צום ווינקל, און ער האָט דאָרטן דערזען אַ מוראַ־דיק־גרויסן, שוואַרצן קודלאַטן כלב מיט אַ גראָבן געדיכטהאָ־ריקן ווידל. געלעגן איז דער הונט אַף הובלשפּענער.. דער גרוי־סער שוואַרצער קאָפּ מיט די קײלעכדיקע, ברוינע אויגן איז גע־לעגן אַף די גראָבע פאָדערשטע לאַפּעס. די הינטערשטע לאַפּעס זיינען אַרומגעוויקלט געווען מיט נאַסע, ברודיקע שמאַטעס. פון הינטערן הונט האָט זיך אַרויסגעהויבן סאַשקעס רויטער קאָפּ. דער־זעענדיק טאַראַסן, האָט רויטקאָפּ אַרומגעכאַפּט דעם הונט, זיך פעסט צוגעטוליעט צו אים, און ניט אַראָפּנעמענדיק פון טאַטן זיינע גרויסע, דערשראָקענע אויגן, האָט ער געזאָגט מיט טרערן אין קול:

— דאָס איז מיין הונט... איכ'ל אים ניט אָפּגעבן... ס'אי מיינער...

— איכ'ל דיר ווייזן „מיין הונט", דו גאָרנישט איינער — האָט טאַראַס געזאָגט האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, און געשטעלט אַ פאָר טריט פאָרויס.

אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן צוצוגיין צום אינגל, האָט דער הונט אַ הייב געטאָן זיין שנוק, פאַרשטירעט די ציין און אַזאַ ברום געטאָן, אַז זאַוליע האָט ניט־וועלנדיק געמוזט אָפּטרעטן.

— דו ווילינג איינער! — האָט טאַראַס זיך פאַנאַנדער־געשריען, שוין איצט ניט אַף אַ געלעכטער — וואָרט־זשע! אָט וועל איך דיר באַווייזן, ווי צו ברומען! און דו — האָט ער באַ־פוילן דעם אינגל — זאָלסט זיך שוין אָפּטראָגן פונדאַנען!

— איכ'ל ניט גיין — האָט דער אינגל זיך פֿאַנאַנדער־געוויינט — דאָס איז מיין הונט... מ'טאָר אים ניט טשעפּן... ער איז אַ קראַנקער...

טאַראַס האָט געוואָרפן בליקן פון זיין האָדעוואַניק אַף דעם הונט, וואָס האָט נאָך אַלץ געשטשירעט זיינע קרעפּטיקע ציין און גזלניש געברומט, און האָט באַשלאָסן זיי דערווייל לאָזן צורו. געכער פון אַלץ האָט דער סטאָליער אַליין זיך איבערגעשראָקן.

— איך האָב געזאָגט! — איז זאַווליע אַריין אין שטוב מיט אַ געשריי.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט אַקסיניע זיך אָפּ־גערופן.

— אַז דיין זינדל וועט נאָך זיין אַף קאַטאָרגע. קיין גוטס וועט שוין פון אים ניט אַרויסקומען.

— רייד שוין, וואָס איז דאָרטן געווען?

— גיי אַריין אין שטאַל, וועסט אַליין זען, מיט וועמען ער חברט זיך...

אַקסיניע איז אַרויס.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריק אַריין מיט אַ שמייכל אַפן פנים. וויזט זיך אַרויס, אַז רויטקאָפּ האָט געפונען דעם הונט אַפן „שוואַרצן באַלקן". דער הונט איז דאָרטן געלעגן אין מיסט, האָט געלעקט זיינע הינטערשטע לאַפּעס און געסקאַוואָטשעט, ווי בעטנדיק הילף. דער אינגל איז צו צום קראַנקן הונט און דערזען בלוט אַף זיינע לאַפּעס. ער האָט רחמנות געהאַט אַף אים און אים גענומען גלעטן און ווען ער איז אַוועק, האָט זיך דער הונט נאָכגעשלעפּט נאָך אים. דעמאָלט איז דעם אינגל איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף אים אויסהיילן און צונעמען צו זיך.

— נו, געזען? — האָט טאַראַס געפרעגט אַקסיניען, ווען זי איז אַריין אין שטוב.

— געזען. איז וואָס?

— און ווי האָט דיך דער הונט באַגעגנט?

— סאַשינקע האָט נאָר געשריען „ס'איז מיין הונט". ער

האָט געמיינט, דער נאַרעלע, אַז איך בין געקומען אים אָפּנעמען בײַ אים.

— הייסט עס, דו ביסט צופרידן מיט בײַדן? — האָט טאַראַס שטרײַנג געפרעגט.

— צופרידן, וואָס איז דען?

— גאָרנישט... אָבער פּרעסן געבן דעם הונט פּאַר מײַן געלט וועל איך ניט. שוין גענוג מײַלער פּאַראַן בײַ אונז, אחוץ אים, און אַ שלונד האָט דער כּלב, פּונקט ווי אַ ברונים...

— גוט, גוט... דער הונט איז קראַנק, און דער אינגל האָט ניט קיין שפּילצײַג. מילא, זאָל ער זיך שפּילן, בעסער ווי אַרומלויפן איבער די גאַסן.

הערמיט האָט זיך דער שמועס פאַרענדיקט. טאַראַס איז וויטער אַוועק צו זײַן אַרבעט און מער ניט געטראַכט ניט וועגן דעם האָדעוואַניק און ניט וועגן זײַן הונט.

ס'איז פאַרבײַ אַ חודש. אין אַ שיינעם פרילינגדיקן טאָג האָט זיך אין גאַס מיטאַמאָל באַוויזן דער רויטקאָפּ. מען האָט אים אַ צײַט ניט געזען, און זײַנע חברים האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים. ער איז דורכגעפלויגן די גאַנצע טײַכגעסל, רײַטנדיק אויף אַ מאַוימדיק־גרויסן הונט, און פאַר אַלעמען, הן פאַר גרויסע, הן פאַר קליינע, איז דאָס געווען אַ מאָדנער חידוש.

— סאַשקע רויטקאָפּ פאַרט! סאַשקע פאַרט! — האָט חברה מיט גרויס שמחה באַגעגנט דעם קאָמאַנדיר.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט שוין קלײנוואַרג הענדום־פענדום זיך געיאָגט נאָכן רויטקאָפּ, אויפהייבנדיק זײַ'ן שטויב. און באַלד איז סאַשקע געשטאַנען צווישן אַ געדיכטער מחנה, געשטאַנען שטאָלץ און צופרידן מיט זיך, און בײַ זײַן זײַט האָט מען געזען אַ הונט מיט אַ גראָבן שנוק, וועלכער האָט זיך באַלעקט און גוטמוטיק באַקוקט די גאַנצע חברה.

— דאָס איז דײַן הונט?

— וואו האָסט אים גענומען?

— ווי רופט מען אים?

פון אַלע זײַטן האָבן זיך געשאָטן פראַגעס אָן אַ צאָל.

— איך האָב אים געפונען; ער איז געווען חוליהדיק, און איך האָב אים אויסקורירט — האָט סאשקע דערציילט די חברים.

— וואָס פאַרא קריינק האָט ער געהאַט? — האָט חברה געוואָלט וויסן.

— די לאַפּעס האָבן אים וויגעטאָן... ער איז אָפּגעלאָפן מיט בלוט...

— און ווי אַזוי האָסט אים אויסגעהיילט?

— מיט ברויט און מיט שמאַטקעס. מיט ברויט האָב איך אים געשפּייזט, און מיט שמאַטקעס האָב איך אים פאַרבונדן די לאַפּעס... איצט איז ער געזונט און פריש.

— ביסט אַ כוואַט, סאשקע! — זיינען די חברים נתפּעל געוואָרן — און ווי רופט מען אים?

— „מיינהונט" האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן.

— שוין איינמאָל אַ נאָמען! נו, מיינהונט, נאַ! מיינהונט, אהערקום! — האָט מען גענומען רופן פון אַלע זייטן.

אָבער „מיינהונט" האָט גאָרניט געטראַכט זיך צו רירן פון אָרט. ער האָט נאָר גוטמוטיק געקוקט אויף די יונגאַטשעס און שטיל געפאָכעט מיטן באַיאַקסענעם וויידל.

— און קאָן ער עפּעס באַווייזן אויך? — איז חברה ווייטער צוגעשטאַנען צום רויטקאָפּ.

— באַווייזן? — האָט דער באַלעבאָס פון הונט איבער־געפרעגט און זיך פאַרטראַכט, ווייל ער האָט אַליין אייגנטלעך ניט געוואוסט, וואָס זיין הונט פאַרשטייט. און מיטאַמאָל האָט ער אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און געזאָגט מיט גאווה:

— מיינהונט פאַרשטייט זיך צו יאָגן נאָך הינער!

— נו, באַווייז!

— אָט שוין.

אין אַ רגע אַרום האָט זיך שוין אויף האָלאָדאַיעווקע אָפּגע־טאָן חושך. אַ גרויסער כּלבֿ האָט מיט אַ ווילדער בילערײַ זיך געיאָגט נאָך הינער, וואָס האָבן זיך ביז איצט רואיק געפּאַרעט אין מיסט. ס'איז געווען אַ ביטערער עלנט צווישן, ווי די אויף

טויט צעשראָקענע עופות האָבן זיך געטראָגן מיט אַ קוואָקטשעריי, געיאָגט אָן רחמנות פֿון דעם שוואַרצן גזלן. אין דער לופֿטן זײַנען שוין געפֿלויגן פֿעדערן. די הינער האָבן זיך געראַטעוועט אַף די פּלויטן און אַף די דעכער. דער רויטקאָפּ מיט אַ גאַנ־צער באַנדע יונגאַטשעס נאָך אים, האָבן זיך געטראָגן נאָכן הונט און האָבן פֿאַרהילכט די גאַס מיט ווילדע קולות.

— פּוץ־פּוץ־פּוץ! — האָט רויטקאָפּ געשריען און אַלץ מער אופֿגערייצט דעם הונט אַף די הינער.

— פּוץ־פּוץ־פּוץ! — האָבן די אינגלעך געליאַרעמט און געפֿילדערט.

צום סוף האָט סאַשקע זיך אינגאַנצן פֿאַרגעסן, איז אַרײַנ־געלאָפֿן אין הויף צו אַרינע דער פּלאַפּלעריקע און האָט דאָרטן גענומען אָנרייצן דעם כּלב אַף אַרינעס הינער. די הינער האָבן גע־נומען קוואָקטשען, האָבן זיך געוואָרפֿן, ווער אַהער, ווער אַהין, אָנגעהויבן שווערפּעליק פֿליען. אַ גרויסער האָן מיט אַ פּיל־פֿעדערדיקן, פּרעכטיקן עק איז אַרופֿגעפֿלויגן אַפֿן פּאַרקאַן און האָט זיך אַזוי שטאַרק פֿאַנאַנדערגעקרייט, אַז „מײַנהונט‟ האָט זיך אויך אָפּגע־שטעלט אין מיט חידוש אַ הייבגעטאָן אַף אים דעם שנוק.

— מײַנהונט, בײַס אים! — האָבן די קונדסים בּסדר גערייצט דעם הונט.

און ערשט ווען פֿון שטיבל איז אַרויסגעלאָפֿן אַרינע מיט אַ פֿאָמעלע אין האַנט, איז סאַשקעס אַרמיי אָפּגעטראָטן.

איצט איז שוין סאַשקע יעטווידן טאָג אַרומגעריטן אַף זײַן הונט. חבֿרה האָט אים באַגלייט. די גרויסע, וואָס האָבן געזען דעם אויסוואָרף, באַזונדערש אָבער די ווייבער, האָבן אַלע נבֿיאות געזאָגט, אַז ער וועט פֿאַרענדיקן אַף קאַטאָרגע. בּכלל האָבן די אײַנוואוינער פֿון האָלאָדאַיעווקע ניט געהאַט קיין געהויבענע מיי־נונג וועגן רויטקאָפּ. אַסך מאַמעס האָבן מיטן האַרבן וואָרט אָנגעזאָגט זייערע קינדער, זיי זאָלן זיך ניט שפּילן מיטן רויטן טייוול און זאָלן מיט אים קיין געשעפֿטן ניט האָבן.

— ער איז אַ שלעכטער יונג, אַ פֿאַרדאָרבענער — האָבן

די מאַמעס אָנגעזאָגט זייערע קינדער — איר זאָלט מיט אים זיך ניט אַרומדרייען.

די יתומה דוניע.

אין צוויי יאָר אַרום, אין אַ רעגנדיקער האַרבסטיקער נאַכט, בעת די משפחה זאַוּליע איז שוין געלעגן אין טיפן שלאָף, האָט עמיץ אָנגעקלאַפּט עטלעכע מאָל צו זיי אין לאָדן. דער ערשטער האָט דאָס קלאַפּן דערהערט טאַראַס אַליין, און ווען מען האָט נאָך עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט, האָט זיך אַקסיניע אויך אויפגעכאַפּט.

— הערסט, טאַראַס! — האָט זי שטיל געפרעגט.

— איך הער — האָט ער געענטפערט און גענומען ניט ווילנדיק אַראָפּקריכן פון פריפעטשיק.

— ווער איז דאָרטן? — האָט ער געפרעגט, צוגייענדיק צום פענסטער.

— דאָס בין איך... דוניע... — האָט זיך פון גאַס דערטראָגן אַ קינדישע שטים.

טאַראַס האָט געעפנט די טיר, און אין שטוב איז אַריין אַ קליינע מיידעלע פון אַ יאָר פינף, פאַרוויקלט אין אַ לעבערדיקער גרויסער פאַטשיילע, פון וועלכער ס׳האָבן אַראָפּגעטריפט גרויסע טראָפּנס רעגן. די מיידל האָט געשטעלט אַ פּאָר טריט, איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, פאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענטלעך און זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט.

איצט האָט זיך סאַשקע אויך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן פון אויווין און האָט מיט ברייטאויפגעריסענע אויגן נייגעריק באַקוקט אַלץ, וואָס ס׳געשעט אונטן. דוניען האָט ער תיכף דערקענט, ווען ער האָט דערקענט, וועדליק איר שטים און וועדליק איר קליינינקער פיגורל. געוויינג מאָל איז ער מיט איר צוזאַמען געלאָפן איבער די גאַסן, זיי האָבן צוזאַמען אויפגעקליבן פאַרביקע שערבלעך פון צעבראָכענע טאַסן און טעלערן, און אָפט האָט ער איר געשראָקן מיט פרעש און איר געמאַכט וויינען.

„וואָס איז זי געקומען אהער אזוי שפּעט בּאַנאַכט, און ווי אזוי האָט זי דאָס ניט געהאַט קיין פּחד אַליין צו גיין?" — האָט רוטקאָפּ זיך געטראַכט, און ניט קאָנענדיק זיך כאַפּן, וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער נאָך נייגעריקער זיך גענומען צוהערן צו אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר.

דוניע האָט אַלץ ניט אויפגעהערט וויינען. אַקסיניע און טאַראַס זיינען געשטאַנען בּאַ איר זייט און מיט צער געקוקט אָף דעם שפּעטן גאַסט.

— נו, גענוג וויינען, גענוג שוין... — האָט אַקסיניע גע־זאָגט צו דער מיידל — דערציייל בּעסער, וואָס ס'איז בּאַ אייך געשען?

זי האָט אַרומגענומען דער מיידעלע און האָט איר עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן איבּערן קעפּל. דוניע האָט זיך אַבּיסל איינ־געשטילט.

— דער פעטער האָט געזאָגט... — זי האָט זיך געמאַ־טערט, אַרויסריידנדיק יעדן וואָרט —מאַכן אַן ארון... מיין מאַמע איז געשטאָרבּן.

— געשטאָרבּן?! — האָבּן בּיידע אין איין קול אויסגע־שריען.

דוניע האָט זיך ווייטער פאַנאַנדערגעוויינט. דאָסמאָל האָט איר קיינער ניט געפּרובּט טרייסטן.

„זי איז דאָך איצט אַן אומגליקלעכע יתומה, זי מוז זיך דאָך אויסוויינען", — האָט אַקסיניע אַ טראַכט געטאָן, און זי האָט גע־פרעגט דעם מאַן:

— וואָס פאַר אַן ארון וועסט מאַכן?

— אַ בּרעטערנעם.

— בּרעטער האָסטו?

— איך האָבּ, אָבּער זיי זיינען צוגעגרייט פאַר אַן אַנדער שטיקל אַרבּעט. נו, מילא!.. — האָט טאַראַס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אויסגעקראַצט די פּאָטילניצע.

די זאַוזוליעס האָבּן גוט געקענט די משפּחה פון דער פאַר־יתומטער מיידעלע. זיי האָבּן געקענט איר פאַרשטאָרבּענער מאַמען,

וואָס איז די לעצטע צייט כסדר געווען קראַנק, זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז דער יתומהס פעטער, דער ברודער פון דער פאַרשטאָרבענער, אַנדריי דער זעלנער, וועט אַפילו אַ פּרוטה ניט באַצאָלן פאַרן ארון. דער אַלטער האָט שטענדיק פאַרשיכורט זיינע דריי רובל פענסיע ביזן לעצטן גראָשן. זאַוויליע האָט דאָס אַלץ גוט געוואוסט, פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן דעם ארון צו מאַכן, ווייל ער איז געווען אַ וואוילער מענטש און איז גרייט געווען צו העלפן יעדן איינעם. אַקסיניע איז אויך אַזוי געווען. זי האָט געוואוסט, אַז די מיידעלע איז איצט, נאָכן טויט פון איר מאַמען, אַן אומגליקלעך באַשעפעניש. וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, האָט זי שוין געקאָנט האָבן פון איר פעטער, דעם אָנהענטיקן קאַליקע?

„אָרימע עופהלע, וואָס וועט זיין מיט דיר?" — האָט זיך אַקסיניע געטראַכט, קוקנדיק אַף דער קלאָגעדיקער מיידעלע.

טאַראַס האָט דערווייל זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַפן בוידים האָט ער געהאַט ליגן עטלעכע ברעטער, וואָס זיינען צוגעגרייט געווען צו מאַכן פענסטערראַמען. אים איז אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט זיי, אָבער ס'איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג, און ער איז אַוועק אַפן בוידים. פאַר דער צייט האָט אַקסיניע איינגעשטילט דוניען און איר געלייגט שלאָפן.

באַלד איז אין שטיבל פון די זאַזוליעס וויטער שטילגעוואָרן: נאָר איין טאַראַס האָט מיט זיין אַרבעט געשטערט די רו.

רויטקאָפּ איז ניט געשלאָפן. אין קאָפּ האָבן זיך אים געדרייט בלערליי געדאַנקען. דוניע איז געלעגן צוזאַמענגעדרייט באַ זיין זייט אַפן ברייטן אויוון.

— אָרימע דוניאַשע! — האָט סאַשקע געמורמלט — איצט איז זי אַ יתומה, זי האָט ניט קיין מאַמען... מיין טאַטע וועט מאַכן אַ ארון, מ'וועט אַהין אַריינלייגן דוניעס מאַמען, פאַרקלאַפּן דעם דעקל, איר איינגראָבן אין דער ערד... בררר...

דער אינגל האָט אַ ציטער געטאָן: אַן אימה האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— דוניע, הערסט, דוניע! — האָט ער געשעפּטשעט צו דער מיידעלע.

זי האָט זיך אופגעכאַפּט און ברייט אופגעריסן די אויגן.

— דו וועסט בּלייבּן בּאַ אונז?

— ניין...

— און וואו וועסטו זיין?

— אין שטוב, מיט מיין פעטער...

— אָן דער מאַמען?

— זי וועט קומען צו מיר און מיר בּריינגען מתּנות.

— ווי אַזוי וועט זי קומען?.. — האָט רויטקאָפּ זיך אָנגעכאַפּט, און ס'איז אים אַזש קאַלט געוואָרן פון שרעק — דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז זי איז געשטאָרבּן...

— געשטאָרבּן — האָט די מיידל צוגעגעבּן, אַ געניץ טוענדיק.

— מוזטע גייען דען אויך אַרום?

— זי גייען. אַזוי האָט מיר דער פעטער געזאָגט.

— און דו וועסט זיך ניט שרעקן?

זי האָט אים אָפּדעם ניט געענטפערט.

— דו וועסט זיך ניט שרעקן? — האָט ער נאָכאַמאָל איבּערגעפרעגט, אָבּער ער האָט ווייטער קיין ענטפער ניט בּאַקומען: די מיידעלע איז איינגעשלאָפן.

דעם אינגל איז שטאַרק אומהדיק געוואָרן צומוט. ער האָט באַשיימפערלעך געזען די געשטאַלט פון דוניעס מאַמען, ווי זי קומט פון יענער וועלט מיט מתּנות צו איר מאָכטערל.

ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבּן גראָען דער פרימאָרגן, איז שוין סאַשקע געווען אַף די פיס. אין אַ ווינקל פון וואַרשטאַט איז געשטאַנען אַ פאַרטיקער, ניט-געפאַרבּטער אָרון. אין שטיבּל האָט געטראָגן אַ ריח פון סמאָלע. אַז ס'איז ליכטיק געוואָרן, איז אַריינגעקומען אַנדריי דער זעלנער.

— דוניע איז בּאַ אונז! — איז רויטקאָפּ מיט פרייד געלאָפן אַנטקעגן דעם קאַליקע.

— איך וויס, איך וויס... איך ווינטש דיין טאַטן און

מאַמען געזונטע און לאַנגע יאָרן — האָט אַנדריי געזאָגט און מיט זיין איינציקער האַנט זיך אַ ווייש געטאָן איבער די פאַרטרערטע אויגן.

דער אַלטער זעלנער האָט זייער נעבעכדיק אויסגעזען אין זיין אַלטן, אָפּגעטראָגענעם מיליטערישן מאַנטל מיט אַ פּוסטן אַרבל, און אין זיינע לעכערדיקע שטיוול אויף די באָרוועסע פיס. אַנדריי דער זעלנער איז שטענדיק געווען שיכּורלעך, לוסטיק און צופרידן מיט זיין גורל, אָבער היינט איז ער געווען דער אמתער דערשלאָגענער, וויסטער קאַליקע. דער רויטקאָפּ האָט גאָרניט דערקענט דעם אַלטן פעטער, וועלכער האָט שטענדיק פריילעך געמאַכט די יונגאַטשעס מיט זיינע וויצלעך. די לאַנג-ניט-געגאָלטע גאָמבע, דאָס קליינינקע צעקנייטשטע פּנימל און די רונדע אויגן מיט די רויטע, געריצטע ווייעס האָבן עדות געזאָגט, אַז דער אַלטער האָט איבערגעלעבט אַ גרויסן קלאַפּ.

אַקסיניע האָט גענומען אויספרעגן באַם אַלטן וועגן דער פאַרשטאָרבענער און וועגן אירע לעצטע מינוטן.

אַנדריי האָט איר מיט אַ פאַרוויינטן קול געענטפערט.

— איצט, אַלטער, מוזט אויפהערן שיכּורן... אויף דער שוועסטער האָסט ניט געהאַט קיין רחמנות, שאַנעווע כאָטש דער יתומה... — האָט אַקסיניע איינגעטענהט אין אים.

— צי שוין-זשע האָב איך דער שוועסטער ניט געשאַנעוועט?... איך האָב קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז זי איז אַן אָרימע אלמנה. מיט וואָס אָבער האָב איך איר געקאָנט העלפן, אַז איך פגר אַליין פון הונגער?...

דער אַלטער זעלנער האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן, און צוזאַמען מיט טאַראַסן האָט ער אוועקגעטראָגן דעם ארון.

דעם גאַנצן פרימאָרגן איז רויטקאָפּ ניט אָפּגעטראָטן פון אַקסיניען און איז צוגעשטאַנען צו איר מיט כּלערליי קשיות:

— מאַמע, פאַרוואָס שטאַרבט מען?

— ווייל ס'קומט די צייט דערצו.

באַקומענדיק אַזאַ ענטפער, האָט זיך דער אינגל ניט באַרואיקט און ער האָט ווייטער געפרעגט:

— און פאַרוואָס באַהאַלט מען די מענטשן אין דרערד?

— אַזוי איז שוין דער דין!

— און רייכע לייט לייגט מען אויך אַריין אין דער ערד?

— פאַרן טויט, מיין קינד, זיינען אַלע גלייך,

— און אַז דער נגיד סערגיענקאָ וועט שטאַרבן, וועט מען אים אויך אַריינלייגן אין דרערד?

— יאָ, אים אויך...

— און אויב ער וועט געבן גאָר אַ סך געלט, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

— נאַרישער אינגל! פון טויט קאָן מען זיך מיט קיין געלט ניט אויסקויפן.

— צוליב וואָס־זשע ווילן מענטשן זיין רייך?

אויף דער לעצטער פראַגע האָט ער קיין ענטפער ניט באַקומען, ווייל פון הינטערן אויוון האָט זיך דערטראָגן דער געוויין פון דער קליינינקער קאַטיען, און די מאַמע איז אַוועק איר איינשטילן. רויטקאָפּ איז געבליבן צוזאַמען מיט זיינע געדאַנקען און מיט זיין שוועסטערל וועראַ, אַ דרייאַריקער, קרעפּטיקער, פּעכקער מיידעלע. וועראַ איז געזעסן אונטערן וואַרשטאַטל און געשפּילט מיט קלעצלעך, וואָס דער טאַטע האָט איר געמאַכט. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן, און מ'האָט געהערט, ווי ער פּויקט איבערן דאַך. רויטקאָפּ האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט. דער עיקר האָט ער געטראַכט וועגן דוניען, וועלכע איז איצט נאָך געשמאַק געשלאָפן אויפן אויוון.

„ווי אַזוי וועט זי איצט לעבן אָן אַ מאַמען? — האָט זיך דער אינגל געפרעגט, און זיין ווייכע האַרץ איז פאַרקוועטשט געוואָרן פון אַ טיפן רחמנות־געפיל — ווער וועט זיך אָננעמען איר קרייוודע? און מיטאַמאָל איז אים אויפגעקומען אַ געדאַנק: — אויב אַזוי, וועל איך זיך אָננעמען פאַר איר!"

און מיט דעם פעסטן באַשלוס איז ער אַרופגעקראָכן אויפן אויוון, ווייל ער האָט געוואָלט זאָגן וועגן דעם דוניען באַלד ווי זי וועט זיך אויפכאַפּן. און כדי זי זאָל זיך גיכער אויפכאַפּן, האָט ער איר גענומען ציען פאַר די פיס. דאָס האָט געהאָלפן, און די

מיידל האָט זיך אופגעכאַפּט. זי האָט מיט שרעק באַקוקט די סטעליע, די ווענט, אין דער ערשטער רגע ניט ווייסנדיק, וואו זי איז. ענדלעך איז איר בליק געפאַלן אַף סאַשקען, און זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מער ווילסט ניט שלאָפן? — האָט רויטקאָפּ איר געפרעגט, ניט ווייסנדיק, ווי אָנצוהייבן דעם שמועס.

דוניע האָט געשוויגן און נאָר געריבן מיט די פייסטעלעך די אויגן.

— הער צו, איצט וועל איך זיך אָננעמען פאַר דיר... ווילסט?...

אנשטאָט אַן ענטפער, האָט דוניע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— אָט אַזוי ביסט אַ קלוגע מיידל — האָט דער אינגל זיך דערפרייט און גענומען ריידן מיט היץ — דו דאַרפסט איצט קיין פחד ניט האָבן, דוניע, איך וועל דיך שוין ניט לאָזן קריוו-דענען. אַז די אינגלעך וועלן דיך עפּעס באַעוולען, זאָלסט גאָר גיך מיר זאָגן: איכ'ל שוין פאַרטיק ווערן מיט זיי... איכ'ל נאָר אַרופלאָזן אַף זיי מיין הונט... מיט קיין פרעש וועל איך דיך מער ניט שרעקן, און אַז דו וועסט וועלן עסן, וועל איך דיר געבן ברויט און צוקער אויך... זומער וועל איך אָנגנבען גאַנצע בערג עפּל און קאַרשן, און איכ'ל דיר אַלץ אָפּגעבן... ווילסט?

— כ'וויל — האָט די מיידל אַ מורמל געטאָן.

זי איז נאָך ניט אינגאַנצן געקומען צו זיך, און האָט נאָך ניט גוט באַגריפן, וואָס רויטקאָפּ רעדט צו איר.

— אָדער איכ'ל אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל... — האָט סאַשקע ווייטער געפלאָכטן זיינע חלומות—איכ'ל אָפּציען באַם פעטער פיאָטר די נעץ, אָנכאַפּן פיש און דיר אָפּגעבן... דו וועסט אופבראָטן די פיש און מיר וועלן זיי עסן... גוט?...

— גוט! — האָט דוניע זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט. איצט האָט זי שוין פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דאָ רעדט זיך.

רויטקאָפּ איז געווען גליקלעך. ער איז שוין געווען באַ זיך אין די אויגן אַ העלד, אַ גיבור, וואָס זיין שליחות איז גע-

ווען אָפּצוראַטעווען אַ יתומה פון אַלדאָסבײַ. אײן זאַך האָט אָבּיסל געשראָקן דעם אינגל: דער אָנקומעדיקער ווינטער. ווען ער האָט זיך דערמאָנט, ווי לאַנג דער פאַראיאָריקער ווינטער האָט זיך געצויגן, איז אים געוואָרן שטאַרק אומעטיק.

ווען דוניע איז אַוועק צו איר מאַמעס לויה, האָט רויט־קאָפּ זיך אַרופגעקליבן אָפן אויוון און געטומען חלומען וועגן פרי־לינג. לײַטזעליקע טרוימען האָבן אים פאַרטראָגן העט־ווײַט, און אָפּטמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער פרילינג איז שוין געקומען, און אַז ער איז אַרויס פון זײַן תּפֿיסה. מיט אַ פאַרטאַ־יעטער האַרץ האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם שאָרך פון די בלעטער, וואָס האָט זיך כּלומרשט דערטראָגן צו אים, צום מילדן, צערטלעכן רײַזלען פונם טײַכל און צו די קלינגעוודיקע געזאַנגען פון די פויגעלעך. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער זיצט אין אַ פרעמדן גאָרטן, אַף אַ גראָבן צווײַג פון אַן עפּל־בוים, און ער רײַסט אין הוילער שרעק די עפּל און באַהאַלט זיי הינטערן בוזים...

דאָ זײַנען דעם אינגלס חלומות איבערגעריסן געוואָרן; טאַ־ראַס איז צוריקגעקומען פון דער לויה, זײַן שטים האָט אַרויס־געבראַכט רויטקאָפּן פון זײַן פאַנטאַסטישער וועלט, און דער יונ־גער בעל־חלומות האָט זיך דערזען ליגנדיק אָפן אויוון.

— מאַמע, וויפל חדשים געוועזט דער ווינטער ? — האָט ער געפרעגט, זיך אַראָפּבויגנדיק פונם אויוון.

— אַ האַלב יאָר, מײַן קינד, אַ האַלב יאָר, אָבער וויפל חדשים — דאָס ווייס איך ניט — האָט געענטפערט אַקסיניע, וועלכע האָט זיך געעסקט מיט די קינדער.

רויטקאָפּ האָט זיך אָפּגעזיפצט און זיך פאַרטראַכט, און דער רעגן האָט געגאָסן און געגאָסן אָן אַ סוף.

אַנדריי דער זעלנער און זײַן פּלימעניצע.

נאָכן לאַנגען, קאַלטן ווינטער זײַנען סוף־כּל־סוף אָנגעקומען די וואַרימע טעג. אַלץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, און אַלץ האָט אויפגעלעבט. אונזער רויטקאָפּ איז אויך לעבעדיק געוואָרן.

ער איז אַרויסגעפלויגן פון שטוב, פונקט ווי אַ פויגל פון שטייגן און ווען ער איז אַרויס אויפן גאַס, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ, שפע ליכט, אַז ער איז פאַרבלענדט געוואָרן און געמוזט פאַרקוועטשן די אויגן.

— — אָ—האָ—האָ, ווי גוט !... — האָט ער מיט באַגייסטערונג אויסגערופן, און איז צו צום ראַנד פון באַרגרים אויפן ברעג טייך.

וואו ניט וואו זיינען נאָך געלעגן בערגלעך פאַרוועלטע שניי, און אויפן ראַנד האָבן זיך שוין געצויגן, אַזוי ווי גרינע, סאַמעטענע סטענגעס, שורות יונגע, זאַפטיקע גרעזלעך. רויטקאָפּ האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלץ איז געווען באַגאָסן מיט וואַרימער, זוניקער ליכט. פויגעלעך האָבן אויפגערעקט און היציק געצוויטשערט; די פרילינגדיקע וואַסערן זיינען געפלויגן מיט אימפּעט, האָבן גערוישט און זיך אַריבערגעגאָסן, און בלעדליי ברואימלעך האָבן געזשושעט.

סאַשקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. הויך אין דער קלאָרער, בלאָער לופט האָט געקרייזט אַ שפּאַרבער, און נאָך העכער, אונטערן סמאַראַגדענעם געוועלב פונם הימל. זיינען געלאָכן געשוואומען ליכטיק-גראָע וואָלקנדלעך.

שטייענדיק אויפן ראַנד פונם באַרגרים, האָט דער אינגל אַ צייט ניט געקאָנט אָפּרייסן זיין באַגייסטערטן בליק פון דער כוואַליעדיקער אויבערפלאַך פונם טייכל.

נאָך גאָר ניט לאַנג, ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, האָט ער נאָך געזען דעם טייכל איינגעשמידט אין אייז, פאַרשאָטן מיט שניי, אומבאַוועגלעך, טויט, און איצט... וויפל לעבן. וויפל פראַכט עס איז פאַרבאָרגן אין איר גראָען שטראָמען! פון הויכן באַרגרים האָט רויטקאָפּ אויך געקאָנט זען דעם קעגנאיבערדיקן ברעג. דאָרטן האָבן ווייבער געשווינקט גרעט. און אַביסל ווייטער האָבן עטלעכע אינגלעך געכאַפּט פיש מיט אַ ווענטקע.

און סאַשקע האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן: ער האָט הויך אַרופגעקאַשערט זיינע הויזלעך, איז אַראָפּגעלאָפן אונטן און אַריין אין טייכל. אָבער דער קאַלטער וואַסער האָט אים אַ

גרי געטאָן אין די פיס, אזוי ווי מיט קראַפּנווע, און ער האָט געמוזט צוריק אַרויסלויפן.

„וואו איז מיין הונט?“ — האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פירפיסיקן פריינט און ער איז אוועק אַהיים נאָך אים. אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַריבערצוגיין די גאַס, ווי פון זאַוואָליעס הויף איז אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן דער הונט.

— דו, מיין מויערינקער, מיינהונטקעלע! — האָט רויטקאָפּ באַגעגנט דעם הונט.

דער שוואַרצער קודלאַטער הונט האָט אים געענטפערט מיט צערטלעכקייטן. ער האָט חניפהדיק געדרייט מיטן וויידל און זיך געפּלייסט א לעק טאָן דעם אינגל אין פּנים. אין משך פון ווינטער האָבן זיך די פריינט געזען זעלטן. „מיינהונט“ איז געלעגן אין שטאַל, אין שטוב האָט אים טאַראַס ניט אַריינגעלאָזן.

— נו, לאָמיר א שפּאַציר טאָן — האָט סאַשקע פאַר־געלייגט דעם הונט, און ביידע האָבן גענומען לויפן איבערן גאַס.

אין שיין פון דער זון איז האָלאָדאַיעווקע געפעלן געוועזן רויטקאָפּן. מיט גרויס ליבע האָט ער באַטראַכט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר באַגעגנט. אָט איז זי, די געסל, מיט איר אייביקער שמוץ, מיט די הייזלעך אויף הינערשע פיסלעך, מיט אירע נע־בעכדיקע תושבים, מיט אירע חזירים, הינער און הינט. סאַשקע קען דאָס אַלץ אויסגעצייכנט. אָט איז די ווייסע כאַלופּקע פון אַגאַפּיען. די קליינינקע פענסטערלעך שטייען אָפן, און מען זעט, ווי אַגאַפּיעס מאַן זיצט און נייט, די פיס אונטער זיך, ווי א טערק. ער איז בלאַס, אַן אייביקער חולה. אינדרויסן, בא דער הייזל, פאַרען זיך אַרום אַגאַפּיעס קינדער, אַלע מיט ליב־טיקע הערלעך און העלע אויגלעך.

רויטקאָפּ איז צו צו זיי אין באַגלייטונג פון „מיינהונט“.

— סאַשקע איז געקומען, סאַשקע! — האָבן די קינדער־לעך זיך דערפרייט.

— סאַשקע, מאַך אונז שווערדלעך!— זיינען די אינגלעך צו־געשטאַנען צו אים.

— און אונז מאַך מעפּל! — האָבּן די מיידלעך געשריען.

— בּאַ מי... דעשטאָיבּן די ליאַלטע, מאַך אַן אָיענדל... אַ קליינינקן אָיענדל... — האָט געפּלאַפּלט די אינגסטע מיידעלע.

— וואַרט, וואַרט... כ'וועל אייך אַלץ מאַכן. איצט האָבּ איך קיין צייט ניט — האָט סאַשקע געזאָגט און אַוועקגעלאָפן ווייטער.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום איז ער שוין געווען ווייט פון טייך און ווייט פון דער טייכגעסל. אַזוי לויפנדיק איבּערן שטאָט, האָט ער צוזאַמענגעקליבּן זיין מחנה, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין לאַנג־לאַנג ניט געזען. אין אַ שעה צייט האָט ער בּאַוויזן דורכצולויפן כמעט גאַנץ שטאָט, אויסצומעסטן מיט די בּאָרוועסע פיס די טיפקייט פון אַלע לוזשעס און אגבּ אויפצורייצן דעם הונט אַף אַ שפּאָר בּיסל הינער און קעץ. די אינגלעך, וואָס זיינען נאָכגעלאָפן נאָך זייער קאָמאַנדיר, האָבּן זיך געקאָטשעט פון געלעכטער און געהאַט גרויס הנאה פון דעם גרויסן און קלוגן „טייגהונט”.

בּאַלד איז שוין אָפן גאַס מער ניט געווען קיין איין הון, קיין איין קאַץ, קיין איין חזירל: סאַשקע האָט אַלעמען צעשראָקן און פאַרטריבּן.

מיט אָטדער ערשטער העלדישקייט זיינער האָט רויטקאָפּ געגעבּן צו וויסן די איינוואוינער, אַז ער לעבּט נאָך און אַז זיי וועלן נאָך האָבּן פון אים גענוג צרות.

— נו, חברה, איצט קומט צופּן האָר פון פערדישע ווידלען — האָט סאַשקע אָפּגעגעבּן אַ בּאַפעל, בּעת פון די הינער איז שוין מער קיין זכר ניט געבּליבּן — מיר'ן אָנצופּן האָר און מאַכן וועגטקעס. אָבּער צופּן זאָלט איר נאָר בּאַ ווייסע פערד: אַף שוואַרצע וועגטקעס גייט ניט קיין פיש...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבּער ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן דוניען און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— איכ'ל מיט אייך ניט גיין — האָט רויטקאָפּ געזאָגט

נאָך א ווײַלע שווײַגן — איר צופּט אַלײן אָן האָר, און ווענט־קעם וועלן מיר נאָכדעם מאַכן אַלע צוזאַמען...

— און וואוהין גײסטו?

— איך מוז גײן צו אַנדרײַ דעם זעלנער... דאָרטן איז דוניע... זי איז אַ יתומה... איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איר קריוודעניען (רויטקאָפּ האָט פאַרקנײטשט די בּרעמען און אופגע־הויבן דעם קול) וועט זיך קײנער ניט דערוועגן... אַ יתומה טאָר מען ניט קריוודענען, איר מאַמע זעט אַלץ פון הימל אַראָפּ...

און מיט די ווערטער איז סאַשקע, צוזאַמען מיט „מײַנ־הונט" אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק די חברים אין גרויס צעטומלעניש.

די האַלבאײַנגעפאַלענע הײַזל פון דעם אָנהענטיקן אַנדרײַ, איז געשטאַנען גאָר בּאַם סוף טײַכגאַס און איז געווען פאַרזונקען אין אַ געדיכטער בּלאָטע. כאָטש די כאַלופּקע האָט אַנדרײַ דער זעלנער בּאַקומען בּירושה פון זײַן טאַטן, פונדעסטוועגן איז אין גאַנץ האָלאָדראַיעווקע ניט געווען קײן גרעסערער קבּצן פון אים. פון וואָס דערדאָזיקער שלימזלדיקער הוויזאַײַגנטימער האָט געמאַכט אַ לעבּן איז אײגנטלעך געווען אַ סוד. מען האָט נאָר גע־געוואוסט, אַז ניט אין זײַן כאַטקע, און ניט אַרום איר זאָל האָבּ געווען כאָטש עפּעס, וואָס ס'איז ווערט אַן אָפּגעריבּענעם דרײַער. אפילו די בּעבּעכעס, וואָס זײַנען געבּליבּן נאָך דער שוועסטערס טויט, האָט שוין דער אַלטער אויך פאַרקויפט און פאַרשיכּורט. קײן בּעטל איז אין שטיבּל אויך ניט געווען, און דער פעטער מיט דער פלימעניצע זײַנען געשלאָפן אַף דעם הוילן קאַלטן אויוון. אָפטמאָל האָט דאָס קינד אָפּגעוואַרט פון אינדערפרי בּיז שפּעט אינדערנאַכט, דער פעטער זאָל קומען און זאָל איר בּרײַנגען עפּעס עסן. דוניע האָט גרויסע יסורים פון הונגער, זי פּרובּט עטלעכע מאָל זיך פאַנאַנדערוויינען, ווערט אַנטשוויגן, ווײַנט ווי־טער, און אַרום איז ניטאָ קײן לעבּעדיקער נפש.

צו אָונטצו ווערט פינסטער. א געדיכטער הושך פאַרוויקלט איר. איר איז קאַלט און אומהדיק, און דערצו פאַלט איר נאָך אַרויס דאָס האַרץ פון הונגער.

— מאַמע, מאַמינקע! — וויינט דוניע יאָמערלעך. אָבער זי הערט תיכּף אוף, ווייל זי דערשרעקט זיך פאַר איר אייגענעם קול.

זי איז איינע אַליין... זי הערט נאָר, ווי דער ווינט יאָמערט און זינגט זיין אייביק לידל, און פון צייט צו צייט פאַטשט ער, ווי אין גרויס צאָרן, מיט די דרויסנטירן פון דער אַלטער הייזל.

ניט שטענדיק איז דוניע אַליין. עס זיינען פאַראַן טעג, ווען אַנדריי דער זעלנער שמעקט ניט אַרויס אין דרויסן. דעמאָלט איז דוניען אָבער נאָך ערגער: דער פעטער, וועלכער איז ניכטערהייט גוט און ווייכהאַרציק, ווערט אין מינוטן פון שיכּרות אַן אמתע חיה. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו מושטירן די מיידעלע און ער האָט איר געצוואונגען אים ענטפערן הויך, קורץ און קלאָר אַף פאַרשיידענע פראַגן.

— גלייכשטיין! — האָט דער אַלטער מיט אַ הייזעריקן קול קאָמאַנדעוועט — אויגן רעכטס! אין פרונט!..,

און די אומגליקלעכע מיידעלע האָט אין גרויס שרעק גע-טאָן, וואָס ער האָט איר באַפוילן.

רויטקאָפּ איז געקומען אין אַזאַ מין רגע, בעת דער אַלטער שיכּור האָט מושטירט זיין פּלימעניצע. דער אינגל האָט שוין פון פענסטער געזען, וואָס דאָ טוט זיך, און ער האָט געוואָלט באַ-פרייען דוניען פון דער אַנשיקעניש.

— זייט געגריסט, פעטערל! — האָט סאַשקע מיליטעריש אַ געשריי געטאָן.

— שוטה! איך בין ניט קיין פעטערל, איך בין אַן אויס-געדינטער יעפרייטער פון 151-טן ברעסט-ליטאָווסקער פוסגייער-פולק און אַ געאַרגיער קאַוואַליער! — האָט דער קאַליקע זיך אָנגעבייזערט אַף רויטקאָפּן — אין פרונט!

סאַשקע האָט תיכּף זיך געשטעלט שטראַם און אויסגעקיילע-כיקט די ברוסט.

אין שטיבל איז אַף אַ מאָמענט שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך נאָר געהערט, ווי „מײנהונט" פרײכט שווער, ליגנדיק אַפן דיל.

דער אַלטער זעלנער האָט אַרומגעקוקט דעם אינגל און זײן פּאָזע, און ווי ס'שײנט, איז ער אים געפעלן געוואָרן. מיטן טאָן פון אַן אמתן קאָמאַנדיר האָט ער געזאָגט:

— אַ כוואַט, אויסגעצײכנט!

— גרײט צו דינען, פריץ! — האָט רויטקאָפּ אָפּגעענטפערט און באַלד צוגעגעבן: — דער טאַטע האָט מיך געשיקט נאָך אײך, פּעטערל... ער זיצט מיטן שכן אין שײנקל.

דער אינגל האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווי דער אַלטער האָט שוין געכאַפּט זײן היטל און איז אַרויס.

די קינדער זײנען געבליבן אַלײן.

כאָטש רויטקאָפּ איז נאָך געווען קלײן, האָט ער דאָך שוין גוט געוואוסט, וואָס ס'הײסט אָרימקײט און נויט. באַקוקנדיק דאָס קלײנינקע, אויסגעצערטע געשטאַלטל פון דער מײדעלע, האָט ער דערפילט אין זיך אַ משונהדיקן רחמנות אַף איר, און ער האָט געוואָלט איר דערפרײען מיט עפּעס, מאַכן זי זאָל אַ שמײכל טאָן. ער האָט אָבער קײן זאַך ניט געהאַט: ניט קײן שפּילצײג, ניט קײן נאַשערײ. ער גופא האָט זיך דאָך הײנט צום ערשטן מאָל אַרויסגעריסן אַף דער פרײ.

— וועסט גײן צו אונז? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט דוניען נאָך אַ װײלע שווײגן.

יענע האָט ניט געענטפערט, געהאַלטן נידעריק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— וועסט גײן? — האָט סאַשקע איבערגעחזרט, און וויטער ניט באַקומענדיק קײן ענטפער, האָט ער איר גענומען איבערריידן: — קום! בא אונז וועט דיר זײן גוט... די מאַמע האָט איצט אַסך אַרבעט, דו וועסט איר באַהילפיק זײן... נו, גײסט?

דוניע האָט אַף אים אַרופגעקוקט מיט אירע בלאָע, אומעטיקע אויגן, און האָט, צו זײן גרויס פרייד, אַ שמײכל געטאָן.

— אָט אַזוי ביסטו אַ קלוגע מײדעלע! — האָט סאַשקע געזאָגט — לאָמיר שוין גײן!

— אױ, דו װעסט מיך ניט אַרײַנװאַרפֿן אין װאַסער? — האָט דוניע מיטאַמאָל אַ פֿרעג געטאָן.

— צו װאָס זאָל איך דאָס טאָן? נאַרעלע, קאָן מען דיך דען װאַרפֿן אין װאַסער? דו ביסט דאָך אַ יתומה, דײַן מאַמע זעט דאָך אַלץ פֿון אויבן... מען טאָר דיך ניט קריװדענען...

— פֿאַרװאָס־זשע קריװדעט מיך דער פֿעטער? — האָט דוניע שטיל געפֿרעגט.

— פֿאַרװאָס דער פֿעטער קריװדעט? — האָט סאַשקע אי־בערגעפֿרעגט, ניט װיסנדיק װאָס צו זאָגן און װי אַזױ צו טרײסטן דער יתומהלע.

װי אַ שאָטן האָט מיטאַמאָל פֿאַרן פֿענסטערל פֿאַרבײַגעשלײכט אַנדריײַס גראָער מאַנטל. דוניע האָט זיך פֿון שרעק אײַנגעצויגן אין אַ קנײלכל.

— דער פֿעטער גײט... — האָט זי שעפּטשנדיק געזאָגט, זיך אינסטינקטיװ באַהאַלטנדיק הינטער סאַשקעס רוקן.

פֿון פֿאָרהײזל האָבן זיך דערטראָגן שװערע טריט, און באַלד נאָכדעם האָט זיך אין טירל באַװיזן אַנדריי. ער איז געװען שטאַרק דערצאָרנט. זײַנע אויגן האָבן געשפּריצט פֿונקען. די ניט־געגאָלטע שפּיציקע גאָמבע האָט אונטערגעציטערט פֿון אויפֿרעקונג. די גראָע באַקנבערד האָבן זיך געטרײסלט. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גראָבן סענקעװאַטן שטעקן.

— איכ'ל אײַך באַלד באַװײַזן, שדים, װי אַזױ מיך אָפּצו־נאַרן! — האָט ער געשריען און געקלאַפּט מיטן שטעקן אָן דער פּאָדלאָגע — און פֿון דיר — האָט ער געשיפּעט צו דוניען — װעל איך אַראָפּשינדן די פֿעל!..

דער אַלטער האָט זיך געװאָלט אַ װאָרף טאָן צו די קינ־דער, אָבער ער האָט נאָך ניט באַװיזן אַריבערצוטרעטן דעם שװעל, װי „מײַנהונט" האָט אָף אים אַ װילדן ברום געטאָן.

— נו, נו... דערװעג זיך נאָר!.. — האָט דער אַלטער אַ ביסל צעשראָקן געזאָגט צום הונט און אים אַ װײַז געטאָן מיטן שטעקן.

אָבער װי נאָר „מײַנהונט" האָט דערזען זײַן תּנועה, האָט ער

זיך אַ שמייכל געטאָן, זײַנע האָר האָבן זיך קאַפּויר געשטעלט, און ער האָט גענומען בורטשען אַזוי גרויליק, אַז דער אַלטער וועלנער האָט אָפּגעטראָטן אַף צוריק.

— דו פּאַסקודנער כּלב איינער, פּגרין זאָלסטו! — האָט דער צעטומלטער שיכּור געמורמלט.

רויטקאָפּ האָט זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער.

— הער דו, רויטער טײַוול — האָט דער אַלטער אים געוואָרנט, פּאָכענדיק מיטן שטעקן — טראָג זיך אָפּ מיט דײַן כּלב, אַניט וועל איך ווערן אינכּעס...

— ווער אינכּעס, פּעטערל! — האָט רויטקאָפּ געענט־פֿערט מיט אַ געלעכטער און געזאָגט צו דוניען — קום, דוניע! דאָ, דורכן פֿענסטער.

— איך האָב פּחד... — האָט די מיידל געפּליסטערט.

— שרעק זיך ניט, מײַנהונט וועט אים ניט צולאָזן... קום, איכ׳ל אַלץ דערציילן מײַן מאַמען, זי וועט דיך איבערלאָזן בײַ אונדז.

מאַשקע האָט אַרופֿגעהויבן דוניען אַפֿן בײַנקל, נאָכדעם איז ער אַרויסגעשפּרונגען פֿון פֿענסטער און אויך איר געהאָלפֿן אַרויסשפּרינגען.

— רונקע, צוריק! — האָט אַנדריי געשריען.

אָבער די קינדער האָבן אים געהערט, ווי דעם קאָטער. זיי האָבן זיך אין איין אָטעם גענומען לויפֿן. אין אַ רגע אַרום האָט זיי „מײַנהונט״ שוין אויך דעריאָגט.

אַקסיניע האָט געהאַלטן אין קאָלכן די כאַטקע. ביז פּאַסכאַ איז שוין פֿיל ניט געבליבן, און אַרבעט האָט זי נאָך געהאַט ביז איבערן קערגעלע. מאַראַם האָט אויך געהאָרעוועט: ער האָט צו־געגרייט סחורה פֿאַר דעם יריד נאָך חגא.

— מאַמע, איך האָב אַהער געבראַכט הונקען — האָט רויטקאָפּ געזאָגט צו דער מאַמען.

— צוואָוואָס?

— איר פֿעטער האָט זיך אָנגעשיכּורט. ער שלאָגט איר מכּת־רצח... זי וויינט...

— אַי, מײַנע גרויסע צרות! — האָט אַקסיניע זיך אָפּ־געזיפצט און ווײַטער געטאָן איר אַרבעט.

— מאַמע, דוניע מעג בלײַבן בײַ אונדז וואוינען?

אַקסיניע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

— זי מעג, מאַמע? — האָט רויטקאָפּ איבער־געפרעגט.

— אַז מיר וואָלטן געווען רײַך, נאַרישער אינגל וואָס דו ביסט, וואָלטן מיר געהאַלטן ניט איינע, נאָר צוואַנציק דוניעס; אָבער זעסט דאָך, וואָס פאַראַ נגידים מיר זײַנען: מיר זיצן דאָך אַליין אָן ברויט... נו, זאָל זי שוין בלײַבן איבער חגא — האָט אַקסיניע פאַרענדיקט מיט אַ זיפץ.

— הערסט? — האָט רויטקאָפּ זיך צוגעבויגן צו דוניען — מעגסט בלײַבן בײַ אונדז, און דער פעטער דײַנער וועט שוין צו אונדז ניט קומען, בײַ אונדז איז פאַראַן דער הונט...

אויף דוניעס בלאַסן פּנימל האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

די נײַע קענטשאַפט.

ווי אַ זיסער חלום איז פאַר רויטקאָפּן פאַרפלויגן דער פרי־לינג. איין פרײַדיקע איבערלעבעניש איז אים געקומען נאָך דער אַנ־דערער. יעטווידער טאָג האָט אים געבראַכט נײַע פרײַדן, נײַע שפּילערײַען. און די אַלע תענוגים האָט רויטקאָפּ געטײלט מיט דוניען.

דער אינגל האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אומצוקוקן, איז שוין געקומען פּאַסכאַ, און תיכף נאָך דעם — דער יריד. צו דעם יריד האָט זאַוליע זיך באַזונדערש זאָרגעוודיק געגרייט: אַחוץ טישן און בײנקלעך, האָט טאַראַס אויך צוגעגרייט פיר גײנג רעדער. די רעדער האָט ער אײַנגעהאַנדלט אַ מציאה, בשותפות מיט זײַנעם אַ קרוב. אַקסיניע האָט זיך אויך צוגעגרייט: זי האָט אָפּגעקאָר־מעט צוויי חזירימלעך אויף צו פאַרקויפן מיט ריוח. אפילו רויט־קאָפּ האָט געהאַט אַ סחורה צום פאַרקויפן: טאַראַס האָט גע־מאַכט פאַר אים הילצערנע שווערדן און ביקסן.

דעם ערשטן טאָג, באַלד ווי מען האָט אָנגעהויבן דעם

פלאג, איז מאשקע צוזאמען מיט זיינע עלטערן אוועק אפן יריד. זיי האבן שוין נעכטן זיך געהאט אויסגעקליבן אן ארט אפן מארקפלאץ, האבן געבראכט אהער צופירן זייערע סחורות און האבן צוזאמען מיטן שותף געמאכט אינדערהיים א לחיים.

ס'איז נאך געווען גאר פרי. די זון איז אקארשט אופגעגאנגען, אין דער לופטן האבן זיך געטראגן ריחות פון דזעגעכץ און פון טרוקענעם פאראיאריקן היי. כאטש ס'איז געווען זייער פרי, איז שוין גאנץ שטאט געווען אף די פיס: אף אלע גאסן האבן געסקריפעט וואגנס, פון אומעטום האט זיך דערטראגן א פערדישער הירזשן, אן אונמעריאגן פון די איינגעשפאנטע בוהאיעס.

דער יריד איז געווען אפן ברעג שטאט, אפן פערדנמארק. די סוחרים — זאזוליע און זיין שותף מיט זייערע ווייבער, סאשקע און „מיינהונט", זיינען שוין געווען ניט ווייט פון מארק, אבער דא האט רויטקאפ, וועלכער איז דעם גאנצן וועג געווען מאדנע ערנסט, מער ניט אויסגעהאלטן: ער האט געוואלט דער ערשטער זיין אפן מארק, און ער האט זיך א לאז געטאן לויפן, צו דער גרויסער צופרידנקייט פון „מיינהונט", וועמען ס'איז שוין היפש דערעסן דאס שלעפן זיך.

— וואו פליכטו, סיבירניק?.. ווארט, זאג איך דיר! — האט טאראס נאכגעשריען דעם קונדס, אבער פון יענעם איז שוין קיין זכר ניט געווען.

אין עטלעכע מינוטן ארום איז סאשקע שוין געשטאנען אפן שפיץ פון א בערגל, און פרייכנדיק פון געכן געלאף, האט ער זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דעם בילד, וואס ס'האט זיך אויסגעשפרייט פאר אים. אונטער זיך האט ער געזען דעם גאנצן יריד. דער גרויסער פלאץ איז פול געווען מיט מענטשן, מיט פורן, מיט פערד און אנדערע בעלי-חיים. דאס הודושען פונם טויזנטקעפיקן המון, אין וועלכן ס'האבן זיך אויסגעמישט געשרייען, טייפערייען, געלעכטערס, פערדישע הירזשערייען, גרילצן פון הארמאניק, בלאזן פון דודלזאק און אנדערע קלאנגען, האבן זיך דערטראגן צו אים, ווי אן אפהילך פון א ווייטן דונער.

— האידא! — האט רויטקאפ א געשריי געטאן צו „מיינ-

הונט", און זיי זײַנען בײדע ווי אַ בליץ אַראָפּגעפּלויגן אונטן און זיך אויסגעמישט אינעם המון, ווי אַ נאָדל אין אַ פור היי.

דער טאָג איז אַוועק גאָר גיך. סאַשקע האָט אין משך פון דעם טאָג אַזוי פיל געזען, אַז צום סוף האָט אים שוין אַלץ אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. צו אָוונט=צו איז ער געווען גאָר אויסגעמאַטערט. דער המון, דער גאַנצער ליאַרעם און געפילדער האָבן אים דערעסן. די עלטערע האָבן אויספאַרקויפט זייערע סחורות און זײַנען אַוועק אין שיינק טיילן דעם פדיון. סאַשקע און „מײַנהונט" זײַנען געבליבן אַליין. רויטקאָפּ האָט נישט פאַרקויפט קיין איין שווערדל און קיין איין ביקס, און ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף קונדן, אָבער קיין קונים זײַנען נישט געקומען. נאָר די האָלאָדאַיעווקער יאַטלעך זײַנען כסדר צוגעקומען, האָבן באַטאַפּט זײַן סחורה, און זײַנען צוריק אַוועק.

ס'איז געוואָרן קילער. דער עולם האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין זיך פון יריד. רויטקאָפּ איז שוין גרייט געווען זיך פאַנאַנדערצוואוויינען פון פאַרדראָס, וואָס ער האָט אין משך פון גאַנצן טאָג נישט פאַרקויפט קיין איין שטיקל סחורה. אָבער גאָר אומדערוואַרט האָבן זיך באַוויזן אמתע קונדן:

צוויי אינגלעך, פריציש אָנגעטאָן — אין בלאָע טוכענע פידזשאַקלעך און אין שטיוועלעך אויף קנעפּ. מיט זיי איז געגאַנגען אַ הויכע דאַמע אין טרויער.

— פאַרקויפסט די ביקסן? — האָט מיט אַ דינעם קולכל געפרעגט איינער פון די אינגלעך.

— וואָס דאַרפסטו דאָס, סעריאָזשע? קום אַהיים, ס'איז שוין שפעט — האָט די דאַמע געזאָגט מיט אַ מאַטן קול.

— ניין, ניין, מאַמינקע, מיר דאַרפן דאָס זייער האָבן! — האָט דער אַנדערער אינגל זיך גענומען בעטן.

— דו אויך, וואָלאָדיע? דו ביסט דאָך שוין עלטער. נו, וואָס דאַרפט איר האָבן די פלעקלעך?

— דאָס זײַנען נישט קיין פלעקלעך, מאַמע, דאָס זײַנען ביקסן — האָבן בײדע אינגלעך צוזאַמען געזאָגט.

רויטקאָפּ האָט געשוויגן און האָט מיט די אויגן אויפגעגעסן

די פריצימלעך. ער האָט זיי געקענט. דאָס זיינען געווען די זינ־ דלעך פונם פאַרשטאָרבענעם גימנאַזיע־דירעקטאָר, און די דאַמע איז געווען זייער מוטער, די אלמנה. סאַשקע האָט אַפילו געוואוסט, וואו זייער הויז געפינט זיך: אין א געסל ניט ווייט פון האַלאַ־ דאַיעווקע. דאָס איז געווען אַ שיינע הויז, מיט אַ גלעזערנער ווע־ ראַנדע און מיט א גרויסן פּרוכטסאָד. רויטקאָפּ האָט זיך ניט איינ־ מאָל אַריינגעגנבעט אין דעם סאָד דורכן פּאָרקאַן. דאָרטן איז גע־ ווען א שפע פון עפּל, באַרן, קאַרשן און פלוימען. סאַשקע איז געווען זיכער, אַז דער דירעקטאָר איז דער רייכסטער מענטש אין דער וועלט.

—פאַרקויפסטו?—דאָט סעריאָזשע א צווייטן מאָל געפרעגט.

סאַשקע האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך פאַרבויגן, און אָפּגעמורמלט מיט א וויינעדיקן קול:

— קויפט, פריצים!.. איך שטיי שוין א גאַנצן טאָג אַזוי.. א הונט זאָל כאָטש צוקומען...

— אָט איז דאָך צוגעקומען א הונט — האָט וואָלאָדיע זיך געוויצלט, אָנווייזנדיק אָף „מיינהונט”, וועלכער איז געלעגן בײַ סאַשקעס פיס, איינגראָבנדיק דעם שנוק אין די פאָדערשטע לאַפּעס.

רויטקאָפּ האָט אַ קוק געטאָן אָפן הונט, נאָכדעם אָף וואָ־ לאָדיען, און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ווי אַלט ביסטו? — האָט די פרוי אים געפרעגט.

— כ׳ווייס ניט.. אפשר אַכט, און אפשר גאָר צען... קויפט...

סעריאָזשע און וואָלאָדיע האָבן זיך צעלאַכט פון ר׳יטקאָפּס ענטפער. זייער מוטער האָט אויך אַ שמייכל געטאָן. פון דעם שמייכל האָט איר פּנים באַקומען א גוטן און שיינעם אויסדרוק.

— וועמענס ביסטו?

— טאַראַס דעם סטאָליערס.

— דאָס האָט דיר דער טאַטע געמאַכט די ביקסן?

— יאָ.

— פאַר וויפל פאַרקויפסטו זיי?

— פאַר נישט.

— ווי אַזוי פאַר נישט?

— קיינער קויפט זיי דאָך ניט.

דערביי האָט סאַשקע פאַנאַנדערגעפירט די הענט און אַ טרייסל געטאָן מיט זיינע קרויזן. אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. דער רויטקאָפ האָט שטאַרק אויסגענומען בא די צוויי רייכע אינגלעך.

— וויפל האָסטו גערעכנט אָפּצולייזן פאַר דיין סחורה? — האָט די אַלמנה אים געפרעגט.

— אַ האַלבן קערבל — האָט רויטקאָפּ געענטפערט, זיך אַ מינוט ניט באַקלערנדיק.

— און וואָס וואָלסטו געטאָן מיטן געלט?

— אַ פּערטעלע וואָלט איך אָפּגעגעבן דעם טאַטן, און פאַר די איבעריקע וואָלט איך זיך געקויפט שיך און העקלעך פאַר דער ווענטקע... דונקען וואָלט איך אויך געקויפט אַ מתנה...

און דאָס אַלץ וואָלסט באַוויזן פאַר איין האַלבן קערבל? — האָט די פרוי אַ שמייכל געטאָן.

זי האָט חשק געהאַט זיך נאָך אַביסל דורכצושמועסן מיט דעם שפּאַסיקן יאַטל, אָבער אַרום האָט זיך שוין גענומען קלייבן אַ גע־זעמל.

— נו, קינדער, קומט. ס'איז שוין שפּעט — האָט זי גע־זאָגט צו אירע זין.

— און וואָס וועט זיין מיט די ביקסן?

— איכ'ל צוטראָגן — האָט רויטקאָפּ פלינק געזאָגט — איך ווייס, וואו איר וואוינט.

און ער האָט תיכף גענומען זיין סחורה און זיך געלאָזן גיין נאָך זיינע קונדן.

אָפּן וועג האָט די פרוי אויסגעפרעגט סאַשקען, ווי אַזוי עס לעבט זיך אים. און ער האָט אַף אַלץ פלינק אָפּגעענטפערט. ער האָט דערציילט, ווי ער האָט געפונען „מיינהונט", ווי ער האָט אים גענומען אונטער זיין פליגל. די אינגלעך איז דידאָ־זיקע מעשה שטאַרק געפעלן געוואָרן. ווייטער האָט רויטקאָפּ אויסדער־ציילט אַלץ וועגן דוניען, און די פּשוטע, נאַאיווע רייד זיינע

האָבן געריררט דער פרוים האַרץ. וואָלאָדיען און סעריאָזשען ווי־
דער האָט די געשיכטע שטאַרק געערגערט.

— ווי טאָר מען דאָס אַזוי מאַטערן אַן אָרימע יתומה?!
פּאָליציי מוז זיך נעמען צו אים! — האָט סעריאָזשע זיך גע־
בייזערט.

— ער שרעקט זיך נישט פאַר פּאָליציי: ער האָט זיך שוין
געשלאָגן מיט די טערקן אויך — האָט רויטקאָפּ אַרויסגעשאָסן —
אָט פאַר וועמען ער האָט מורא!

און ער האָט אָנגעוויזן אַף „מיינהונט" און דערציילט, ווי
זיי ביידע האָבן געראַטעוועט דוניען.

די אינגלעך זיינען נתפּעל געוואָרן פון דער געשיכטע, און
זיי האָבן באַקומען גרויס דרך־ארץ פאַר רויטקאָפּ און פאַר זיין
הונט.

— זאָלסט קומען צו אונז יעדן טאָג! — האָט סע־
ריאָזשע איינגערוימט רויטקאָפּן — מיר'ן זיין, ווי חברים... אַ
יאָ, וואָלאָדיע? — האָט ער אַ פרעג געטאָן באַם ברודער.

— פאַרוואָס נישט, אוודאי... — האָט דער עלטערער
ברודער מיט ברייטקייט דערלאָזן.

בעת סאַשקע האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, איז שוין גע־
ווען גאָר פינסטער. דער ערשטער יריד־טאָג האָט זיך פאַר אים
פאַרענדיקט זייער גוט, נאָך בעסער, ווי ער האָט זיך אַליין גע־
ריכט. ער איז אַריינגעלאָפן אַ היים אַ לוסטיקער און אַ צופרי־
דענער, שוין געוואָלט גיכער אויסדערציילן אַלץ, וואָס ס'האָט
מיט אים פּאַסירט, אָבער די עלטערן זיינען נאָך נישט געווען גע־
קומען, זיי האָבן נאָך אַלץ געטיילט דעם פדיון מיט די שותפים.
אין שטוב זיינען געווען נאָר די קינדער, דוניע איז געזעסן אַפן
ביינקל און האָט געוויגט די ליולקע, און וועלכער קאַטיע איז
געשלאָפן. באַ איר זייט איז געזעסן ווערא מיט געשוואָלענע
אויגן פון וויינען.

— די מאמע איז דאָ? — האָט רויטקאָפּ אַ פרעג געטאָן, ווי נאָר ער איז אַריבער דעם שוועל.

— ניטאָ — האָט ווערא געענטפערט טרויעריק געזאָגט און איז שוין ווייטער גרייט געווען זיך פאַנאַנדערצוואוויינען, אָבער סאַשקע האָט איר ניט געלאָזן.

— זעט, וואָס כ'האָב דאָ! — האָט ער אויסגערופן און איז צו צום פענסטער, וואו ס'איז ליכטיקער.

דוניע האָט אַרופגעקוקט אַף רויטקאָפּן און האָט שיר ניט געטאָן אַ געשריי פון גרויס חידוש: ער האָט געטראָגן נייע שיך, און ניט אַבי-וועלכע, נאָר גלאַנציקע, און מיט כאָליעוועס! ווערא האָט אויך פאַרגעסן אין איר צער און גענומען פאַטשן אין די דלאָניעס.

— נו, געווען?—האָט רויטקאָפּ מיט אַ שמייכל געפרעגט און זיך עטלעכע מאָל אויסגעדרייט אַהין און צוריק אַף די קנאָפּל.

פון גרויס באַגייסטערונג איז ער אַרויס פון די כלים. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער געטראָגן שיך. און אַזוי ווי ער איז ניט געווען צוגעוואוינט צו אַזאַ מין לוקסוס, האָט ער זיך געפילט אַביסל געהאַמעוועט, אַ קאַפּעלע האָט אים אפילו געקוועטשט; אָבער ער האָט זיך ניט געמאַכט וויסנדיק.

— און אַזאַ מין זאַך האָט איר שוין געזען?—האָט רויט-קאָפּ ווייטער געפרעגט, און אַרויסגעשלעפּט פון הינטערן בוזים אַ קיילעכדיקע מאַטראָסן-היטל מיט אַ שוואַרצער סטענגע, אַף וועל-כער ס'איז אויסגעדריקט געווען מיט אָפּגעבליאַקעוועטע גילדענע אותיות „וולאַדימיר".

סאַשקע האָט אָנגעטאָן דאָס מיצל, האָט אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט די באַקעס און איז זיך טענצלדיק דורכגעגאַנגען איבערן שטוב, קנאַקנדיק מיט די אָפּצאַסן. אויסגעזען האָט ער עפּעס מאָדנע. דאָס היטל מיט די נייע שטיוול האָבן זיך שטאַרק ניט צוגעפּאַסט צו דער גראָער העמדל און די צעפליקטע און פאַרברודיקטע לייוונטענע הייזלעך. אָבער דוניע און וועראַטשקע

זײַנען זיבער געװען, אַז קײן שענער־אויסגעפּוצטער מענטש איז גאָר אױף דער װעלט ניטאָ.

— זעסט גאָר אױס, װי אַ פּריץ! — האָט דוניע געזאָגט, ניט אַראָפּנעמענדיק די אױגן פֿון איר באַשיצער — װער האָט דיר דאָס אַלץ געגעבן?

מאַשקע האָט גענומען אָפּגיך דערצײלן, װאָס ס׳איז הײַנט געשען אױפֿן מאַרק, װי די גרױסע האָבן אים איבערגעלאָזן אַלײן, װי אים איז געװאָרן שמאַרק אומעטיק, און װי עס זײַנען צום סוף צוגעקומען די יונגע פּריצים מיט זײער מאַמען.

— אײנעם רופט מען סעריאָזשע — האָט רױטקאָפּ זיך געהאַלטן אין אײן פּאַרכלינען — און דער אַנדערער הײסט װאָלאָדיע! װאָלאָדיע איז דער עלטערער. הײַנט װאָס פֿאַר אַ הױז בײַ זײ איז! צימערן — אָן אַ צאָל. און שפּיגלען, און בילדער — ס׳איז ממש אַ פּחד אַרײַנצוגײן... די באַלעבאָסטע איז אַזאַ גוטע, און מיט די יונגע בין איך שױן חבר. מאָרגן װעלן מיר שפּילן אין זעלנער. זײ האָבן אָפּגעקױפֿט בײַ מיר מײַנע ביקסן און שװערדן. געלט האָבן זײ מיר אױך געגעבן, אָט... — און רױטקאָפּ האָט באַװיזן זײַן געלט — װאָלאָדיע האָט מיר געשאָנקען שיך און אַ היטל. איצט װעל איך שױן מער ניט אַרומלױפֿן אַ באָרװעסער. מאָרגן װעסטו אױך מיטקומען מיט מיר... — האָט דער אינגל צום סוף געזאָגט צו דוניען.

— און איך? — האָט װערקאַ געפֿרעגט און שױן אָנגעבלאָזן די ליפּעלעך.

— דו װעסט אױך גײן... און װאו איז די מאַמע?

— כ׳װײס ניט... ס׳װילט זיך עסן! — האָט דוניע געזאָגט.

— אָט לױף איך שױן אַרױס קױפֿן אַ חלה. גוט? — האָט סאַשקע געזאָגט און איז אַרױס, ניט װאַרטנדיק אױף אַן ענטפֿער.

די פֿינסטערניש איז אַלץ געדיכטער געװאָרן, מאַכנדיק אַ

ווארע פאר דעם מילדן ווארימען פרילינג־אָוונט, וואָס איז אָנגעקומען.

אפמאָרגן איז שוין רויטקאָפּ גלייך באַגינען גרייט געווען צו לויפן צו זיינע חברים, אָבער אקסיניע האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— וואו וועסטו גיין אזוי פרי? דאָרטן שלאָפט מען נאָך אוודאי — האָט זי געזאָגט.

דער אינגל האָט ניט־וועלנדיק איר נאָכגעגעבן. ער האָט געברענט פון אומגעדולד, און די צייט האָט זיך פאר אים געצויגן אָן א סוף. ענדלעך איז אָבער אָנגעקומען די דערוואַרטע רגע, און סאשקע איז, צוזאַמען מיט דונקען און ווערקאַטשקען, אוועק צוגאסט צו די פריצים.

די נייע חברים האָבן מיט גרויס פרייד אויפגענומען רויטקאָפּן און זיינע באַגלייטערינס. סעריאָזשע האָט דערציילט די געסט, אז אין שטוב איז קיינער ניטאָ, אחוץ דער באָבען, און דעריבער קענען זיי אומגעשטערט אַריינגיין אין די צימערן.

— אונזער באָבע איז א גוטע. זאָל קומען, ווער עס וויל, זי זאָגט קיינעם ניט קיין קרומען וואָרט. אָט, זעט איר, פרייליין בערטא איז א מכשפה — האָט סעריאָזשע אָן אויפהער גערעדט דאָ צו רויטקאָפּן, דאָ צו דוניען — כסדר מען מוז בא איר לייענען; שפּילן לאָזט זי זיך ניט. איך האָב פיינט די פריילן, זי איז א שלעכטס...

— נו, גענוג, גענוג, ער האָט זיך שוין צעפּלאַפּלט! — האָט וואָלאָדיע איבערגעשלאָגן סעריאָזשן און איינגעלאַדן די געסט אַריינגיין מיט אים אין קינדערצימער.

רויטקאָפּ האָט געוואָלט באַווייזן די זייניקע, אז ער איז דאָ אָן אייגענער מענטש, און ער איז דער ערשטער ארויף אפן ברייטן גאַניק, און געבליבן שטיין פאר דער טיר, וואַרטנדיק די אנדערע זאָלן אַרופקומען. אָבער זיין גאַנצע דרייסטקייט איז נאָר געווען אָן אָנשטעל, און אין האַרצן בא זיך איז ער שוין גאָרניט געווען אזוי זיכער. די מיידלעך ווידער האָבן זיך אויך געפילט ניט פויגלדיק און זיי האָבן זיך געשעמט פאר די פריצים. וואָלאָדיע

און סעריאָזשע האָבן געמוזט איינליגן וועלטן, ביז זי איז געלונגען איינצורעדן די מיידלעך אַריינגיין אין שטוב.

אין די גבֿירישע צימערן זיינען די קליינע שלעפֿערלעך איינגאַנצן געוואָרן צעטומלט. אַפֿילו רויטקאָפּ איז אויך געוואָרן אויסער זיך. נעכטן איז ער ניט געווען ווייטער פֿון דעם עסצימער, היינט אָבער זיינען זיי שוין דורך דעם גאַנצן זאַל. וועראָטשקע האָט ברייט אויפֿגעריסן די אויגן, דורכגייענדיק די געראַמע, פֿיין אויפֿגעפּוצטע שטוב, און ווען זי האָט זיך אַליין דערזען אין דעם הויכן וואַנטשפּיגל, האָט זי פֿון שרעק אַפֿילו אָפּגעטראָטן עטלעכע טריט אויף צוריק.

דוניע האָט זיך אויך איבערגעשראָקן, ס'איז איר געווען אַ פּחד צו טרעטן מיט די באָרוועסע פֿיס אויפֿן בונטן און ווייכן טעפּיך.

— קומט! וואָס ט'איר זיך אָפּגעשטעלט? — האָט רויטקאָפּ איינגערוימט די מיידלעך.

— אַהער גייט, אַהער! — האָט סעריאָזשע קאָמאַנדירט, לויפֿנדיק פֿאָרויס.

אין קינדערצימער האָבן די געסט זיך פֿרייער אָפּגעטעמט. דאָ זיינען ניט געווען קיין בלומען, ניט קיין טעפּיכער, ניט קיין בראָנזענע לאָמפּן, ניט קיין ווייכע מעבל. דערפֿאַר אָבער איז דאָ געווען אַזוי פֿיל שפּילצייג, אַז בײַ רויטקאָפּן און בײַ זיינע באָרוועסע באַגלייטערינס זיינען זיך די אויגלעך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן.

די ערשטע זאַך זיינען די ביידע מיידעלעך געבליבן שטיין, ווי צוגענאָגלט, פֿאַר צוויי ליאַלקעס, וועלכע זיינען געווען אַזוי גרויס און שיין, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע קינדער.

— וועמעס זיינען די ליאַלקעס? — האָט וועראָטשקאַ געפֿרעגט, אַרויסנעמענדיק פֿון מוילכל דעם פֿינגער, וועלכן זי האָט די גאַנצע צייט געזויגט, ווי מען זויגט אַ קאָנפֿעקטל.

— דאָס זיינען ניט אונזערע ליאַלקעס, מיר שפּילן זיך ניט מיט דעם... — האָט סעריאָזשע געזאָגט — דאָס זיינען נאַדיעס ליאַלקעס. זי איז איצט אין דאָרף. די מאַמע און פֿריילן בערטאַ ברענגען איר מאָרגן צוריק פֿון דאָרטן. זי איז צוגאַסט בײַ דער מומע פּאָלינע.

די מיידלעך האָבן גאָרניט געהערט, וואָס ער זאָגט: זיי האָבן זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין די ליאַלקעס און זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פֿון אַזאַ מין פּראַכט, וואָס זיי האָבן ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזען.

פֿאַר דער צייט, וואָס די מיידלעך האָבן זיך געקוקט די ליאַלקעס, האָט שוין וויטקאָפּ זיך אַרופֿגעקליבן רייטן אויף אַ הילצערנעם פֿערד.

— פֿיר מיך! — האָט ער באַפֿוילן סעריאָזשען, פּאַטשענדיק מיט די פֿיס.

סאַשקע האָט זיך דאָ מיטאַמאָל דערפֿילט, ווי אַן אייגענער מענטש. ער האָט מיט קולות אונטערגעטריבן דעם פֿערד, האָט צוגעוויאַקעט, צוגעפֿיפֿן און זיך געדווידיעט אין אַלע זייטן. רויטקאָפּ האָט זיך געפֿילט זייער לעבעדיק אַ לאַנגע צייט, ביז אין צימער איז אַרייַנגעקומען די באַבע. איר אַרייַנקום האָט אַביסל צעטומלט דעם אינגל, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. די באַבע איז געווען אַ הויכע און אַ שלאַנקע פֿרוי, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער קלייד.

— באַבע, באַבינקע! — איז סעריאָזשע איר געשפּרונגען אַנטקעגן — טו נאָר אַ קוק, ווער ס'איז צו אונדז געקומען — און ער האָט אָנגעוויזן אויף די געסט.

— שפּילט, זיך קינדערלעך, שפּילט זיך! — האָט די באַבע געזאָגט מיט אַ שמייכל.

איצט האָט סאַשע געמערקט, אַז די באַבע זעט אויס פּונקט ווי וואָלאָדיעס מאַמע, און אַז זי האָט אויך אַזאַ ליבן שמייכעלע. און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט, ער זאָל זיך ווייטער דערפֿילן אַזוי גוט און פֿרײַ, ווי פֿריער.

די באַבע האָט זיך אַרייַנגעזעצט אין אַ טיפֿן שטול בײַם פֿענסטער, און האָט זיך גענומען צוקוקן צו די קינדער. וועגן דוניען האָט זי שוין אַלץ געוואוסט פֿון די אייניקלעך, און זי האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט איר.

— קום אַהער, מיין ליבינקע! — האָט זי צוגערופֿן דוניען.

די מיידל איז צוגעגאַנגען און אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— וואו וואוינסטו?

— בא זאָוליכען... בא זײַן מאַמען — האָט דוניע אָנגע־
וויזן אַף רויטקאָפּן.

— דאָס האָט ער איר געראַטעוועט, באָבע, — האָט סע־
ריאָזשע זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס — ער האָט אַזאַ גרויסן
הונט...

— ווער האָט?

— ער...

סעריאָזשע האָט אַראָפּגעשלעפּט מאַשקען פונם פערד און
האָט איר צוגעפירט צו דער באָבען.

— דאָס איז דײַנס אַ שוועסטערל? — האָט די אַלטע
געפרעגט רויטקאָפּן, אָנווײַזנדיק אַף ווערקאַטשקען, וועלכע איז גע־
שטאַנען און ווײַטער געזויגט איר פינגער.

— יאָ, מײַנע.

— אַ לײַבלעכע? — האָט די באָבע זיך געוואונדערט.

— אַ לײַבלעכע — האָט מאַשקע באַזיכערט געענטפערט.

— מאָדנע... איר זעט גאָר ניט אויס, ווי ברודער און
שוועסטער: דו... ביסט מיט גאָלדענע האָר, און זי איז אַ שוואַרצע...

די באָבע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. די קינדער האָבן אויך
מיטגעלאַכט. אין צימער איז געוואָרן פרײלעך און טומלדיק. דוניע
און ווערא האָבן זיך פאַרשפּילט מיט די ליאַלקעס, און די אינגע־
לעך האָבן זיך פאַרנומען צו בויען אַ פעסטונג.

דער טאָג איז פאַר די קינדער פאַרפלויגן אַזוי ווי אַ מי־
נוט. זיי האָבן זיך גאָרניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי ס'איז שוין גע־
ווען אָוונט. די געסט האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים זאַטע, צו־
פרידענע און אָנגעלאָדעוועטע מיט מתּנות.

בעת רויטקאָפּ מיט זײַנע באַגלייטערינס זײַנען אָנגעקומען
אין דער היים, האָבן אַקסיניע און טאַראַס געגעסן וועטשערע.

— זעט, וואָס מיר האָבן געבראַכט! — האָט מאַשקע
מיט התפּעלות אויסגערופן.

— וואָלסט וויסן, מאַמע, וואו מיר זײַנען געווען, און וואָס
פאַרא ליאַלקעס דאָרטן זײַנען פאַראַן! — האָט ווערקאַטשקע זיך
פאַרכליניעט.

אפילו דוניע האָט זיך אויך פאַנאַנדערגערעדט, אָבער רוויטקאָפּ האָט מיט זיין קול פאַרהילכט אירע רייד.

— דעם גאַנצן טאָג זיינען מיר געווען בײַ די יונגע פריצים — האָט ער דערציילט — איך האָב זיך געשפּילט מיט מיינע חברים, און זיי — מיט די ליאַלקעס. מיר האָבן דאָרטן געגעסן, געטרונקען טיי. און מען האָט מיר נאָך מיטגעגעבן אויך...

רוויטקאָפּ האָט דערלאַנגט דער מאַמען אַ פּעקל, וואו ס'זיינען געלעגן הוזלעך, צוויי העמדער און בלייענע זעלנערלעך.

—און מיר האָט די באָבע אויך עפּעס געגעבן—האָט וועראָטשקע געזאָגט און דערלאַנגט דער מאַמען איר פּעקל, אין וועלכן ס'זיינען געווען קליידלעך, שטיקלעך וועש און אַן אַלטע ליאַלקע אָן אַ האַנט און אָף איין אויג.

דוניע האָט באַקומען שיך און אַ קאָפּטיכל. מאָרגן האָט מען איר צוגעזאָגט נאָך עפּעס צו געבן.

— נו, וואָס וועסטו זאָגן אָף דעם? — האָט אַקסיניע געפרעגט דעם מאַן.

— וואָס זאָל איך זאָגן? ווי ס'שיינט, זיינען זיי ליבהאַרציקע מענטשן... איך האָב נאָר מורא, אונזער סיבירניק זאָל זיי ניט אַנטאָן קיין שאָדן...

— הערסט, סאַשע, וואָס דער טאַטע זאָגט? — האָט אַקסיניע געוואָרנט דעם רוויטקאָפּ — היט זיך, זאָלסט זיך נאָר ניט דערוועגן אָפּצוטאָן עפּעס אַ שפּיצל! דו ביסט שוין ניט קיין עופהלע, שוין באַלד צען יאָר אַלט: דאַרפסט אופּפּאַסן וועראָטשקען, זי זאָל זיך דאָרטן אופפירן, ווי געהעריק.

— זאָל זי זיך נאָר דערוועגן... אָ, דערמאָלט...

און ער האָט באַוויזן אַ געבאַלטן פויסט.

— זעסט, וואָס פאַראַ זיסע פּרי דאָס איז! — האָט טאַראַס געזאָגט צו אַקסיניען—פאַר אונז אין די אויגן וויזט ער פויסטן, דאָרטן וועט ער איר געוויס אַריינקריכן אין די האָר...

— ניין, איכ'ל ניט אַריינקריכן — האָט סאַשקע געזאָגט מיט אַן ערנסטן פּנים — דאָרטן טאָר מען זיך ניט שלאָגן... מאָרגן גייען מיר ווייטער אַהין. ווייסט וואָס די באָבע האָט גע=

זאָגט צו דוניען? אַז זי זאָל קומען יעדן טאָג, און די מומע מאַלאַניע וועט איר געבן עסן.

— וואָס פאַרא מומע מאַלאַניע?

— זייער אויסשפּײַזערקע. זי איז אַזאַ גראָבע גויע, זייער אַ גוטהאַרציקע. איך האָב זיי אויסדערציילט אַלץ וועגן דוניען און וועגן אַנדרייען. זיי האָבן איר שטאַרק באַדויערט; יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן! — האָט רויטקאָפּ זיך מיטאַמאָל פאַרכאַפּט — איך האָב דאָך נאָך עפּעס...

און ער האָט פון הינטערן בוזים אַרויסגעשלעפּט אַ ביכל מיט בילדער און דאָס דערלאַנגט דער מאַמען.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַן אלף־בית. דערפון לערנט מען זיך אויס לייענען. אָט שטייט דאָ געשריבן: ברא, גרא, דרא... וואַלאַריע האָט מיר דאָס אָנגעוויזן. מאָרגן וועלן מיר זיך לערנען לייענען.

מאַראַם האָט אויך אַרויסגעוויזן אינטערעס צום ביכל. ער איז צו צום ליכט און גענומען אים איבערבלעטערן מיט זיינע פאַרגרעבטע, פאַרפּאַפּטע פינגערן.

רויטקאָפּ האָט נאָך אַ סך דערציילט דער מאַמען וועגן די יונגע פּריצים און וועגן זייער גבירעשאַפט. זיי לעבן זיך ווי די קיסרים, האָט ער דערציילט. וועראָטשקע האָט זיך אויך אַ צייט ניט געקאָנט באַרואיקן, און כסדר געפּרעפּלט עפּעס אַף איר אומפאַרשטענדלעכן קינדישן לשון. אַפילו די שטענדיק־שווייגעדיקע און אומעטיקע דוניע האָט איצט אַן אופהער גערעדט און דערציילט וועגן אירע איינדרוקן.

— נו, קינדער, גענוג שוין! מאָרגן איז נאָך אויך אַ טאָג, איר'ט נאָך באַוויזן זיך אָנצורײדן: און איצט גייט שלאָפן— האָט צום סוף אַקסיניע געזאָגט און איז אַוועק מאַכן די בעטן.

דער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. אַפן טונקעלן הימל האָבן זיך אָנגעצונדן שטערן. אין זאַזוליעס שטיבל איז געווען פינסטער און שטיל. מען איז דאָ פאַרזונקען געווען אין אַ טיפן שלאָף. נאָר איין סאַשקע האָט ניט געשלאָפן, איז געלעגן מיט

אָפּענע אויגן און געחלומט וועגן זײַנע חברים, וועגן זיך און וועגן נאָך אַ סך זאַכן. די נײַע קענטשאַפט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף אים. איצט ערשט האָט ער דערזען, ווי עס לעבן גבירים, און ווי אַנדערש זייער לעבן איז פון דעם לעבן אין האָ־לאָדאַיעװקע. „פאַרוואָס לעבן ניט אַלע מענטשן אַזוי? פאַרוואָס זײַנען ניט אַלע קינדער קיין פּריצים?״ — האָט סאַשקע זיך אַליין געפרעגט, און האָט קיין ענטפער אויף דעם ניט געפונען. פון די חברים האָבן סאַשקעס געדאַנקען אַריבערגעקונצט אויף „מײַנהונט״. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז צוליב די גבירים האָט ער הײַנטיקן טאָג קיין איין מאָל ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם הונט, און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. „נו, מאָרגן וועל איך אים שוין מיטנעמען מיט זיך״ — האָט ער באַשלאָסן, און בײַ דעם געדאַנק איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

רויטקאָפּ דערוויסט זיך וועגן זײַן אָפּשטאַם.

אין מאַי זײַנען די יונגע פּריצים אַוועקגעפאָרן אויפן גאַנצן זומער אין דאָרף, און רויטקאָפּ איז ווײַטער געבליבן מיט זײַנע אַלטע חברים. דוניע איז אײַנגאַנצן אַריבער וואוינען אין דער פּריצישער הויז, אויפגענומען אַהין האָט איר די קעכין מאַלאַניע, זייער אַ גוטהאַרציקע פרוי.

ווי געוויינטלעך, האָט סאַשקע פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער אין־דרויסן. ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג מיט חברה קונדסים; און בשעת די פּירות אין די סעדער זײַנען רײַפגעוואָרן, האָט מען אים געקאָנט באַגעגענען אינדערהיים נאָר פריבאַגינען, אָדער שפּעט אין דער נאַכט. טראָץ האָט זיך געבײַזערט, איז אַרום פון די כּלים, האָט אים געשלאָגן, אָבער ס׳האָט נישט גע־האָלפן. און אַזוי האָט זיך געצויגן ביז סוף אויגוסט.

אײנמאָל איז סאַשקע געקומען אַהיים שפּעטער, ווי שטענ־דיק. די טיר איז שוין געווען פאַרמאַכט, און דאָס פײַער — פאַרלאָשן. אין שטוב איז מען שוין געשלאָפן. רויטקאָפּ איז צו צו דער טיר און זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך געשראָקן אָנ־צוקלאַפּן. די גאַס איז געווען פּוסט און שטיל. די לבנה האָט זיך

אַרויסגעהויבן פון הינטער דעם וועלדל זאַכט, פּונקט ווי אַ גנב. רויטקאָפּ האָט געזען, ווי אויף דער טונקעלער אויבערפלאַך פון טייך האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ליכטיקער, צאַפּלדיקער שטריך פון לבנה־שיין. „כ׳איז שפּעט באַנאַכט“, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, און אַן אימה האָט אים אַרומגעכאַפּט. פון אַ שמאָלן זאַוואָליקל איז אַרויסגעלאָפן „מינהונט“, און מיט אַ שטילן סקאַוואָטשען איז ער צו צו זיין יונגען באַלעבאָס. רויטקאָפּ האָט אַ פּאָר מאָל אַ גלעט געטאָן דעם געטרייען הונט איבערן ווייכן רוקן און האָט אים באַפוילן גיין צוריק אין שטאַל.

איצט איז סאָשקע געבליבן אַליין. זיין לאַגע איז געווען זייער אַ טרויעריקע. אים איז געבליבן איינס פון דאָס ביידע — אָדער נעכטיקן אין גאַס, אָדער אַנטלאָפן און כאַפּן פון טאַטן אַ פּסק. נאָך אַ ווײַלע באַטראַכטן זיך, האָט סאָשקע ענדלעך זיך באַשטאָסן אַנטלויפן. אָבער אויף זיין ערשטן שטילן קלאַפּ האָט אים קיינער ניט געענטפערט. צום צווייטן מאָל האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיטן אַקסל אָן טיר און געוואָלט נאָכאַמאָל אָנקלאַפּן. אָבער די טיר האָט גאָר אומגעריכט זיך אַ פּראַל־אויף געטאָן, און סאָשקע האָט זיך ווי אַ שרעטעלע אַריינגעקייקלט אין פּאָדהויז. די טיר איז גאָר געווען אָפן. ווי עס שיינט, האָט אַקסיניע אין דער פינסטער ניט ריכטיק פאַרשפּאַרט, און אפשר האָט זי טאַקע בכיוון געלאָזן אָפן צוליב אים.

ווי עס זאָל ניט זיין — רויטקאָפּן איז דאָס גאַנץ גוט צופּאַס געקומען. ער האָט זיך אַריינגעשליכט אין וואַרשטאַט, איז שטיל אַראָפּגעקראָכן אונטערן טיש און זיך איינגעקנוילט אין די זעגלשפּענער.

ער איז געווען מיד פון דעם גאַנצן טאָג האָרעוואַניע און ער וואָלט אוודאי באַלד איינגעשלאָפן — אָבער מיטאַמאָל האָט ער פון דעם אַנדער קאַמער דערהערט אַ שמועס, וואָס האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט. גערעדט האָבן טאַטע־מאַמע, און דווקא וועגן אים. דער אינגל האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינגעהאָרכט.

— דו רעדסט אַזוי — האָט זיך דערטראָגן אַקסיניעס

שטילער קול — ווייל דער אינגל איז ניט אונזערער אָן אייגע־
נער. אָבער הער נאָר וואָס איך זאָג, טאַראַס: עס איז אַ גרויסע
זינד צו קריוודענען אַ יתום... ער האַלט אונז פאַר עלטערן, האָט
אונז האָלט, ווי אמתע עלטערן, און מיר מוזן טאַקע צו אים אויך
זיין, ווי אמתע טאַטע־מאַמע...

— הער־זשע, אַקסיניע — האָט זיך דערקייקלט צו אים
טאַראַסעס באַס — דו מיינסט, אַז איך ווינטש אים שלעכטס?
איך וויל נאָר, אַז ער זאָל ווערן אַ מענטש. לאָמיר אים אָפּגעבן
אין לערע צו איוואַנען, און נאָכדעם וועט ער אונז נאָך זאָגן אַ
דאַנק: אַ שוסטער פאַרדינט זיך שטענדיק אַף זיין שטיקל
ברויט...

— און דו שעמסט זיך גאָרניט אַזוי צו ריידן? דער
אינגל איז דאָך נאָך קיין צען יאָר ניט אַלט, און דו ווילסט אים
שוין שיקן אַף לערע. געוויס, אַז ער וואָלט געווען דיינער אַ
לייבלעכער זון, וואָלסטו דאָס ניט געטאָן...

— אַוודאי וואָלט איך דאָס געטאָן! — האָט טאַראַס איר
יבערגעשלאָגן און אין זיין קול האָט זיך געפילט ערגער — שוין
צוליב דעם, וואָס מיר אַליין האָבן ניט, מיט וואָס דעם טאָג
איבערצוקומען. בעת מיר האָבן אים צוגענומען, האָבן מיר נאָך
קיין אייגענע קינדער ניט געהאַט. און איצט — איצט ווייסט
דאָך אַליין, וויפל מיילער עס זיינען בא אונז פאַראַן...

— זיי ניט קיין שיכור! — האָט אַקסיניע זיך אָנגע־
בייזערט — דעמאָלט וועט פאַר אַלעמען קלעקן... ווער איז דיר
שולדיק, אַז דו אַרבעטסט אַ טאָג און הוליעסט אַ וואָך?

טאַראַס האָט שוין אַף דעם ניט געענטפערט, און דערמיט
האָט זיך דער געשפּרעך פאַרענדיקט. באַלד זיינען מאַן און וויב
איינגעשלאָפן.

רויטקאָפּ האָט שוין אָבער ניט געקאָנט שלאָפן. דאָס, וואָס
ער האָט איצט געהערט, האָט אים צו שטאַרק פאַרחידושט.
קיינמאָל נאָך האָט זיין קאָפּ ניט געאַרבעט אַזוי האַסטיק, ווי
איצט. איינאָנהויב האָט ער נאָך אַפילו ניט באַגריפן, וואָס ס'איז
אייגנטלעך געשען, אָבער נאָכדעם, ווען ער האָט זיך שוין געכאַפּט.

װעגן װאָס דאָ האַנדלט זיך, איז אים געװאָרן זײער שװער צומוט, אַזױ שװער, אַז ער האָט זיך שיִר ניט פֿאַנאַנדער־געװײנט אױפֿן קול.

װי נאָר דער באַגינען האָט זיך גענומען גראָען, איז שױן רױטקאָפּ געװען אױף די פֿיס. אַקסיניע האָט אָקאָרשט געהאַט געעפֿנט די לאָדנס, און טאַראַס האָט זיך געפּאָרעט אױפֿן בױדים מיט די ברעטער. װעראָטשקע און קאַטיע זײַנען נאָך געשלאָפֿן.

— מאַמע, מאַמע! — איז רױטקאָפּ צוגעשטאַנען צו אַקסיניען.

— װאָס װילסטו? — האָט אַקסיניע אומצופֿרידן אָפּגעגעבורטשעט.

— מאַמע, איך בין ניט אײער אײגענער אינגל? — האָט ער געפֿרעגט און אַרײַנגעקוקט אַקסיניען אין פּנים.

די פֿראַגע איז געװען אַזױ אומגעריכט, אַז אַקסיניע איז בכלל צעטומלט געװאָרן און ניט געװאוסט, װאָס צו ענטפֿערן.

— מאַמינקע, טאַקע, איך בין ניט אײערער אַ לײַבלעכער? איאָ?...

— רײד ניט קײן נאַרישקײטן... טראָג זיך אָפּ, איך האָב קײן צײַט ניט — האָט אַקסיניע געענטפֿערט און זיך אָפּגעקערט פֿון אים.

— נײן, מאַמע, איך האָב געהערט אַלץ... איך בין... ניט אײערער... איז װעמענס בין איך דען, מאַמינקע?

פּונקט אַזױ װי באַגינענדיקער טױ האָבן גרױסע קלאָרע טראָפּנס טרערן זיך גענומען פּערלען אױף רױטקאָפּס װײדעס. געװײנט האָט ער נאָך ניט, אָבער װעדליק דער טרײסלדיקער גאָמבעלע און די שטילע טרערן האָט מען געקאָנט זען, אַז דער אינגל װעט זיך באַלד ביטער פֿאַנאַנדערװײנען. אַקסיניע האָט גרױס רחמנות באַקומען אױף אים.

— טראַכט ניט װעגן דעם, מײַן קינד! — האָט זי מילד געזאָגט און אַ גלעט געטאָן מאַשקעס גאָלדיקע קרױזן — אַלע מענטשן זײַנען דאָך לײַבלעכע ברידער...

זי האָט נאָך ניט באַװיזן צו פֿאַרענדיקן, װי דער לאַנגפֿאַרשטיקטער געװײן האָט זיך אַרױסגעריסן. רױטקאָפּ האָט זיך

א וואָרף געטאָן אַפן בײנקל און זיך צעיאָמערט. זײַן גאַנצער גוף האָט זיך געטרייסלט פון געוויין.

אַקסיניע האָט אים גענומען טרייסטן.

— נו, גענוג שוין, נו, הער אויף — האָט זי זיך געבעטן מיט האַרץ — מיר האָבן דיך דאָך ליב... זע, בין איך דען ניט צו דיר, ווי אַן אייגענע מאַמע? דו ביסט דאָך אויסגעוואַקסן בײַ מיר אויף די הענט! נו, גענוג שוין... דו ביסט פאַר מיר דאָס זעלביקע, וואָס וועראָטשקע...

רויטקאָפ האָט אַלץ ניט אויפגעהערט וויינען. ער האָט ניט געהערט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַקסיניע האָט געזאָגט. דערווײַל איז מאַראָס אַרײַנגעקומען.

— וואָס איז שוין פאַר אַ נײַס? — האָט ער אַ געשריי געטאָן, זעענדיק ווי מאַשקע בליפּעט.

מאַראָס איז שטאַרק פאַרחידושט געוואָרן, ווײַל ער האָט רויטקאָפן כּמעט קיינמאָל ניט געזען וויינענדיק. אַקסיניע האָט מיט אַ צייכן באַוויזן דעם מאַן, ער זאָל ניט פרעגן, און יענער איז תּיכּף אַנטשוויגן געוואָרן.

דערווײַל האָט רויטקאָפ זיך ביסלעכווײַז אײַנגעשטילט, און אין אַ שעה אַרום איז ער געזעסן בײַם פענסטער און זיך געטראַכט זײַנע טרויעריקע געדאַנקען.

„וועמענס בין איך?“ — האָט ער זיך כּסדר געפרעגט און האָט קיין ענטפער ניט געפונען. אַדאַנק דער גרויסער איבערלעבעניש איז ער געוואָרן אַן איבערגעביטענער. ער איז געוואָרן ערנסט, פאַרשוויגן און פאַרטראַכט. די אינגלעך, די סעדער, שפּילערײַען, שפּיצלעך — אַלץ איז אים איצט מיטאַמאָל אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. איצט איז ער פאַרנומען געווען מיט אָן אַנדער וויכטיקער פראַגע: „וועמענס איז ער?“

רויטקאָפּ איז אַרויס אין גאַס, ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך איבערן טײַך. קיינמאָל איז ער ניט אַרויס פון שטוב אַזאַ שטילינקער, אַזאַ באַשיידענער. ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. געגאַנגען איז ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך געביסן די נעגל. „מײַנהונט“, וועלכער האָט שוין פון

לאַנג געוואַרט אַף זײַן באַלעבאָס אַרויסקום, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט אַ לוסטיקער סקאַוואַטשערײַ, אָבער טאַשקע האָט תיכּף אײַנגעשטילט דעם הונטס התפּעלות, און איצט האָט דער הונט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, שטיל דרײַענדיק מיטן ווײדל.

דער אינגל איז נאָך אַלץ געווען אונטערן רושם פֿון זײַן צער, און ער האָט זיך געפֿילט זייער שלעכט. פֿון דער גרויסער אופּרעקונג האָט אים דער קאָפּ שטאַרק וויי געטאָן, זײַנע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט, און ער האָט וועגן קיין זאַך ניט געקאָנט טראַכטן. אין גאַס איז ער אַרוים אָן אַ שום פֿאַרלאַנג, אָן אַ שים צוועק. מיט זײַנע חברים האָט ער פּחד געהאַט זיך צו באַגעגענען, ער האָט זיך געשעמט זיי צו קוקן גראַד אין די אויגן, אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איצט איז ער שוין גאָר אַן אַנדערער, און ווי נאָר מען וועט אַ קוק טאָן אַף אים, וועט מען תיכּף דערקענען, אַז דער טאַטע און די מאַמע זײַנען ניט זײַנע אייגענע.

כּדי אויסצומײַדן די באַגעגענישן, האָט טאַשקע זיך אַראָפּגעלאָזן צום טײַך, זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ גרויסן פּלאַטשיקן שטיין אַפֿן ברעג און זיך פֿאַרטראַכט. „מינדהונט” איז אויך צו צום וואַסער, האָט אַ טרונק געטאָן, אַרומגעלעקט מיט דער צונג די נאָז, זיך אָנגעבײזערט אַף דעם אייגענעם שאָטן, וואָס האָט געציטערט אַף דער ליכטיקער אויבערפֿלאַך פֿון טײַך, און זיך צוגעזעצט באַם באַלעבאָס זײַט.

רויטקאָפּ האָט גענומען אויפֿבלעטערן אַלע באַליידיקונגען און פֿאַרדראַסן, וועלכע ער האָט געהאַט אויסצושטיין מצד די עלטערן.

דער טאַטע איז שטענדיק זיך באַגאַנגען מיט אים זייער שלעכט, און בעת ער האָט געשלאָגן, האָט באַקע שטאַרק וויי געטאָן. און דאָס איז אַלץ געווען צוליב דעם, וואָס ער איז ניט געווען קיין לייבלעכער טאַטע. די מאַמע איז שוין אַפילו בעסער, אָבער פֿונדעסטוועגן האָט זי וועראַטשקען ליבער פֿון אים.

און דאָ האָט טאַשקע זיך דערמאָנט, ווי אַנוסטן האָט די

מאמע געטיילט אַ זיסן פּלעדל, און וויעראַטשקען האָט זי אָוועקגעגעבן דעם גרעסטן חלק.

די דאָזיקע ערינערונג האָט אויפגערירט אין רויטקאָפּס האַרץ אַ גאַנצן שטורעם.

„שטענדיק איז זי אַזוי: ווערקען אַלץ, און מיר — גאָרנישט“ — האָט ער מיט ביטערניש געטראַכט, און עס איז אויפגעקומען אין אים אַ גהויסער צאָרן אויף דיעניקע, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר זיינע עלטערן.

— וואָס טוסטו דאָ, סאַשקע? — האָט ער מיטאַמאָל דערהערט איבער זיך אַ שטים.

רויטקאָפּ האָט אַרופגעקוקט און דערזען אויפן ראַנד פונם באַרגרים שטייענדיק זיין גאַסן־חבר וואַסקע דוליע.

— מיר וואַרטן דאָך אויף דיר: שוין צייט צו גיין אין די גערטנער!.. — האָט וואַסקע אַראָפּגעשריען פון אויבן.

— איך גיי ניט... — האָט רויטקאָפּ שטיל געזאָגט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

„אָפּגעשמיסן“! — האָט וואַסקע באַשלאָסן בא זיך און איז אַנטלאָפן.

רויטקאָפּ איז נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן אויפן ברעג און ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דאָס אייגענע. ענדלעך איז ער אַרויף אויפן באַרגרים און איז אַוועק מיט דער טייכגאַס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דער הויזל פון אַגאַפיע דער ניטערקע. זי איז גראָד דעמאָלט אַרויס פון שטוב, האָט אים דערזען, און זי האָט באַלד געמערקט, אַז מיטן אינגל איז עפּעס ניט גלאַטיק.

— וואָס ביסטו עפּעס היינט אַזאַ שטילינקער? — האָט אַגאַפיע אים מיט אַ צאַרטער שטים געפרעגט.

— זאָגט מיר נאָר — האָט רויטקאָפּ אַרופגעקוקט אויף איר מיט פאַרוויינטע אויגן — זאָגט מיר דעם אמת: זיינען מיינע מאַטע־מאַמע ניט מיינע אייגענע?

אין סאַשקעס שטים האָבן זיך געהערט טרערן.

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? — איז אַגאַפיע אַ פאַרציטערטע געוואָרן.

— איך האָב געהערט, ווי טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט... מ'וויל מיך אָפּגעבן צו אַ שוסטער. איך בין זיי אַ פּרעמדער... זאָגט מיר, שיערינקע, וועמענס בין איך? איך האָב טאַקע ניט קיין אייגענע מאַמען?... בין איך אַ יתום, אַזוי ווי דוניע?

בײַ די לעצטע ווערטער האָט דעם אינגל'ס שטים זיך אָפּגעריסן, און ער האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט.

— וויין ניט, וויין ניט... — האָט אַגאַפיע אים געטרייסט — דו ביסט דאָך אַ קלוגער אינגל... נו, הער שוין אויף! וואָס איז דען דאָ צו וויינען?

— זיי זיינען טאַקע ניט מיינע לייבלעכע? — האָט סאַשקע אַליין געפרעגט מיט אַ פאַרוויינטן קול.

— נו, וואָס איז, אַז זיי זיינען ניט קיין אייגענע?... זיי ליבן דיך דאָך...

— ניין, זיי ליבן ניט...—האָט רויטקאָפּ אויסגעשריען — ווערקען ליבן זיי... מיך וויל מען גאָר אָוועקגעבן צו אַ שוסטער... איך בין קיינעמס ניט.

— גענוג דיר שוין! בײַ אייגענע מאַמעס לעבן קינדער אויך ניט בעסער... און וואָלט דיר דען דיין מאַמע געקאָנט אויפהאָדעווען?

— וואָס פאַרא מאַמע? — האָט רויטקאָפּ זיך אָנגעכאַפּט.

— דיינע.

— און וואו איז זי דען?...

רויטקאָפּ האָט אויפגעהערט וויינען און איז געוואָרן הוילע וואַרטעניש. אַגאַפיע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט זיך פאַררעדט, אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט. סאַשקע האָט אָן אויפהער געשאָטן מיט פראַגעס און האָט געפאָדערט, זי זאָל אים ענטפערן. אַגאַפיע האָט אים געמוזט דערציילן, ווי מיט צען יאָר צוריק האָט אַקסיניע געפונען בײַם שטאַל ליגנדיק אַ פרוי, ווי זי איז געשטאָרבן, ווי זי, אַגאַפיע, האָט דעם קינד פון דער אומבאַקאַנטער געשטילט מיט איר ברוסט, און ווי די וואַזוליעס האָבן אים נאָכדעם גענומען צו זיך אַף האָדעוואַניע.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם רושם, וואָס אַגאַפּיעס רייד האָבן געמאַכט אַף רויטקאָפן. כל־זמן זי האָט גערעדט, האָט ער זיך צוגעהערט מיט דער שאַרפסטער אויפמערקזאַמקייט, און ווען זי האָט פאַרענדיקט, האָט ער איר פאַרוואָרפן מיט פראַגן. ער האָט אַלץ געוואָלט וויסן: ווי איז זיין מאַמע געווען? ווי איז ער אַליין דעמאָלט געווען? אין וועלכן אָרט איז זיין מאַמע געשטאָרבן און וואו מען האָט איר מקבר געווען?

זיך דערוויסנדיק אַלצדינג, האָט רויטקאָפּ אין גרויס איילעניש זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים. אין שטוב האָט ער אפילו ניט אַריינגעשטעקט, נאָר ער איז אַוועק צום שטאַל און האָט לאַנג באַקוקט די שטיקל ערד, וואו ס׳איז, לויט זיין מיינונג, געשטאָרבן זיין מאַמע. ער האָט לאַנג געקוקט שווייגעדיק, נאָכדעם האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אַף די קניען און געמורמלט: „מאַמע.. טייערע, ליבע מאַמינקע...” און ער האָט געקושט די ערד. שפּעטער איז ער אַריין אין שטאַל, זיך פאַרקליבן אין ווייטסטן ווינקל, און זיך דאָרטן איבערגעגעבן זיין טרויער.

רויטקאָפּ האָט אַ לאַנגע צייט ביטער געוויינט, האָט זיך געמיט אַרויסצורופן פאַר זיינע אויגן די געשטאַלט פון זיין ליפּ־לעכער, פון זיין אומבאַקאַנטער מאַמען, און ענדלעך איז ער איינגעשלאָפן, אַן אויסגעמאַטערטער און אַ פאַרחלשטער, ליגנדיק זייט בײַ זייט מיט זיין בעסטן און איינציקן פריינט, מיט „מיינ־הונט”.

דאָס אַנטלויפן.

צוויי וואָכן זיינען אַוועק. באַלאַנגזאַם האָט רויטקאָפּ שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן אָן זיינע צרות. ער האָט זיך גענומען פונ־דאָסניי טרעפן מיט די חברים, אַרומלויפן איבער די גאַסן און זיך אַריינקלייבן אין פרעמדע גאָרטנס. וועגן זיין אָפּשטאַם האָט ער מיט קיינעם ניט גערעדט. דער איינציקער מענטש, פאַר וועמען רויטקאָפּ האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ, איז געווען דוניע. באַלד אַף מאָרגן נאָכן געשפּרעך מיט אַגאַפּיען איז ער אַוועק צו דער מיידעלע און האָט איר דערציילט וועגן זיין אומגליק.

— איצט בין איך אַ יתום... — האָט ער ביטער געווינט.

די מיידל האָט ניט אַראָפּגענומען פון איר באַשיצער די צעשראָקענע און פאַרחידושטע אויגן. ערשטנס, האָט זי קיינמאָל ניט געזען רויטקאָפּן אַ וויינעדיקן, און צווייטנס האָט זי בשום אופן ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי זיינען דאָס זיין טאַטע־מאַמע אים ניט קיין אייגענע.

— זע, דוניע, זאָלסט זיך נאָר פאַר קיינעם ניט אויסריידן, אניט וועלן די אינגלעך זיך אָנהויבן רייצן מיט מיר... — האָט רויטקאָפּ געזאָגט פאַרן אַוועקגיין.

און נאָכדעם, ווי ער האָט צוויי טעג בסדר געוויינט, איז אים געוואָרן לייכטער, און ער האָט גאָר אַליין ניט באַמערקט, ווי ער איז ווייטער געוואָרן דער פריערדיקער שטיפער. פונדאָסניי האָבן זיך אָנגעהויבן די אָנטופיקע באַדעניש אין מייך, די אייביקע אַרומלויפעניש מיט „מיינהוגט" און מיט דער גאַנצער חברה קונדסים; ס'האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן אַ סדרה גניבות פון פרעמדע סעדער — אָבער מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ איבערגעריסן, און מיט סאַשקען איז זיך פאַרלאָפן אַ נייער אומגליק.

געקומען איז דאָס גאָר אומגעריכט. איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט ער זיך צעשלאָגן מיט זיינע חברים און געקומען צולויפן אַהיים זייער אַרומוואַשן, אין שטוב האָט אין יענער צייט אַקסיניע געמאַכט אַש און שטויב פון טאַראַסן דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרשיכּורט דעם לעצטן פּערטעלע, וועלכן זי האָט געהאַט צוגעגרייט אָף צו קויפן מעל. טאַראַס און זיין פריינט איוואַן זיינען געזעסן אָפן באַנק שטאַרק פאַרכמורעט, און זיך איינגעהערט מיט קאָפּ אין אַקסיניעס מוסר־זאָגן. הינטערן אויוון איז מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם געזעסן ווערעמשקע, און אַקסיניעס קול האָט געהילכט איבער דער גאַנצער שטוב און זיך נאָך אָפּטמאָל אַרויסגעטראָגן אין גאַס דורך דער האַלבגעעפנטער טיר: זי האָט געוואָלט פאַרלייכטערן איר שווערע האַרץ און זי האָט ניט געקאַרגט קיין ביטערע רייד. טאַראַס האָט געוואוסט, אַז בעת זיין וויב רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן, איז איר שווער אָפּצוהאַלטן, און דעריבער האָט ער

הכנעהדיק און שטיל זיך איינגעהערט און האט נאר פון צייט צו צייט געוואָרפן אָפן פריינט אומעטיקע בליקן, ווי איינער פרעגט „הערסט?" יענער האט אים יעדן מאָל אָפּגעענטפערט מיט א שטילן זיפץ, ווי זאָגנדיק: „יאָ, יאָ, איך הער גבעבך".

און אין אָטדער בייזער רגע האָט רויטקאָפּ זיך אַריינגעלאָזן. ס'איז געווען אַ שרעק אים אָנצוקוקן. זיין גראָע העמדל איז געווען צעריסן אָף שטיקלעך, דער פנים — צעדראַפּעט, און פון דער צעקלאַפּטער נאָז האָט זיך געגאָסן בלוט.

— ווער האָט דיר דאָס אַזוי צעמזיקט? — האָט אַקסיניע אַ געשריי געטאָן, אים דערזעענדיק.

רויטקאָפּ האָט געשוויגן. אים האָט געקאָסט אַסך געזונט זיך איינצוהאַלטן און נישט פֿאַנאַנדערוויינען זיך.

— איכ'ל שוין אַרויסבאַקומען פון אים, מיט וועמען ער האָט געהאַלטן מלחמה — האָט טאַראַס זיך אַ הויב געטאָן פון באַנק

אין האַרצן האָט זאַוליע ניט געטראָגן איצט קיין שום כעס אָפן אינגל. פאַרקערט, ער האָט זיך דערפרייט מיט אים, ווייל זיין אָנקום האָט אַ סוף געמאַכט צו אַקסיניעס דרשות. פונדעסטוועגן האָט ער אָבער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו כאַפּן די שטאַנגמאַס און צו מאַכן אַזאַ בייזן פנים, אַז וועראָנשקע האָט, ליגנדיק הינטערן אויוון, זיך גענומען טרייסלען.

זאָלסט שוין זאָגן, וואו דו ביסט געווען! — חאָט טאַראַס אַ ברום געטאָן, זיך דערנעענטערנדיק צו סאַשקען.

דער אינגל איז אַ פאַרציטערטער געוואָרן.

— וואו ביסטו געווען, פרעג איך דיר? — האָט זאַוליע אַ גלאָץ געטאָן מיט די אויגן.

— אין גאַס... — האָט רויטקאָפּ שטיל געענטפערט.

— וואו זאָגסטו?

— אין גאַס.

— אין גאַס? און ווער האָט דיר צעקלאַפּט די נאָז?

— מיטקע און כאַרלאַמפּי.

— פאַרוואָס?

— כ'ווייס ניט...

— טאָקע דו ווייסט ניט?

רויטקאָפּ האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשוויגן.

— איוואַן — האָט טאַראַס זיך גענומען בעטן בײַ דעם שוסטער — זײַ מיר אַ גוטער פֿרײַנט און נעם צו פֿון מיר דעם סיבירניק! מאַך אים פֿאַר אַ מענטשן, איכ'ל דיר זאָגן אַ דאַנק.

אין זאַווליעס קול האָבן זיך געהערט תחנונים, און איוואַ האָט תּיכּף מסכּים געווען צו דערפֿילן זײַן בקשה.

אַף מאָרגן איז שוין רויטקאָפּ, אַן אַרומגעוואַשענער און אַן אָנגעטאָנענער אין אַ נײַער העמדל, געזעסן אין איוואַנס שטוב אַף אַ נידעריקן בײַנקעלע און האָט זיך איבערגעגעבן זײַנע טרויעריקע געדאַנקען. די אָנבײַסנצײַט איז שוין לאַנג פֿאַרבײַ, אָבער רויטקאָפּ האָט נאָך גאָרנישט געהאַט אין מויל. אין דעם שוסטערס שטיבל איז, אַחוץ סאַשקען, ניט געווען קיין איין לעבעדיקער נפֿש. איוואַן האָט געבראַכט צופֿירן דעם אינגל, האָט געזאָגט דער ווײַב: „נאַ דיר, קאַטערינע, אַ געהילף“, און איז אַוועק אײַנקויפֿן סחורה.

— אַ גוטער געהילף, אַזאַ יאָר אַף אים! — מיט די ווערטער האָט קאַטערינע אויפֿגענומען סאַשקען, בעת זי האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן צעדראַפּעטן פּנים. זי האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געפּאָרעט באַם אויוועלע און איז אויך באַלד אַוועק.

רויטקאָפּ איז געבליבן אַליין. פֿון מינוט צו מינוט איז אים אַלץ שווערער געוואָרן אַפֿן האַרצן. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן. קיין גרויס נחת האָט אים די שוסטערשטיבל ניט פֿאַרשאַפֿט. דער באַרג מכשירים אַפֿן נידעריקן טישל, די רעשטלעך לעדער, דאָס קליינע פֿענסטערל און די פֿאַרשטיקטע לופֿט — פֿון דעם אַלעמען האָט ער זיך דערפֿילט שטאַרק דערשלאָגן, און ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן פֿון דאַנען. וואוהין — דאָס האָט ער נאָך אַליין ניט געוווּסט. איין זאַך איז אים נאָר געווען קלאָר, אַז אַהיים טאָר ער זיך שוין מער ניט צוריקקערן.

„איצט בין איך גאָר אַלעמען אַ פֿרעמדער, און דאָ האָב איך מער נישט וואָס צו טאָן“ — האָט ער זיך געטראַכט.

סאַשקע איז צו צו דער טירל, וואָס האָט געפֿירט אינ-

דרויסן, האָט איר פּאַמעלעך געעפֿנט, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, און זעענדיק, אַז קאַטערינע איז דערבײַ ניטאָ, איז ער אַפּגיך אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטיבל.

ער איז געלאָפֿן, פּונקט ווי רוחות וואָלטן אים געטראָגן. די שרעק האָט אים צוגעגעבן דרייסטקייט און אימפּעט. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז גאַנץ שטאָט יאָגט זיך נאָך אים, און אַז מען וועט אים תּיכּף כאַפּן און פֿאַרשמייסן אַף טויט. באַם אויסמאָלן זיך דעם בילד האָט ער געפֿילט, ווי דאָס האַרץ פֿאַלט אים אַרויס, און ער איז געלאָפֿן אַלץ פֿלינקער. אַפּלויפֿנדיק אַ היפּשן מהלך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך איבערצייגט, אַז קיינער יאָגט זיך ניט נאָך אים, און דעמאָלט ערשט האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. פֿון גיכן לויפֿן האָט אים גענומען שטעכן אין אַ זייט, און שווייס האָט זיך פֿון אים געגאָסן, ער איז אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלינקע, האָט מיט דער פּאָלע אויסגעווישט דעם שווייסיקן פּנים און האָט זיך ווײַטער געלאָזט גיין.

איצט האָט שוין סאַשקע דערשפּירט הונגער און מידקייט, און ער האָט קוים געפּלאָנטערט מיט די פֿיס. דערווײַל האָט שוין דער טאָג אָנגעהויבן צאַנקען. אין דער לופֿטן האָט זיך פֿאַנאַנ־דערגעטראָגן אַ קילבלעכקייט. אין דער טיפֿער, קלאָרער בלאָקייט פֿונעם הימל האָבן מיט אַ לוסטיקער צוויטשערײַ זיך געקוליעט פֿוי־געלעך. די זון, פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט מיט לײַכטינקע, צונ־טערדויטע וואָלקנדלעך, האָט זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן צו מעריב צו. און גאָר אינגיכן האָט שוין דער פֿלאַם פֿון שקיעה פֿאַרצויגן דעם גאַנצן האָריזאָנט מיט אַ ברייטער הילע.

סאַשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ ווײַלע זיך געקווייקלט. לינקס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ריי נידעריקע פּלויטן פֿון הינ־טערשטאָטישע סעדער, רעכטס האָט זיך געזילבערט די דרעמלדי־קע אויבערפֿליאַך פֿון טײַך, און פֿאָרויס האָט ווי אַ ברייטע, טונ־קעלע סטענגע זיך אויסגעלייגט דער לאַנדוועג. דעם אינגל איז גוט באַקאַנט געווען די געגנט. פֿונדאַנען האָט ער שטענדיק געמאַכט זײַנע אָנפֿאַלן אַף די גערטנער, אַהער איז ער געלאָפֿן זיך באָדן, דאָ האָט ער געגראָבן לײַם פֿאַר דער מאַמען. אָט שטייט ער

טאַקע איצט אויך ניט ווייט פון אַ לײמגרוב, וואָס ער האָט פאַר חגא צוזאַמען מיט דוניען אויסגעגראָבן, אָבער איצט ליגן אים ניט אין קאָפּ ניט קיין סעדער און ניט קיין לײמגרובן. מיט פאַרטרערטע בליקן קוקט ער אַפן טײַך, איבער וועלכן עס שפּילט שוין מיט בלערלײַ פאַרבן דער אָפּשײַן פונם אונטערוויט. ס'איז אים אומעטיק און אימהדיק צומוט.

אָט איז שוין די זון אויך אונטערגעגאַנגען, און דער הימל האָט זיך פאַרטונקלט. דער אָוונט קומט אָן. פון רגע צו רגע ווערט עס שטילער, עס שטאַרבן פאַמעלעך אָפּ די טומלדיקע קלאַנגען פון טאָג, און זײער אָרט פאַרנעמען די סודותדיקע פליסטערן פון דער זומערנאַכט. פון דער בלאָער טיפעניש פונם הימל האָבן זיך שוין אַ שאָט געטאָן שטערנס אָן אַ צאָל. אין דער אַרומיקער שטילקײט הערט מען בולט דעם קלענסטן שאָרך, דעם מינדסטן קלאַנג. דער טײַך דרעמלט. פון צײַט צו צײַט טוט זיך אַ פּליאָשק אַ פישל, טוט אַ גלאַנץ מיט זילבערנע שופּן, און אויף דער איבערפליאַך באַווײַזן זיך קרײַזן, אַזוי ווי שטאָלענע רײַפן, שפּרײטן זיך צום ברעג, און קומען אום אַפן האַלבן וועג. דאָ גאָר נאָענט האָט אין דער לופטן אַ פּאַך געטאָן מיט די פליגלען אַ פלעדערמויז, און פון ערגעץ דערטראָגט זיך דער אָפּקלאַנג פון אַ פערדיש הירזשן... רוויטקאָפּ האָרכט זיך אײַן מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ אין די קלאַנגען, און אַ משונהדיקע שרעק כאַפּט אים אַרום.

— גלײַכשטײַן! — האָט גאָר אומגעריכט זיך דערהערט עמיצנס הײַזעריקער קול אין דער אַרומיקער טויטער שטילקײט.

סאַשקע האָט אויפגעציטערט פון אומדערוואַרטקײט און ער האָט זיך אַפגיך אומגעקוקט. גאָר דערבײַ איז אויף אַ פּלאַטשיקן שטײן געזעסן אַנדריי דער זעלנער. דער אַלטער איז, ווי געוויינטלעך, געווען שיכורלעך, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער באַלד אַפן אָרט דערקענט דעם קונדס, מיט וועלכן ער האָט שוין פון לאַנג געשלאָסן אַ שלום.

— גלײַכשטײַן! — האָט דער זעלנער נאָכאַמאָל אַ געשרײַ געטאָן.

אָבער סאַשקע האָט גאָר ניט געטראַכט וועגן שמועלן זיך אין פרונט: דער קאָפּ איז אים ניט געווען דערבײַ: פאַרן אָנהענגטיקן זעלנער

איז דאָס געווען אַ חידוש. ער האָט פאַררוּכערט זיין ליולקע און באַלויכטן מיט דער אָנגעצונדענער שוועבעלע דעם אינגלס פּנים.

— אַהאַ, ברודערקע, דו ביסט דאָך גאָר פאַרוואונדעט! — האָט דער אינוואַליד אויסגערופן, דערזעענדיק דעם צעקראַצטן פּנים — מיט וועמען האָסטו דאָס מלחמה געהאַלטן?

— מיט די אינגלעך אויפן ברעג — האָט רוטקאָפּ געענטפערט מיט שטאָלץ.

— דער שונא איז געווען שטאַרק? — האָט דער אַלטער ווייטער אויסגעפרעגט.

— און נאָך אַ מין שטאַרק!

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך אַ יאַט, צו אַלדי רוחות! וועסט זיין אַ העלדישער זעלנער!.. און וואָס פאַר פּאָזיציע האָסטו זיך אויסגעקליבן?

אויף דער פראַגע האָט סאַשקע ניט געענטפערט, ווייל ער האָט איר פּשוט ניט פאַרשטאַנען.

— יאָ, ברודערקע — האָט דער אַלטער גענומען ריידן נאָך אַ קורצן שטילשווייגן — מלחמה — דאָס איז אַ גרויסע זאַך... אָט לאָמיר, למשל, נעמען דעם סעוואַסטאָפּאָלער קריג: אַזאַ מלחמה איז ניט געווען און ס'וועט אויך ניט זיין, ווייל דער איצטיקער זעלנער איז שוין גאָר אַן אַנדערער... ניטאָ מער קיין העלדן, יאָ...

— זאָג מיר, פעטערל, ס'איז ניט קיין פּחד צו גיין אויף מלחמה?

דער קאַליקע האָט אויפגעהויבן זיין היטל פון דער ערד, אָנגעטאָן אויף זיין פליכטעוואַטן קאָפּ, און זיך אַ הויב טוענדיק פון זיין אָרט, האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט:

— ווייבער האָבן פּחד, אָבער ניט קיין זעלנער.

— פעטערל, איך גיי מיט אייך.

— וואוהין גייסטו, אַהיים?

סאַשקע האָט געשוויגן, זיך ניט דערוועגט אויסצוזאָגן דעם אמת. און מיטאַמאָל האָט ער מיט זיין שאַרפן בליק דערזען פונווייטן, ווי אויפן וועג גייען טאַראַס און איוואַן. זיי זיינען געגאַנ־

נען פון שטאָט. דער דערשראָקענער אינגל האָט תיכּף אַ שפּרונג געטאָן אין גרוב בּאַ דער זייט פון וועג.

— אַ זעלנער, בּרודערקע, שרעקט זיך ניט פאַרן קריג— האָט דער קאַליקע ווייטער גערעדט, ניט מערקנדיק, ווי זיין מיט־ריידער איז פאַרשוואונדן—עס טרעפט זיך אַפילו אַז דער שונא איז שטאַרק, נאָר מיטן רוסישן זעלנער קאָן ער זיך דאָך ניט פאַרמעסטן. אָבער דו בּיסט נאָך אַ סמאַרקאַטש און האָסט ניט קיין ידיעה אין אַזעלכע זאַכן...

און מיט די ווערטער האָט אַנדריי זיך אָנגעשטויסן אָן טאַראַסן און איוואַנען, וועלכע זיינען געגאַנגען אין קרעטשמע, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

די בּיידע פריינט זיינען געגאַנגען אין דעם שיינק שטענדיק. ווען זיי האָבּן זיך געוואָלט אויסבּאַהאַלטן פון די זלידנע ווייבער,

— מיט וואָס פאַרא רוח שמועסטו זיך דאָס דורך ? —. האָט טאַראַס מיט אַ געלעכטער געפרעגט אַנדרייען.

— ניט מיט אַ רוח שמועס איך, נאָר מיט דיין בּחורעץ

זאַוזוליע מיט איוואַנען האָבּן זיך דורכגעוואונקען, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „יאָ, דער אַלטער האָט שוין געמאַכט די ריכטיקע כּוסה, אַז ער האָקט אַזוי אַ טשאַיניק" און זיי האָבּן בּיידע אַרויס־געשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— וואָס הירזשעט איר ? — האָט אַנדריי זיך אָנגעבּיי־זערט. אין דער רגע האָט ער זיך אַרומגעקוקט, און דערזעענדיק, אַז רויטקאָפּ איז ניטאָ בּאַ זיין זייט, האָט ער צעטומלט אָנגעקוקט איוואַנען, נאָכדעם טאַראַסן, און געזאָגט שטיל און נעבּעכדיק:

— אָקאָרשט איז ער דאָך דאָ געגאַנגען מיט מיר — ווי איר זעט מיך אַ לעבּעדיקן...

— ווער איז געגאַנגען ? — האָט טאַראַס געפרעגט.

— אָט סאַשקע דיינער.

— סאַשקע ?! — האָט טאַראַס אויסגערופן און זיך אי־בּערגעקוקט מיט זיין פריינט.

אָבּער יענער האָט אים גאָרנישט געקאָנט זאָגן אָף דעם,

ווײל ער איז אַ גאַנצן טאָג ניט געווען אינדערהײם און ער האָט ניט געוואוּסט וועגן דעם אײנגלס װיברח.

— אפשר האָסט געשמ״עסט ניט מיט סאַשקען, נאָר מיטן טרונק בראָנפן ? — האָט טאַראַס אים געפרעגט האַלב אין וויץ, האַלב אין ערנסט.

דעם אַלטן האָט דידאָזיקע פראַגע שטאַרק באַליידיקט. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט נאָר אַ שפּײ געטאָן מיט האַרץ און איז זיך ווײטער געגאַנגען זײן וועג. די בײדע פרײנט האָבן אים נאָכגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, און זײנען אויך אַוועק ווײטער.

און רויטקאָפּ איז געלעגן אין גרוב, און האָט, אײנהאַלטנדיק דעם אָטעם, זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אויבן. די גרוב איז געווען גאָר אַ גרויסע, פריער פלעגן דאָ די פּויערים נעמען ליים פאַר זײערע בנינים, אָבער נאָכדעם, ווי זי איז טיף אויסגעגראָבן געוואָרן, און נאָכן רעגן האָט זי אָנגעהויבן זיך אָפּצוּוויקן אין אַנדערע ע׳טער און אָפּצולאָזן, איז מען מער אַהין שוין ניט געגאַנגען, ווײל מען האָט זיך געשראָקן פאַרשאָטי צו ווערן. אַלע זײנען אַריבער גראָבן אין אַנדערע ערטער, נאָר אײן רויטקאָפּ האָט די גרוב ניט פאַרלאָזן, ער איז אָפט אַרײנגעדרונגען טיף אין דער אויסגעגראָבענער הײל און האָט דאָרטן אויסבאַהאַלטן קנעפּלעך, העקלעך און אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט געוואוּנען בײַ די חברים אין שפּיל:

זיך פאַרקליבן גאָר טיף אין גרוב, איז סאַשקע אַזוי אָפּגעלעגן אַ פערטל שעה, ציטערנדיק זיך אַ ריר צו טאָן, די קעלט און פײכטקײט האָבן אים אָבער דורכגענומען, און ער איז אַרויף אַף דעם העכערן אָפּטײל, וואו ס׳איז געווען טרוקענער און וואַרימער. דאָ האָט ער באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן, ביז דער טאַטע און איוואַן וועלן צוריק זיך אומקערן, און נאָכדעם... נאָכדעם האָט ער אַלײן ניט געוואוּסט, וואוהין ער וועט גײן. דערווײל האָט ער צוזאַמענגעשאַרט אַ קופּקעלע זאַמד און לײם, האָט דאָס פאַרדעקט מיט זײן היטל און זיך צוגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אַף דעם קישעלע.

אַ לאַנגע צײט איז סאַשקע אַזוי געלעגן מיט אָפענע אויגן,

האָט זיך צוגעהאָרכט צו יעדן שאָרך. ביז עפּעס אַ שאָטן האָט אַ שווינדל געטאָן איבער דער גרוב, און אַ בילן האָט צעשמעטערט די נאַכט־שטילקייט. ראָטקאָפּ האָט תיכּף דערקענט זיין געטרייעם „מיינהונט“, וועלכער האָט אַוודאי אַ גאַנצן טאָג אַרומגעזוכט זיין באַלעבאָס.

— מיינהונטל, מיין טייערער, ליבינקער!... — האָט ער געגומען שעפּטשן מיט גרויס פרייד, גאָרניט ווי סנדיק, ווי אויפצונעמען דעם טייערן גאַסט.

„מיינהונט“ האָט מיט אַ הויכן בילן געענטפערט אָפן באַלעבאָס געגרום און האָט ענערגיש געדרייט מיטן ווידל.

— מיין פריינט — האָט רויטקאָפּ זיך געגומען קלאָגן— איך בין הונגעריק, מיר איז קאַלט...

דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן אָפן ראַנד גרוב און האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן בילן. דער אינגל איז געוואָרן אומרויִק, ווייל ער האָט זיך באַרעכנט, אַז אַזאַ מין בילן קאָן צוציען אַהער די פאַרביִיגייער.

— שטיל, מיינהונטקעלע, שטיל, שטיל — האָט ער געגומען איינשטילן דעם הונט. פריער מילד, אָבער נאָכדעם שוין שטרענגער.

דער הונט האָט פאַרשטאַנען, ווען וואָס דאָ האַנדלט זיך, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויפגעהויבן זיין שנוק, האָט זיך פאַרקוקט אָף דער לבנה און האָט זיך אַזוי יאָמערלעך צעסקאַוואוטשעט, אַז די יעניקע, וואָס האָבן געהערט אָטדעם קאָנצערט, האָבן גענומען שעפּטשן תפילות, ווייל זיי זיינען זיכער געווען, אַז דער הונט באַקלאָגט אַ מת.

רויטקאָפּ האָט געפּרובט איינשטילן „מיינהונטן“ מיט גוטן און מיט בייזן, אָבער ס'האָט אים ניט געהאָלפן. דער הונט האָט אַזוי לאַנג געיאָמערט, ביז דער אויסגעמאַטערטער, פאַרהונגערטער הימלאָזער איז ענדלעך איינגעשלאָפן אונטער די קלאַנגען פון דעם הינטישן וויגליד,

די ערשטע, וואָס האָט געמערקט סאַשקעס אַנטלויפן, איז געווען קאַטערינע. ווען זי איז געקומען אַהיים, און דערזען, אַז דער „געהילף" איז ניטאָ, האָט זי קאַלטבלוטיק, ווי שטענדיק זיך איינגעבויגן מיט איר מאָגערער, דראַנגיקער געשטאַלט, אַ קוק געטאָן אונטערן בעט, און זעענדיק, אַז דאָרטן האָט ער זיך ניט פאַרקראָכן, האָט זי זיך ווייטער גענומען צו איר שטיבערבעט. ערשט צו איינט צו האָט זי זיך דערמאָנט אָן אַ צווייטן אַנטלאָפענעם. נאָך אַ וויכטיקערן פון דעם געהילף, אָן איר מאַן, וועלכער איז אַוועק נאָך סחורה און זיך פאַרגעסן צוריקצוקומען.

— אַ רוח אין דיינע ביינער אַריין, דו שיכּורניק! — האָט זי אונטער די אויגן אויסגעזידלט דעם מאַן און איז אַוועק צו זאַזוליען, וואו זי האָט געהאָפט אים צו געפינען. וועגן רויטקאָפּן האָט זי בכלל פאַרגעסן.

אַ מאָדנע גויע איז געווען אָטדי קאַטערינע. מאָגער, ווי אַ סקעלעט, מיט לאַנגע, ביינערדיקע הענט און פיס. אַף אַלעמען האָט זי אַרופגעוואָרפן אַן אומעט אויף אַ שרעק. זי האָט געמעגט אַריין אין דער לוסטיקסטער קאַמפּאַניע, איז דאָרטן מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן, פּונקט ווי מען וואָלט אַריינגעטראָגן אַ מת. איוואַן האָט ניט געהאַט פאַר איר קיין אַנדער נאָמען, ווי „כאָליערע", אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געציטערט פאַר איר קוק.

— אַ גוטנאָוונט! — האָט קאַטערינע געזאָגט מיט אַ פאַרשלאָפענעם קול, אַריינקומענדיק אין זאַזוליעס שטוב,

— אַ גוטנאָוונט — האָט אַקסיניע אָפּגעענטפערט, זיך פאָענדיק הינטערן אויוון.

— כ'בין געקומען צו אייך — האָט קאַטערינע געזאָגט זיך שטעלנדיק אין טיר — איז דאָ אַמאָל ניטאָ מיין הולטאַי?

— ער איז געווען בא אונז צוויי מאָל און האָט מיינעס ערגעץ פאַרשלעפּט — האָט אַקסיניע געענטפערט און איז אַרויס אינמיטן קאַמער — נו, וואָס הערט זיך מיט מיין סאַשקען? ווינט ער עפּעס בא אייך?

— סאַשקע? ער איז בא אונז ניטאָ.

— ווי אַזוי נימאָ? איוואַן האָט אים דאָך גענומען אַף אויסצולערנען און אים אוועקגעפירט צו זיך.

— נו, וואָס אַז ער האָט אים אַוועקגעפירט? אַז יענער האָט געמאַכט פּיס. ווי נאָר איך בין אַרויס פון שטוב, האָט ער אַפּגעצויגן.

— איז וואו־זשע איז ער? — איז אַקסיניע געוואָרן אומ־רואיק — דער אינגל האָט אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן. זיי האָבן איינגעשראָקן דאָס קינד...

אַקסיניע האָט נאָך ניט פאַרענדיקט ריידן, ווי אין שטוב איז אַריין טאַראַס, און נאָך אים האָט פּאַזע וואַנט זיך געשלעפּט איוואַן.

— נו. ווייבל, מאַך פייער! — האָט טאַראַס געפּילדערט, און האָט צוגעגעבן צו איוואַנען: — קריך, קריך, פריינטל, האָב קיין פּחד ניט: דיין קאַטערינע איז דאָ נימאָ.

אָבער ווי נאָר ער האָט דאָס געזאָגט, האָט די לאַנגע ביינערדיקע קאַטערינע זיך אָפּגעטיילט פון דער וואַנט און זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן מאַן. טאַראַס איז געוואָרן אויסער זיך פון גרויס חידוש און ער האָט פאַנאַנדערגעפירט מיט די הענט. דערוויל איז אַקסיניע אויך געקומען צום וואָרט, זי האָט גענומען קלאָגן אַפן קול און האָט אָפּגעשאָטן דעם מאַן מיט די ערגסטע פאַרוואַרפן.

— דו הורג־נפש איינער! — האָט זי געוויינט און גע־יאָמערט — דו האָסט מיך אומגעבראַכט און דו נייסט אַ טאָר־בע פאַר דיין גאַנצער משפּחה... אונזער אופּצילינג האָסט פאַר־טריבן פון דער וועלט... זאָג, טאַטער איינער, וואו איז סאַשקע? וואו איז סאַשקע, דו שיכורער גזלן?... — איז זי צוגעשטאַנען צו אים.

טאַראַס איז געשטאַנען אַ פאַרכמורעטער און האָט געוואַרט אַז זיין ווייב זאָל זיך אָפּעטעמען און ער וועט שוין קאָנען אַריינ־שטעלן אַ ווערטל. אָבער אַקסיניע האָט ניט גערוט, און איר פּיסק איז געגאַנגען ווי אַף שרויפן. קאַטערינע האָט אויך אָן אויפהער געשריען. ס'האָט אויסגעזען, ווי די ביידע ווייבער

וואָלטן זיך געוואָטן, ווער ווען ס'וועט אריבערשרייען. פון אזא מין ליבהאַרציקן ברוך־הבא האָט בא איוואַנען און טאַראַסן אָנגעהויבן זיך אויסוועבן די שיברות פון קאָפּ. ביידע גרויסע און אומגעלומפּערטע, זיינען זיי איצט געשטאַנען, ווי די פאַרמישפּעטע, און האָבן נאָר געוואַרט אָף אַ געלעגנהייט צו אַנטרינען פון שטוב.

— שטילער, וייבער, שטילער, זאָג איך אייך! — האָט טאַראַס פּלוצים אָנגעשריען אָף די וייבער און האָט זיך גענומען צוהערן צו עפּעס.

די וייבער זיינען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, און אין שטיבל איז געוואָרן שטיל.

אונטערן פענסטער האָט „מיינהונט“ אָנגעהויבן יאָמערן. דער הונט האָט איינגעשלעפערט זיין יונגען באַלעבאָס און איז איצט געקומען אהער סקאַוואָטשען.

ס'איז אונמעגלעך איבערצוגעבן דעם רושם, וואָס דעם הונטס יאָמערן האָט ארויסגערופן אין שטוב; וועגן די וייבער איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן — אפילו די מענער האָבן אויך צו דריי מאָל אויסגעשפּיען.

— אָט צו וואָס איר האָט דערפירט מיט אייער שרייען!

— האָט טאַראַס געזאָגט צו אָקסיניען און צו איוואַנס וייב — איר האָט געשריען אזוי לאַנג, ביז דער הונט האָט אָנגעהויבן יאָמערן...

אין לייטגרוב.

אָף מאָרגן גאָר באַגינען האָט רויטקאָפּן אופגעוועקט דער־זעלביקער „מיינהונט“, וועלכער האָט, ווי עס שיינט, בשום אופן ניט געקאָנט באַגרייפן די משונהדיקייט פון דעם נייעם מצב. דער געטרייער הונט האָט שוין געזען זיין יונגען באַלעבאָס אין בלערליי לאַגעס. ניט איינמאָל האָט ער אים געזען ליגנדיק אָפן וואַרשטאַט און אריינכאַפּנדיק שמיץ פונם טאַטן, אָדער זיצנדיק אָף בוימער און גנבענדיק עפּל און קאַרשן. ער האָט אים אָפט געפילט בא

זיך אפּן רוקן, ווי ער רייט אַף אים איבער די גאַסן, און גאָר ניט זעלטן איז ער, צוזאַמען מיט אים, אָפּגעלעגן אַ נאַכט אין פינסטערן פאָרהייזל. אָבער אַזוי ווי איצט, אין אַ טיפער ליימגרוב, האָט „מיינהונט" נאָך קיינמאָל ניט געזען זיין פריינט, און דאָס האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט. נאָכמער צוליב דעם, וואָס סאַשקע האָט זיך ניט גערעכנט מיט זיין סקאַוואָטשען און האָט גאָרניט געטראַכט זיך אַרויסצוקלייבן פון דער הייל. די גאַנצע נאַכט האָט דער הונט די אויגן ניט צוגעמאַכט. כל-זמן די לבנה האָט געשיינט, האָט ער נאָך געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן: ער איז געזעסן אַף די הינטערשטע לאַפּעס און האָט ניט אופגעהערט צו יאָמערן אַנטקעגן דער לבנה, וועלכע האָט געלאָזן און שטאָלץ אַרומגעוואַנדלט איבערן בלאָען, באַשטערנטן הימל; אָבער אַז די לבנה איז פאַרשוואונדן, האָט דער הונט גאָרניט געוואוסט מער, אַף וואָס פאַרא וועלט ער איז, און איז ווי אָן אַ קאָפּ אַרומגעלאָפן פון גרוב אַהיים און צוריק. ערשט באַגינען האָט סאַשקע זיך אופגעכאַפּט, און צו דעם הונטס פרייד איז דעמאָלט גאָר קיין שיעור ניט געווען.

רויטקאָפּ ווידער האָט זיך גאָר אַנדערש געפילט. אינאָנהויב איז אים פאָרגעקומען, אַז ער איז לעבעדיקערהייט באַגראָבן, און ער האָט זיך ניט אַף אַ קאַטאָוועס איבערגעשראָקן, אָבער דעם הונטס האַריקער שנוק, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן ראַנד פון גראָבן, האָט אים אַרויסגעפירט פון דעם טעות, און ער האָט זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס נעכטן איז געשען. פון די זכרונות איז אים אַ ברעקל אויך ניט לייכטער געוואָרן. פון זיעם געדאַנק, אַז אַלע האָבן אין אים פאַרגעסן, אַז קיינעם אַרט גאָרניט וועגן אים, איז רויטקאָפּס האַרץ אינגאַנצן פאַרקוועטשט געוואָרן.

— מיינהונט, טייערינקער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דעם הונט, וואָס האָט אַלץ געיאָמערט פון אויבן — דו האָסט מיך האָלט, ווייטער קיינער ניט, קיינער ניט... איך בין קיינעמס ניט...

אין זיינע אויגן האָבן אופגעבליצט טרערן.

— מיינהונטקעלע, אַ פּוס טוט מיר ווי — האָט ער זיך

אַראָפּגעריסן פֿון האַרצן מיט זײַן פּירפּיטיקן חבֿר; אָבער יענער איז שוין געווען איבער אַלע בערג.

דעם הונטס אַנטלויפֿן האָט דעם אינגל אינגאַנצן דערשלאָגן.

שפּעטער האָט פֿון הינטערן טײַך זיך אַרויסגעהויבן די זון און האָט פֿאַרשפּרייט אַרום זיך ברענעדיקע שטראַלן, עטלעכע פֿון זיי זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין דער לײמגרוב און האָבן דורכגעוואַרימט רויטקאָפּס פֿאַרפֿראָרענע בײנדלעך. דערפֿילנדיק די וואַרימקייט אין זײַנע גלידער, האָט ער זיך אױפֿגעהויבן, אַרױפֿגעצויגן דאָס היטל און געוואָלט אַרויסשפּרינגען פֿון הייל, אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזן גאָר אַנדערש. ניט אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט: נאָכן לעצטן אָפּשטורץ זײַנען די ווענט פֿון דעם גראָבן געוואָרן אַזוי משופּעדיק, אַז אָן זײַטיקער הילף האָט קיין מענטש פֿון דאָרטן זיך ניט געקאָנט אַרויסקלײַבן. דאָס איז אויך געווען די סיבה, פֿאַרוואָס דער געטרײַער הונט איז ניט אַראָפּגעשפּרונגען אין גראָבן, ווײַל ער האָט געוויס דערפֿילט, אַז מען קאָן זיך פֿון דאָרטן אַזוי לײַכט צוריק ניט אַרויסקלײַבן. רויטקאָפּ איז עטלעכע מאָל אונטערגעשפּרונגען, געוואָלט זיך אָנכאַפּן אָן ראַנד, אָבער די פּרוּבן האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן: פֿאַר זײַן וואוקס איז די לײמגרוב געווען זייער טיף, און ער האָט ניט געקאָנט דערלאַנגען צום ראַנד.

סאַשקע איז געבליבן אָן כּחות, און ער האָט זיך אינגאַנצן פֿאַרלאָרן. נאָך אַ רגע — און ער וואָלט אוודאי אָנגעהויבן שרײַען און רופֿן צוהילף; אָבער אין דעם אויגנבליק האָט זיך איבערן גראָבן ווײַטער באַוויזן דעם הונטס האָריקער שנוק.

דאָסמאָל איז דער הונט געקומען צולויפֿן ניט אַליין, נאָר מיט אים איז אויך געקומען דוניע. „מײַנהונט” האָט איר מיט געוואַלד געבראַכט צושלעפּן צום גראָבן.

דוניע האָט זיך צוגעבויגן, האָט דערזען אונטן סאַשקען, און האָט פֿון חידוש ברייט אויפֿגעריסן די אויגן:

— רו ביסט גאָר דאָ, סאשקע? און מיר זוכן דיך אַרום!... דיין מאַמע האָט דיך געזוכט, און איך אויך... וואָס טוסטו דאָ?

— איך האָב דאָ געגעכטיקט.

— גענעכטיקט?! און דו האָסט זיך גאָרניט געשראָקן?!

— ווייבער שרעקן זיך, אָבער מיר, מענער, האָבן פאַר קיין זאַך קיין פחד ניט — האָט סאַשקע מעכאַניש איבערגע־רעדט אַנדריי דעם זעלנערס ווערטער — ברייננ מיר ברויט, איך וויל עסן — האָט ער צוגעגעבן מיט גאָר אַן אַנדער קול.

— קריך געכער אַרויס און קום אַהיים. קריך שוין אַרויס!...

— איך קאָן נים: דער גראָבן איז טיף... לויף בעסער צו אַהיים, ברייננ מיר ברויט; און זאָג קיינעם ניט אויס. אַז דו האָסט מיך געפונען, וועלן זיי וועלן זיך דערוויסן, וועלן זיי מיר דערהרגענען. וואַסקע דוליען מעגסט זאָגן, אַז איך האָב גענעכ־טיקט אין גראָבן און אַז איך רוף אים צו זיך. נו, לויף שוין!

דוניע מיטן הונט זיינען אַוועק אין איין אָטעם. סאַשקע איז ווייטער געבליבן אַליין. איצט אָבער האָט ער זיך שוין געפילט בעסער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דוניע און זיינע חברים וועלן אים ניט פאַרלאָזן.

אין אַ שעה אַרום האָט שוין די גאַנצע חברה האַלאָדראַ־יעווקער יונגאַטשעס געוואוסט די מעשה מיט רויטקאָפּן און מיט זיין נאַכטלעגער אין ליימגרוב. יעדער איינער פון די אינגלעך האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב צוצוגיין אַהין און כאַטש מיט איין אויגל באַפּן אַ קוק אַף דעם העלדישן חברה־מאַן. נאָכ־דעם, ווי דוניע איז אַוועק, איז דער גראָבן מיט סאַשקען אינעווייניק אַרומגערינגלט געוואָרן פון אינגלעך. זיי האָבן אַלע אָפּ־געגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם דעם העלד און אים באַוואונדערט אָן אַ סוף. מער פון אַלץ האָבן זיך די אינגלעך געחידושט איבער דעם, וואָס סאַשקע האָט זיך ניט געשראָקן אָפּצוליגן אַ גאַנצע נאַכט אַליין אין גראָבן. דער רעספּעקט צום אַנטלאָפע־נעם איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז בעת פּאַוולושע דער פראָש האָט זיך

דערוועגט צו זאָגן, אַז ער וואָלט זיך אויך ניט געשראָקן צו פאַרברענגען אַ נאַכט אין ליימגרוב, זייגען די אינגלעך גרייט געווען אים אָנצוברעכן די ביינער. ווייל ווי האָט דאָס דער פוסטער באַרימער געהאַט די חוצפּה זיך צו פאַרגלייכן מיט אַזא העלד, ווי סאַשקע איז?

רויטקאָפּ גופא האָט זיך באַם אָנקום פון די חברים דערפילט באַזונדערש גוט, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער איז געלעגן אין אַ טיפן גראָבן. פון יעדן נייעם ליבוואָרט איז ער אַלץ האָפּערדיקער געוואָרן באַ זיך.

דער ערשטער איז צו אים געקומען וואסקע דוליע. די באַגעגעניש זייערע איז געווען זייער רירנד. וואַסקע, אַ נייניאָריקער פעסטער אינגל מיט אַ קאָפּ געדיכטע ניט־פאַרקאַמטע האָר אַפן קאָפּ, האָט באַלד פון אָנהויב געוואָלט אַריינשפּרינגען צום חבר אין גראָבן, אָבער סאַשקע האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון.

— שפּרינג ניט, וואסקע, סט'ברעכן אַ פוס — האָט ער געוואָרנט דעם חבר און אים געפרעגט, פונוואַנען ער האָט באַקומען צו וויסן וועגן דער מעשה מיט אים.

—דונקע האָט מיר געזאָגט; זי איז געלאָפן ברייגגען ברויט. ווילסט עסן?

— גרייל'עך.

— טאָ וואַרט אַווילע: דונקע וועט ברענגען, און איב'ל דערווייל צולויפן נאָך די חברה.

וואַסקע איז אַוועק, און אין אַ האַלב שעה אַרום איז ער געקומען מיט אַ גאַנצער באַנדע אינגלעך:

— מאָיען, רויטקאָפּ!

— ווי, און דו האָסט דאָ טאַקע גענעכטיקט?..

— און קיין מכשפות האָסט ניט געזען?

— האָסט גאָר קיין פּחד ניט געהאַט?

כדי בעסער צו באַקוקן דעם העלד, האָבן די אינגלעך זיך אויסגעלייגט אַרום גראָבן, מיט נייגעריקע, ברענעדיקע אויגלעך אַריינגעקוקט אין הייל.

— די פריצים גייען, די פריצים! — האט עמיץ א זאג געטאן, און די אינגלעך זיינען אף א ווײַלע אנטשוויגן געווארן; רויטקאפ האט, זיצנדיק אין לײמגרוב, אראפגענומען זיין היטל און זיך אויסגעגלייכט.

די יונגע פריצימלעך זיינען ערשט נעכטן געקומען צופארן. דערהערנדיק וועגן רויטקאפס העלדישן אנטלויפן, האבן זיי זיך ניט געקאנט געדולדן, געזאגט דער גובערנאנטין, אז זיי גייען אין גארטן, און זיינען געקומען צולויפן צום גראבן.

די אינגלעך האבן מיט דרך־ארץ זיך צוזאמענגעפרעסט און געמאכט א ווארע פאר די פריצים.

אנגעטאן זיינען די צוויי ברידער געווען אין פיינינקע בגדים־לעך, וואס האבן זיך שארף אויסגעטײלט פון די ארומיקע ברודיקע גראע העמדלעך און הויזן. אף די קעפ האבן זיי געטראגן מאטראסנמיצלעך מיט שווארצע סטענגעס, און אף יעדער סטענגע איז מיט גאלדענע אותיות אויסגעדריקט געווען דער נאמען פון דעם, וואס האט דאס מיצל געטראגן.

— טאקע אמת, רויטקאפ, אז דו האסט געגעבטיקט אין דעם גראבן? — האט וואלאדיע געפרעגט, און אף זיין בלייכן, פארחלומטן פנים האט זיך אויסגעדריקט נייגער און חידוש.

— אמת — האט סאשקע קורץ געענטפערט.

— האסט זיך געשראקן?

— ניין, איך שרעק זיך פאר קיין זאך ניט.

— אט איז א בריה! — האט סעריאזשע אויסגעשריען.

— און ווי וועסט זיך פונדאנען ארויסקלייבן? — האט ער באלד געפרעגט, אפמעסטנדיק מיט די אויגן די טיף פון דער גרוב.

— איכ'ל גאר קיינמאל פונדאנען ניט ארויס, איכ'ל דא אפזיצן די גאנצע צייט: איך וויל ניט זיין קיין שוסטער — האט דער אנטלאפענער געענטפערט.

רויטקאפס טענות האבן געמאכט א גרויסן רושם אף די ארומיקע. אפילו וואסקע ווליע, דער ביטערסטער יונג פון זיי אלעמען, איז אויך אביסל צעטומלט געווארן. עטלעכע מינוטן צייט

האָט זיך געצויגן דאָס שטילשווייגן. זיך באַפּנדיק, אַז מיט זיין ענטפער האָט ער אינגאַנצן פאַרחידושט די חברים, האָט סאַשקע שטאָלץ אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— הייסט עס, אַז דו וועסט דאָ אָפּוואוינען דעם גאַנצן זומער? — האָט סעריאָזשע געפרעגט.

— שטענדיק. שטענדיק וועל איך דאָ וואוינען — האָט זיך פון גראָבן דערטראָגן אַן ענטפער.

די פריצימלעך האָבן זיך איבערגעקוקט.

— דו ווייסט. סעריאָזשע, ווי מיר וועלן אים אָנרופן? — האָט וואָלאָדיע געזאָגט צום ברודער: — ראָבינזאָן קרוזאָ. איאָ?

— געוויס... ס'איז טאַקע אַ גוטע המצאה! — האָט סעריאָזשע זיך דערפרייט — ווייסט, רויטקאָפּ, מיט וואָס פאַרא נאָמען מיר האָבן דיך געקרוינט? ראָבינזאָן קרוזאָ. דאָס האָט וואָלאָדיע צוגעטראַכט. ראָבינזאָן קרוזאָ איז אַ נאָמען פון אַ העלד... ער האָט געלעבט איינינקער אַליין אַף אַ ווילדן אינזל און האָט געהאַלטן מלחמה מיט די ווילדע...

— ווער? — האָט רויטקאָפּ אים איבערגעשלאָגן.

— נו ער, ראָבינזאָן קרוזאָ... ווילסט זיין ראָבינזאָן?

— עסן וויל איך — האָט פון אונטן זיך דערטראָגן סאַשקעס שטים.

דערדאָזיקער אומדערוואַרטער ענטפער האָט אינגאַנצן אָפּגעפּאַטשט די פליגלען בײַ סעריאָזשען און האָט אים דערמאָנט, אַז רויטקאָפּ איז גאָר אַ פּשוטער נפש און אַז אים פעלט נאָך אַסך ביז ראָבינזאָן קרוזאָ.

אָבער דער עלטערער, וואָלאָדיע, האָט זיך גאָר אַנדערש באַצויגן צו סאַשקעס רייד. ער האָט אָקאָרשט געהאַט דורכגעלייענט דעם ביכל וועגן ראָבינזאָן, און ער איז נאָך געווען אונטער דעם איינדרוק. דעריבער האָט ער געוואָלט די געשעעניש אויך פאַרוואַנדלען אין עפּעס אינטערעסאַנטעס און אויסטערלישעס.

— ער איז טאַקע געריכט, וואָס ער וויל עסן — האָט ער אינדערשטיל געזאָגט צום ברודער — ראָבינזאָן האָט אויך

געוואָלט עסן. לאָמיר אוועק אַהיים, צוזאַמענזוכן שפּייז און דאָס אַראָפּלאָזן אונזער ראָבינזאָנען אין גראָבן.

— אויסגעצייכנט! — האָט סעריאָזשע תיכּף מסכּים גע-ווען מיט באַגייסטערונג, אָפּ זיין שטייגער, און זיך נאָכאַמאָל אי-בערבויגנדיק איבער דער גרוב, האָט ער געזאָגט:

— הערסט, ראָבינזאָן? מיר וועלן דיר באַלד אַראָפּלאָזן שפּייז...

— איך דאַרף ניט קיין שפּייז, איך וויל ברויט — האָט סאַשקע ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן דעם אומפאַרשטענדלעכן וואָרט.

וואָלאָדיע האָט אָנגעהויבן דערקלערן דעם עקשן, אַז שפּייז איז אַ זאַך, וואָס מען קאָן עסן, אָבער באַלד האָט עמיץ פון די קינדער אַ געשריי געטאָן:

— חברה, זיין טאַטע-מאַמע גייען אַהער.

און אין אויגנבליק איז שוין בּאַם גראָבן מער קיין נפש ניט געווען.

בּאַ סאַשקען זיינען פון פּחד אָפּגעשטאָרבּן אַלע איברים. ווי אַ צעשראָקענער קראָליק, האָט ער זיך צוגעטוליעט צום טיפסטן ווינקל פון היל און האָט אין גרויס אופרעקונג געוואַרט, וואָס דאָ וועט ווייטער געשען.

דערווייל האָבן זיך צום גראָבן דערנעענטערט די זאַוליעס און איוואַן. פאַר זיי איז געלאָפן דוניע מיט „מיינהונט“. די מיידע-לע האָט אַליין דערציילט אָקסיניען און איר מיט טרערן אין די אויגן געבעטן ניט שלאָגן סאַשקען. אָבער איר בעטן איז געווען איבעריק: אַלע האָבן זיך אַזוי געפרייט, וואָס דער אינגל האָט זיך איינגעפונען, אַז קיינער האָט גאָרניט געטראַכט אים איצט צו שטראָפן. אַפילו טאַראַס גופא האָט, צוגייענדיק צום גראָבן, אָנגע-הויבן ריידן צו רויטקאָפּן שטאַרק אופגעלייגט:

— סאַשקע, סאַשקע, ווי שעמסט זיך דאָס ניט אונז אָנ-צוטאָן אַזאַ פאַרדראָס! מיר האָבן שוין געמיינט, אַז דו ביסט דערטרונקען. ניט גוט, ניט גוט, סאַשקע! קריך שוין גיכער אַרויס!

רויטקאָפּ האָט זיך איינגעהערט אין טאַראַסעס שטים און געפּרוּבט טרעפֿן, צי ער מיינט דאָס טאַקע מיט אַן אמת, אָדער ער וויל אים נאָר אַרויסנאַרן פֿון זיין באַהעלטעניש און נאָכדעם פּיינטשיק אָפּשמייסן. רויטקאָפּ האָט זיך באַרואיקט ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דערהערט אַקסיניעס רופֿן:

— קום אַרויס, סאַשקעלע, קום אַרויס, מיין טייערער, מיר'ן דיר נישט טאָן קיין בייז. ביסט דאָך געווים הונגעריק? נו, קריך שוין אַרויס.

אַקסיניעס צערטלעכע רייד, פֿון וועלכע ער האָט אַרויסגע-הערט אַזוי פֿיל ליבע און רחמנות, האָבן אינגאַנצן באַרואיקט דעם אינגל. ער האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס און געזאָגט, אַז עס איז אים אונמעגלעך זיך אַרויסצוקלייבן פֿון גראָבן.

— אָט איז אַ כוואַט! — האָט איוואַן זיך פֿאַנאַנדער-געלאַכט — איז אַריין אין אַזאַ גרוב, פֿון וועלכער ער קאָן שוין גאָרנישט אַרויס. וואַרט, איך'ל דיך אַרויסשלעפּן — האָט ער צוגעגעבן, און אַראָפּנעמענדיק זיין רימען, האָט ער איין עק אַראָפּגעלאָזן אין גראָבן.

— נו, סאַשקע, כאַפּ אָן דעם רימען און האַלט זיך פֿעסט אָן אים. ביסט שוין פֿאַרטיק?

— פֿאַרטיק! — האָט רויטקאָפּ פֿריילעך אויסגערופֿן. איצט האָט ער שוין געהאַט הנאה פֿון דעם גאַנצן ענין.

— איינס, צוויי, דריי! — האָט איוואַן אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, זיך אָנגעשטריינגט און אַרויפֿגעשלעפּט דעם אינגל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען רויטקאָפּן מיט גרויס כּבוד אָפּגעפֿירט אַהיים.

רויטקאָפּ ווערט אַ פּאַסטוך.

אַ יאָר איז אַוועק. פֿאַר רויטקאָפּן איז דאָס געווען גאָר אַ שווערער יאָר. אָפּגעריסן פֿון דער מאַמען, פֿון דער שטוב, איז ער איצט אינגאַנצן אַריבער אין דער מאַכט פֿון דער מכשפה קאַטערינע. און וואָס פֿאַראַ אַרבעטן האָט סאַשקע בײַ איר נישט אָפּגעטאָן! ער האָט אויפֿגערוימט די שטוב, געטראָגן וואַסער פֿון

טייך, געלאָפֿן אין שיינק נאָך בראָנפֿן, אין קרעמל נאָך חזיר־באָרשטן און שפּילן. אַפֿילו דעם אויוון האָט ער געקאַלכט. און צוגלייך דערמיט האָט ער אויך געטאָן איוואַנס אַרבעט, האָט געוויקט אין וואַסער די זוילן, האָט געריסן מיט די ציין די דראַטווע און האָט זיך אויסגעלערנט שטעפּן שיך. אָבער דער עיקר באַלעבאָס איבער אים איז געווען קאַטערינע, און ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרבעטן שוסטעריי, האָט אים קאַטערינע שוין גערופֿן העלפֿן וואַשן טעפּלעך, אָדער אויסגלייכן די פּאָרלאָגע אין פּאָרהייזל.

— וואָס רייסטו עפּעס אָפּ דעם אינגל פֿון דער אַרבעט?— האָט איוואַן איר אַפּטמאָל געזאָגט.

— וואָס איז? דו ווילסט האָבן אַ געהילף, זאָלסט האָבן מער צייט זיך אַרומצושלעפּן איבער די שיינקען? — האָט זי אים תיכּף אָפּגעענטפֿערט.

און דער מאַן איז שוין אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געוואוסט, אַז זיך צו האַמפּערן מיט זיין ווייב איז אַ שווער שטיקל מלאכה.

אַטדאָס אַלץ האָט געמוזט ווירקן אַף רוימקאָפּס כאַראַקטער.

שטענדיק אַ פֿריילעכער, אַ לעבנסלוסטיקער און אַ זאָרג־לאָזער, איז איצט סאַשקע פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ ערנסטער און פֿאַרטראַכטער. ער האָט געוואוסט, אַז פֿון זיין איצטיקן לעבן בּאַ איוואַנען וועט שוין קיין גוטס ניט אַרויסקומען, און אַטדער באַוואוסטזיין האָט אים ניט געלאָזט רוען. אַנשטאָט אים מאַכן פֿאַר אַן עכטן שוסטער, האָט מען אים גאָר פֿאַרוואַנדלט אין אַ דינסטמיידל, און אים געהייסן טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס שיקן זיך גאָר ניט פֿאַר אַ מאַנסביל. און דאָס נאָך ווייניק — האָט אים קאַטערינע איין צייט גאָר געמאַכט פֿאַר אַ פּאַסטוך, פֿאַר אַ חזירים־טרייבער. דאָס איז געווען זומער, בעת איוואַן האָט געקויפֿט פֿאַר אַ מציאה אַ חזיר מיט צוועלף יונגע חזירימלעך. אינאָנהייב האָט ער געטראַכט צו פֿאַרקויפֿן די מציאה, פֿאַרדינען דערביי אַ פּאָר רובל און דערמיט פֿאַרענדיקן; אָבער קאַטערינע האָט אויסגערעכנט, אַז עס לוינט זיך בעסער צו האַלטן די גאַנצע חזירשע

משפחה ביזן ירייד צו, און דעמאָלט וועלן זיי אָן דעם גוט פאַרדינגען.

רויטקאָפּ איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער פאַסטוך פון די חזירים, און דאָס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן. יעדן באַגינען האָט ער, מיט אַ טאָרבע באַ דער זייט און מיט אַ לאַנגער בייטש אין האַנט, אַרויסגעטריבן פון שטאַל די גאַנצע חברה באַשעפענישן, און צוזאַמען מיט „מיינהונט" זיך אַוועקגעלאָזט אַף דער פּאַשע. דידאָזיקע אַרבעט האָט רויטקאָפּ שטענדיק געטאָן מיט גרויס ליבע און אינטערעס.

איינמאָל, ווען דער שטאַטפּאַסטוך האָט אָנבאַגעגנט סאַשקען מיט זיינע חזירים, האָט ער זיך אָנגעכמורעט, און אים געוואָרנט מיט אַ פּייסטל. רויטקאָפּ האָט אפילו ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס יענער איז אַף אים אין כּעס, פונדעסטוועגן האָט ער באַוויזן דעם קאָנקורענט אַ לאַנגע צונג און האָט מיט גרויס שיק און טומל פאַרבייגעטריבן פאַר זיין נאָז די טשערעדע.

צו רויטקאָפּס קאַריערע האָט אָבער גאָר גיך געקומען אַ סוף. אין איינעם אַ טאָג איז צו אים אַף דער לאָנקע געקומען רוניע און אים דערציילט אַ נייס, אַז זי לערנט זיך לייענען.

— דו ביסט שוין איינמאָל אַ מולדיקע! — האָט סאַשקע שטיל געזאָגט און מיט קנאה אַ קוק געטאָן אַף דער מיידל.

אים איז אומעטיק געוואָרן אַפן האַרצן.

„יאָ — האָט ער זיך געטראַכט — זי וואוינט באַ די גבירים, שפּילט זיך יעדן טאָג מיט די רייכע קינדער. זי וועט זיך באַלד אויסלערנען שרייבן. אָבער איך וועל קיינמאָל גאָרנישט פאַרשטיין און וועל אייביק אַרומלויפן אַ באָרוועסער און פּאַשען חזירים..."

רוניע האָט ווי דערפילט, וועגן וואָס רויטקאָפּ טראַכט, און זי האָט געזאָגט:

— ווייסט, — די פריצימלעך האָבן נעכטן געלאַכט.

— וואָס האָבן זיי געלאַכט? — איז סאַשקע געווען נייגעריק.

— פון דיר האָבן זיי געלאַכט. דו פּאַשעסט חזירים, זאָגן זיי, מער וועלן זיי מיט דיר ניט שפּילן.

— פאַרוואָס עפּעס? — און דעם אינגלס האַרץ איז פאַרקוועטשט געוואָרן.

— דו ביסט אַ חזיר־פּאַסטוך, זאָגן זיי, וועלן זיי זיך מער מיט דיר ניט חברן.

— וועל איך זיי קיין ביקסן מער ניט מאַכן — האָט רויטקאָפּ באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט זיי. אָבער זיין מוט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ער איז געוואָרן אומעטיק און צוגעגעבן: — אוודאי זיינען זיי גערעכט... ווייסטו וואָס, דוניע — האָט ער ענערגיש געזאָגט צו דער מיידל — אויב אַזוי, וועל איך שוין מער קיין חזירים ניט פּאַשען. אָט נעם איך אַלע חזירימלעך און וואַרף זיי אַריין אין טייכל. זאָלן זיי זיך טרייַנקען!

— גיי, גיי! מען וועט דיר דאָך פאַרשמייסן אַף טויט.

— זאָל מען שמייסן, וועל איך אַנטלויפן. איך וויל ניט, די גבירישע קינדער זאָלן שפּאָטן איבער מיר. אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך פון זיי לאַכן.

מיט די ווערטער האָט ער געכאַפּט זיין בייטש און גענומען טרייבן די חזירים צום טייך. אָבער זיי האָבן זיך, ווי ס'שיינט געכאַפּט, וואָס מען וויל דאָ טאָן מיט זיי, אָדער זיי האָבן ניט געוואָלט טרינקען, און זיך גענומען אַנטלויפן אין אַן אַנדער זייט. דאָס האָט נאָר איינגעערגערט סאַשקען, און ער האָט פאַרטאָפּלט זיין ענערגיע. „מיינהונט" האָט זיך אויך אַוועקגעלאָזט אין געיעג נאָך זיי, און דער פּאַסטוך האָט מיט כעס געשריען:

— פויץ, פויץ!

אין אַ מינוט אַרום איז שוין אַף דער לאָנקע קיין זכר ניט געווען פון די חזירים. זיי זיינען זיך צעלאָפן, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. „מיינהונט" האָט, נאָך דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, זיך אַוועקגעלייגט צופוסנס פון זיין באַלעבאָס און האָט שווער געפּרייכט.

— נו, זאָל איצט... די מומע קאַטערינע... זוכן אירע חזירים — האָט רויטקאָפּ געזאָגט, שווער אָטעמענדיק.

— מען וועט זיי שוין מער גאָר ניט קאָנען געפינען ?— האָט דוניע געפרעגט.

— אוודאי ניט — האָט סאשקע באַזיכערט געענט־פערט — זיי וועלן לויפן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן קומען קיין מאָסקווע, און דאָרטן וועלן זיי פגרן. ווייטער ווי מאָסקווע קאָן קיינער ניט לויפן. דיין פעטער דערציילט דאָך אַלץ, אַז דער פראַנצויז האָט אויך ניט געקאָנט קומען ווייטער, ווי ביז מאָסקווע...

— יאָ, יאָ, כ'האָב שטאַרק מורא — האָט דוניע געזאָגט צעשראָקן.

— פאַרוואָס ?

— מען וועט דיך שלאָגן.

— וועל איך אַנטלויפן — האָט רויטקאָפּ באַרואיקט דוני־ניען און איר פאַרגעלייגט זיך זעצן מיט אים אַפן גראָז און טיילן מיט אים זיין מאָלצייט.

סאַשקע אַנטלויפט צום צווייטן מאָל.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, קיין ווינטל האָט זיך ניט גערירט. פון דעם הויכן, בלאָען הימל איז אַראָפּגעהאַנגען אַ סמאָליעדיקע תמוז־זון. אַרום האָט אַלץ געדרעמלט. די ברייטע לאָנקע איז פאַרשרפעט, פאַרגעלט געווען פון דער ברענעדיקער, גרויזאַ־מער זון, איז אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, און אויך דאָס וועלדל איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. נאָר אומרואיקע, אומגעזעענע גרילן האָבן אָן אופהער געצירפּעט, און פון ציט צו ציט האָט אין וועלדל, ווי ניט־וועלנדיק און פויל, אַ פויגעלע אַ צוויטשער גע־טאָן. סאשקע מיט דוניען האָבן זיך צוגעזעצט אין שאָטן אונ־טערן געדיכטן גרינס פון נוסוועלדל, און „מיינהונט” האָט זיך צעלייגט בא זיי אין זיין לייבפּאָזע, אַרויסשטעקנדיק אַ נאַסע און פלאַטערדיקע צונג. ווייט און ברייט אַרום האָט זיך ניט געזען קיין לעבעדיקער נפש.

רויטקאָפּן איז געווען הייס; שוויים האָט געגאָסן פון אים טייכנווייז, און ער האָט מיט מאַטערניש געעטעמט.

— אז ס'וואָלט דאָ דערבײַ געווען אַ טײַכל, אָט וואָלט איך זיך דאָס אויסגעבאָדן—האָט ער געזאָגט פארחלומט, ארומווישנ־דיק מיטן אַרבל דעם רויטן פאַרשוויצטן פנים.

דוניע האָט געשוויגן. זי האָט געטראַכט וועגן די חורימלעך, וואָס לויפן איצט אַפן וועג קיין מאָסקווע.

זיך אָפגערוט אביסל, האָט רויטקאָפּ פאַנאַנדערגעשנירט זײַן טאָרבע, ארויסגענומען פון דאָרטן אַ שטיק ווייצנברויט, אַ פּאָר ציבלקעס, אַ הייפל זאַלץ, און האָט דאָס אַלץ פאַרטיילט אַף העלפט — אַ העלפט פאַר זיך, אַ העלפט פאַר דוניען. זי האָט שווייגעדיק צוגענומען איר חלק און גלייכגילטיק גענומען קײַען. פון צייט צו צייט האָט די מידע אָפּגעקניפּן אַ שטיקל ווייכע ברויט און דאָס צוגעוואָרפן דעם הונט, וועלכער האָט אויפגעכאַפּט די ברעקלעך אַפן האַלבן וועג.

נאָכן צובײַסן האָבן די קינדער זיך אויסגעלייגט אַפן גראָז און אַ צייטלאַנג געקוקט אַפן הימל.

— ווי הויך דער הימל איז, אַ שרעק! — האָט דוניע געזאָגט נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגן — מאַשקע!

— הא?

— דער הימל, זאָג איך, איז אַזוי הויך...

—אוודאי... קיינער קאָן ניט דערלאַנגען אַהין מיט אַ שטיין.

— און די פויגעלעך דערלאַנגען?

— אויך ניט. נאָר אַ דראַכט.

— וואָס פאַרא דראַכט?

— אַ פּאַפּירענער. אז מילאָזט אים אַף און מען רייסט אים אַף די שנירל, וואָס האַלט אים, פליט ער אין הימל אַרײַן...

— און דעמאָלט?

— דעמאָלט ווערט ער פאַרברענט. ער פליט צו ביז צו דער זון, און די זון איז דאָך אַ שטיק פײַער. נו, ווערט ער פאַרברענט.

די קינדער זײַנען ווייטער אַנטשוויגן געוואָרן.

— ווי מיינסטו, איצט זײַנען שוין ווײַט אַוועק? — האָט דוניע אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט.

— ווער?
— די חורימלעך...
— אוודאי ווייט.
— ביז מאָסקווע זיינען זיי נאָך ניט דערלאָפֿן?
— ניין, ביז מאָסקווע מוז מען לויפֿן דריי טעג.

די מיידעלע האָט גענומען ציילן אָף די פֿינגער. נאָכדעם האָט זי אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום חבר, און שטיל און פֿאַרחלומט געזאָגט:

— ווייסט, זונטיק וועלן זיי שוין דאָרטן זיין.

רויטקאָפּ האָט אָף דעם נישט געענטפֿערט און זיך נאָר טיף אָפּגעזיפֿצט: אין דער מינוט איז ער שטאַרק מקנא געווען די חזרים און מיטן גאַנצן האַרצן האָט ער געוואָלט אַליין פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ חזיר, אַבי נאָר האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן קיין מאָסקווע.

— איכ'ל שוין גיין — האָט דוניע מיטאַמאָל געזאָגט און זיך אויפֿגעהויבן פֿון איר אָרט.

— וואוהין?
— אהיים, די מאַמע וואַרט.
— וואַרט. גיי נאָך ניט! — האָט סאַשקע זיך גענומען בעטן און זיך שיר ניט פֿאַנאַנדערגעוויינט.

דוניע האָט זיך שטיל צוגעזעצט אָפֿן גראָז, אַריינגעשטעקט אין מויל אַ פֿינגער און האָט זיך פֿאַרטראַכט. אויך רויטקאָפּ האָט זיך פֿאַרטראַכט. אים איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק. ס'איז אים אויפֿגעקומען דאָס בילד פֿון קאַטערינען.

— אהיים וועל איך ניט גיין... — האָט ער געזאָגט, אַזוי ווי צו זיך אַליין, און געקוקט פֿאַר זיך מיט פֿאַרטרערטע אויגן.
— וואו־זשע וועסטו דען זיין? — האָט דוניע געוואָלט וויסן.
— כ'וועל אין קיין אָרט ניט זיין... איך האָב ניט קיין היים... מען האָט מיך ניט ליב... מען קריוודעט מיך... די גבירישע אינגלעך לאַכן... איך האָב ניט קיין אייגענע, איך בין קיינעמס ניט...

ריידנדיק אַזוי, האָט דער אינגל זיך מיט כּח אָפּגעהאַלטן,

כּדי ניט פֿאַנאַנדערצואווײנען זיך; אָבער קענען זײַן ווילן האָבן זיך די טרערן געקײַקלט פֿון זײַנע אויגן און זײַנען אין גרויסע טראָפּנס אַראָפּגעפֿאַלן פֿון פּנים אױף דער העמדל זײַנער און אױף די באָר־וועסע פֿיס.

זעענדיק, אַז רויטקאָפּ וויינט, האָט דוניע זיך ווײַטער אַ הויב געטאָן פֿון איר אָרט. און כּדי ער זאָל איר אַ צווייטן מאָל ניט פֿאַרהאַלטן, איז זי אַנטלאָפֿן אין איין אָטעם. ערשט ווען זי איז שוין געווען אָפּגעלאָפֿן אַ היפּשע שטיקל, האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט און פֿונווײַטן אויסגעשריען:

— ווײַן ניט: איכ׳ל אַלץ דערצײלן זאָוליכען, און זי וועט קומען דיך אָפּנעמען...

און איז אַנטלאָפֿן. רויטקאָפּ האָט אומעטיק נאָכגעקוקט, ווי דוניע דערווײַטערט זיך אַלץ מער, ווי זי שפּרינגט מיט דינע, באָר־וועסע פֿיסלעך איבער בערגלעך און דיטשקעלעך, און ווי מיט יע־דער מינוט ווערט איר געשטאַלט אַלץ מער פֿאַרשוואומען אין דער קלאָרער, גליענדיקער לופֿט פֿונם זומערטאָג.

די מײדל האָט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרשווינדן, האָט זיך שוין פֿון דער אַנדער זײַט לאָנקע באַוויזן אַ הויכע, מאָגערע פֿי־גור, וואָס האָט זיך באַוועגט צום וועלדל צו. סאַשקעס שאַרפֿע אויג האָט באַלד דערקענט קאַטערינען, און זײַן האַרץ איז אָפּגע־שטאָרבן אין אים. ער האָט געוואוסט, אַז קײן האָניק וועט ער שוין ניט לעקן פֿאַרן שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. זײַן קינדיש מחל האָט געאַרבעט מיט גרויס געשווינדקייט, צוטראַכטנדיק עפּעס אַן אויסרייד, ווי זיך צו פֿאַרענטפֿערן. אָבער ער האָט קײן זאַך ניט גע־קאָנט אויסגעפֿינען—און קאַטערינע איז שוין געווען ניט ווײַט.

„זי וועט מיך געוויס דערהרגען" — האָט ער זיך גע־טראַכט, און אין לעצטן מאָמענט האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן פֿיס. דער אויסטערלישער פּחד האָט אים צוגעגעבן כּח און מוט, און ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן אױף די פֿיס און גענומען לויפֿן, זיך אַרײַנשנײַדנדיק אינם געדיכטן גרינס פֿונם וועלדל. דער הונט איז נאָכגעלאָפֿן נאָך אים.

אָפּלויפֿנדיק אַ מינוט פֿופֿצן אַן אָפּשטעל, האָט רויטקאָפּ זיך

אַרומגעקוקט. בײַ זײַן זײַט איז געשטאַנען מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג זײַן פּירפּיסיקער חבר און האָט שווער געסאַפּעט. „מיינהונט" האָט אָנגעהויבן צום אינגל זײַנע קלוגע פּיבטע אויגן, ווי ער וואָלט פרעגן: „זאָג מיר נאָר, מײַן טײַערער, וועסט מיך נאָך לאַנג אַרומשלעפּן איבער פעלדער און וועלדער, אַזוי ווי אַ האָזן?"

סאַשקע האָט זיך נאָך אַלײן געשראָקן, אַז קאַטערינע לויפט אים נאָך: אָבער עס איז געווען אַן אומזיסטער פּחד:

אין וועלדל האָט זיך קײן מענטש ניט געווען. דער אינגל איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, נאָכדעם האָט ער זיך פּאַמעלעך געלאָזט ווײַטער גײן, אַלײן ניט ווייסנדיק וואוהין. דאָס שמאָלע שטעגל, איבער וועלכן ער איז געגאַנגען, האָט זיך געדרייט אַראָפּגעלאָזן נאָך אונטן, וואָס ווײַטער, איז דאָס וועלדל געוואָרן אַלץ שיטערער, און מיטאַמאָל האָט ער זיך פאַרענדיקט האַרט בײַם ברעג טײַך. איצט איז דער טײַך געווען אין גאַר אַן אומבאַקאַנטן געגנט, קײנמאָל איז ער אַזוי ווײַט ניט אַוועק. ער איז אומרואיק געוואָרן, אָבער בײַם אַרומקוקן זיך איז אים דער געגנט אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט פאַרגעסן אָן קאַטערינען, אָן די חזירימלעך און אָן די יונגע פּריצים.

דער טײַך איז דאָ געווען זײער ברייט, פיל ברייטער ווי אין שטאָט. פונוויטן האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש, און סאַשקע איז אַוועק פאַזשע ברעג זוכן די סיבה פון דעם. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעקומען צו אַן אָרט, וואו דער טײַך האָט זיך פאַרבויגן אין אַ זײַט, דער ריש און טומל איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, האָט פאַרטויבט, און הינטערן אויסבויג האָט דער אינגל דערזען אַ גרויסע וואַסערמיל.

אין שטאָט האָט שוין סאַשקע אַסך זיך אָנגעהערט וועגן דער וואַסערמיל, די קינדער האָבן דערציילט, אַז אין מיל וואוינען שדים, וועלכע פרעסן אין די נעכט זעקלעך מעל. ער איז אַרויף אויף דער דאַמבע און צו צו דער מיל. בײַם אַרײַנגאַנג זײַנען געשטאַנען אַסך פורן, אָנגעלאָדעוועטע מיט זעק, בײַ די פורן האָבן זיך געקליבן באָרוועסע פּויערים. אויפן טרעפּ איז געשטאַנען עמיץ, אײַנגאַנצן ווײַס פון מעלשטויב, און האָט אַראָפּגעשריען

עפּעס צו די פּויערים; אָבער זיין שטים איז פאַרהילכט געוואָרן דורכן טומל פון פאַלנדיקן וואַסער און דורכן הודזשען פון די מילרעדער.

רויטקאָפּ איז פאַרביי די מיל און געבליבן שטיין באַם ברעג. דאָ האָט ער געזען, ווי דער וואַסער פאַלט אַראָפּ דורך די שליוזן. דאָס בילד איז געווען אַזוי פּרעכטיק, אַז ער האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט אָפּרייסן, און ערשט דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף אַוועקגיין, ווען פון דעם אויסטערלישן גערויש האָט אים אָנגעהויבן ווייטאָן דער קאָפּ.

בל-זמן ער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דער מיל און צו די וואַסערן, האָט סאַשקע פאַרגעסן אָן אַלע זיינע צרות, אָבער ווי נאָר ער האָט ווייטער דערזען פאַר זיך דעם ברייטן שטויביקן שליאַך, וועלכער האָט געפירט אין אומבאַקאַנטע ווייט-קייטן, איז אים ווידער אויפגעקומען אַלץ, און אין זיין האַרצן האָט זיך אַריינגעשליכט אַ טרויער.

— וואוהין וועלן מיר איצט גיין, מיינהונטקעלע? — האָט ער געפרעגט באַם הונט.

דער הונט האָט גענומען דרייען מיטן האַריקן ווידל און געצערטלט זיין באַלעבאָס מיטן געטרייען בליק פון זיינע ברוינע, רונדע אויגן.

אַ באַגעגעניש.

דער וועג פון מיל האָט געפירט באַרגאַרויף און איז פון ביידע זייטן באַפלאַנצט געווען מיט קליינע בוימעלעך. סאַשקע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ער האָט אָפּקלאָר ניט געוואוסט, וואוהין ער גייט און נאָך וואָס, און אָן אַ צוועק און אָן אַ חשבון האָט ער געטראָטן מיט זיינע באָרוועסע פיס איבערן זאַמדיק ווייכן וועג. הינטער אים האָט זיך פלעגמאַטיש נאָכגעשלעפּט זיין היטער — „מיינהונט", און האָט מעלאַנכאָליש באַשמעקט יעדן שטיינדל, יעטווידן ביימל.

זיך אַרופגעקליבן אויפן העכסטן פונקט פונם וועג, איז רויט-

קאָפּ געבליבן שטיין אַ פֿאַרפּלעפֿטער. פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך, ווי אַ גאָלדענער טעפּעך, אויסגעלייגט אַ ברייט פֿעלד. די פֿאַלד־שוין־רײַפֿע זאַנגען האָבן זיך געבויגן צו דער ערד, און פֿון צווישן זיי האָבן גנביש אַרויסגעקוקט בלאָע קאָרנבלימלעך, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך שפּילן אין באַהעלטעניש. די זון האָט זיך שוין גענומען אַראָפּלאָזן צו מעריב, און די היץ איז געפֿאַלן. רעכטס פֿון וועג, אָפֿן בריטן פֿעלד, האָט רויטקאָפּ דערזען אַסך ווײַסע הײַזעלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון צווישן גרינע ביימער: און הינטער די הײַזעלעך האָט זיך אויסגעשטיילט אַ הילצערנע טיפּלע מיט אַ גילדענעם צלם אָפֿן שפּיץ.

„אָט האָב איך זיך דאָס אַביסל פֿאַרקליבן... אין אַן אַנדער שטאָט!?“ — האָט דער אינגל זיך אַליין געענטפֿערט און גענומען מיט שרעק זיך אַרומקוקן.

זײַן גאַנצן לעבן איז סאַשקע קיינמאָל ניט אַרויס פֿון זײַן שטאָט, און ער האָט קיינמאָל גאָרנישט געזען. דעריבער איז אים איצט דער דאָרף פֿאָרגעקומען, ווי אַ שטאָט. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן אין ברוסט, און אָף זײַנע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. אָפֿן וועג זײַנען פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרבײַגעפֿאָרן פֿורן מיט זעק, די בוהײַעס האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעלעך און פֿויל, די רעדער האָבן געסקריפּעט, די פּויערים האָבן אונטערגעטריבן, און איבערן פֿעלד האָבן זיך געקנוילט געדיכטע זײַלן טונקעלן שטויב און האָבן פֿאַרשטעלט די הײַזעלעך מיט דער טיפּלע. לינקס האָט זיך פּאָזע וועג געצויגן אַ טיפֿער גראָבן, פֿאַרוואַקסן מיט גראָז. דער גראָבן האָט אָפּגעטיילט דעם וועג פֿון פֿעלד.

זיך וועלנדיק אויסבאַהאַלטן פֿון די פֿאַרבײַגייער און פֿאַרבײַפֿאָרער, איז רויטקאָפּ אַראָפּגעשפּרונגען אין גראָבן, זיך אויסגעצויגן אָפֿן רעק און גענומען וויינען מיט ביטערע טרערן. זעענדיק אַז דער באַלעבאָס וויינט, האָט „מײַנהונט“ אויפֿגעהויבן זײַן שנוק און זיך אויך פֿאַנאַנדערגעיאָמערט. דער קאָנצערט האָט זיך אַזוי געצויגן אַ פּאָר מינוטן, מיטאַמאָל האָט דער הונט אויפֿגעהערט

יאָמערן, האָט איינגעצויגן דעם ווידל, פאַרשטשירעט די ציין און שטיל גענומען בורטשן.

— וואָס ביביקעט איר דאָרטן? — האָט רויטקאָפּ דערהערט איבער זיך עמיצנס קול.

דער אינגל האָט אפגיך אויסגעווישט די אויגן און אופגעהויבן זיין קאָפּ. הארט באַם ראַנד איז געשטאַנען א קליינגעוויקסיקער, משונה־אָנגעטאָנענער פּאַרשוין, און האָט זיך אריבערגעבויגן איבערן גראָבן. אף זיינע פּלייצעס איז געהאנגען א מאָרנע־ברייטע, גראָע הילינע מיט צוויי פליגלען אַנשטאָט ארבל; זיינע פיס האָבן געשטעקט אין געלע שיך מיט גרויסע רויטע קנעפּ, און אף זיין קאָפּ איז געזעסן א שוואַרצע הוט מיט מאָוימדיק־גרויסע ברימען, וואָס פונוויטן האָט זי אויסגעזען, ווי א שירעם. אזא מין אָנטאָן האָט נאָך סאשקע קיינמאָל ניט געזען. דער אומבאַקאַנטער גופא ווידער האָט אויסגעזען נאָך משונהדיקער פון זיינע בגדים. זיין אָנהאָריקער פנים האָט געהאַט א דרייקאַנטיקע פאָרמע: א שאַרפע גאָמבע אונטן, און פון די זייטן א פּאָר ברייטע באַקנביינער. די מויל האָט זיך געצויגן שיר ניט ביז צו די אויערן, די ליפּן זיינען געווען גראָבע, פייכטע און אַרויסגעבויגענע אף פאָרנט, אזוי ווי בא א נעגער. אליין איז ער געווען אזוי קליין און מאָגער, אז מען וואָלט גאָר געקאָנט מיינען, ער איז א אינגל, ווען ניט זיין צעקנייטשטער, אַפּגעבליאַקעוועטער פנים. אויגן האָט ער געהאַט כמעט דיזעלביקע, וואָס „מיינהונט": רונדע, אָן ווידעס, און די שוואַרצאַפּלען זיינען געווען ברוין.

— קאָן איך קומען צו אייך צוגאַסט? — האָט דער פרעמדער אויסגעזונגען מיט א דינעם קולכל און האָט א שפּרונג געטאָן אין גראָבן.

„מיינהונט" האָט א בורטש געטאָן אף אים.

— וואָס זאָגט ער? — האָט דער פרעמדער געפרעגט בא סאשקען, אָנגעוויזן מיט די אויגן אפן הונט און דערביי געמאַכט אזא העוויה, אז דער אינגל האָט שיר ניט אַרויסגעפּלאַצט אין א געלעכטער.

— באַטש איך בין אַ געבילדעטער מענטש — האָט יענער געזאָגט — אָבער דעם הינטישן לשון האָב איך זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט. נו, פעטערל, איצט גאָט איך אַ שלום־עליכם! — האָט ער אויסגעצויגן די האַנט צום אינגל — וואָס מאַכט איר עפּעס? וואָס מאַכט אייער ווייב, אייערע קינ־דערלעך?

מאַשקע האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן, איז אַרויס־געשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— אָ, לאַכן פאַרשטייט איר אויך? דאָס איז גוט. און וואוהין, למשל, גייט איר דאָס?

רויטקאָפּ האָט געשוויגן.

— וואָס שווייגט איר, מיין ליבער פּאַסטוכל?

— איצט בין איך שוין ניט קיין פּאַסטוך: איך גיי קיין מאָסקווע — האָט מאַשקע מיטאַמאָל אַרויסגעהאַקט.

— קיין מאָסקווע—ע?... — דאָס קליין מענטשעלע האָט אויסגעצויגן זיין פּנים, און ס'איז געוואָרן, ווי אַ רעטעך.

אַרופגעקוקט אָף אים, האָט מאַשקע ממש געפּלאַצט פון געלעכטער. ער האָט פאַרגעסן אָן אַלע זיינע צרות.

— וואָס איז מיט אייך געשען, פעטער? וואָס טוט אייך ווי? — האָט דער פרעמדער מיט אַן ערנסטן פּנים זיך גענו־מען נאָכפרעגן באַם אינגל.

דידאָזיקע קשיות האָבן נאָכמער פאַנאַנדער־געקיצלט דעם אינגל און ער איז אַ צעקיסנעטער געוואָרן פון געלעכטער.

— ווי רופט מען אייך, מיין פריינט? — האָט דער פרעמדער געפרעגט, ווען דער אינגל האָט זיך באַרואיקט.

— מאַשקע.

— און וואָס פאַר אַ צונעמעניש האָט איר?

— קיין צונעמעניש ניט.

— ס'אַ ליגן, איך ווייס.

— נו?

— רויטקאָפּ איז אייער צונעמעניש.

— ווי אַזוי ווייסט'אָס? — האָט דער אינגל זיך געוואונדערט.

— איך ווײס אַלץ, מײַן פֿרײַנט: איך בין ניט קײן נאַר. אַז איך זע אַ רויטן, ווײס איך, אַז ער איז ניט קײן בלאָער און ניט קײן גרינער... זײַנען מיר שוין, הײסט עס, באַקענט, איצט קאָנען מיר זיך אָנהײבן דוצן. זאָג מיר אָקאָרשט, רויטקאָפּ, פֿון וואָס פֿאַרא דאָרף ביסטו?

— איך בין ניט פֿון דאָרף, איך בין פֿון שטאָט — האָט דער ייִנגל פֿאַררײכט, ווערנדיק בײַ זיך אַלץ האָפֿערדיקער.

— אַזוי, אַזוי! און ווי הײסט דײַן שטאָט?

— כ'ווײס ניט, — האָט מאַשקע געענטפֿערט גאָר אָפֿנהאַרציק.

— ע — הע... ווי זי הײסט, ווײסטו ניט. אפֿשר ווײסטו, וווּ זי געפֿינט זיך?

— געוויס: אָט דאָרטן, הינטערן וועלדל.

— ביסט דאָך גאָר ווײַט אַוועק פֿון דער הײם...

— איכ'ל נאָך ווײַטער גײן — האָט דער ייִנגל זיך אויסבאַרימט.

— און צוריק אַהײם?

— אַהײם גײ איך ניט.

— פֿאַרוואָס?

— כ'האָב פּחד פֿאַר קאַטערינען: כ'האָב צעטריבן די חזירים.

— אַזוי, אַזוי... ביסט דאָך טאַקע אַ חכם אַ ייִנגל! נו, און אָט דער פֿרײַנט גײט אויך מיט דיר? — האָט דער פֿרעמדער אַלץ געפֿרעגט, באַווײַזנדיק אויפֿן הונט.

— מיט מיר.

— ווי רופֿט מען אים?

— מײַנהונט.

— אַ פֿײַנער נאָמען! נו, הער מײַנהונט, לאָמיר זײַן באַקאַנט.

דער פֿרעמדער האָט געוואָלט אַ גלעט טאָן דעם הונט איבערן קאָפּ, אָבער ווי נאָר זײַן האַנט האָט זיך צוגערירט צו

אים, האָט דער הונט פאַרשטשירעט די ציין און אַ בורטש גע־טאָן. דאָס קליין מענטשעלע האָט אַפגין אָפגעצויגן די האַנט, פונקט ווי ער וואָלט זיך אָפגעבריט, און האָט זיך איינגעצויגן אין אַ קנײלכל. ריווקאָפ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— קיין ביר טרינקט ער ניט? — האָט דער פאַרשוין אַ פרעג געטאָן, באַוויזנדיק אַפן הונט.

— ניין — האָט דער אינגל געענטפערט לאַכנדיק.

— אויב אַזוי, טאָ ווי קומט צו אים אַזאַ גערעכטער באַס? טו נאָר אַ קוק אַף דעם קורלאַטן שר, וואָס פאַרא טויל ער האָט דאָס געעפנט. נו. מיר'ן זיך נאָך מיט אים צעגויפריידן... הער נאָר צו, ריווקאָפ, דו ווילסט אוודאי עסן?

— יאָ.

אויסגעצייכנט. וואָס האָסטו ביז איצט געשוויגן? נו, לאָמיר עסן וואַרימעס!

און מיט די ווערטער האָט ער גענומען אַרויסשלעפן פון זיינע קעשענעס געבאַקטע בולבעס.

— מיר וועלן עסן אַ מיטיק פון דריי געריכטן. גוט?

דאָס אינגל האָט זיך דער הונגער פאַנאַנדערגעשפילט. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפ, אַז ער איז מסכים.

— פריער וועלן מיר אַריינהאַקן די שאָלעכץ, דאָס וועט זיין דער ערשטער געריכט; נאָכדעם וועלן מיר אופעסן די בול־בעס, — וועט דאָס זיין דער צווייטער געריכט. און צום דריטן געריכט וועלן מיר אָרומלעקן אונזערע פינגערלעך. גוט?

סאַשקע האָט ווייטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפ. יענער האָט פאַרטיילט די בולבעס אַף צוויי חלקים, און ביידע האָבן זיך גיריק צוגעכאַפט צום עסן, צוואַרפנדיק אויך דעם הונט פון צייט צו צייט אַ שטיקל.

— דו ווייסט, ווער איך בין? — האָט דער אומבאַקאַנ־טער געפרעגט דעם אינגל — ווייסט ניט? איז מעגסט דאָס וויסן: איך בין דער הויפּישער מכשף און קונצנמאַכער פונם מיצרישן פרעה אַפּטשבינאַס דעם דריטן. האָסט אַמאָל געהערט וועגן אַזאַנעם?

— ניין — האָט רויטקאָפּ נאַאיוו געענטפערט.

— ניט געהערט!.. אַ מאָדנע זאַך... איך קענען דאָך אַלע... ווילסטו, וועל איך דיר באַווייזן מיינע קונצן?

— איך וויל, וויז! — האָט סאַשקע זיך אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צום פרעמדן און זיך געשפּירט מיט אים זייער היימיש.

דער פרעמדער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ נאָזטיכל, האָט איר צעקנייטשט און דערלאַנגט רויטקאָפּן.

— נאַ, האַלט! אָבער זאָלסט פעסט צוהאַלטן!

דער אינגל האָט שטאַרק איינגעקוועטשט אין האַנט דאָס טיכל. ער האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, וואָס דאָ וועט שוין זיין.

— נו. און איצט וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט...

דער אומבאַקאַנטער האָט פאַרוואָרפן אַף די פּלייצעס די אַרבל פון זיין פליגלראָק, האָט אויסגעצויגן די הענט און זיך איינגעגעסן מיט זיינע גרוינע אויגן אין סאַשקעס לאַבעדיקן פּנים.

סאַשקעס נאָזלעכער האָבן געציטערט פון איינגעהאַלטענעם געלעכטער. אין דער מינוט איז אים געווען גוט און הימלעך. זיין באַשפּריינקלטער, קורצנעזלדיקער פּנים איז געוואָרן ברייטער ווי לייגער פון הנאהדיקן שמייכל. ער האָט פעסט געקנייטשט אין זיין האַנט דעם קונצנמאַכערס ברודיקע פאַטשיילקע און האָט אים ממש אופגעגעסן מיט די אויגן.

— האַלטסטו? — האָט דער אומבאַקאַנטער געפרעגט, ניט אַראָפּנעמענדיק פון רויטקאָפּן די אויגן.

סאַשקע האָט פחד געהאַט אַרויסצופּלאַצן אין אַ געלעכטער, און ער האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איינס-צוויי-דריי! עפן אויף דיין האַנט! — האָט דער קונצנמאַכער קאָמאַנדעוועט.

רויטקאָפּ האָט אופגעעפנט די האַנט. אינעווייניק איז געלעגן דאָס צעקנייטשטע טיכל.

— איצט לייג אַריין דאָס טיכל אין מיין האַנט און פאַר-קוועטש איר.

סאשקע האט דאס געטאן.

— נו, וואו איז איצט דאס טיכל?

— אין דיין האנט.

— גוט.

דער קונצנמאכער האט זיך גרייטגעמאכט. האט א הוסט געטאן און געוואָרנט:

— דער קונץ הייבט זיך אן — נאכדעם האט ער אויסגערופן: — איינס־צוויי־דריי!.. וואו איז מיין טיכל — טו א זוך!.. — און ער האט געעפנט די האנט, וואו די פאטשיילקע איז שוין ניט געווען.

סאשקע האט פון גרויס חידוש אוש א געשריי געטאן. די פאטשיילקע איז אזוי גיך און אומבאמערקט נעלם געוואָרן, אז רויטקאפּן האט פארכאפּט דער אָטעם פון וואונדער און פון נייגער.

— אהא?.. פלינק?.. — האט דער קונצנמאכער געפרעגט.

— און וואו איז טאקע דאס טיכל? — האט דער אינגל שטיל געזאָגט, נאך אַלץ זייענדיק אונטער דער השפעה פון דעם וואונדער, וואס ער האט דא אקאָרשט געזען.

— דאס טיכל איז בא דיר. ווילסט, וועל איך דיר געפינען?

— אדרבא!..

— גוט!

דער קונצנמאכער האט צום דריטן מאָל זיך גרייטגעמאכט און האט אויסגערופן:

— קוי־שפּיי־צעשמיר, פלי, מיין טיכל, צו מיר!..

און אזוי רעדנדיק, האט ער זיך צוגערירט צו רויטקאפּס אויער און באוויזן די האנט דעם אינגל. צו זיין אומענדלעכן חידוש האט סאשקע דערזען אין דער האנט די זעלביקע צעקנייטשטע פאטשיילקע.

— זי איז געווען בא דיר אין אויער —האט דער פרעמדער געזאָגט, און זיך פאנאנדערגעלאכט.

רויטקאפּ האט אויך געלאכט. ער האט זיך געשפּירט מאָדנע גוט, און ער האט אינגאנצן פארגעסן זיין שטוב, קאטערינען און זיין איצטיקע לאגע.

און די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, פאַרשווינדנדיק אינם גאָלד פון אונטערגאַנג.

אין וואַלד.

— נו, ברודערקע, זײַ מיר געזונט — האָט דער קונצנמאַכער געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך זאַט אָנגעלאַכט—זעסט, אפילו די זון גייט שוין אויך שלאָפן.

— וואוהין גייסטו? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט מיט אן אומעטיקן פּנים.

— איכ'ל גײן הינטערן ווינט.

— ווי אַזוי הינטערן ווינט?

— אָט אַזוי... איך קאָן ניט לײַדן, אַז דער ווינט בלאָזט מיר אין פּנים, דעריבער גיי איך שטענדיק הינטערן ווינט. פאַרשטאַנען?.. נו, האָב מיר אַ גוטן!

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צורעכטגעמאַכט און דערלאַנגט רויטקאָפּן אַ האַנט.

—זײַ געזונט, מײַן צונטערוויטער אינגעלע!.. אַז הער מײַנהונט וועט זיך אופכאַפּן, מעגסט אים איבערגעבן אַ גערוס פון מײַנעטוועגן.

דער קונצנמאַכער איז שוין גרייט געווען אַרויסצושפּרינגען פון גראָבן, אָבער רויטקאָפּ איז אַפּגיך צוגעשפּרונגען און אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט זײַן ברייטן פליגלראָק.

— איכ'ל אויך מיטגיין מיט דיר... נעם מיך מיט זיך, מײַן ליבינקער! — האָט זיך דער אינגל געווּמען בעטן.

רויטקאָפּ האָט זיך שטאַרק געשראָקן באַם געדאַנק, אַז באַלד וועט אָנקומען די נאַכט און ער וועט בלײַבן אַלײן.

— נעם מיך מיט, נעם! — האָט ער זיך געבעטן, ניט אָפּלאָזנדיק דעם קונצנמאַכערס פליגלען.

— איך גיי ווייט, ברודערקע...

— מאַכט ניט אויס, איכ'ל אויך גײן... איך וויל אויך גײן הינטערן ווינט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט דער קונצנמאַכער זיך שטאַרק

אײנער, דו נפש !.. װינט הינטערן אויך װילסט דו — צעלאַכט װעסט דען קאָנען מיטמאַכן מיט מיר ? איך גײ דאָך אַרום מײַן גאַנצן לעבן : איך בין אַן אַרומטרײַבער ! פאַרשטײסט ? הײַנט בין איך דאָ, און אין אַ חודש אַרום מעגסט מיך שוין זוכן אין מאָסקװע...

— איך װיל אויך אין מאָסקװע !

דער פּרעטדער האָט פאַרװאונדערט אַרופגעקוקט אפן אינגל, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און נאָכדעם געפרעגט :

— און װאָס װעט זאָגן דער טאַטע ? און די מאַמע ?

— איך האָב קײנעם ניט — האָט רויטקאָפּ איבערגע־שלאָגן דעם קונצנמאַכער — איך בין קײנעמס ניט.

— װאָס הײסט קײנעמס ניט ? — האָט יענער זיך גע־חידושט.

— אַזױ... מען האָט מיך געפונען... — האָט סאַשקע אָנ־געהויבן און האָט בקיצור דערצײלט די געשיכטע פון זײַן אָפּשטאַם.

דער פּרעטדער האָט מיט קאָפּ אויסגעהערט די מעשה, האָט געטראַכט אַ װײַלע, און נאָכדעם געזאָגט צו רויטקאָפּן :

— הער צו, מײַן פרײַנט, װאָס איכ'ל דיר זאָגן : איצט גײ איך אַף נאַכטלעגער. זעסטו דאָרטן, הינטערן פעלד, אַ גרױסן, בלאָען דרײעק ? דאָס איז אַ װאַלד. דאָרטן נעכטיק איך. אויב דו װילסט, קאָנסט אויך איבערנעכטיקן מיט מיר, און מאָרגן װעלן מיר זען, װאָס װײַטער צו טאָן...

— איך װיל, איך װיל !.. — האָט סאַשקע זיך אָנגעכאַפּט און איז דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען פון גראָבן.

באַלד זײַנען שוין בײדע פרײַנט אװעק צום װאַלד צו. זײ זײַנען געגאַנגען מיט אַ שמאָלן שטעגל דורכן פעלד, און הינטער זײ האָט זיך נאָכגעשלעפּט „מײנהונט" און האָט געשנויפלט.

דער אָװנט האָט שוין גענידערט. אַפן װײַטן האָריזאָנט, װאו ס'האָט געפלאַקערט דער אָװנטרויט, האָבן זיך אַזױ װי פעלזן אומ־באַװעגלעך געקנוילט װאָלקנס. זײ זײַנען באַשטראַלט געװען מיט דער רויטקײט פון אונטערגאַנג און האָבן אויסגעזען, װי צעגליטע. אַ שטילקײט האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אַרום. דער װינט האָט

קוים־קוים געעטעמט. די נאטור האט זיך גרייטגעמאכט צום שלאף.

רויטקאפ איז דער ערשטער ארויס פון פעלד און זיך ארומ־געקוקט. פאר אים האט זיך אויסגעשפרייט א גרויסע אזיערע. אף דעם אנדער ברעג האט זיך ארויסגעהויבן א וואלד. די פייערן פון אונטרויט האבן זיך געשפיגלט אין דער אויבערפליאך פון רואיקן וואסער.

— נו, ברודערקע, א גוטע אכסניא בא מיר, הא? — האט רויטקאפ דערהערט הינטער זיך דעם קונצנמאכערס פראגע.

—וואס פאר אן אכסניא?—האט סאשקע ניט פארשטאנען.

— די, וועלכע דו זעסט.

רויטקאפ האט גארנישט געענטפערט, ער האט נאר א שמייכל געטאן. ער איז געווען צופרידן און גליקלעך. ער האט זיך געפילט פריי — און דאס איז שוין געווען גענוג פאר אים. איצט האט ער שוין מער ניט מורא געהאט פאר קאטערינען. אהיים האט אים ניט געצויגן. אים איז געווען גוט מיט אטועם אומבאקאנטן, לום־טיקן פארשוין.

— נו, מיין רויטער פריינט, קום וויטער! — האט דער קונצנמאכער געזאגט, א פאטש טוענדיק סאשקען איבערן פלייצע—מירן ארומגיין די אזיערע און איבערנעכטיקן אין וואלד. איכ׳ל דארטן אויסקלייבן א גוטן ערטל.

ס׳האט ניט לאנג געדויערט. און די גרופקעלע האט זיך שוין גענומען דערנענטערן צום וואלד. פונדאנען האט געטראגן מיט א לייכטער און קילער פרישקייט. די ברוינע סאסנעס זיינען געשטאנען אין שלאנקע, הויכע שורות. אלץ איז געווען פארשלאפן און שטיל. אף יענער זייט אזיערע האט דער אונטרויט שוין געצאנקט. די וואלקנס אפן האריזאנט האבן זיך פארלאשן און זיינען שווארץ געווארן. איבערן וואלד האט זיך אראפגעלאזן דער בין־השמשות. עס האט געשיינט, אז די ערד עטעמט, און די פארע פון איר אטעם האט זיך ווי א לייכטער, רויכיקער נעפל געשפרייט איבער דער פארגלאזטער אזיערע.

רויטקאפ מיטן קונצנמאכער זיינען מיט א ברייטן וועג אריין אין וואלד.

— אַטראַ וועט זײַן אונזער שלאָפצימער — האָט דער קינצנמאַכער געזאָגט און זיך אָפּגעשטעלט.

דער אויסגעקליבענער אָרט איז געווען ממש וואונדערלעך. גראָז איז דאָ געוואַקסן געדיכט. אַרום זײַנען געשטאַנען שלאַנקע סאָסנעס. די אָזערע איז געווען גאָר נאָענט און מען האָט איר גוט געקאָנט זען.

— דאָ וועט אונז קיינער ניט זען און קיינער ניט רירן. לייג זיך צו, ברודערקע, און כאַפּ אַ דרעמל! — האָט דאָס קליין מענטשעלע געזאָגט און זיך גענומען צוגרייטן אַ בעט.

מיט אַ קליינעם טאַשנמעסערל האָט ער זיך אָנגעשניטן אַ בינטל בלעטער, זיי אויסגעלייגט, פאַרדעקט מיטן פליגלראָק, וואָס ער האָט אויסגעטאָן, און זיך באַקוועם צוגעלייגט, זיך אָפּקרעכצנדיק פון הנאה.

— שוין איינמאָל אַ שלאָפצימער! — האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי רויטקאָפּ האָט זיך אויך צוגעגרייט אַזאַ געלעגער און זיך געלייגט בײַ זײַן זײַט — ווי מיר דאַכט זיך, איז אייער גובערנאַטאָר נאָך קיינמאָל ניט געלעגן אין אַזאַ בעט... טו נאָר אַ קוק, רויטינקער, וואָס פאַראַ לײַטזעליקייט אַרום אונז איז... הערסט, ווי שטיל ס׳איז געוואָרן?.. דאָס איז אַלץ צוליב דעם, וואָס מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. די אָזערע איז שוין אײַנגעדרעמלט, פון אונטערווײַט איז אָפן מעריב איבערגעבליבן אַ גילדענע שפור... און באַלד וועלן זיך אָנצינדן אין הימל די לעמפעלעך...

— דו מיינסט די שטערנס? — האָט אונטערגעכאַפּט רויטקאָפּ, וועלכער האָט מיט קאָפּ זיך צוגעהערט, וואָס יענער רעדט.

— כאַפּסט טרעפן, יאָ, די שטערנדלעך וועלן באַלד נעמען פינקלען, און ווען מיר וועלן שוין שלאָפן, שפּעטער, וועט שטיל אַרויס די לבנה, וועט בלײַבן הענגען איבער דער אָזערע און וועט אַ לאַנגע צײַט קוקן אין הימל, אַזוי ווי מען קוקט אין אַ שפּיגל... נאָכדעם וועט אַלץ פאַרבלײַבט ווערן, און די ערד וועט זיך פאַנאַנדערקלינגען. די וועלדער און די וואַסערן וועלן זיך נעמען דורכרוימען סודות, די פייגעלעך וועלן אויפזינגען פרימאָרגנדיקע

לידער. דער הימל וועט זיך צעשמייכלען און דער מזרח וועט זיך נעמען רויטלען. און ס'וועט אויפשטיין א בלענדנדיקע זון, און די ערד וועט זיך אויפכאפן...

דער קונצנמאכער האט זיך אפגעזיפצט און איז אנטשוויגן געווארן.

און נאכדעם וועט וואס זיין? — האט רויטקאפ שטיל געפרעגט.

— נאכדעם וועל איך אין יענעם דערפל דערקאזשען פאר זיך עפעס איבערצוביסן; איכ'ל גוט אנהייצן און וועל זיך גיין ווייטער...

— וואוהין?

— כ'וויים אליין ניט... כ'וועל דערגיין ביז קיעוו, און פון דארטן וועל איך מסתמא זיך דורכפארן ווי א בלינדער פאסאזשיר קיין אדעס, און אפשר וועל איר זיך גאר פארנעמען אף אן אנדער וועג. איך בין א פרייער מענטש: וואוהין מיר פארוועלט זיך, דארטן גיי איך... אין די שטעט זיץ איך נאר ווינטער. איך האב פיינט דאס שטאטישע לעבן, דארטן יאגט מען זיך כסדר נאך געלט און נאך עפעס א גליק. גייט עס צו אלדי רוחות! אט, ארומוואגלען פראנק און פריי איבער פעלדער און וועלדער— דאס פארשטיי איך! דא וועט איין וואלף דעם אנדערן ניט טשעפען; און די העזעלעך, די קראליקעס און בלערליי קרייכעדיקע ברואימלעך האבן דאך אין זיך אזוי פיל גוטסקייט און צארטקייט, אז א מענטש מעג זיך באהאלטן קעגן זיי. היינט, ווי שיין דא איז! אין שטאט באקומט מען דאך גארניט צו זען דעם הימל.

— איך וויל אויך ניט וואוינען אין שטאט — האט רויטקאפ פארחלומט געזאגט — איכ'ל אלעמאל נאר מיט דיר ארומגיין...

— ניין, מיין פריינט, מיט מיר וועסטו ניט גיין... מארגן שוין שיק איך דיר צוריק אהיים.

— כ'וויל ניט, כ'וויל ניט! — האט סאשקע גענומען שרייען אין גרויס פארצווייפלונג.

— נארעלע איינער! וואס ביסטו מיר פאר א חבר? האסט

באַגעגנט אַ מענטשן און זיך שוין צוגעבונדן צו אים! און טאָמער בין איך גאָר אַ גזלן?...

— ניין, ניין, דו ביסט אַ גוטינקער! איכ'ל גיין מיט דיר... איך וויל ניט זיין קיין חזיר-פּאַסטוך...

— אָבער, צוציקל איינער, איך בין אַ קראַנקער מענטש, איך בין אַן אַלקאָהאָליקער.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— פּשוט, אַ שיכּור...

—דאָס איז גאָרנישט—האָט רויטקאָפּ אים איבערגעשלאָגן— איך שרעק זיך ניט פאַר קיין שיכּורים... בּאַ אונז אין האָלאָדאַ-יעווקע זיינען געווען גענוג שיכּורים!

—אַז מיט דיר קאָן מען זיך גאָר ניט צוזאַמענרעדן... נו גוט, שלאָף שוין, און מאָרגן וועלן מיר געפינען אַן אויסוועג — האָט דער קונצנמאַכער פאַרענדיקט דעם שמועס און האָט זיך אויסגעדרייט צו סאַשקען מיטן רוקן.

ס'איז שטיל געוואָרן. אַפן הימל האָבן זיך באַוויזן שטערנס. אַ שטילע ווֹמערנאַכט האָט קלאַנגלאָז זיך אַראָפּגע-לאָזן אַף דער ערד.

סאַשקע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט איינשלאָפן. זיין קאָפּ האָט געאַרבעט אָן אָפּשטעל. ער האָט זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס ס'איז געשען דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, און אין האַרצן האָט זיך אים אַריינגעשליכט אַ שרעקעוודיקער, אָבער צוגלייך אויך אַ מחיהדיקער געפיל. ער האָט הנאה געהאַט פון דעם געדאַנק, אַז קאַטערינע האָט אַף אים מער קיין דעה ניט, און אַז ער איז איצט פריי, ווי אַ פויגל. איין זאַך האָט אים נאָר גע-שראָקן: אַז דער פרעמדער זאָל זיך ניט אָפּשאָקלען פון אים, און דעמאָלט וועט ער בלייבן גאָר אַליין מיט זיין שטומען פריינט „מיינהונט". ווייטער האָט רויטקאָפּ זיך דערמאָנט אָן די יונגע פּריצים, זיינע חברים, אָן דוניען, אַקסיניען... ער האָט געטראַכט פון דעם, אַז ער וועט אַוועקגיין ווייט-ווייט, אַז ער וועט אויסוואַקסן, פאַרדינען אַ פולע געלט און דעמאָלט וועט ער אַלעמען באַגליקן און אַלעמען דערפרייען. די נאַאיווע קינדער-חלומות האָבן אים

פארווינגט, און ער איז איינגעשלאפן מיט א פעסטן, רואיקן שלאף.

מיינהונט האט אויך איינגעדרעמלט בײַ סאשקען צופוסנס.

איצט איז אין וואלד געווען אזוי שטיל, אז דער קלענסטער שאָרך און דער שטילסטער הילך האט שוין צעשטערט די אָרומיקע רו.

— העי, חברל, שטיי אוף צום אָנבײַסן! — האט רויטקאָפּ דערהערט איבער זיך און האט זיך אופגעכאפּט.

דערבײַ אַפּן גראָז איז געזעסן דער קונצנמאכער און האט מיט זײַן מעסערל געשניטן פּענעצעס ברויט. סאשקע איז נאָך ניט אינגאנצן געקומען צו זיך און ער האט מיט גרויס חידוש פאַקוקט דעם קונצנמאכער, ניט כאַפּנדיק זיך, וואָס דאָ טוט זיך.

— וואָס גלאָצסטו אַף מיר די זויקעס, דערקענסט מיך שוין ניט? — האט יענער געפרעגט מיט א געלעכטער.

ווי נאָר סאשקע האט דערהערט די באַקאַנטע שטים, האט ער זיך צעשמייכלט און לוסטיק א טרייסל געטאָן מיטן געדיכטן רויטן קאָפּ האָר.

— נו, מארש צו דער אָזערע זיך אָרומוואשן, און נאָכדעם קום עסן!

רויטקאָפּ איז איפגעשפּרונגען און אוועקגעלאָפן צום וואסער. „מיינהונט" איז אים אויך נאָכגעלאָפן.

— אָט האָסטו דאָס א כּלב, א קאָץ זאָל זיך אים שטעלן אין האַלז! — האט דער קונצנמאכער געזאָגט, ווען סאשקע האט זיך צוריקגעקערט — אַף א טריט לאָזט ער דיר דאָך ניט אָפּ, דער פּירפּיסיקער שד...

רויטקאָפּ האט לוסטיק זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, האט א גלעט געטאָן דעם הונט און זיך אויך צוגעזעצט אַפּן גראָז.

— וואו האָסט'אָס גענומען? — האט ער געפרעגט דעם קונצנמאכער.

— וואָס?

— אָט, ברויט, פּוטער, ציבעלעס, זאַלץ...

— ע, ברודערקע, אז דו ביסט נאָך געלעגן נײַן מייל אין

שלאָף, האָב איך זיך שוין אויסגעלאָזן צו דער אַרבעט... זעסט די טיפּלע!

— כ'זע.

— דאָרטן בין איך געווען.

ווען אַלע — אַפילו „מינהגנט" אויך — זיינען שוין געווען זאַט אָנגעגעסן, האָט דער פרעמדער זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. ער האָט אויסגעטאָן די שיך און דעם פליגל־ראָק, האָט זיי אַקוראַט צונויפגעלייגט און דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט די רעשט שפּייז, אַריינגעפּאַקט אין זיין זאַק. נאָכדעם האָט ער גענומען אויסשניידן אַ שטעקן פון אַ ווייטשקע.

רויטקאָפּ האָט שווייגנדיק נאָכגעקוקט אַלץ, וואָס ער טוט, און מיט שרעק האָט ער געוואַרט אַף דעם, וואָס דאָ וועט ווייטער זיין. ער האָט שטאַרק פּחד געהאַט, אַז דער קונצנמאַכער וועט אים ניט וועלן נעמען מיט זיך.

— נו, ברודערקע, איך בין שוין פאַרטיק — האָט דער פרעמדער געזאָגט, אויסשניצנדיק דעם שטעקן.

נאָכדעם האָט ער אַרופגעפּאַקט זיין זאַק אַף די פּלייצעס, און אַראָפּנעמענדיק די הוט, זיך געזעגנט מיט רויטקאָפּן:

— האָב זיך אַ גוטן!

אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווי סאַשקע איז אופגעשפּרונגען, פּונקט ווי אַ פאַרסמטער, האָט אַרומגעכאַפּט דעם קונצנמאַכער און האָט אַזאַ געשריי געטאָן, אַז בא יענעם האָט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ.

— וואָס איז דאָס מיט דיר? פע, הער אוף! — האָט דער קונצנמאַכער געזאָגט מיט אַ מילדער שטים — אָט האָב איך געפונען אַ מאָדנעם מיטגייער — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל — נו, ברודערקע, זעץ זיך צו און לאָמיר אַ שמועס טאָן.

רויטקאָפּ האָט זיך אַביסל באַרואיקט און זיך צוגעזעצט אַפן גראָז באַם פרעמדנס זייט.

— הער מיך נאָר אויס מיט קאָפּ — האָט דער קונצנמאַכער אָנגעהויבן — און נאָכדעם וועסטו זאָגן, אויב דו גייסט

מיט מיר מיט, אָדער ניט. איך האָב דיר שוין נעכטן געזאָגט, אַז איך בין אַן ארומטרייבער. קיין אייגענעם פּאַס האָב איך ניט. אַמאָל בין איך געווען אַ גימנאַזיסט, היינט בין איך אַ שיכור. מיין כאַראַקטער איז אַזאַנער, אַז איך קאָן צווישן מענטשן ניט לעבן. צוליב דעם וואָגל איך אַרום דעם גאַנצן לעבן אָן אַ צוועק און אָן אַ נוצן, ניט אַלעמען קאָן געפעלן מיין לעבן. גאָר אָפט קומט מיר אויס צו פילן דעם טעם פון הונגער, און אין די האַרבסטנעכט ליג איך אונטערן פרייען הימל. איך בין אַ גרויסער, אַ פאַרבאַהאַלטענער אַקטיאָר. איך פאַרשטיי און לעב אַריבער אַזוי פיל, אַז אַמאָל וואונדער איך זיך איבער זיך אַליין, אָבער דאָס איז אַלץ בא מיר אין האַרצן. אין דער אמתן טויג איך ניט מער, ווי אַף כפרות, אָט צוליב דעם בין איך ניט געוואָרן קיין אַקטיאָר, נאָר אַ קונצנמאַכער און אַ קלאָון. ווינטער אַרבעט איך אין די צירקן און שפּילביידלעך, און אַלץ, וואָס איך פאַרדין, פאַרטרינק איך ביז צום לעצטן גראָשן... זומער טרייב איך זיך אַרום... איצט טו נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ תכלית, וועט פון דיר זיין, ווען דו וועסט זיך אויך מיטשלעפּן מיט מיר? וואָס קאָן איך, דער אַלטער, שיכורער קלאָון, דיר געבן?

— איך האָב גאָרנישט ניט נויטיק! — האָט רויטקאָפּ היציק אַ געשריי געטאָן און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ נעבעכדיקן פּנים: — פּעטערל, גוטינקער פּעטערל, נעם מיך מיט! איך וויל אויך ווערן אַ קלאָון, פּעטערל...

— גענוג זיך צו בעטן! — האָט דער קונצנמאַכער איבערגעשלאָגן סאַשקען — איך זע שוין, אַז דו ביסט באַשאַפן צו זיין אַן אַרומטרייבער, און דעריבער נעם איך דיך מיט. אָבער געדיינק: אַז דו וועסט מיר כאָטש איינמאָל זאָגן: „פּעטערל, כ'וויל אַהיים", אָדער וועסט זיך גאָר צעבלערען — וועסט מיך שוין מער אין די אויגן ניט זען. איכ'ל דיך דעמאָלט אַוועקוואַרפן אַפן מיטן וועג, אַזוי ווי אַ קעצל, און טו זיך ווייטער, וואָס דו ווילסט. אחוץ דעם, וועסט מוזן געזעגענען זיך מיטן הונט... מיר דאַרפן אים ניט. מיר זיינען ניט אַרויס אַפן געיעג...

— ער וועט אָבער ניט אוועקגיין — האָט רויטקאָפּ געזאָגט, און זיין שטים האָט אַ ציטער געטאָן.

— אָט וואָס מיר וועלן טאָן: מיר'ן אַרויס אויפן שליאַך, אים וועלן מיר צובינדן צו אַ בוים, און אַליין וועלן מיר אוועק. ביז אים וועט זיך איינגעבן איבערצובייסן דאָס שטריקל, וועלן מיר שוין זיין העט-ווייט. ער וועט אונז אַרומזוכן, ניט געפינען, און וועט אַנטלויפן צוריק אַהיים. דאָרטן וועט אים זיין בעסער, מסתּמא?

— גוט—האָט רויטקאָפּ שטיל צוגעגעבן.

— נו, אוועקגעגאַנגען... יאָ, איך וויל דיר נאָך וואָס זאָגן: זאָלסט מיך ניט אָנרופן „פּעטערל", ס'קערט מיר די גאַל פון דעם נאָמען. איך הייס איוואַן ראָזדאָליעוו. און די קונצנמאַכערס און אַקראָבאַטן האָבן מיר געגעבן אַ צונעמעניש „האַלבפונטל", צוליב מיין לייכטער וואָג און מיין קליינעם וואוקס.

האַלבפונטל האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן, נאָך אים רויטקאָפּ און „מיינהונט", אַרויסגייענדיק אויפן שליאַך, האָט האַלבפונטל אַרויסגענומען פון קעשענע אַ לאַנגען רימען און אים דערלאַנגט סאַשקען.

— צו דעם בוים וועסט אים צובינדן! — האָט דער קונצנמאַכער געזאָגט, צוגייענדיק צו איינעם פון די טאָפּאָלן, וואָס זיינען געוואַקסן אויפן זייט וועג.

מיט טרייסלדיקע הענט האָט רויטקאָפּ אַרומגעבונדן „מיינהונטס" האַלז, און דעם אַנדער בריג רימען האָט ער פעסט אַרומגעדרייט אַרום אַ גראָבן צווייג. דער הונט האָט די גאַנצע צייט מיט גרויס צוטרוי געקוקט אויף זיין באַלעבאָס און שטיל געדרייט מיטן וויידל. נאָכדעם, ווי רויטקאָפּ האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט און ער האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט האַלבפונטל דערזען טרערן אין זיי.

— ע, ברודערקע, דו ווייַנסט גאָר!.. נו, אויב אַזוי, גיי איך זיך אַליין — האָט דער קונצנמאַכער געזאָגט, האַלב אין וויץ, האַלב אין ערנסט.

— און דו מיינסט נאַקע, אַז איך וועל לאָזן אים!—האָט רויטקאָפּ געענטפערט מיט אַ געמאַכטן שמייכעלע, און אַ טרער,

גרויס ווי אַ באָב, האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ווירע זײַנער און זיך אַראָפּגעקײַקלט איבערן באַק.

— און איך זשאַלעווע דעם רימען; צען יאָר האָט ער מיר טרײַ אָפּגעדינט... נו, לאָמיר זיך רירן אין וועג.

די וואָגלער זײַנען אַפּגיך טוועק.

אַ לאַנגע צײַט האָט רויטקאָפּ זיך ניט אומגעקוקט. ס'איז אים געווען אומעטיק און דאָס האַרץ האָט געגאָנט.

נאָכדעם, ווי מען איז אָפּגעגאַנגען אַ היפּשע שטיק, האָט ער אָבער ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט מער ניט געזען קיין פעלד, ניט קיין שליאַך, ניט קיין הונט. גאָר ווײַט פון הינטן איז געבליבן דער סאָסנע־וואַלד, וועלכער האָט זיך נאָך איצט געזען, ווי אַ גרינער דרײַעק. די באַוואַקסענע בוימשפּיצן האָבן זיך געשאָקלט אין ווינט, זיך געבויגן אין אַלע זײַטן, און רויטקאָפּן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער וואַלד שיקט אים דאָס אַ לעצטן זײַגעזונט.

עס הויבן זיך אָן רויטקאָפּס אַוואַנטיורעס.

אױף זיבעטן טאָג האָבן חאַלבפּונטל און רויטקאָפּ זיך דער־נענטערט צו קיעוו.

זיי האָבן ביידע אויסגעזען פּריש, געזונט און מונטער. דאָס וואַנדערלעבן האָט טאַקע זייער גוט באַקומען, און ער האָט זיך געשפּירט גאָר אויסגעצייכנט. וועטערן זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען גוטע, און די ראָונדער האָבן פײַן פאַרבראַכט אַלע טעג און נעכט אונטערן פרײַען הימל. דעם גאַנצן וועג איז רויטקאָפּ בסדר נתפּעל געווען פון אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געזען. מיט דעם גאַנצן פײַער פון זײַן יונגער נשמה האָט ער זיך צוגעבונדן צו ראַזדאַליעון, און איז פון אים ניט אָפּגעגאַנגען אַף קיין איין טריט. האַלבפּונטל איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געוואוסט אַלץ אין דער וועלט. אַף אַלע קשיות פון רויטקאָפּן האָט ער געגעבן אַזעלכע אינטערעסאַנטע און פאַר־שטענדלעכע תשובות, אַז דער אינגל איז גרייט געווען אים צו

הערן אַן אַ סוף. האַלבפונטל האָט זיך באַצויגן צו טאַשקען, ווי אַ גוטער חבר, און ער האָט געטיילט מיט אים יעדן ביסן. ווי נאָר ער האָט געמערקט, אַז רויטקאָפּ פאַרטראַכט זיך און ווערט אומעטיק, האָט ער זיך גענומען וויצלען און מאַכן אַזעלכע שפּיצלעך, אַז דער אינגל האָט תּיכּף פאַרגעסן אַן אַלץ און זיך שוין געקאַמשעט פון געלעכטער.

דעראַזיקער משונהדיקער און אומפאַרשטענדלעכער פאַרשוין האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו רויטקאָפּן און אים ליבגעקומען מיטן גאַנצן הרצון.

— פון דיר וועט נאָך ווערן אַ מענטש, ברודערקע — האָט ער אים איינמאָל געזאָגט — דו ביסט אַ פּיאיקער יונגאַטש. צו דער שפּילביידל וועל איך דיך ניט צולאָזן, איכ'ל פאַר דיר אויסגעפינען אַזאַ מין אָרט, אַז דו וועסט מיר נאָכדעם ניט וויסן, ווי אָפּצודאַנקען.. לאָמיר זיך נאָר דערקלייבן ביז אָדעס... אַ שאָד, וואָס דו האָסט ניט קיין פּאַפּירן... נו, מיר וועלן דאָס שוין אַרויספאָרערן פון דיין היים.

רויטקאָפּ איז אַף אַלץ איינגעגאַנגען. פון האַלבפונטלס רייד איז ער פּשוט אַ צעשמאָלצענער געוואָרן און אין זיין פאַנטאַזיע זיך אויסגעמאָלן גראַנדיאָזע פּלענער.

און ענדלעך זיינען זיי געקומען אין קיעוו.

די אַלטע שטאָט האָט אַף רויטקאָפּן ניט געמאַכט קיין גרויסן רושם, ווייל אָנגעקומען אַהין זיינען זיי באַנאַכט, און אחוץ דעם האָט האַלבפונטל אויסגעמיטן די הויפּטגאַסן, און זיי האָבן זיך כּסדר ווי געגנבעט איבער זאַוואַליקלעך און הינטערגעסלעך. ניין אַזייגער זיינען זיי געקומען אַפן וואָקזאַל, און דאָ האָט ערשט רויטקאָפּ דערזען חידושים!

די ערשטע זאַך איז דער אינגל אַ פאַרפּלעפטער געוואָרן זעענדיק דעם מאָנומענט־גרויסן זאַל פון דריטן קלאַס, וואָס איז פולגעפּאַקט געווען מיט מענטשן. און ווער איז דאָ ניט געווען! זקנים, און ווייבער, און זעלנער, און קינדער, און סוחרים, און די אַלע מענטשן האָבן זיך אויסגעמישט אין איין טומלדיקן, הוּר־זשענדיקן המון. אַף אַלע בענק, אַף אַלע פענסטערברעטער

זיינען געלעגן קאַסטנס, זעק, פּעק, קופּערטן. מענטשן זיינען הענדום־פּענדום אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, האָבן כּסדר געשריען, זיך געזידלט; ברוסטקינדער האָבן געקוויטשעט, און מאַמעס האָבן זיי געהאָדעוועט...

סאַשקע איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן, פאַר די אויגן האָט אים גענומען שווינדלען, און דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט.

— וואָס איז דאָ? — האָט ער געפרעגט זיין עלטערן חבר, וועלכער האָט אים אָנגענומען פאַר א האַנט.

— דאָ איז א וואָקזאַל.

— וואָס הייסט דאָס?

— פונדאַנען פאָרט דער עולם אַוועק מיטן באַן. מיר וועלן פונדאַנען אָפּפאָרן קיין אָדעס.

— און וואו איז דער באַן?

— דאָרטן, הינטער דער טיר, בא וועלכער ס'שטייט דער שווייצאַר.

האַלבפונטל האָט צוגעפירט דוידקאָפן צום פענסטער, אים אַוועקגעזעצט און געזאָגט:

— אָט דאָ זאָלסטו זיצן און זיך ניט רירן פון אָרט! קוק דורכן פענסטער און שווייג.

— און דו? — איז סאַשקע געוואָרן אומרואיק.

— איכ'ל גיין א שמועס טאָן מיטן קאָנדוקטאָר. מיר'ן פאָרן מעשה הזועלעך — האָט ער אים איינגערוימט אויפן אויער.

— וואָס איז דאָס, ווי הזועלעך?

— שאַ!.. נאַר דו גרויסער! שווייג, וועסט שוין שפּעטער זען...

— אַי, אַי! טו נאָר א קוק, וואָס עס פליט דאָרטן! — האָט דער אינגל מיטאַמאָל אויסער זיך א געשריי געטאָן, דערזעענדיק דורכן פענסטער א פאַרביפאָרנדיקן לאָקאָמאָטיוו.

— אָט מיט אַזא מאַשין וועלן מיר פאָרן.

— און ווי אַזוי פליט זי דאָס?

— מיט פּאַרע.

— און וואו איז דאָס פערד, וואָס פירט איר?

— גאָט מיין פאָטער!... נו, גוט, שפּעטער וועל איך דיר אַלץ דערציילן, דערווייל זייַ און ריר זיך ניט פונדאַנען. — און האלבפונטל איז תיכּף פאַרשוואונדן אינם אַרומיקן המון.

סאַשקע האָט זיך צוגעדריקט מיט דער נאָז צום פענסטער, און האָט אויפגעגעסן מיט די אויגן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אַף יענער זייט. און דאָרטן האָט זיך טאַקע אָפּגעטאָן מעשׂים. גרויסע לאָמטערנעס האָבן, אַזוי ווי די זונען, בלענדנדיק באַלויכטן די פּלאַטפאָרמע און דעם פּלאָנטער שינעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן, פלעכטנדיק, ווי אויסטערליש־לאַנגע שלאַנגען. נאָר ווייט האָבן שעמערירט אין דער נאַכטלופט רויטע און בלאָע פייערלעך. עס זיינען אַרומגעלאָפן מענטשן מיט ווייסע פאַרטעכער, מיט בלעכלעך אַף די היטלען, עפּעס מענטשן, אויסגעפּוצט אין רויטע היטעלעך, און בלערליי אַנדערע פּריצים. אָבער ניט דאָס האָט פאַרכאַפּט רויטקאָפּן. זיין אויפמערקזאַמקייט האָט אינגאַנצן פאַרנומען אַ צוג, וואָס האָט זיך פאַמעלעך צוגעשאַרט צו דער פּלאַטפאָרמע. די צוויי מאָוימדיקע אויגן פון פאָרנט, די לאַנגע, באַוועגלעכע הייזער, פול מיט מענטשן, האָבן אים אַזוי פאַרחידושט, אַז ער האָט אויפגעריסן מויל און אויגן, און ער האָט זיך אפילו אַביסל אָנגעהויבן שרעקן.

— נו, וואָס הערט זיך דאָ בּאַ דיר? — האָט ער דערהערט איבער זיך האלבפונטלס קול.

— אַי — אַי, וואָס דאָרטן טוט זיך! — האָט דער אינגל זיך פאַרכליניעט — די גיב נאָר אַ קוק, וויפל מענטשן דאָ דרייען זיך אַרום! און וואוהין לויפן זיי דאָס אַלע?

— דאָס גייען זיי אַרויס פון די וואַגאָנעס.

— און מיר וועלן אויך אַזוי־אַ פאָרן?

— מיר'ן פאָרן.

— ווען?

— אין אַ האַלב שעה אַרום. הער: דיר וועל איך — און האַלבפונטל האָט זיך צוגעבויגן און געגומען שעפּטשען — אוועקלייגן אונטערן באַנק, זאָלסט ליגן רואיק און ניט ברייען!

איבּ'ל זיין דערפֿון. אַז מיר וועלן אָנקומען, וועל איך דיר שוין זאָגן, ווען דו זאָלסט אַרויסקריכן. פֿאַרשטאַנען?

— פֿאַרשטאַנען. זאָל דאָס שוין אָבער קומען גיכער.

— סט' באַוויזן. וועט דיר נאָך דערעסן.

— און פֿאָרן וועלן מיר לאַנג?

— איך זאָג דיר דאָך, אַז לאַנג, ס'וועט דיר דערעסן...

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ קלונג, און דער עולם האָט זיך, ווי משוגע, אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעריי. רויטקאָפּ און האַלבפֿונטל האָבן זיך די ערשטע דורכגעריסן און אַרויס אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. אין וואַגאָן זייַנען זיי אויך אַריין די ערשטע.

— גיכער, קריך שוין! — האָט האַלבפֿונטל זיך אָנגעפּייערט אויף רויטקאָפּן און אים אונטערגעהאָלפֿן.

סאַשקע האָט תּיכּף דורכגעפֿירט דעם באַפֿעל. ער האָט פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם, זיך פֿאַרדרייט אין אַ קנייַלכל און האָט אַפֿילו פֿאַרקוועטשט די אויגן.

— ליגסט? — האָט האַלבפֿונטל זיך צוגעבויגן צו אים.

— כ'ליג — האָט סאַשקע שטיל געענטפֿערט.

— אַז ליג! איבּ'ל דיר שוין זאָגן, ווען אַרויסצוקריכן. עסן ווילסטו?

— איך וויל.

— גוט! וואַרט אַ ווײַלע, אַז מענטשן וועלן קומען, וועל איך אַרויסלויפֿן ברענגען עפּעס.

— מיט וועמען פֿלאַפּלסטו דאָרטן? — האָט האַלבפֿונטל פּלוצלונג דערהערט איבער זיך אַ הייזעריקן באַס.

ער האָט אַ ציטער געטאָן און אַרויפֿגעקוקט. פֿאַר אים איז מיט אַ קופּערט אין האַנט געשטאַנען אַ גראָבער רוסישער סוחר מיט אַ ברייטער, ליכטיקער באָרד און מיט שאַלקהאַפֿטיקע, אָבער גוטמוטיקע אויגלעך.

— פֿירסט אַ צווייפֿיסיקן האָז, האַ? — האָט דער סוחר געשמייכלט.

— ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן, ברודערל מיינער... האָב איך...

— דער באַן איז ניט מיינער — האָט יענער אים איבערגעשלאָגן — פיר, וויפל עס קריכט אַריין... נאָר זע צו, אַז דיין העזיל זאָל ניט זיין קיין גנב.

— וואָס רעדט איר! איך בין דאָך דערבײַ...

— און דו האָסט אַ בילעט?

— איך... איכ'ל אייך זאָגן דעם אמת: איך האָב אויך ניט... כ'האָב געהאַט צוויי רובל... אָפּגעגעבן דעם קאָנדוקטאָר... ווי גאָט איז אייך ליב...

— וואָס בעטסטו זיך?... כ'האָב דאָך שוין געזאָגט: דער באַן איז ניט מיינער.

דער וואַגאָן האָט זיך בּיסלעכווייז אָנגעפילט מיט מענטשן. פאַר רויטקאָפּס אויגן האָבן אָנגעהויבן שווינדלען קליידלעך און פּיס. אונטערן באַנק איז געוואָרן פינסטער. ס'האָט זיך שוין דערטראָגן דער צווייטער גלאָק. האַלבפונטל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוגעזאָגט רויטקאָפּן עפּעס ברענגען, און ער איז גיך ווי אַ בליץ אַרויסגעלאָפן פון וואַגאָן, פאַנאַנדערשטופּנדיק אַלעמען, איז ער צוגעלאָפן צום בופעט פון דריטן קלאַס, האָט אַ כאַפּ געטאָן פון טאָמבאַנק אַ חלה, און אַ וואָרף געטאָן דעם פאַרקויפער אַ צוואַנציקער.

— גיבער אויסגאָב, אַניט פאַרזאַם איך — האָט האַלבפונטל געשריען, זיך טרייסלענדיק פון אומגעדולד.

דער פאַרקויפער האָט ניט אײַלנדיק אַרומגעקוקט די מטבע, האָט געוואָרפן אַ בּליק אויפן קונה און אַרויסגעזייט פון צווישן די ציין:

— האָסט שוין סיווי פאַרזאַמט.

און ער האָט דערלאַנגט דעם קלאַון אויסגאָב.

— וויאַזוי פאַרזאַמט?! — האָט האַלבפונטל ניט מיט זיין קול אויסגעשריען און ווי אַ משוגענער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער פּלאַטפאָרמע.

דאָרטן איז שוין קיין צוג ניט געווען. ער האָט געמיינט אַפן דריטן קלונג, אַז ס'איז דער צווייטער. איצט איז ער שיר ניט געפאַלן אין חלשות.

— וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן! וואָס וועט איצט ווערן מיטן אינגל! — האָט ער אין פאַרצווייפלונג געטומלט און זיך צוגעשפּאַרט צו דער קאַלטער שטיינערנער וואַנט פון וואָקזאַל.

צווייטער טייל.

אַף גאָטס באַראָט.

רויטקאָפּ איז דערווייל געלעגן אונטערן באַנק און האָט זיך צוגעהאָרכט צום איינאַרטיקן קלאַפּן פון די רעדער. צום סוף האָט אים דאָס קלאַפּן פאַרוויגט, און שוין זייענדיק צוגעוואוינט צו פאַרשיידענע געלעגערס, איז ער אויך דאָ, אונטערן באַנק פון וואַגאָן, איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטן, זיסן שלאָף.

שפּעטער האָט דער קאָנדוקטאָר פאַרשפּאַרט די פענסטער, און אין וואַגאָן איז געוואָרן הייס און שטיקנד. די פּאַסאַזשירן האָבן, אַנדערע ליגנדיק, אַנדערע זיצנדיק, זיך געוועדט קעגן דרעמל, וואָס האָט זיי אַלץ מער אַריינגעכאַפּט אין זיינע פּענטעס. בעסער און רואיקער פון אַלעמען איז געשלאָפן דער בערדיקער סוחר, מיט וועמען האַלבפּונטל האָט פריער געשמועסט. ער איז געלעגן אַפן באַנק מיטן פּנים אַרויף און זיין כראָפּן האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן וואַגאָן.

סאַשקע האָט געזען עפּעס זייער אַן אינטערעסאַנטן חלום אָבער מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, ווי עמיץ שלעפּט אים פאַר די פיס. ער האָט זיך גאָר פאַרגעסן, וואו ער איז, האָט ער געוואָלט זיך אוועקשטעלן, אָבער באַם פּרובן טאָן דאָס האָט ער זיך דערלאַנגט אַ געזונטן זעץ מיטן קאָפּ אָן באַנק.

פון אונטערן באַנק האָט אים אַרויסגעשלעפּט דער צווייטער קאָנדוקטאָר, אַן אויסגעמאָגערטער הויכער פאַרשוין מיט שוואַרצע דינע וואָנסן, וואָס זייערע עקן זיינען אַראָפּגעהאַנגען נאָך אונטן, אַזוי ווי באַ אַ כינעזער. דערבאַי זיינען געשטאַנען דער אויבערקאָנדוקטאָר און דער קאָנטראָלער. געכאַפּט האָט מען אים אָט ווי: דורכקוקנדיק די בילעטן, האָט דער קאָנטראָלער צופעליק אַראָפּגעוואָרפן דעם צווייגל באַ דעם באַנק, וואו רויטקאָפּ איז געלעגן.

דער קאָנטראָלער האָט זיך צוגעבויגן און דערזען דעם אינגלס פּנים.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט ער שטרענג אַ פרעג געטאָן באַם אויבערקאָנדוקטאָר.

— וואָס?

— וואָס „וואָס“? וועמעס פּנים זיינען דאָס? ליכט אַקאָרשט צו אַהער! — האָט ער באַפוילן דעם צווייטן קאָנדוקטאָר.

דער לאַמטערן האָט געוואָרפן אַ ברייטן ליכטשטרייף אויף דער פאָדלאָגע פון וואַגאָן און האָט באַלויכטן רויטקאָפּס ברודיקע באָרוועסע פיס, וועלכע האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון אונטערן באַנק.

— שלעפּ אים אַרויס! — האָט קאָמאַנדעוועט דער קאָנטראָלער.

דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען שלעפּן סאַשקען.

— אָט איז אַ שדל, ער בריקעט זיך גאָר! — האָט דער קאָנדוקטאָר געבורטשעט — נו, נו, באַ מיר וועסט שוין אַרויסקריכן איינס און צוויי...

מ'האָט סאַשקען אַרויסגעשלעפּט און אים אַוועקגעשטעלט צווישן די בײנק.

— ווער ביסטו? — האָט דער אויבערקאָנדוקטאָר שטרענג געפרעגט רויטקאָפּן און אים באַלויכטן מיטן לאַמטערן.

דאָס בלענדנדיקע ליכט האָט אַ שמיץ געטאָן דעם אינגל אין פּנים, און ער האָט ניט־ווילנדיק צוגעמאַכט די אויגן.

דער אויבערקאָנדוקטאָר האָט שוין גאָר גוט געוואוסט, פון וואַנען רויטקאָפּ האָט זיך גענומען, ווייל ניט אומזיסט האָט ער באַקומען פון האַלבפונטלען צוויי רובל.

— אַזאַ עכבּרוש! און ער פאָרט שוין אויך אָן בילעטן!

— האָט דער אויבערקאָנדוקטאָר שטרענג געזאָגט, און אַראָפּגעלאָזן דעם לאַמטערן.

— פונוואַנען קומסטו? — האָט דער קאָנטראָלער געפרעגט.

רויטקאָפּ האָט געשוויגן. ער האָט גאָר ניט געקאָנט ריידן, פון שרעק האָט אים אַפּגענומען דער לשון. ער איז געשטאַנען פאַר די קאָנדוקטאָרן, אַזוי ווי אַ פאַרשטיינערטער. זיינע געדאַנקען האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט, און ער האָט אפילו ניט געוואוסט

אף ריכטיק, וואס מיט אים איז געשען. אַלץ אַרום האט אים גע־שראקן. דער שוואכבאַלויכטענער, טרייסלדיקער וואגאן, די שלאָ־פעדיקע פאסאזשירן, די שטרייַנגע קאנדוקטארן און דער עיקר — דאס פעלן פון זיין פריינט, פון האַלבפונטלען — דאס אַלץ האט אים מאדנע פאַרפּלעפט. דעם אינגלס צער איז געווען אזוי גרויס, אַז ער האט אפילו ניט געקאנט אַרויסברייַנגען קיין טרער.

— מען מוז אים געבן א שפאַצירצעטל — האט דער קאנטראלער געזאגט, זיך ניט דערוואַרטנדיק אף קיין ענטפער פון רויטקאפּן.

— אַראפּלאזן אים אף דער סטאַנציע? — האט דער אויבערקאנדוקטאר געפרעגט.

— פאַרשטייט זיך; מיר'ן אים דאך ניט פירן אן א בי־לעט ביז אַדעס! זאל ער זיך א קאפּעלע דורכגיין אין סטעפּ...

דער קאנטראלער האט זיך אויסגעדרייט אוועקצוגיין. נאך אים איז נאכגעגאנגען דער אויבערקאנדוקטאר.

— לאז אים אראפּ אפן ערשטן אפּשטעל — האט ער באַפוילן זיין געהילף.

דער געהילף האט אַרופגעלייגט זיין האַנט אף רויטקאפּס אקסל.

סאשקע איז געווען א פאַרגליווערטער. ער האט ניט בא־גריפן דעם זין פון דעם קאנדוקטארס רייד, אבער דאס הארץ האט אים געזאגט, אַז באַלד וועט מיט אים געשען עפּעס א שרעקלעכע זאך.

— א, געפּאקט א האז?.. — האט זיך אופגעכאפּט דער ברייטער סוחר און א פרעג געטאן אף זיין באס — און וואו איז יענער, אין פליגלראק?

רויטקאפּ האט א צעשראקענעם בליק געטאן אפן סוחר, אף זיין לאַפּעטעבאַרד, און ער האט גאַר־גאַר נידעריק אַראפּגעלאזן דעם קאפּ. דער קאנדוקטאר האט אים דערווייל פעסט געהאלטן פארן פלייצע. ער זאל ניט אַנטלויפן.

די פאסאזשירן האבן איינער נאכן אַנדערן זיך גענומען אופ־כאפּן פון דעם טומל, וואס די קאנדוקטארן האבן אנגעמאכט, און

האבן זיך נײגעריק צוגעקוקט צו דעם, וואס דא קומט פאר. עט־לעכע זײנען צו צו סאשקען, גענומען רײדן מיט אים. אבער ער איז געווען שטארק צעשראקן און צעטומלט, און האט געשוויגן, ווי א געשלאגענער הינטל.

— פונוואנען קומט ער? וואוהין פארט ער? — האבן די פאסאזשירן געפרעגט אײנער דעם אנדערן.

— ער פארט פון קיעוו — האט דער סוחר גענומען רײדן אפן אויבערקול — דא איז געווען מיט אים נאך אײנער, אנגעטאן אין א פליגלראק.

— וואו־זשע איז יענער? — האט געפרעגט א פרוי מיט א קינד אפן האנט.

— דער שד ווײס אים! ארײנגערוקט דעם אינגל אונטערן באנק, און אלײן אנטלאפן. ער האט געזאגט, אז ער גײט עפעס קויפן צוצובײסן... קיסלערס זײנען זײ, גנבים...

— אזוי־אזוי! — האט די פרוי מיט ביטול א קוק גע־טאן אף רויטקאפן און געשאקלט מיטן קאפ.

דער צוג האט זיך גענומען שארן פאמעלעכער, און דער קאנדוקטאר האט א שלעפ געטאן רויטקאפן צום ארויסגאנג.

— הערט אקארשט, וואו שלעפט איר דאס דעם אינגל? מ׳טאר דאך אזוי א קינד ניט ארויסווארפן — האט עמיץ פון די פאסאזשירן פראטעסטירט.

— גזלנים! ארויסצוווארפן א קינד אינמיטן דער נאכט — האט זיך דערטראגן א צווײטע שטים.

דער קאנדוקטאר האט זיך אף א רגע אפגעשטעלט, האט מיט א ביטולדיקן שמײכעלע א קוק געטאן אין יענער זײט, פונ־וואנען די פראטעסטן האבן זיך דערטראגן, נאכדעם האט ער ברײט אופגעריסן די טיר און איז ארויס מיטן אינגל פון וואגאן.

די נאכט איז געווען א ווארימע, א פינסטערע און א דוש־נע. ס׳האט זיך געפילט, אז א געוויטער גענעענט זיך. רויטקאפן האט געווארפן ווי אין קדחת. ער איז געווען אויסער זיך פון שרעק.

דער צוג האט שוין געהאלטן בײם אפשטעלן זיך. ס׳האט זיך דערטראגן א צעצויגענער, אומעטיקער פײף. די וואגאנעס האבן

גענומען אונטערשפרינגען, אריבערשפריינזנדיק פון איינע רעלסן אף די אנדערע. א צוויי־דריי גרינגע פייערלעך האבן פארביינגעשווינדלט דער צוג איז געבליבן שטיין.

— ארויס! — האט דער קאנדוקטאר געזאגט, און גע־האלטן רויטקאפן אראפקריכן.

דער אינגל האט ארופגעשטעלט א בארוועסע פוס אפן קאלטן אייזערנעם וואגאנטרעפל.

— דער צוג רירט זיך שוין פון ארט... גיי אפ אן א זייט. אניט וועסט נאך בלייבן צווישן די רעדער — האט דער קאנ־דוקטאר געזאגט, און ס'האט אים ארומגעכאפט א גרויסער רחמנות אפן אינגל.

— איך שרעק זיך, פעטערל... ליבינקער... טייערינקער... האב רחמנות! — האט סאשקע געשעפטשעט דורך טרערן און האט מיט ביידע הענט ארומגעכאפט דעם קאנדוקטארס פיס.

אין דעם אויגנבליק האט זיך דערהערט א גרילץ. דער קאנדוקטאר האט זיך גענומען איילן.

— כ'קאן דיר גארנישט העלפן, מיין ליבער... זעסט א פייערל? גיי אהין, דארטן איז די סטאנציע...

— כ'האב מורא פעטערל, כ'האב מורא — האט סאשקע בסדר געטענהט, באגיסנדיק מיט זויקע טרערן דעם קאנדוק־טארס שיך.

— כ'קאן גארנישט טאן... — האט דער קאנדוקטאר גע־זאגט, און מיט כח אפגעריסן דעם אינגל פון זיך — גיי צו דער סטאנציע, באלד וועט אויסברעכן א געוויטער — האט ער נאך צוגעגעבן און אראפגעשלעפט דעם אינגל פון טרעפל.

און ווי נאר דער אינגל איז אראפ, האט דער לאקאמאטיוו ארויסגעלאזן א הילכיקן פייף, און דער צוג האט ווייטער גענומען זיך טרייסלען איבער די רעלסן. אין א מינוט ארום איז ער שוין געווען ווייט. פון ערגעץ האט נאך א פינטל געטאן דער לאמ־טערן פון לעצטן וואגאן, און נאכדעם האט זיך נאך געדיכטער אראפגעלאזן די שווארצע הילע פון דער נאכט.

רויטקאפ איז געבליבן שטיין אפן זאמדיקן אגשיט און ער

האט ביטער געוויינט. ער האט גרויס רחמנות געהאט אף זיך אליין, ארום אים איז געווען חושכדיק און שטיל, נאר דער געפילדער פונם אוועקגייענדיקן צוג האט זיך נאך דערטראגן צו זיין געהער, און וואס ווייטער אלץ מער אפגעשטארבן.

די קליינינקע סטאנציעלע איז שוין געלעגן אין טיפן שלאף. דער סטאנציעשעף, וועלכער איז צו דער גלייבער צייט געווען אויך טעלעגראפיסט און קאסיר, איז נאכן ארויסלאזן דעם לעצטן באנאכטיקן צוג, אוועק אין טעלעגראף. דער וועכטער איז אוועק שלאפן.

דער פארווארלאזטער רויטקאפ האט זיך זאט אנגעוויינט. נאכדעם האט ער מיט דער פאלע זיך אפגעווישט דעם פנים און איז אוועק צו דער סטאנציע, וואוהין ס'האט אים צוגעצויגן דער באלויכטענער פענסטער פון טעלעגראפנשטיבל.

ער האט קוים באוויזן ארופצוגיין אף דער ברעטערנער פלאטפארמע, ווי די שווארצע כמארעס זיינען בלענדנדיק באלויכטן געווארן דורך א בלאען בליץ. נאכדעם האט זיך א דונער פאנאנדערגעשאטן מיט א טרוקענער טראסקעריי. נאכן ערשטן בליץ האט זיך פארנומען א צווייטער, א דריטער — און א סוף. דער הימל איז ווי צעפיצלט געווארן, און פון די צעריסענע געוויטערכמארעס האבן ארויסגעבלישטשעט שוידערלעכע, בלאע פלאמען. דער צעבייזערטער הימל האט זיך פאנאנדערגערעדט, און זיין מעכטיקער קול האט מיט צעבושעוועטע טראסקערייען זיך צעטראגן איבער דער הכנעהדיקער, איבערגעשראקענער וועלט.

רויטקאפן האט ארומגעכאפט א פחד, און ער האט גענומען לויפן צו דער סטאנציע אין אטעם. צולויפנדיק צו דעם באלויכטענעם פענסטערל, האט ער זיך אף א רגע אפגעשטעלט. ער האט געזען, ווי אין צימער זיצט א יונגערמאן און דרעמלט אונטערן שיין פון א בלאען קופל, אנשפארנדיק זיין קאפ אפן טישל פון אפאראט.

דערביי בא דעם פענסטער האט כאשקע דערזען די טיר פון וואקזאל. ער האט איר א שטופ געטאן מיטן אקסל, איז

אריין אין וואַרטרוים. אויפן וואַנט איז געהאַנגען א צאַנקעו קליין לעמפּל, און זיין שוואַכער ליכט האָט מאַשקע דערזען באַנק, און אויף אים איז געלעגן עמיץ און געשלאָפן. איין ווינקעלע פון אים איז נאָך געבליבן פוסט. און מאַשקע האָט זיך צוגעזעצט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם שלאָפעדיקן. דאָס איז געווען א זקן מיט א לאַנגער גראָער באָרד. אויף דעם אלטנס פּנים זיינען געווען לעדערנע כאַליעוועס. בא זיין זייט איז געלעגן א גרויסער זאַק, וואָס איז מיט עפּעס אָנגעפּאַקט געווען.

א ווילע איז רויטקאָפּ געזעסן אָן באַוועגונג, אפילו אָן שום געדאַנקען. ער האָט אַלץ פריער געהאַט, אז אָט-אָט קומט עמיץ און טרייבט אים אוועק, אָבער פּאַמעלעך האָט ער זיך באַרואיקט און באַשלאָסן זיך צוצולייגן. ער האָט צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום אלטנס פּנים און איז איינגעשלאָפן אונטערן פויקן פון רעגן אויפן דאַך פון וואָקזאַל.

דער זיידע.

בעת דער געוויטער איז שוין פאַרביי און ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז נאָך רויטקאָפּ אַלץ געשלאָפן. אויפן הימל איז צוגעגאַנגען א געשווינדיקע אַרבעט. דער ווינט האָט געהאַלטן אין איין צערייסן די גרויסע כמאַרעס. די צעקראַכענע, גראָע קנוילן האָבן זיך אין טויטשרעק אַרומגעטריבן איבערן אומענדלעכן שטח. דער הימל איז אַלץ ליכטיקער געוואָרן, די בלאָע עפענונגען האָבן זיך געמערט, און צום זונאויפגאַנג האָט שוין דער גאַנצער הימל געהאַט א קלאָרע, העלבלאָע פאַרב. אויף דער סטאַנציע זיינען געקומען מענטשן. ס'האָט זיך באַוויזן דער וועכטער, א ברייטער, אומגעלומפּערטער און אַביסל איינגעהאַרבעטער גוי אין א פּאָר שווערע, פאַרדושעכצטע שטיוועלעס. אין די הענט האָט ער געהאַלטן א שווערן בעזעם. ער איז אוועק אויסקערן די פּלאַטפאָרמע. נאָכדעם איז געקומען עפּעס א פאַרשוין אין א ווייסן רעקל און א פאַרמעהיטל. ער איז אוועק אין טעלעגראַפצימער. אין א מאָמענט אַרום האָט זיך פון צימער דערטראָגן א קלונג, און דער-

הערנדיק דעם סיגנאל, איז דער וועכטער צוגעלאָפן צו דער טיר פון וואָקזאל און האָט אַ צי געטאָן די שטריק פונם גלאָק, וואָס איז דאָרטן געהאנגען. פונם שאַרפן קלונג האָט זיך דער אַלטער אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך לאַנגזאַם אַ הויב געטאָן, זיך גענומען ציען. נאָכדעם האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזען רויטקאָפּן. זײַנע קלײנע, טונקעלע אויגלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער געדיכטע, אַראָפּהײַנגעדיקע ברעמען, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן אינגל מיט עפּעס אַ סודותדיקן קוק. סאַשקע איז געלעגן צוזאַמענגעדרייט, ווי אַ קנויל, און איז געשלאָפן, מיטן פּנים צו דער וואַנט. דער אַלטער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פונם אינגל אַ צײַט, ביז אויפן וואָקזאל איז אַרופּגעקומען דער רעזשור-נער — דער נעכטיקער סטאַנציעשעף און טעלעגראַפיסט אין אײן פּערזאָן. ער איז אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע, גענומען זיך אַרומדרייען אַהין און צוריק. ניט געקוקט אויף דער וואַרימער לופט, האָט ער זיך נעהאָרבעט. געהאַלטן טיף פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס און האָט בסדר געגעניצט.

דער אַלטער האָט געקוקט דורכן פענסטער, האָט שאַרף באַטראַכט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע, און אין דערזעלביקער צײַט האָט ער אויך ניט אַראָפּגענומען קײן אויג פון רויטקאָפּן. ער איז געווען אַ ברייטפּלייציקער, קערנדי-קער פּאַרשוין מיט אַ פרישן, מונטערן אויסזען. צוליב דער באָרד האָט ער אויסגעקוקט אַלט. אָנגעטאָן איז ער געווען, ווי אַ קבצן: אין אַ צעפּליקטן, פאַרלאַטעטן רעקל איבער אַ שמוצי-קער גראָער העמד מיט אַן אָפענעם קאָלנער. ווען דער אַלטער האָט געזען, אַז אויפן וואָקזאַל איז קײנער ניטאָ, האָט ער זיך צו-געשאַרט צו סאַשקען און אים גענומען פאָרזיכטיק וועקן. ער האָט לײַכט באַרירט דעם אינגלס פּלײצע, האָט דערבײַ געהאַלטן האַלב-צוגעמאַכט די אויגן, און זײַן פּנים איז געווען אומבאַוועג-לעך, ווי בײַ אַ בלינדן.

סאַשקע האָט זיך אויפגעכאַפּט און אויפגעשפּרונגען פון זײַן אָרט. דער נעכטיקער טאָג מיט אַלע זײַנע פּאַסירונגען איז נאָך ניט אַרויס פון זײַן מח, און איצט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט,

פול מיט שרעק און אומרו. גראָד אין דער מינוט, ווען סאַשקע האָט אַ שפּרונג געטאָן פון באַנק, איז פאַרבײַ דער סטאַנציע מיט רעש און געפּילדער פאַרבײַגעלאָפן אַ קוריערצוג. ער האָט נאָך אַפילו ניט באַוויזן אַ פינטל צו טאָן, ווי די גרויסע, שוואַרצע בריאה האָט ווי אַ בליץ זיך פאַרבײַגעטראָגן פאַרבײַ דעם פענסטער און איז תיכּף פאַרשוווּנדן. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, ווען דאָס קליינע שטיבעלע האָט אויפגעהערט זיך צו טרייסלען, און דאָס הוידשען איז אָפּגעשטאָרבן פונדערווײַטנס, האָט רויטקאָפּ אויפגעהויבן זײַנע אויגן און מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויפן אַלטן. יענער איז שוין געשטאַנען אויף די פיס, פאַרלייגט הינטערן רוקן זײַן געשטרייפטן, גרויסן זאַק, און אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגען, גראָבן שטעקן; ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז שוין גרייט צו גיין. דער אינגל האָט פון ערשטן קוק דערזען, אַז דער אַלטער איז אַ בלינדער. דאָס האָט אים אײַנגעגאָסן באַרואיקט, און ווען יענער האָט אויסגעצויגן זײַן האַנט און אים גענומען אַרומטאַפּן, ווי עפּעס אַ זאַך, האָט דאָס סאַשקע גאָר געלאָזן צוגעלאָזן.

— ביסט אַ הונגער? — האָט דער אַלטער געפרעגט מיט אַ שטילער, ציטערדיקער שטים, אַרומפירנדיק זײַן האַנט איבערן אינגלס קאָפּ און אַקסלען.

— ניין, איך בין ניט קיין הונגער — האָט רויטקאָפּ געענטפערט מיט אַ רחמנותדיק קול.

— פונוואַנען־זשע ביסטו, ליבינקער?

— כ'ווייס ניט — האָט סאַשקע געזאָגט ווייגערדיק, און אין זײַנע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

בײַ דעם אינגלס לעצטע ווערטער האָט זיך אין דעם אַלטנס האַלבצוגעמאַכטע אויגן באַוויזן אַ פײַערל פון אומרו און פון הנאה צוגלייך.

— אײַ־אײַ, שווער צו לעבן אויף דער וועלט! — האָט דער אַלטער זיך אָפּגעזיפצט און נאָכדעם צוגעגעבן: — אפשר וועסט מיר העלפן זיך אַרויסקלײַבן פונדאַנען, מײַן גאָלד? איך בין נעבעך אַ בלינדער, כ'זע ניט פונדאַנען אַהין... דאָ איז פאַ־

ראַן אַ טיר... דער וועכטער האָט מיר געלאָזן דאָ איבערנעכ־טיקן... באַגלייט מיך, מיין שוועלבעלע, האַ?...

דער אַלטער האָט אַרופגעלייגט אַ האַנט אויף רויטקאָפּס פּלייצע און האָט אים כמעט מיט געוואַלד אַ דריי געטאָן צום אַרויסגאַנג. דער אינגל האָט געפאָלגט.

— אַטדאָ, זיידינקע, זיינען שטופּעלעך — האָט ער גע־וואָרנט דעם אַלטן בײַם אַראָפּגיין פון וואָקזאַל.

— אַ דאַנק דיר, מיין טייערער, אַ דאַנק! — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ זיפץ, טאַפּנדיק מיטן שטעקן דעם וועג פאַר זיך — ס'איז אַן אומגליק, מיין קינד, אַז מען איז אַ בלינדער... מ'זעט גאָרנישט, מ'ווייס גאָרנישט... ס'שפּרייט זיך פאַר דיר אַן אייביקע פינסטערניש... וואָס האָבן מיר איצט — טאָג אָדער נאַכט? אַז איך ווייס גאָרנישט...

— פרימאָרגן, זיידינקע...

דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך גענומען צלמען און זיך טיף בוקן. רויטקאָפּ איז גע־שטאַנען בײַ זיין זייט און האָט מיט אומעטיקע בליקן באַקוקט דעם אומבאַקאַנטן געגנט. הינטער זיי איז געשטאַנען דער גע־לער קליינער סטאַנציע־בנין מיטן רויטן בלעכענעם דאַך. עס האָבן זיך געצויגן די אייזנבאַנרעלסן. און די אויפגייענדיקע זון האָט געוואָרפן אויף זיי איר גינגאָלדענעם אָפּגלאַנץ. פאַר זיי, וואו עס כאַפּט נאָר אַן אויג, האָט זיך ברייט און פריי אויסגעלייגט דער נאַקעטער סטעפּ.

רויטקאָפּ איז איצט געווען אַליין אויף דער וועלט, און ווי אַ הײמלאָזער, אַרויסגעוואָרפענער צייגל שטייט צו צו איטלעכן פאַרבייגייער, אַזוי איז ער אויך איצט גרייט געווען נאָכצוגיין יעדן איינעם, אַבי ניט צו בלייבן אַליין.

—אַי־ווײַ־ווײַ, אונזערע זינד, אונזערע זינד... — האָט דער אַלטער זיך אָפּגעזיפצט, אָנגעטאָן זיין היטל און ווייטער אַרופגע־לייגט אַ האַנט אויף סאַשקעס אַקסל.

— האָסט עפּעס גוטע אויגלעך, מיין ליבינקער? — האָט דער אַלטער אים געפרעגט.

— יאָ, גוטע.

— דאַרפסטו טאַקע דאַנקען גאָט דערפאַר... דאָס גרעסטע אומגליק איז, בעת מען איז בלינד... זאָג מיר, אפשר זעסטו אן ערטל, וואו מיר זאָלן זיך קאָנען צוזעצן און עפּעס נעמען אין מויל אריין?

— איך זע אזא ערטל — האָט סאַשקע אפגיך געזאָגט, ווײַל בײַ די ווערטער „נעמען אין מויל" איז אים אויפגעקומען אַ וועלפישע הונגער — דאָרטן, הינטער די בוימלעך, וועט גוט זײַן צו זיצן...

— פיר מיך אהין, מײַן אינגעלע!

סאַשקע האָט צוגעפירט אהין דעם אלטן, און אין אווײַלע ארום זײַנען זיי שוין געזעסן אף דער דורכגענעצטער ערד. די ברייטצעוואַקסענע, העלגרינע יונגע בוימער האָבן זיי אינגאנצן פאַרדעקט. פאַר די צוויי וואָכן, וואָס רויטקאָפּ האָט ארומגעוואָגלט מיט האַלבפונטלען, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט צו געפינען פאַרבאַהאַלטענע ווינקעלעך און זיך דאָרטן גוט אײַנפלאַצירן.

— זעץ זיך אהער, זיידינקע! — האָט ער באַזאָרגט געזאָגט, העלפנדיק דעם אלטן זיך צוזעצן — דאָ וועט דיר זײַן גוט צו זיצן אפן גראָז, און דעם זעקל לייג אוועק אפן שטיין...

— אַ דאַנק, מײַן ליבער, אַ דאַנק... — האָט דער אַלטער, קרעכצנדיק, זיך צוגעזעצט.

נאָכדעם האָט ער פאַנאַנדערגעבונדן דעם זעקל, ארויסגענומען פון דאָרטן צוויי גרויסע שטיקער חלה, אוגערקעס, זאַלץ און אַ מעסער. בײדע האָבן זיך גענומען צו דער אכילה. דער אַלטער האָט געגעסן באַלאַנגזאַם, אָבער רויטקאָפּ האָט מיט גרויס גיריקייט געשלונגען ניט-צעקײַטע ביסנס.

— פונוואַנען קומסטו אהער, מײַן טײַערינקער? — האָט דער אַלטער אין אווײַלע ארום גענומען אויספרעגן.

— איך בין געקומען מיט דער מאַשין — האָט סאַשקע געענטפערט. — איך — און ער האָט אראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן — בין געקומען אונטערן באַנק... פון קיעוו...

— פון קיעוו?! — האָט זיך דער אַלטער פאַרחידושט.

— יאָ, און אַהין בין איך געקומען מיט האַלבפּונטלען...

— מיט וועמען?

— מיט האַלבפּונטלען — האָט רויטקאָפּ איבערגעחזרט און ער האָט גענומען אויסדערציילן דעם אַלטן זיין גאַנצע געשיכטע.

סאַשקע האָט דערציילט לעבעדיק און זאַבלעך. דער אַלטער האָט מיט גרויס אינטערעס זיך איינגעהערט. בעתן ריידן האָט רויטקאָפּ צופעליק אַ קוק געטאָן דעם אַלטן אין פּנים, און ער איז געבליבן שטיין אַפן האַלבן וואָרט: דעם אַלטנס אויגן האָבן אים שטאַרק איבערגעשראָקן. דער ייִדע האָט געקוקט אַף אים גאָר ניט ווי אַ בלינדער. זיינע אויגן זיינען געווען ברייט אופגעריסן, און ס'האָט זיך געצאַפּלט אין זיי אַ לעבעדיק פייערל. אין די גלאַנציקע שוואַרצאַפּלען פון דעם אַלטן האָט סאַשקע אַפילו באַוויזן צו זען צוויי אינגלעך.

ווען דער אַלטער האָט געזען, אַז סאַשקע קוקט אַף אים מיט אַן אָפענער מויל, האָט ער פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן די וויהעס, און דאָס ליכטיקע פייערל אין זיינע אויגן האָט זיך פאַרלאָשן.

— און וואָס איז ווייטער מיט דיר געשען, מיין קינד? — האָט ער געפרעגט, ווי ניט אים מיינט מען.

אָבער אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט רויטקאָפּ גאָר געשטעלט אַ פראַגע:

— ייִדע — איז ער געווען נייגעריק צו וויסן — דו ביסט דען ניט קיין בלינדער?

— אַ בלינדער, מיין גאָלד, אַ בלינדער... אַהאַ, אַז איך וואָלט געווען אַ זעענדיקער!.. אין מיינע אויגן איז די ליכטיקע שטאָר, מיין קינד... די אויגן מיינע קוקן, אָבער זען זעען זיי גאָרנישט. אַפילו די זון זעען זיי אויך ניט.

סאַשקע האָט באַקוקט דעם אַלטן, האָט זיך באַרויִקט און ווייטער גענומען דערציילן זיין געשיכטע.

— וואוהין וועסט איצט גיין, מיין גאָלד? — האָט דער אַלטער געפרעגט נאָכדעם, ווי דער אינגל האָט פאַרענדיקט.

— כ'ווייס ניט — האָט סאַשקע שטיל און אומעטיק געענטפערט.

דער אַלטער האָט זיך פֿאַרטראַכט. בײדע האָבן געשװיגן
די זון איז אױפֿגעגאַנגען איבערן סטעפּ און פֿאַרגאָסן דעם גאַנצן שטח
מיט בלענדנדיקער ליכט און װאַרעמקײט. דער װינט האָט אײַנגע־
האַלטן זײַן אָטעם. ס'האָט זיך אָנגעהױבן פֿאַרנעמען אַ ברענעדי־
קער, צעגליטער טאָג.

—אָי־װײ־װײ, די זינד אונזערע די גרױסע... — האָט
דער אַלטער צום סוף זיך אָפּגעזיפֿצט — איז װאָס יועט טאַקע
זײַן, מײַן גאָלד, װאוהין װעסטו גײן?

סאשקע האָט געשװיגן, גרײט זיך פֿאַנאַנדערצואַװײנען.

— הער אָקאָרשט, קלײנער, װאָס איכ'ל דיר זאָגן—האָט
דער זײדע װײטער אָנגעהױבן רײדן — איך בין אַן אָרימער קאַ־
ליקע, כ'לעב פֿון נדבות... אָבער אויב דו װילסט, קאָן איך דיך
מיטנעמען פֿאַר אַ װעגװײַזער. דו װעסט מיך פֿירן, איכ'ל קלײַבן
נדבות, און מיר װעלן בײדע זײַן זאַט. נו, װאָס זאָגסטו אָף דעם?

— גוט, לאָמיר גײן! — האָט רויטקאָפּ זיך דערפֿרײט.

— הײסט עס, האָבן מיר געשלאָסן אַ שותּפֿות — האָט
דער אַלטער אַ שמײכל געטאָן — זאָג מיר, מײַן גאָלד, װי אַלט
ביסטו?

— דאָס עלפֿטע יאָר.

— און װי רופֿט מען דיך?

— סאשקע.

— און שפּרײַזן קאָנסטו?

— כ'קאָן, כ'בין דאָך שוין עפּעס געניט...

— גוט... װי ס'שײַנט, ביסט אַ קלוגער אינגל.. נו, שוין
צײַט זיך צו קלײַבן אין װעג... ביז די זון װעט אָנהױבן ברענען,
װעלן מיר דערגײן.

— װאוהין װעלן מיר גײן, זײדינקע?

— מיר װעלן גײן, מײַן גאָלד, גראַד מיטן װעג, װעלן
אָפּגײן אַ װיאָרסט צװעלף, װעלן מיר קומען צו אַ שטאָט...

— װאָס פֿאַרא שטאָט?

— אַ שטאָט... אַ פּשוטע שטאָט... — האָט דער אַלטער
גענומען אונטערשטאַמלען.

— און ווי הייסט זי ?

— אַרכיפּ הייס איך, מיין גאָלד. אַזוי זאָלסט מיך טאַקע רופן — זיידינקע אַרכיפּ.

— ניין, זיידינקע, איך האָב געפרעגט, ווי די שטאָט הייסט.

— די שטאָט ? הם... ווי הייסט זי ?.. כ'האָב פאַרגעסן... יאָ, אָט ווי זי הייסט: קאַבצאַנסק... אָי—ווי—ווי, שווער צו לעבן אויף דער וועלט — האָט דער זיידע זיך אָפּגעזיפצט און זיך אַ הויב געטאָן פון זיין אָרט.

באַלד האָבן ביידע: דער זיידע אַרכיפּ און רויטקאָפּ, זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

צווישן קבצנים.

ס'איז נאָך געווען פרי, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער שטאָט קאַבצאַנסק, ווי דער אַלטער אַרכיפּ האָט איר אָנגערופן. דאָס קליינע שטעטל האָט זיך באַהאַלטן אין גרינס און זיך כמעט ניט אַרויסגעזען. נאָר וואו=ניט=וואו האָבן פון די שאָטנדיקע סעדער אַרויסגעקוקט קליינינקע, צוגעפוצטע שטיבעלעך. מיט זיינע שאַרפע אויגן האָט רויטקאָפּ שוין פונגווייטן דערזען אויף די ביימער רייפע קאַרשן.

— ווי ! וואָס קאַרשן ! — האָט ער אויסגערופן — וועמענס זיינען זיי, זיידינקע ?

— וואָס, מיין גאָלד ?

— די סעדער.

— זיי באַלאַנגען צו די איינוואוינער. וועמ עס האָט אַ הויז, דער האָט אויך אַ סאָד.

— אָי, איז דאָ גוט, זיידינקע ! — האָט סאַשקע געזאָגט מיט האַרץ, אַריינגייענדיק אין שטאָט.

אַלץ איז אים דאָ אויסגעקומען ניי און אַלץ איז אים געפעלן. מיטן זיידן האָט ער זיך געפילט זייער היימיש. ער האָט

געהאט א טבע זיך פלינק צוצופאסן צו נייע מענטשן און צו נייע ערטער.

מענטשן האבן זיך אין שטאט געזען ווייניק. מסתמא האבן זיך אלע אויסבאהאלטן פון דער היץ. איבער די ליידיקע, ניטברוקירטע גאסן פון קאבצאנסק האט זיך אויסגעלייגט א מאדנע שטילקייט און רו. נאר אפן גרויסן מארקפלאץ האט זיך געטומלט. אין די הייזער, וואס זיינען ארומגעבויט געווען ארום דעם מארק, האבן זיך איינפלאצירט קראמען און קליטן. און צווישן די קראמען האבן זיך ארומגעדרייט פויערים, גויעס, קינדער און אלע האבן גערעדט, געטומלט, געלאכט, געשריען.

רויטקאפ האט זיך אפגעשטעלט.

— וואוהין איצט, זיידינקע? — האט ער געפרעגט, נייגעריק באקוקנדיק דעם עולם.

ער האט נאך אלץ געהאפט צו באגעגענען האלבפונטלען, נאך וועלכן ער האט אזוי שטארק געבייקט.

— די דריטע גאס זיינען מיר שוין דורכגעגאנגען? — האט דער אלטער געפרעגט.

— דורך. איצט זיינען מיר אף אן ארט, וואו עס קלייבן זיך אסך מענטשן.

— הייסט עס מיר זיינען געקומען, ווי, אונזערע זינד, אונזערע זינד...

דער אלטער האט אראפגעכאפט דאס היטל און זיך איבערגעצלמט.

— איצט, מיין גאלד — האט ער נאכדעם געזאגט — פיר מיך צו דער קירך, און דארטן וועל איך דיר שוין זאגן, וואוהין מיר דארפן ווייטער גיין.

דער אלטער האט ארופגעלייגט זיין האנט אף רויטקאפס אקסל, האט צורעכטגעמאכט דעם זעקל אפן רוקן, און זיי זיינען ווייטער אוועק.

רויטקאפ איז געגאנגען צו דער טיפלע. וואס איר טורעם האט זיך געזען דא ניט ווייט. דער מארקפלאץ איז געווען אויסברוקירט, אבער קיין שטיינער האט מען ניט געזען: דער גאנצער

פלאַץ איז פאַרצראָשעט געווען און פאַרוואָרפן מיט שטרוי, מיט קנוילן נאַסע היי און מיט מיסט. סאַשקע האָט פלינק זיך געדרייט צווישן פערד, פורן, בוהאַיעס און מענטשן, און האָט נאָכגעפירט נאָך זיך אַרביפן.

ווען זיי זיינען שוין געווען דורכגעגאַנגען אַ העלפט פלאַץ, האָט דער קירכנגלאָק אָנגעהויבן קלינגען. דער ווידע האָט אָנגע-הויבן אונטעריאָגן.

— שפּרייז גיכער, מיין גאָלד — האָט ער געזאָגט — אַניט וועלן מיר ניט באַווייזן, און אין קלויסטער וועלן שוין מער קיין מענטשן ניט זיין.

— וואָס פאַרא קלויסטער, ווידינקע?

— די קירך, וואָס איך זאָג דיר, איז אַ קלויסטער. אַ ווייבערשער קלויסטער. מענטשן זיינען דאָרטן, זאַמד און ערד... היינט איז אַ חגא. נעכטן האָט מען דאָ געעפנט דעם יאַרמאַרק...

— זיינען מיר אויף אַ יריד, ווידינקע?! — האָט סאַשקע אויסגערופן.

— יאָ, מיין גאָלד, אויף אַ יריד... זעסט דאָך, וואָס פאַרא געדריינג דאָ איז, וואָס פאַרא טומל...

רויטקאָפּ האָט גענומען שטעלן טריט. דאָס, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אויף אַ יריד, האָט אים שטאַרק דערפרייט. ער האָט זיך דערמאָנט זיין שטאָט, די דאָרטיקע יאַרמערק, און דאָס האַרץ האָט אים גענומען שטאַרקער קלאַפּן. ער האָט זיך גע-נומען מאָלן בילדער פון דער היים, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט געבענקט נאָך האַלאַדאַ-יעווקע, נאָך דעם טייכל, נאָך די סעדער. ער האָט זיך דער-מאָנט דוניען, די זאַזוליעס, די יונגע פּריצים, קאַטערינען, די חורימלעך... אָבער מער ווי נאָך אַלעמען האָט ער געבענקט נאָך צוויען: נאָך האַלבפונטלען און נאָך „מיינהונטן". „אָ, ווען איך וואָלט זיי ביידן איצט געטראָפן!" — האָט רויטקאָפּ אַ טראַכט געטאָן, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וועט תיכּף באַ-געגענען זיינע פריינט. אָבער דאָס איז געווען אַ חלום און ס'איז געבליבן אַ חלום.

דער בריטער, שטיינערנער טרעפּ פון דער טיפלע איז אינגאנצן אויסגעזייט געווען מיט קבצנים און אָרומטרייבער. רויטקאָפּ האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט געזען אזוי פיל אָפּגעריסענע, ברודיקע און צעקאַליעמשעטע מענטשן. אזוי ווי האלקעס, האָבן זיי זיך אָרומגעקלעפּט אַרום טרעפּ, און ס'איז ניט געבליבן קיין אָרט דורכצוגיין. מען האָט דאָ געזען כלערליי פאַרשוינען, קאַליקעס, קראַנקע און געזונטע, חוצפּהניקעס, פאַר וועמען בעטלעריי איז געוואָרן אַ פּרנסה. אָטדי אַלע טיפּן האָבן זיך אויסגעמישט אין אַן אומרואיקן, פילפאַרביקן המון, אין אַ מישמאַש פון אַלע מינים פאַרזעעניש. דאָ זיינען געווען הויקערס, בלינדע, לאָמע, אָנהעגטיקע, צווישן זיי זיינען געווען פרויען, קינדער, זקנים. אַנדערע קבצנים, וועלכע האָבן געהאַט מזל זיך צו דערשלאָגן צו אַ גוטן ערטל, האָבן זיך אויסגעזעצט און אַרויסגעשטעלט זייערע מכות און וואונדן, פּונקט ווי מען שטעלט אַרויס סחורה. אז ס'האָט זיך באוויזן עמיץ אַ זייטיקער, האָט די גאַנצע חבֿרה זיך גענומען בוקן, און מיט כלערליי פאַנפעדיקע קולות איבערשרייען איינער דעם אַנדערן און רייסן בא די פּאָלעס, מ'זאָל זיי געבן אַ נדבה.

עטלעכע אָרימעלייט האָבן דערזען אָרכיפּן און האָבן אָנגעהויבן ריידן מיט אים. ס'האָט זיך געמערקט, אז דער זיידע איז דאָ אַן אייגענער מענטש.

— ברוך־הבא, זיידע! — האָט עמיץ אויסגערופן מיט אַ הייזעריקן קול.

רויטקאָפּ האָט אַ קוק געטאָן אויף יענעם, וואָס האָט דאָס געזאָגט, און ער האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ מענטשן מיט אַ גרויליקן אויסזען. זיין לאַנג ניט־געגאָלטער פּנים מיט די באָרשטיקע וואָנסן איז געווען צעקלאַפּט, צעבלוטיקט און צעבוילט. דער פאַרשוין איז געווען הויך, ברייטפּלייציק, געזונט, און ער איז געגאַנגען שרעקלעך אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. די ברודיקע שמאַטעס, וואָס זיינען געהאַנגען אויף אים, האָבן ניט פאַרדעקט זיין נאַקעטן לייב. גערעדט האָט ער מיט אַ הייזעריקן באַס, און פון שיכּרות האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

— וואָס האָסטו געטאָן אין קיעוו!.. — האָט ער שטריינג געפרעגט ארכיפּן, אָבער יענער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— האַלט זיך איין, שפּיגער: איך האָב געבראַכט א נפלע*).

דערהערנדיק דעם אַלטנס רייד, האָט דער שלעפּער מיט זיינע אונטערגעשלאָגענע אויגן באַקוקט רויטקאָפּן, עפּעס אָפּגעבורטשעט און אַנטשוויגן געוואָרן.

דערווייל האָט דער עולם אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון קירך, און צווישן די קבצנים האָט זיך אָנגעהויבן א גערודער. זיי האָבן אָן אויפהער זיך געבוקט, שיר ניט געקלאַפּט די שטערנס אָן דער ערד, אויסגעצויגן די הענט, און באַגלייט פון דעם גלאָקנקלאַנג, האָבן זיי פאַרצויגן זייער נודנע לידעלע:

— גיט, גיט אַן אָרימאַן, א היימלאָזן קאַליקע!...

— האָט רחמנות! ראַטעוועט פון אונטערגאַנג!...

רויטקאָפּן האָט שטאַרק פאַרבאַפּט דער אָנזען פון יאָרמאַרק. ער האָט זיך צוגעקוקט זשעדנע צו אַלץ, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן, האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם ווידן און אָן אייגענעם טרויעריקן מצב. פון דעם טרעפּ, וואו ער איז געשטאַנען, האָט רויטקאָפּ גוט געקענט זען דעם גאַנצן מאַרקפּלאַץ, און ער האָט אזא צייט געקוקט אַפן עולם, ביז די אויגן זיינען אים פאַרמאַטערט געוואָרן, און אַלץ האָט זיך אויסגעמישט און גענומען שווינדלען פאַר אים אין א משונהדיקן, ווילדן טאַנץ.

— קום, מיין גאָלד, ס'איז שוין צייט — האָט סאַשקע דערהערט איבער זיך דעם ווידעס שטים, און דעמאָלט ערשט איז ער געקומען צו זיך.

*) «נפלעך» הייסן בא די פראָפעסיאָנעלע קבצנים קינדער, וואָס מען טרייבט צו בעטלען נדבות. די קבצנים קריגן די קינדער אַף פאַרשיידענע אופנים: מען גנבעט זיי, מען נאַרט זיי אַריין מיט גוטן, אָדער מען אנטלייט זיי בא אָרימע עלטערן (באַמ. פון מחבר).

דער עולם איז שוין אוועק פֿון טיפֿלע. די אָרימעלייט האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין.

— וואוהין וועלן מיר איצט גיין, זיידינקע? — האָט רויטקאָפּ געפֿרעגט.

— דאָרטן, וואוהין עס גייען אַלע: אויפֿן קלויסטערהויף. דאָרטן וועלן מיר אָפּעסן און נאָכדעם וועלן מיר גיין אין אײַנפֿאָרט, זיך אָפּרוען.

דער קלויסטערהויף איז געווען בײַ דער טיפֿלע און איז פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט געווען מיט אַ הויכן שטיינערנעם צוים. דער גרויסער טויער איז געשטאַנען אָפֿנגעפּראַלט.

זיי זײַנען אַרײַן אין דעם הויף, וואָס איז פֿולגעפּאַקט געווען מיט מענטשן. רעכטס פֿון טויער, פֿאַזע דעם צוים, איז געווען אַ געדיכטער, שאָטנדיקער סאָד, וועלכער האָט זיך פֿאַרענדיקט אויף יענער זײַט הויף, וווּ ס׳זײַנען געשטאַנען עטלעכע מויערן, אין וועלכע די מנישקעס האָבן געוואוינט. די פֿענסטערן פֿון די הײַזער זײַנען געווען פֿאַרצויגן מיט אײַזערנע גראַטעס. לינקס פֿון טויער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע בלאַסגרינע אַליע פֿון אַקאַציעס. און אויף בײדע זײַטן פֿון דער אַליע האָט זיך דער עולם אײַנ־געלאַגערט. אַ גרויסע מחנה מענער, פֿרויען און קינדער איז גע־זעסן אַרום לאַנגע, שמאָלע טישן און אַלע האָבן געזופּט וואַרימעס פֿון גרויסע, הילצערנע שיסלען.

דאָס רוב פֿון די, וואָס זײַנען געזעסן אַרום די טישן, זײַנען געווען פֿרומע וואַנדערער, לאַנגהאָריקע עולה־רגלניקעס און ווײַבער אין שוואַרצע פֿאַטשיילעס איבערן שטערן און מענערשע כאַליעוועס אויף די פֿיס. ניט ווײַט פֿון די טישן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד די קבצנים, וועלכע האָבן געבעטלט בײַ דער טיפֿלע נדבות. בלאַסע מנישקעס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן זיי, האָבן געטיילט שטיקער ברויט און הילצערנע לעפֿלען.

די קבצנים האָבן צוגענומען די שפּײַז, האָבן זיך געבוקט און געצלמט, זיך געקרימט, געקרעכצט, געזיפֿצט און געוואַרט מיט אומגעדולד, מ׳זאָל שוין טיילן זופּ. ווען אַלע האָבן זיך שוין אויס־געזעצט, האָט מען געבראַכט דעם זופּ. אויף יעדע פֿינף מאַן האָט

מען געגעבן א גרויסע הילצערנע שיסל. די אָרימעלייט האָבן שוין פריער געוואוסט וועגן דעם, און זיי האָבן זיך פאַרטיילט אַף גרופּקעס. צום אַלטן מיט רויטקאָפּן זיינען צוגעשטאַנען צוויי ווייבער און אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף.

אײן פרוי האָט געהאַט קראַנקע, יאַטערדיקע אויגן, בײַ דער אַנדערער איז די נאָז געווען צעפרעסן, און איר פּנים איז געווען פלאַטשיק, ווי אַ טעלער. דער אינגל האָט אָבער ניט געהאַט קיין מום. ער איז געווען שוואַרץ, ווי קויל, מיט פלינקע אויגלעך, אַ לעבעדיקער, און איז פון ערשטן קוק געפעלן סאַשקען.

— מאַיען, זיידינקע, שוין לאַנג ווי דו ביסט בלינד? — האָט דער אינגל געזאָגט און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דאָס ביסטו, ספּירקע! מאַיען־מאַיען! — האָט דער זיידע געענטפערט.

— אין וואָס פאַרא וואַלד האָסטו געפונען דעם רויטקעפּל? — האָט ספּירקע ווייטער געפרעגט, מיינענדיק דערמיט סאַשקען.

דער זיידע האָט ניט געענטפערט. דעמאָלט האָט ספּירקע גענומען שיטן פעך און שוועבל אַף די מנישקעס, וואָס זיי פאַרהאַלטן אַזוי לאַנג מיטן זופּ.

— דערפאַר טאַקע האָב איך פיינט צו עסן אין די קלויסטערם — האָט ער געבורטשעט — דערלאַנגערקעס זיינען דאָ פאַראַן אַסך, און פונדעסטוועגן ווערט מען איינגעזונקען. אַוועקגעזעצט אונז בראָטן זיך אַף דער זון, און אַליין זיך אַוועקגעשלעפּט!.. אַ רוח...

— געווג... שוין אָפּגעבונדן דיין שערמעסער — האָט די גויע אָן דער נאָז אָפּגעשטעלט דעם צעיושעטן ספּירקען — ווילסט, מען זאָל דיר אויך אָרויסטרייבן פונדאַנען, אַזוי ווי וואַינקע שפּינער?

— איך בין ניט שיכור, איך בין הונגעריק — האָט ספּירקע געברומט.

— וואָס איז דען געשען מיטן שפּיגער? — האָט דער זיידע אַרכּפּ געוואָלט וויסן.

— קיין זאַך איז ניט געשען. ער האָט זיך אָנגעזשליאָקעט גלייך

פוןֹ אינדערפרי און איז, אַ שיכורער, אַריינגעקראָכן אין קירך — האָט די גויע געענטפערט.

— אַט איז אַ שוטה — האָט דער ייִדע מיט אמתן פאַרדראָס געזאָגט — ניט געקאָנט אָפּוואַרטן ביז נאָכן דאַוונען.. כ׳האָב טאַקע געזען פריער, אַז ער איז ניט מיט אַלעמען.

— ייִדינקע, דו ביסט דאָך אַ בלינדער — האָט ספּירקע מיט אַ שטאָך אַריינגעזאָגט — ווי אַזוי האָסטו געקאָנט זען, וואָס מיט וואַנקען איז?..

— שווייַג שוין, ס׳איז ניט דיין עסק! — האָט דער אַלטער אַ בורטש געטאָן, אַביסל צעטומלט.

מען האָט דערלאַנגט זופּ. און דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן.

רויטקאָפּ האָט זיך ניט צוגערירט צום עסן: ער האָט זיך געפילט ניט גוט. זכרונות האָבן אופגערודערט זיין געמיט, און אומעט און שרעק פאַר דער צוקונפט האָבן אים אַרומגעכאַפּט. דער ייִדע, צו וועלכן ער האָט זיך שוין כמעט געהאַט צוגעוואוינט, האָט אים איצט ווייטער אָנגעהויבן שרעקן, ווייל סאַשקע האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין בלינדקייט איז נאָר אַ פאַרשטעלטע. „און וויבאַלד ער פאַרשטעלט זיך—האָט דער אינגל געטראַכט, — איז ער דאָך זיכער אַ שלעכטער מענטש. און מען דאַרף זיך היטן פאַר אים".

אחוץ דעם האָט רויטקאָפּ געמערקט, אַז ניט נאָר דער ייִדע אַליין פאַרשטעלט זיך, נאָר אַז אַסך פון די קבצנים שפּילן עפּעס אַ קאָמעדיע. זיי בוקן זיך, און צלמען זיך און פּרעפּלען תפילות — אָבער עפּעס ניט ווי גלאַטע מענטשן, נאָר ווי זיי וואָלטן עמיצן איבערקרימען.

פון די אַלע געדאַנקען און אויספירן איז רויטקאָפּן גאָר ניט פרייליך געוואָרן צומוט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ מיאוסער קאָמפּאַניע.

אַרום איינס אַזייגער האָט זיך די סעודה פאַרענדיקט, און

מען האָט אָן איבעריקע מחוקות געהייסן די קבצנים זיך אָפּטראָגן פונדאַנען.

רויטקאָפּ האָט — צי ער וויל, צי ער וויל ניט — געמוזט גיין מיט אַרכיפּן: קיין אַנדער ברירה האָט ער ניט געהאַט.

ספּירקע זומפּפיש.

ווי נאָר זיי זיינען אַרויס פון קלויסטערהויף, האָט דער ייִדע אַרכיפּ גענומען ריידן צו רויטקאָפּן שוין גאָר מיט אַן אַנדער לשון. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אינגל האָט ניט, וואו זיך אַהינצוטאָן, אַז קיינער וועט זיך פאַר אים ניט אָננעמען, און ער האָט באַשלאָסן אים צו עפענען די קאָרטן.

— נו, צוציק איינער—האָט ער געזאָגט צו אים, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ לאַנגער און ליידיקער גאַס—ביז איצט האָסטו מיך געפירט, איצט וועל איך דיך פירן, ווייל איך בין שוין גאָרניט קיין בלינדער... פאַרשטייסט, מיין גאָלד!...

דער אַלטער האָט זיך שטיל פאַנאַנדערגעלאַכט, האָט אָנגענומען דעם אינגל פאַר אַ האַנט און זיך געלאָזט שפּרייזן.

רויטקאָפּ איז נאָכגעגאַנגען נאָכן זיידן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן זיין גורל, ווייל קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען. דעם זיידנס אָפּנהאַרציקע רייד האָבן אים ניט שטאַרק איבערראַשט, ווייל ער האָט זיך דאָך שוין פריער געכאַפּט, אַז ער פאַרשטעלט זיך נאָר פאַר אַ בלינדן. ער האָט נאָר ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דער אַלטער טוט דאָס.

— מיר'ן קומען אין איינפאָרט, וועלן דאָרטן איבערנעכטיקן — האָט דער זיידע ווייטער גערעדט — און מאָרגן וועלן מיר זיך נעמען ווייטער צו דער אַרבעט... דיך אַביסל נעמען אין האַנט, נשקשה — ס'מט נאָך ווערן אַ מענטש בא אונז... מיר וועלן נאָך האָבן נוצן פון דיר. אומזיסט וועט דיך קיינער ניט קאָרמענען... היינטיקע ציטן קאָן מען אָפּן ערלעכן אופן קיין ברויט ניט פאַרדינען... די ערשטע זאַך מוז מען אַרויסרופן רחמנות צו זיך. אָן רחמנות וועט קיינער ניט העלפן, וועט קיינער קיין

גראָשן פון האַנט ניט אַרויסגעבן... גוט, אַז ס'האָט דיר געטראָפן אַ גליק און האָסט אָנגעוואָרן אַ האַנט, אדער אַ פוס, אָדער ביסט געבאָרן געוואָרן אַ בלינדער... אָבער וואָס זאָל טאָן דער געזונטער, וואָס האָט קיין מום ניט? זאָל ער זיך אַוועקלייגן אינמיטן גאַס און פגרן פון הונגער? נו, מוז מען טאָן עפּעס, כדי דער עולם זאָל רחמנות האָבן: זיך פאַרשטעלן פאַר אַ בלינדן, אָדער פאַר אַן אַנדער קאַליקע... פאַרשטאַנען, מיין שפּילפייגעלע?

רויטקאָפּ האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. דעם אַלטנס רייד זיינען ניט אינגאַנצן קלאָר געווען פאַר אים; אַחוץ דעם, האָט זיך אים גאָר ניט געוואָלט אַריינדרינגען אין דעם, וואָס דער זיידע האָט גערעדט. אין דער רגע האָט ער גאָר געטראַכט וועגן ספּירקען, מיט וועלכן ער האָט דאָ פריער געגעסן פון איין שיסל. דער שוואַרצער חברה־מאַן מיטן ציגיינערשן פּנים איז שטאַרק געפעלן געווען סאַשקען.

— האָב מיר אַ גוטן, יונגער פריציק — האָט ספּירקע אים געזאָגט, בעת זיי זיינען אַרויס פון קלויסטער — מיר'ן זיך זען אין איינפאָרט. איך גיי אָפּן מאַרק עפּעס אַראָפּשיסן*).

איצט האָט זיך סאַשקע דערפרייט, ווען דער זיידע האָט אים געזאָגט, אַז זיי גייען אין איינפאָרט: ער האָט געהאָפט דאָרטן זיך צו באַגעגענען מיט ספּירקען.

דער אַלטער האָט אָפּגעלאָזן דעם אינגלס האַנט און האָט איבערגעלייגט זיין זעקל פון איין פּלייצע אויף דער אַנדערער. ס'איז געווען אומדערטרעגלעך הייס. פון דעם אַלטן האָט זיך דער שווייס געגאָסן טייכנווייז. ער איז געווען שטאַרק מיד. רויטקאָפּן איז אויך זייער הייס געווען, כאָטש ער האָט גאָרנישט געהאַט אויף זיך, אַחוץ אַ העמדל און קורצע הייזלעך. זיין אָפּגעבריִנטער, באַשפּרינקלמער קורצנעזלדיקער פּנים איז שטאַרק פאַרשוויצט געווען. דער הייסער שטויב האָט ווי ברענעדיקע אַש אים געסמאַליעט די באָרוועסע פיס, און צוליב דעם האָט ער כּסדר געמוזט אונטערשפּרינגען.

---

*) אַראָפּשיסן הייסט אָפּן לשון פון די קבצנים — בעטלען (באַמ. פון מחבר).

דער איינפאָרט איז שוין פון ערשטן קוק סאַשקען ניט געפעלן געוואָרן. ערשטנס, איז דאָרטן געווען אַ שיינקל, פון וועלכן עס האָבן זיך אָן אַן אויפהער געשלעפּט שיכּורע כוליגאַנעס, און צווייטנס, האָט ער דאָ בשום אופן ניט געקאָנט געפינען קיין קילן ווינקל. דאָס נידעריקע פּלויטל, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום איינפאָרט, האָט ניט געגעבן קיין שאָטן, און אין דעם גרויסן נאַכטלעגערקאַמער, וואוהין ער איז מיטן זיידן אַריין, איז די לופט געווען אַזוי פאַרשטיקט און ס׳האָבן זיך געקליבן אַזוי פיל פליגן, אַז זיי האָבן שוין בעסער באַשלאָסן אָפּצוזיצן ביז צום אָוונט אינדרויסן. דער זיידע האָט געהיימן רויטקאָפּן בלייבן זיצן באַם אַריינגאַנג אין הויז, האָט איבערגעלאָזט דעם זעקל אונטער זיין השגחה, און אַליין איז ער אַוועק, אין שיינקל.

ווי נאָר סאַשקע האָט זיך צוגעזעצט, איז ספּירקע היכּף צוגעקומען.

— אַ, פּריצל, שלום-עליכם אייך! וואָס מאַכט איר עפּעס? ווי דרייט איר מיטן ווידל? — האָט ער באַגריסט סאַשקען.

רויטקאָפּ האָט זיך פאַנאַנדערגעשמייכלט און מיט אַ לוסטיקן בליק אַרופגעקוקט אַפן אינגל. ספּירקע איז אָנגעטאָן געווען, פּונקט אַזוי ווי סאַשקע, דאָס הייסט ניט מער, ווי אין אַ גראָער העמדל און אַ פּאָר קורצע הייזלעך. ער איז געגאַנגען באָרוועס, און אַפן קאָפּ באַ אים איז, ניט געקוקט אַף דער היץ, כוואַטסקע געזעסן אָן אַ זייט אַ רונדע ווינטערמיצל. ער האָט אויסגעזען פריילעך און שטיפעריש. ווי ס׳שיינט, איז ער שוין איינגעוואוינט געווען צו לעבן צווישן די שנאָרערס, און ער האָט זיך דאָ געפילט שטאַרק אויפגעלייגט.

— רויבערסט? — האָט ספּירקע אַ פרעג געטאָן, זיך צוזעצנדיק צו סאַשקען.

— ניין — האָט סאַשקע געענטפערט, און אין דער רגע האָט ער געהאַט שברי-לב פון דעם, וואָס ער רויבערט ניט.

— ביסט דאָך אַ נאַר... איך רויבער. באַ מיר האָט זיך נאָך געווים פאַרוועלגערט אַ רעשטל.

ספּירקע האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער הויזנקעשענע אַ פּאָר

ברעקלעך מאַכאָרקע. פֿון דער אַנדער קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ שטיקל צייטונגפּאַפּיר, האָט מיט גענייטע פֿינגער פֿאַרדרייט אַ פּאַפּירעסל און אַ רויף געטאָן צו אַ פֿאַרבײַגייענדיקן באַוואַקסענעם שלעפּער:

— העי, טימאָשע, פֿריינטל, האָסט אפשר א שוועבעלע?

דער שלעפּער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ זוך געטאָן אין זײַנע קעשענעס, דאָרטן געפֿונען אַ שאַכטל שוועבעלעך און דערלאַנגט ספּירקען פֿײַער.

יענער האָט פֿאַררויכערט, אַרויסגעלאָזן פֿון נאָז צוויי בלאָע קנײַלבלעך רויך, מיט ברייטקייט וויט אַוועקגעשפּיען און אַ זאָג געטאָן, פּונקט ווי אַ גרויסער:

— אַ דאַנק, טימאָשע!

דער קבצן איז אַוועק.

רויטקאָפּ האָט מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע. אין זײַנע אויגן איז ספּירקע מאָוימדיק אויסגעוואַקסן. „לא דאי וואָס ער רויכערט, טראָגן אים נאָך די עלטערע צו אַפֿילו פֿײַער! אָט איז אַ בריה!‟ — האָט ער זיך געטראַכט, און ער איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט גרויס דרךארץ צום קליינעם רויכערער. ספּירקע האָט געזען, אַז ער מאַכט אַ רושם אויפֿן אָנפֿאַנגער, און ער האָט זיך נאָך מער גענומען בלאָזן.

— ווי רופֿט מען דיך? — האָט ספּירקע שטרייַנג געפֿרעגט, לאָזנדיק רויך פֿון נאָז.

— סאַשקע — איז געווען דער שמילער ענטפֿער.

— ווי? שרעק זיך ניט, רייד העכער!

— סאַשקע!

— און דײַן צונעמעניש?

רויטקאָפּ האָט געשוויגן.

— וואָס שווײַגסטו עפּעס?

— מען רופֿט מיך נאָך רויטקאָפּ.

— און מיך רופֿט מען ספּירקע זומפּפֿיש. בראַנפֿן

טרינקסטו? — די לעצטע פראַגע האָט סאַשקען גאָר צעטומלט, אַזוי אומדערוואַרט איז זי געווען.

— טרינקסט ניט?

— ניין.

— שוטה! און איך טרינק. אַף פּאַסכאַ האָב איך זיך שטאַרק אָנגעשיכורט, עס איז געווען אַ פאַרגעניגן... אַ צרה — ניטאָ קיין קעז.*) אַניט וואָלט איך שוין היינט אַראָפּגעלאָזן אַ קאַפּעלע. איך בין היינט אינגאַנצן אויסער זיך. וואַנקע שפּינער האָט מיך באַליידיקט... מילא, ער וועט נאָך אויסקריינקען בא מיר! וואו האָט דיך דער אַלטער געגנבעט?

— ער האָט מיך ניט געגנבעט...

— איז ווי אַזוי קומסטו צו אים?

— איך בין געקומען פון קיעוו... בין געלעגן אונטערן ביינקל... און באַנאַכט האָט מען מיך אַראָפּגעזעצט...

— ביסט זיך געקומען צושלעפּן פון קיעוו אָן אַ בילעט?

— יאָ.

— ביסט דאָך אַ כוואַט! — האָט ספּירקע פאַרליבט סאַשקען און שוין געמוסטן קוקן אַף אים מיט אַנדערע אויגן — הייסט עס, אַז דו ביסט ניט קיין שלימזל! נו, דערצייל אקאַרשט ווייטער! און ווי קומסטו אין קיעוו?

— מיט אַ קונצנמאַכער בין איך געקומען אַהין. האַלבפּונטל האָט ער געהייסן. אַן אַלקאַהאָליקער איז ער! — האָט סאַשקע צוגעגעבן, זיך דערמאָנענדיק דעמדאָזיקן משונהדיקן וואָרט, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט פון האַלבפּונטלען.

— ווי האָסטו געזאָגט? וואָס איז ער? — האָט ספּירקע איבערגעפרעגט.

— אַן אַלקאַהאָליקער.

— און וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס איז אַ בישוף־מאַכער. ער שלינגט פייער און ציט פון די אויערן פּאַטשיילעס...

---

*) קעז הייסט אַפן גנבים־לשון געלט.

— דו לייגסט ?! — האָט ספּירקע געמורמלט, אופּרייסנ־
דיק די אויגן אין גרויס חידוש.
— מיט מײַנע אייגענע אויגן האָב איך דאָס געזען...
— וואו איז ער איצט ? וואוהין איז ער אוועק ? ווי זעט
ער אויס ? — האָט ספּירקע פאַרשאָטן רויטקאָפּן מיט קשיות.
סאַשקע האָט געמוזט אויסדערציילן אַלע פּרטים פון זיין איי־
גענער און פון האַלבפונטלס לעבנסגעשיכטעס. ווען ער האָט
פאַרענדיקט, האָט ספּירקע אים אַ פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע,
אים באַקוקט מיט זיינע שוואַרצע קלוגע אויגן און געזאָגט:
— לאָמיר זיין חברים, הא ?
— גוט — האָט סאַשקע מסכים געווען.
די צייט האָט זיך דערווייל גערוקט, און דער זיידע איז
נאָך אַלץ ניט געקומען. דער שאָטן פון דער וואַנט, בא וועלכער
די אינגלעך זיינען געזעסן, איז אַלץ אויסגעצויגענער געוואָרן, און
ביידע חברים האָבן אָנגעהויבן שפּירן אַ פאַרנאַכטיקע פרישקייט.
— וואוהין איז דיין אַלטער אַוועק ? — האָט ספּירקע
געפרעגט.
— ער איז אַריין אַהין — האָט רויטקאָפּ באַוויזן אפן
שיינק.
— דאָס פאַרשיכורט ער דיך.
— ווי אַזוי מיך ? — איז סאַשקע אומרואיק געוואָרן.
— גאָר פּשוט, אַט אַזוי ווי מיך און ווי אַנדערן...
— וועמענס ביסטו דען ?
— איך גיי מיטן שפּינער... אָבער איכ׳ל פון אים אַוועק...
גייט ער צום טייוול ! איך וויל מער ניט זיין בא אים קיין
נפלע...
רויטקאָפּ האָט מיט אַן אָפענער מויל זיך איינגעהערט אין
זיין נייעם חברס רייד. אַף זיין פּנים האָבן זיך אויסגעמאָלן חידוש,
נייגער, שרעק.
— וואָס רייסטו אוף די אויגן ? — האָט ספּירקע גע־
געזאָגט — דו מיינסט אפשר, אַז איך לייג ? ניין, ברודערקע,
עס איז אמת. ווי נאָר זיי כאַפּן אָדער זיי גנבענען אַ אינגל

אָדער אַ מיידל, הויבן זיי תיכף אָן צו האַנדלען מיט זיי. מיך האָט מען שוין פאַרקויפט אַמאָל צען...

— וואָס דו זאָגסט ?! — האָט רויטקאָפּ אויסגערופן.

—איך זאָג דעם ריינעם אמת. מ'האָט מיך צוגעגנבעט נאָך גאָר אַ קליינינקען, אָבער איך געדיינק אַלץ. אונזער דאָרף איז געווען אַ גרויסער... דערביי איז געווען אַ וואַלד, און אַ טייך, און אַ הויכער—הויכער באַרג ! איך פלעג זיך אַרופקלייבן מיט טאַניען אַפן סאַמע שפּיץ, און פון דאָרטן פלעגן מיר זיך אַראָפּ־קייקלען.

— און ווער איז דאָס טאַניע ? — האָט רויטקאָפּ גע־פרעגט, און זיך דערמאָנט אָן דוניען.

—מיין עלטערע שוועסטער — האָט ספּירקע געענטפערט און האָט ווייטער גערעדט : — איך דערמאָן זיך, זומער איז דאָס געווען — בין איך אזוי געזעסן אַף דער גאַס, ניט ווייט פון אונזער שטוב, און האָב זיך געשפּילט. טאַניע איז אַוועק צו דער מאַמען אַפן היישניט. מיטאַמאָל דערזע איך, ווי עפּעס אַ פויערטע גייט גראָד צו מיר. איך בין נאָך געווען אַ נאַרעלע : געדאַרפט אַפּציען, אָבער כ'האָב זיך פאַרקוקט אַף איר און זיך ניט גערירט פון אָרט... די פויערטע האָט געזען, אַז אין דאָרף איז קיינער ניטאָ, גייט זי צו צו מיר : „נו, יאַטעלע, ווילסט אַ נאַש טאָן ?" — פרעגט זי. „אוודאי וויל איך"· און ווי נאָר איך זאָג דאָס, דערלאַנגט זי מיר אַ גרויס שטיק צוקער. איך בין קליינערהייט געווען אַ גרויסער בעלן אַף צוקער. דו אויך ?

רויטקאָפּ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— דערלאַנגט זי מיר, הייסט עס — האָט ספּירקע ווייטער דערציילט — די צוקער, און זאָגט דערביי: „קום מיט מיר, מיין איינגעלע, איכ'ל דיך ברייננגען צו דיין מאַמען". און איך, דער גולם, הייב זיך אויף און גיי איר נאָך. אזוי זיינען מיר אַרויס פון דאָרף און זיך גענומען גיין איבער אַפגעלעגענע וועג־לעך. מיר איז געוואָרן עפּעס קאַלעמוטנע אַפן האַרצן, און כ'האָב זיך פאַנאַנדערגעוויינט, און זי, די מכשפה, מענהט אַלץ : „וואַרט אַ ווילעטשקע, וויין ניט, מיין גאָלד, אָט גייען מיר שוין

אַרויס פֿון וואַלד, ווען דערזען דײַן טאַטען". אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג, און אינאָווענט זײַנען מיר אָנגעקומען אין אַ שטאָט. זינט דעמאָלט בין איך צווישן די קבצנים. און דאָ ניט לאַנג, איך ווייס ניט ווי לאַנג, צי מיט אַ יאָר, צי מיט דרײַ יאָר צוריק, האָט מען מיך אַרײַנגעשלעפּט אין אַזאַ מין ערטל, אַז ס'נעמט מיך אָן אַ שרעק, ווען כ'דערמאָן זיך נאָר אָן דעם — האָט ספּירקע צוגעגעבן מיט אַ סודותדיקן שעפּטשען.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָרט? — האָט רויטקאָפּ אויך געפֿרעגט שטיל, מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם.

— אַן אָרט, וווּ מען מאַכט קאַליקעס — האָט ספּירקע געענטפֿערט.

— וואָס?!

רויטקאָפּ האָט אָנגעהויבן וואַרפֿן אַ צאָן אָן אַ צאָן פֿון שרעק, און ער האָט זיך נעענטער צוגערוקט צום חבר.

— איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת. הער צו! — האָט ספּירקע זיך נעענטער צוגעטוליעט צו סאַשקען און גענומען ריידן אין אַ פּליסטערטאָן — דאָס איז אַזאַ מין אָרט, בּרודערקע, וווּ מען שטעכט אַרויס אויגן, מען לינקט אויס הענט און פֿיס, וווּ מען מאַטערט מיט בּלעכלײַ פּײַנען...

— איז דאָס אמת? — האָט רויטקאָפּ זיך געטרייסלט און אויפֿגעהויבן אַ פּאָר גרויסע בּרוינע צעשראָקענע אויגן צום חבר.

— כ'זאָג דיר דאָך, אַז ס'איז אמת... הער נאָר ווײַטער!... מיר האָט מען אויך געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ קאַליקע, אָבער פּאָליציי איז גראָד דעמאָלט געקומען זוכן פּעסער, האָבן זיי זיך דערשראָקן...

— און וועמען האָבן זיי בּאַוויזן צו פֿאַרמוטשענען?

— בּאַ איינער אַ מיידעלע האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן, — איצט איז זי שוין געשטאָרבּן — און בּאַ אַ אינגל האָט מען צעבּראָכן די פֿיס.

— כ'האָבּ מורא!... — האָט סאַשקע קוים אַרויסגעזשיפּעט און מיט געבּעט געקוקט אַף ספּירקען.

— וואָס האָסטו מורא?

— אפשר וועלן זיי מיר אויך אויסשטעכן די אויגן?

— שרעק זיך ניט, איצט וועלן זיי דאָס ניט טאָן — מיר זיינען דאָך שוין גרויסע מענטשן... דער אָרט ווידער טויג אויך ניט דערצו... קאָליקעס מאַכט מען אין קיעוו און אין מאָסקווע... גאָר אַ נייס, זיך איבערגעשראָקן! — האָט ספּירקע פאַרענדיקט אינדערהויך און האָט אַ בלישטש געטאָן מיט זיינע שוואַרצע אויגן.

ספּירקעס טאָן און זיין בליק האָבן אויפגעמונטערט רויט־קאָפּן און פאַרטריבן זיין שרעק. ער האָט נאָכגעטאָן ספּירקען, האָט אַזאַ פאָך געטאָן מיט זיינע רויטע קרויזן, אַז דאָס היטל האָט זיך אַוועקגעדרייט אָן אַ זייט, און געזאָגט:

— און אַז זיי וועלן האָבן חשק עפּעס צו טאָן, וועלן מיר גאָר אַנטלויפן! האַ?

— געוויס. וואָס דאַרפן זיך דאָ שרעקן!...

די אינגלעך זיינען אַף אַ ווײַלע שטיל געזעסן.

דער אָוונט האָט געענידערט. די זון האָט זיך שוין אינ־גאַנצן אַראָפּגעלאָזט הינטערן הויז. און דער הימל האָט זיך פאַר־צויגן מיט אַ טיפן בלאָ.

— קום אַף נאַכטלעגער — האָט ספּירקע געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום — איצט וועלן מיר פאַרכאַפּן גוטע ערטער. שפּעטער וועט דאַרטן זיין אַזאַ גרויסער עולם, אַז מ'וועט מוזן שלאָפן אונטערן בעטל.

— און דער זיידע? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט.

— וואָס דער זיידע?

— אַז ער וועט קומען און מיך ניט געפינען?

— אָט איז אַ מענטש! דערביי איז דאָך די נאַכטהיים. מיר וועלן זיך צולייגן באַם פענסטער, וועט ער אונדז געפינען. נעם מיט דעם זאַק אויך! דאָרטן מוז זיין שפּייז, וועלן מיר צובייסן. שרעק זיך ניט, ס'וועט קיין בייז ניט געשען! — האָט ספּירקע צוגעגעבן, זעענדיק, אַז רויטקאָפּ שלאָגט זיך מיט דער דעה.

אין אַ מינוט אַרום זיינען שוין די קינדער געווען אין דעם געמיינזאַמען שלאָפקאַמער, אָדער ווי די געסט פון איינפאָרט האָבן אים גערופן, די נאַכטהיים. ס'איז געווען גאָר אַ גרויסער צימער מיט אַ נידעריקער, שוואַרצער און איינגעשפּאָלטענער סטעליע, מיט אַן ערדענעם דיל און זעקס פענסטערן צום הויף צו. פאַזע די ווענט האָבן זיך געצויגן שורות ברייטע נאַרעס. די פענסטערן זיינען געשטאַנען אָפן, און אַ מילדער, קילער פאַרנאַכטיקער ווינטל האָט אַריינגעווייט און אָפּגעפרישט די לופט.

— אַהער! — האָט ספּירקע באַפוילן און האָט דער ערשטער פאַרכאַפּט אַ בעטל.

רויטקאָפּ איז נאָך נאָך אים. ספּירקע האָט אויסגעקליבן אַן אָרט אין ווינקל, האַרט באַם פענסטער.

— זעץ זיך דאָ צו, דאָ איז גוט: וואַנצן זיינען דאָ ווייניק, און באַנאַכט ווייט דאָ אַריין אַ ווינטל פון פענסטער. וויַז אָקאָרשט, וואָס ס'איז פאַראַן אין זעקל.

סאַשקע האָט צוגערוקט דעם זעקל צו ספּירקען. יענער האָט אים געלאָזן פאַנאַנדערגעבונדן, אַרויסגענומען אַ חלה, אוגערקעס און צוזאַמען מיט רויטקאָפּן זיך גענומען צו דער אכילה.

— דו ביסט אַ שטאַרקער? — האָט ספּירקע געפרעגט, אָנפּאַקנדיק אַ פולע מויל מיט חלה.

— אַ שטאַרקער — האָט סאַשקע געענטפערט, זיך שיר ניט דערווערגנדיק מיט אַן אוגערקע.

— גוט! וועלן מיר זיך אַ ראַנגל טאָן... מיר האָט זיך שוין לאַנג געוואָלט האָבן אַ חבר... הער, מיר איז עפּעס איינגעפאַלן... איכ'ל דיר דאָס דערציילן, און מיר וועלן ביידע אָפּטאָן דעם עסק. גוט?

— וואָס איז דאָס פאַר אַן עסק?

— אַן ערנסטע זאַך. נאָכדעם וועל איך דיר זאָגן... דערוויל האַלט ס'מויל... אָט קומען שוין די שיסערס*)... פּע, אַ פּאַסקודנער פאָלק, כ'קאָן זיי ניט אָנקוקן.

*) שיסערס — בעטלערס.

סאַשקע האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער. איבערן הויף האָבן זיך געשאָטן מחנות שלעפּערס, מענער און ווייבער, און אַלע זיינען זיי געגאַנגען צו דער נאַכטהיים.

אין דער נאַכטהיים.

פון ספּירקען האָט סאַשקע זיך דערוואוסט, אַז פאַרן נאַכטלעגער צאָלן ניט די קבצנים, ווייל דער באַלעבאָס פון איינפאָרט קריגט פאַר אַלץ באַצאָלט פון קלויסטער. ווייטער האָט סאַשקע זיך דערוואוסט, אַז בעטלערס זיינען דאָ פאַראַן גאָר אַסך, אָבער ניט דעם גאַנצן יאָר געפינען זיי זיך דאָ. צו די גרויסע חגאות גייען זיי אַוועק קיין קיעוו און קיין אָדעס. אַהין פירן זיי אויך מיט די נפלעך.

ספּירקע האָט דערציילט:

— דאָ ניט לאַנג האָט דער זיידע אַרכיפּ אַוועקגעפירט אין קיעוו צוויי אינגלעך און אַ מיידל.

— צוליב וואָס?

— קלאָר צוליב וואָס — צו פאַרקויפן.

— וואו ער האָט זיי גענומען?

— דער רוח ווייס אים... אפשר געקויפט, און אפשר גאָר געגנבעט...

— גרויסע אינגלעך זיינען דאָס געווען?

— ניין, קליינוואַרג... די מיידעלע איז נאָך גאָר געווען אַ מאָנטשינקע...

— און ווי האָט מען דיך פאַרקויפט?

— גאָר פשוט... מיין ערשטע באַלעבאָסטע, נאַסטיע פלעשל, האָט אַלץ פאַרשיכורט. אָבער ס'ווילט זיך נאָך אַ טרונק. וואו נעמט מען געלט? האָט זי אָנגעהויבן צושמייען צום זיידן וואַקול — איצט איצט איז ער שוין אויף יענער וועלט — ער האָט געהאַט געלט: „קויף ספּירקען, זיידינקע!" דער זיידע האָט מיך אַרומגעקוקט, געזען, אַז קיין איבעריק פלייש איז אויף מיר ניטאָ, און געזאָגט: „גוט! וואָס ווילסט פאַר אים?" אַזוי פיל און אַזוי פיל. זיי זיינען דורכגעקומען

מיטן מקח, האָבן געטרונקען מאַהאַריטש, און וואָס איז מיר ניט גאָר גלייך — צי שלעפן זיך מיטן זיידן, צי מיט נאַסטיען, צי מיטן שפינער ?.. כ'האָב בכלל פיינט צו שיסן... — האָט ער אױס־מעטיק פאַרענדיקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

רויטקאָפּ האָט אויך געשוויגן. ביידע אינגלעך זיינען געלעגן אָף די בײכלעך און געקוקט אין אָפענעם פענסטער. זיי האָבן גע־קאָנט זען דעם גאַנצן הויף, דעם שײנק, און דעם לויטערן, בלאָען הימל, פון וועלכן ס'האָט פון צייט צו צייט אַראָפּגעפינקלט אַ שטערנדל.

— טו נאָר אַ קוק אָף די שטערנס — האָט רויטקאָפּ דער ערשטער צעשטערט די שטילקייט — זיי לייכטן, ווי שטיקער פייער, אָבער וואַרים איז ניט פון זיי.

— פון דער לבנה איז אויך ניט וואַרים — האָט ספירקע צוגעגעבן.

— פאַרוואָס ?

— ווייל די לבנה און די שטערנס זיינען באַשאַפן פאַרן ווינטער, און די זון — פאַרן זומער.

— העי, זומפּפישל, האָט זיך באַ דיר ניט פאַרוועלגערט אַן אַבאַס*) — האָבן די אינגלעך מיטאַמאָל דערהערט הינטער זיך אַ גראָבן מענערשן קול.

זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט. אין קאַמער איז שוין גאָר פינסטער געווען, און נאָר דאָס קליינע לעמפּעלע, וואָס איז גע־האַנגען אָף דער וואַנט באַם אַריינגאַנג, האָט געוואָרפן אַ פאַר־טונקלטע געלע שיין אַפן ערדענעם דיל און אָף עטלעכע נע־ענטערע נאַרעס. אין אַלע זייטן האָבן זיך געפּאָרעט די בעטלערס, און זייערע געשטאַלטן האָבן געשווינדלט, ווי שוואַרצע שאָטנס, אין דער האַלבפינסטערניש פון קאַמער. אַסך האָבן געכראָפּעט, און דער בייסיקער רויך פון בראָסטן טאַבאַק האָט זיך קנוילנווייז געטראָגן צו די אָפענע פענסטערן. אין אַלע ווינקעלעך האָבן בסדר

*) אַבאַס רופט מען אַפן גנבישן און בעטלערישן זשאַרגאָן די רוסישע מטבע פון צוואַנציק קאָפּיקעס (באַמ. פון מחבר).

אופגעבליצט אָנגעצונדענע שוועבעלעך, אומעטום האָט מען גע־ שמועסט, זיך געזידלט און געשאָלטן. דער טומל און די שטי־ קעניש האָבן זיך כסדר געמערט.

רויטקאָפּ האָט געוואָרפן בליקן אויפן עולם, זיך געמיט צו דערלאַנגען מיטן אויג ביז די ווייטסטע ווינקעלעך פון דעם פינסטערן קאַמער, און עס איז אים געווען שטאַרק אומעטיק. אַלץ איז דאָ אַזוי פרעמד און ניט געמיטלעך. אָט, מיט האַלב־ פונטלען איז גאָר געווען אַן אַנדער זאַך: זיי פלעגן זיך שלאָפן אונטערן פרייען הימל, און די שטערנס פלעגן שטיין שמירה איבער זיי!

— נו, וועסט אַהערגעבן אַן אַבאַט? — האָט איבער־ געחזרט די פרעמדע שטים.

די שטים האָט באַלאַנגט צו אַ הויכן, אויסגעדאַרטן שלעפּער, מיט אַ גראָען, ציגענעם בערדל און מיט אַ משונהדיק־ גרויסער און בלאָרויטער נאָז אויפן צעקנייטשטן, אָפּגעלאָזענעם פנים.

— כ'האָב ניט, טשעפּע זיך אָפּ! — האָט ספּירקע געענטפערט און ווייטער זיך פאַרקוקט דורכן פענסטער.

— גיסט ניט, הייסט עס?.. גיסט ניט?.. נו, וועסט מיר האָבן צו געדיינקען!

דער שלעפּער האָט זיך אויסגעזידלט, האָט אַ שפּיי געטאָן און זיך אָפּגעטראָגן.

— הערסט אַ מעשה, גאָר אַ נייער קנאַקער! — האָט ספּירקע נאָכגעבורטשעט דעם אַוועקגעגאַנגענעם — אַן אַבאַט גיב אים! אָט שוין דערלאַנג איך אים! האָט פאַרשפּילט די הויזן, און איצט וויל ער ווייטער שפּילן אויף מיין חשבון, אַזאַ בגיאַק!...

סאַשקע האָט נאָכמער דרך־ארץ באַקומען פאַר ספּירקען; ער רויכערט, דערוואַקסענע בעטן בא אים געלט, ער רעדט מיט אַלעמען דרייסט, פונקט ווי מיט גלייכע, שרעקט זיך פאַר קיינעם ניט...

די חברים האָבן זיך ווײַטער צונעלײגט און גענומען קוקן אפֿן הימל, ווי עס פֿאַלן פֿון דאָרטן שטערנס.

— ווייסט, סאשקע — האָט נאָך אַ לאַנגן שווײַגן ספּירקע געזאָגט — איך וויל ניט זײַן קײן בעטלער... אַ גנב צו זײַן איז בעסער. וואָס זאָגסטו?

רויטקאָפּ האָט געשוויגן און מיט שרעק זיך אײַנגעהערט אין חברס רייד.

— גנבענען וואָלסטו געקאָנט? — האָט ספּירקע ווײַטער געפֿרעגט.

— כ'ווייס ניט—האָט סאשקע געענטפֿערט שטיל, קוים צו הערן.

— איך האָב ליב צו גנבענען. ס'לוינט זיך בעסער. אָפּ־שיטן קאָנסטו אַ גאַנצן טאָג און קײן פּרוטה דערבײַ ניט פֿאַר־דינען. פֿאַראַיאָרן האָב איך... זאָלסט אָבער ניט אויסקלינגען... אַרויסגעגנבעט דרײַ רובל בײַ פֿאַשקען דער שנופּלערקע — דאָס איז די, וואָס האָט הײַנט מיט אונדז געגעסן... זי איז געלעגן שיכורערהייט און געשלאָפֿן, האָב איך זיך צוגעגנבעט און אַרויס־געצויגן איר טײַסטער מיטן געלט... זי האָט געטראָגן איר טײַס־טער אַפֿן האַלז.

סאשקע האָט זיך צוגעהאָרכט און ניט געענטפֿערט.

— אַף מאָרגן האָט פֿאַשקע זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט גע־נומען יאָמערן, איך בין אַוועק, כ'האָב פֿײַנט, אַז מען יאָמערט: דאָס האַרץ פֿאַרקוועטשט...

— און דאָס געלט? — האָט רויטקאָפּ געפֿרעגט אָן אָטעם.

— פֿון געלט, ברודערקע, איז שוין געוואָרן אַ תּכלית... איך האָב די גאַנצע געשיכטע באַלד דערציילט דעם שפּינער און אים אַוועקגעגעבן צוויי רובל, ער זאָל שלאָגן מיט מיר בלאַט. און פֿאַר מײַן רובל האָב איך זיך גוט אָנגעגעסן און אַסך געראַוכערט. אָט דעמאָלט האָב איך זיך דאָס אויסגעלערנט רויכערן... יאָ, אַ טײַערע זאַך גנבענען... כ'האָב דאָס ליב... ווייסט וואָס, סאשקע?

ספּירקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט לאַנג אַריינגע־
קוקט רויטקאָפּן אין די אויגן, און נאָכדעם אַפּגיך אָפּגעמורמלט:
— לאָמיר גאָר ווערן גנבים, הא?...

אָבער נאָך איידער רויטקאָפּ האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט ספּירקע מיטאַמאָל א פּאַרצוויפלטן געשריי געטאָן און איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. אָף דער נאַרע באַ זיי האָט זיך עמיץ ווילד פּאַנאַנדערגעלאַכט, אזוי ווי א משוגענער וואָלט זיך צעיאָ־מערט. דאָס האָט געהירושעט וואַינקע שפּינער, יענער שלעפּער מיט די אונטערגעשלאָגענע אויגן, וואָס האָט אינדערפרי מיט זיין פּנים אזוי איבערגעשראָקן סאַשקען. איצט האָט ער אויסגעזען ניט בעסער. פון געלעכטער איז זיין צעבײלטער, ניט געגאָלטער פּרצוף געוואָרן אינגאַנצן פּירקאַנטיק. אין האַנט האָט ער געהאַלטן א גראָבן אָנגערויכערטן פּאַפּיראָס.

— וואָס, ברודערקע, דיינע פּיסלעך רויכערן ניט?—האָט דער שפּינער מיט א הייזעריקן קול געזאָגט, און ער האָט זיך באַלד אָף אַן אָרט ווייטער פּאַנאַנדערגעגאָסן מיט זיין ווילדן גע־לעכטער, צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען נאָך עטלעכע שלע־פּערס, וואָס זיינען געלעגן אין שכנות.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז װעלנדיק זיך לוסטיק מאַכן איבער ספּירקען, האָט דער שפּינער צוגעלייגט דעם ברענעדיקן פּאַפּיראָס צום אינגלס באָרוועסער פוס. דעם שלעפּערס נצחונדיקער געלעכטער, דאָס הירזשען פון די אַרומיקע און דער שאַרפער ברענוואַונד האָבן אויפגערירט א גאַנצן שטורעם אין דעם באַליי־דיקטן ספּירקען. דער צאָרן האָט געבושעוועט אינם אינגל, האָט זיך געריסן אויסוויינען, און צום סוף האָט ער זיך ניט געקאָנט מער איינהאַלטן און איז אַרופגעפאַלן אַפּן שפּינער מיט אַזעלכע זילזולים, וואָס אפילו סאַשקע, א קינד פון גאַס, האָט נאָך קיינ־מאָל אַזוינס ניט געהערט. איין רגע איז אפילו ספּירקעס באַלעבאָס גופא צעטומלט געוואָרן פון די אומדערהערטע זידלערייען, וואָס האָבן זיך געשאָטן אָף אים, ווי א האָגל. אָבער די צעטומלע־ניש האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן: ספּירקע האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצושיטן אפילו א העלפט פון זיין אוצר, ווי דער שפּינער

איז שוין געלעגן איבער אים און געהאַקט, ווי אין קרויט. אינ־
אָנהויב האָט דער אינגל זיך געצאַפּלט, געשריען, אָבער באַל־
איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל דער שיכּור האָט מיט זיין
גרויסער שמוציקער האַנט אים פאַרקוועטשט די מויל.

— לאָז אָפּ דעם אינגל; וועסט אים דאָך מאַכן מיט אַ
קאָפּ קירצער! — האָט געזאָגט עמיץ פון די שלעפּערס.

אָבער דער שפּינער האָט קיינעם נישט געהערט און נישט
אופגעהערט צו מאַכן אַ תּל פון דעם אָרימען ספּיוקען.

מיטאַמאָל אָבער איז געשען גאָר אַן אומדערוואַרטע זאַך...
רויטקאָפּ, וועלכער האָט מיט שרעק צוגעקוקט די ווילדע סצענע,
איז צום סוף אַרויס פון די כּלים, איז אַרופגעשפּרונגען אפן
שפּינער און זיך שאַרף איינגעביסן אין זיין האַלז. יענער האָט אַ
ווילדן געשריי געטאָן, האָט אַ פאַל געטאָן אַהינטער און מיט־
געשלעפּט מיט זיך אויך רויטקאָפּן.

דערווייל איז מיט אַ לאַמטערן אין האַנט אין קאַמער אַריין
דער דוואָרניק פונם איינפאָרט, קאַרפּיטש. די קבצנים האָבן
געציטערט פאַר אים, ווי פאַר פייער: ער האָט געקאָנט אַרויס־
טרייבן אין גאַס ווען און ווען ער האָט נאָר געוואָלט.

— איר, קודלאַטע שדים, וואָס מאַכט איר דאָרטן פאַר
אַ געפּילדער? — האָט קאַרפּיטש אַ ברום געטאָן און איז צו
צו דער נאָרע.

רויטקאָפּ איז אָפּגעשפּרונגען צום פענסטער, אינגאַנצן ציטערנדיק פון צאָרן און פון שרעק; דאָרטן איז שוין געזעסן
ספּירקע און ס׳האָט אים געוואָרפן ווי אין קדחת.

— אַרויס פונדאַנען, די שיכּורער אויסוואַרף — האָט
קאַרפּיטש אַ געשריי געטאָן, דערזעענדיק דעם שפּינער—כ׳האָב
דיר דאָך שוין געוואָרנט, אַז שיכּורערהייט זאָל דאָ דיין דער
נישט זיין! אַרויס די מינוט! אָט רוף איך פּאָליציי.

בּאַ די לעצטע ווערטער האָט דער שפּינער גענומען פּאַ־
מעלעך אַראָפּקריכן פון דער נאָרע.

ער איז אַרויס, און אין דער נאַכטהויז איז געוואָרן שטיל.
אָבער נישט אויף לאַנג. באַלד האָט אַ חבֿרה זיך געזעצט שפּילן

אין קאַרטן בײַ דער שײַן פֿון אַ קלײנער ליכטל, אַרײַנגעשטעקט אין אַ בוטל.

ספּירקע און רויטקאָפּ זײַנען געווען אַזוי אויסער זיך, אַז אַ לאַנגע צײַט האָבן זײ קײן וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברײַנגען. אין שטוב זײַנען אָנגעקומען אַלץ נײַע שלעפּערס, און אין קאַמער איז געוואָרן ענג. די אָנגעקומענע האָבן קײן ערטער ניט גע־קראָגן, און האָבן זיך אויסגעלײגט אױפֿן דיל. צום סוף האָט זיך אויך אַרײַנגעלאָזן דער ווילדע אַרכיפּ. ער איז געווען שיכּור און זיך בשום אופֿן ניט געקאָנט אַרופֿקריגן אױף דער נאַרע. ער האָט עטלעכע מאָל געפּרובט אַרופֿקריכן, איז אַלץ אַראָפּגעפֿאַלן, ביז ער איז אַזוי אײַנגעשלאָפֿן אױפֿן דיל.

— ס'טוט דיר ווײ? — האָט סאַשקע אינדערשטיל גע־פֿרעגט זײַן חבֿר.

— איצט טוט שוין ניט ווײ... איך בין נאָר שרעקלעך אויפֿגעבראַכט — האָט זומפּיש געענטפֿערט, און זײַן שטים האָט אַ ציטער געטאָן.

— איך בין אויך אויפֿגעבראַכט... — האָט רויטקאָפּ געזאָגט.

זײ האָבן זיך ווײַטער צוגעלײגט, אַזוי ווי פֿריער.

— קום אַוועק פֿונדאַנען! — האָט רויטקאָפּ פֿאָר־געלײגט.

— וואוהין?

— וואו ניט איז. וואָס װעלן מיר דאָ טאָן?...

— נאַרעלע אײנער — האָט ספּירקע זיך אָפּגעזיפֿצט — צי שוין=זשע וואָלט איך ניט אַוועק פֿונדאַנען, ווען מען וואָלט נאָר געקאָנט?

— פֿאַרוואָס קאָן מען ניט?

— ווײַל מען לאָזט ניט.

— ווער לאָזט ניט?

— זײ, די שדים — און ספּירקע האָט אָנגעוויזן אַרום זיך.

— וואָס הײסט, זײ לאָזן ניט?

— — גאָר פּשוט... דו מיינסט, אַז איך בין שוין ניט אַנטלאָפן? צוויי מאָל האָב איך געמאַכט פּים...

— נו, און וואָס?

— געכאַפּט און אָנגעבראָכן די בּיינער... ניין, בּרודערקע, פון די שדים וועסט זיך ניט אַזוי גיך אָפּטשעפּען, ווייל — ס'איז ניטאָ וואוהין צו אַנטלויפן... פאַרשטאַנען? אדרבּא, זאָג מיר, וואוּהין וואָלסטו אַוועק פונדאַנען?.. וועסט לויפן אַהער — וועט מען דיך כאַפּן, וועסט לויפן אַהין—וועט מען דיך כאַפּן און שלאָגן... אָט, אַז פאַר אונז זאָלט זיך עמיצער אָנגענומען! אָבער ווער וועט מען האָבן מיר דען? קיינעם ניט! ווער עס האָט אַ טאַטן, ווער אַ מאַמען, מיר האָבן אָבער קיינעם ניט. מיר וואַקסן אַזוי ווי ווילדגראָז, אַזוי ווי שטיינער. מיר זיינען קיינעמס ניט... פאַרשטאַנען?

ספּירקעס שטים האָט אַ ציטער געטאָן און זיך איבּערגעריסן. בּאַ סאַשקען אין די אויגן האָבן זיך בּאַוויזן טרערן. ער האָט רחמנות געהאַט הן אַף זיך, הן אַף ספּירקען. איצט, בּעת ספּירקע איז שוין מער ניט געווען קיין דערוואַקסענער, און ווען אין זיין שטים האָבן זיך געהערט טרערן, האָט רויטקאָפּ דערפילט אַ בּאַזונדערע ליבּע און צוגעבּונדנקייט צו אים.

— אָט פאַראיאָרן — האָט ספּירקע ווייטער אָנגעהויבן דערציילן — איז דאָ געווען בּאַ אונז אַ אינגל, קאָלקע האָט ער געהייסן, מיט אַ צונעמעניש „דער בּאַוואַקסענער". ער איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר, אָדער מיט צוויי. צו אונז אַהער האָט אים געבּראַכט אַרכיפּס אַ פריינט, סעמיאָן. איז ער איצט מער ניטאָ, קאָלקע, שוין פון ווּעסנע אָן, נאָכדעם, ווי ער איז דעמאָלט אַוועק, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן...

— ווי אַזוי איז ער פאַרפאַלן געוואָרן?

— הער נאָר צו! קיינער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי סעמיאָן איז געקומען צו אים. מ'האָט נאָר געוואוסט, אַז קאָלקע איז ניט קיין פּשוטער אינגל, אַז ער איז אַ פּריצישער זינדל. מ'דאַרף האָט מען צו אים ניט צוגעלאָזן, און איך בין דעמאָלט דאָ בּכלל ווייניק וואָס געווען, איך האָבּ זיך אַרומגעשלעפּט מיטן אַלטן אַרכיפּ... איינמאָל איז קאָלקע אַנטלאָפן. האָט מען זיך געיאָגט נאָך

אים, אים גע̄כאַפּט און גוט אָנגעשלאָגן. דערווייל איז אָנגעקומען דער ווינטער, שטאַרקע פרעסט, אַ שניי... קאָילקע אנטלויפט נאָכאַמאָל. האָט מען אים געגומען יאָגן, אויסשפּירן — דער חברה־מאַן איז ניטאָ. האָט סעמיאָן און די גאַנצע חברה זיך גענומען שטאַרק גרעמען — ווער ווייס, אפשר וועט ער דערגיין צו זיין טאַטן, צו זיין משפּחה — דעמאָלט איז דאָך אַן אומגליק, קיין האָניק וועלן שוין אונזערע ניט לעקן! מילא — גייט אַוועק איין וואָך, אַ צווייטע — און קאָילקע איז אַלץ ניטאָ. אָבער מיטאַמאָל, קורץ פאַר ניטל, האָט ער זיך איינגעפונען. פויערים זיינען געפאָרן אַפן פעלד און מ'האָט אים געפונען אַ טויטן אין שניי.

— גאָר אַזוי?! — האָט רויטקאָפּ אויסגעשריען.

— איך דערציי̆ל דיר דעם ריינעם אמת. ער איז אַנטלאָפן און אַ שניישטורעם האָט אים פאַרכאַפּט. ער האָט פאַרבלאָנדזשעט און איז פאַרפאָרן געוואָרן. אָט ווי עס האַלט מיט אונז... און דו ווילסט אַנטלויפן!

איצט איז רויטקאָפּ שוין געווען איבערצייגט, אַז אַנטלויפן קאָן מען ניט. אַרום איז שטיל געוואָרן. דער עולם אין קאַמער האָט זיך אויסגעלייגט צום שלאָף. נאָר אין ווייטן ווינקל האָט אַ גרופּע נאָך היציק געשפּילט בײַ דער שיין פון ליכטל. פון צייט צו צייט האָבן זיך פון דאָרטן דערטראָגן אופגערעקטע אויסרופן, זילזולים, געשרייען. די איינגעשלאָפענע שלעפערס האָבן זיך גע־דרייט אַף זייערע געלעגערס, האָבן זיך געקראַצט, האָבן פאַר־שלאָפענערהייט געשאָלטן די וואַנצן. און אינדרויסן האָט זיך לייט־זעליק געשפּרייט אַ נאַכט, אַ נאַכט אַ רואיקע, אַ שטילע, אַ שטערנדיקע...

די פּליטים.

אַ יאָר איז אַוועק. דעם זומער, האַרבסט און ווינטער האָט רויטקאָפּ פאַרבראַכט אין „קאַבצאַנסק", צווישן די שלעפּערס. פאַר דער צייט האָט ער אַסך געזען, אַסך צרות און נויט אַריבערגעלעבט. זיין צער האָט ער געטיילט מיט ספּירקע זומפּיש, וועלכן ס'איז אויך

געוועזן אַזוי שלעכט, פּונקט ווי אים. פאַרוואָרלאָזטע, אײַנזאַמע, פאַריאָגטע, אָן וועלכן ניט איז מיטגעפיל און צערטלעכקייט—האָבן די בײדע אינגלעך זיך געשלאָגן, ווי פיש אָפּן זאַמד צווישן פאַרשטויסענע, אומגליקלעכע מענטשן, צווישן פּאַראַזיטן. דער ײדע אַרביט איז פאַרשלאָפט געוואָרן און דעם גאַנצן ווינטער האָט ער זיך אָפּגעוואָלגערט אין דער נאַכטהיים. מחמת דעם איז סאַשקע געבליבן ווינטערן אין קאַבצאַנסק, און אָף „אַרבעט", דאָס הייסט בעטלען, איז ער געגאַנגען מיט פּאַשקע דער שנויפלערקע, וועלכע האָט געצאָלט דעם ײדן פאַרן אַנטלײען אים צוואַנציק קאָפּיקעס אַ טאָג. דעם אינגל האָט זי אַרויסגעגעבן פאַר איר זון, און אָף זיך האָט זי אָלעמען דערציילט, אַז זי איז אַ וויסטע אלמנה. נאָך יענער געשעעניש אין דער נאַכטהיים האָט ספּירקע אינגאַנצן איבערגעריסן מיט וואַנקע דעם שפּינער און אָנגעהויבן גיין שיסן בשותפות מיט טימאָשקען דעם נאַר.

ספּירקעס געשעפטן זײַנען געווען גאָר ניט פייגלדיק. די אָרטיקע תושבים האָבן געוווּסט, וואָס פּאַראַ פּירות עס זײַנען די קבצנים פון קלויסטער, און מען האָט זיך ניט געשטעקט מיט קיין נדבות. די אײנציקע האָפענונג איז נאָר געווען אָף די גרויסע חגאות; אָבער דעמאָלט איז געווען גרויס די קאָנקורענץ, און אפילו אין יענע טעג איז ספּירקען אויך ווייניק וואָס געבליבן. אחוץ דעם האָט ער בכלל פײַנט געהאַט דעם עסק פון בעטלען. באַזונדערש דערעסן איז אים די בעטלערײַ זינט ער האָט זיך באַקענט מיט רויטקאָפּן. מיט זײַן דערציילן וועגן די פרײַע וואָגלטעג מיט האַלבפונטלען האָט סאַשקע אויפגעוועקט אין ספּירקען אַ שטורמישע ליבע צו פרײַהייט, צום באַוועגלעכן לעבן. און אַ שטאַרקע בײַנקעניש האָט אַרומגעכאַפּט דעם אינגל.

— דו, ברודערקע, קאָנסט זיך טאָן, וואָס דו ווילסט, אָבער איך האָב שוין מער קיין כח ניט דאָ צו זײַן. איכ'ל אַנטלויפן, וואו די אויגן טראָגן... — האָט אײנמאָל ספּירקע געזאָגט צו רויטקאָפּן — ווילסט, וועלן מיר אַנטלויפן צוזאַמען.

— איצט, אום ווינטער? — האָט רויטקאָפּ זיך געחידושט.

— סיווי וועלן מיר אומקומען... ווינטער, זומער — גאָר גלייך...

— ניין, ספיריא, וואַרט — האָט כאַשקע גענומען איינ־טענהן — ס'וועט קומען ווערנע, ס'וועט ווערן וואַרימער, דעמאָלט וועלן מיר אַנטלויפן...

—נו, זאָל זיין אַזוי...—האָט ספירקע צום סוף צוגעגעבן.

נאָך אָט דעם שמועס איז די פריינטשאַפט צווישן די ביידע אינגלעך געוואָרן נאָך אינטימער. איצט האָבן זיי פאַרמאָגט אַ בשותפותן סוד, און דער סוד האָט זיי פאַרייניקט אויף לעבן און טויט. אָפטמאָל, אין די לאַנגע ווינטערנעכט, פלעגן זיי זיך צו־זעצן אין אַ ווינקעלע און אָן אויפהער שמועסן צווישן זיך. די תושבים פון דער נאַכטהיים שלאָפן שוין לאַנג, דאָס פאַררויכערטע לעמפל טשאַדעט אומעטיק. אַרום שפרייט זיך אַ שטילקייט. אָבער די צוויי חברים שלאָפן ניט און ריידן, ריידן אָן אַ סוף, פונקט ווי אַנגעדרייטע מאַשינקעס.

— וואָס קומט אויף אייך גאָרניט קיין שלאָף, שדים? וועט איר שוין אַמאָל אַנטשוויגן ווערן, אָדער ניט?! — בייזערט זיך עמיץ אָן אויף זיי.

די אינגלעך ווערן אַנטשוויגן. אָבער אין אַ פּאָר מינוטן אַרום נעמען זיי זיך שוין ווייטער צו דער אַרבעט. אייגנטלעך, זיינען דאָס גאָר ניט געווען קיין געשפּרעכן, — זיי האָבן זיך נאָר געטיילט מיט זייערע חלומות און פאַנטאַזיעס. יעדער איינער האָט אַרויסגעזאָגט, וואָס ס'איז אים געקומען אויפן זינען, אָדער וואָס אים האָט געמאָלן זיין פאַרשטעלונג. זיצנדיק אין דער ברודיקער פאַרשטיקטער נאַכטהיים, צווישן די אָפּגעריסענע, שיכּורע און אָפּגעלאָזענע מענטשן, האָבן ספּירקע מיט רויטקאָפּ אין די גע־דאַנקען זיך אַוועקגעטראָגן ווייט — ווייט, און אין די אויגנבליקן האָבן זיי זיך געפילט גליקלעך.

— און דאָרטן, דאָרטן... וועלן מיר שוין איינמאָל אַ לעב טאָן! — האָט רויטקאָפּ פאַנטאַזירט, זיך פאַרבלינענדיק פון התפעלות.

— און אָנטאָן וועלן מיר זיך, ווי לייטישע מענטשן —

האָט ספּירקע ווייטער געשפּונען די חלומות — און מיר'ן הוליען...

— און שפּעטער, אַז מיר וועלן אויסוואַקסן, וועלן מיר מאַכן אַ געשעפט... מיר'ן נעמען האַנדלען מיט פּרוכטן, אָדער מיט זייגערס. האַ, וואָס זאָגסטו דערצו?

— אַוודאי קאָן מען אויך האַנדלען. ס'איז אַ גוטער עסק — האָט ספּירקע מסכים געווען.

אָט אַזוי האָבן די חברים זיך געשפּייזט מיט בונטע חלומות, ביז דער פרילינג איז אָנגעקומען. אין דעם יאָר איז ער אָנגעקומען פרי, אָנגעקומען אין זיין גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ. דער אַלטער ווינטער האָט אָפּגעטראָטן זיין אָרט דעם יונגעטשקען פרילינג און איז תיכף אַ צעשמאָלצענער געוואָרן. אין משך פון עטלעכע טעג איז שוין פון דעם ווינטער קיין סימן ניט געבליבן. דער פרילינג האָט אַלעמען אויפגעוועקט, אין אַלעמען אַריינגעהויכט אַ ניי לעבן, האָט באַפוילן דער נאַטור: ציר זיך אויס! און די פעלדער האָבן זיך פאַרצוויגן מיט סאַמעט, און די בוימער האָבן זיך אויסגעפּוצט אין פרישן גרינס.

אויך אונזערע חברים האָבן זיך אויפגעכאַפּט צו אַ נייעם לעבן. איצט האָבן זיי געמוזט אַריבערגיין פון פאַנטאַזיעס צו מעשים. זיי האָבן מער ניט גערעדט, נאָר כסדר געשעפּטשעט זיך, און געזוכט וואָס ווייניקער זיך צו וואַרפן אין די אויגן. דער זיידע אַרכיפּ איז געזונט געוואָרן און געמאָלדן, אַז צו פּסח וועט ער גיין מיט רויטקאָפּן קיין קיעוו. די ידיעה האָט שטאַרק באַאומרואיקט די חברים, און זיי האָבן באַשלאָסן וואָס גיכער צו אַנטלויפן.

און אין איינער אַ וואונדערלעכער נאַכט זיינען זיי צוגעטראָטן אויסצופירן זייער דרייסטן פּלאַן.

ס'איז געווען האַלבע נאַכט. די לבנה האָט באַשטראַלט מיט אַ שטילער שיין די איינגעדרעמלטע ערד און איז זיך פּאַמעלעך געשוואומען איבערן בלאָען הימל, באַגלייט פון אַ סוויטע זילבערנע וואָלקנדלעך. ניט ווייט פון אַריינגאַנג אין נאַכטהיים האָט רויטקאָפּ זיך געשלייכט פּאַוואָלנע. זיין קליין גראָ גע־

שטאַלטל האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצן מיט דעם גראָען שאָטן, וואָס ס'איז געפאַלן פון הויז, און מען האָט דעם אינגל ניט גע־קאָנט מערקן. ער האָט געהאַלטן אַ זעקל. בּאַם קלענסטן שאָרך האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן. ספּירקע איז נאָך געווען אינע־ווייניק, און רויטקאָפּ האָט אים דאָס אָפּגעוואַרט. צום סוף האָט זיך אין איינעם פון די פענסטערן באַוויזן עפּעס אַ שוואַרצער פלעק — דאָס איז געווען ספּירקעס קאָפּ. נאָך אַ מאָמענט — און זומפּיש איז שוין בּאַזאַכט אַרויסגעקראָכן פון פענסטער, זיך איינגעבּויגן און איז כּמעט אַף אַלע פיר צוגעקראָכן צו רויטקאָפּן.

— קום! — האָט ספּירקע שטיל אַ זאָג געטאָן, און האָט דער ערשטער אַוועקגעפּויזשעט צום פּאַרקאַן. סאַשקע איז אים שטיל נאָך, פעסט צוזאַמענבּייסנדיק די ציינער, זיי זאָלן ניט קלאַפּן איינער אָן אַנדערן.

קיין נפש האָט ניט געזען, ווי די צוויי חברים זיינען אַרי־בּערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן, ווי זיי זיינען אַרויס אַפן וועג, וואָס פירט צו דער סטאַנציע, און ווי זיי האָבּן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און גענומען לויפן מיט גרוים אימפּעט. מער ניט, ווי די לבנה האָט פון הימל אַראָפּגעקוקט אַף די יונגע פּליטים און געגאָסן ליכט אַף זייער וועג. נאָכן אָפּלויפן אַזוי אַ ווי־אָרסט דריי, האָבּן די אינגלעך גענומען שטעלן פּאַמעלעכערע טריט. זייערע הערצער האָבּן פון מאַטקייט און פון שרעק געפּויקט, ווי בּאַ גזלנים, און ס'האָט זיי פאַרכאַפּט דער אָטעם. אָנגעטאָן זיי־נען זיי בּיידע געווען אין וואַטאָווע לייבּלעך, וואָס זיינען אַראָפּ־געהאַנגען פון זיי אין בּרודיקע שמאַטעס. בּאַ רויטקאָפּן זיינען די פיס צעריבּן געוואָרן פון די אומגעלומפּערטע־גרויסע שטיוואַ־לעס. וואָס ער האָט געטראָגן. ספּירקע ווידער איז אַף יעדן טריט אונטערגעשפּרונגען, ווייל זיינע פיס האָבּן געשטעקט אין דאַמענשיכלעך אַף הויכע, דינע קנאַפּל. אָבּער זיי האָבּן דאָס אַלץ ניט געשפּירט, ווייל איין געדאַנק האָט פאַרפולט זייערע מחות, דער געדאַנק וועגן דעם, ווי זיך צו פאַרקלייבּן צו דער אייזנבּאַנסטאַנציע, און דאָרטן זיך אַריינגנבענען אין אַ צוג, וואָס וועט זיי אָפּפירן קיין אָדעס, אָדער קיין קיעוו.

— ווי ליכטיק ס׳איז. פונקט ווי אינמיטן טאָג — האָט רויטקאָפּ אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

— איז דאָך גוט, אַז ס׳איז ליכטיק. זעען מיר, ווי צו גיין.

— טאַקע אמת — האָט רויטקאָפּ מסכים געווען און זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו פאַרריכטן דעם זעקל אויפן פּלייצע.

ספּירקע האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. די פרילינגנאַכט האָט זיך געשפּרייט אַרום אין תּפילהדיקער שטילקייט. נאָר פון ביידע זייטן שליאַך אין די גריבער האָבן די וועסנעוואַסערן אָן אויפהער געמורמלט, האַלטנדיק אין איין לויפן אין די פינסטערע ווייטן פונעם פאַרשלאָפענעם סטעפּ.

— ווייז אַהער, איכ׳ל טראָגן! — האָט ספּירקע געזאָגט, אויסציענדיק די האַנט נאָכן זאַק.

— עט, איך בין ניט איינגעמאַטערט — האָט רויטקאָפּ געזאָגט, שווער פרייכנדיק, און איבערגעגעבן ספּירקען דעם זעקל.

— און איצט לאָמיר שטעלן פיס!... מורא צו האָבן איז ניטאָ פאַרוואָס — האָט ספּירקע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן און גענומען שפּרייזן אויף זיינע הויכע קנאָפּל, פונקט ווי אויף שטעלצן.

נאָך אים האָט זיך געשלעפּט מאַשקע, מיט מאַטערניש הויבנדיק די שווערע, ברודבאַקלעפּטע שטיוואַלעס. די געשטאַלטן פון די קליינע פוסגייער האָבן זיך בולט אויסגעמאָלן אויפן זילבערדיקן הינטערגרונט פון דער לבנה־נאַכט. זיי האָבן זיך בסדר מיט שרעק אומגעקוקט, אויב עמיץ גייט זיי ניט נאָך. אָבער קיינער איז נאָך זיי ניט געגאַנגען.

— און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אונז ניט אַרויסלאָזן? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגן.

— וואוהין ניט אַרויסלאָזן? — האָט ספּירקע אים ניט פאַרשטאַנען.

— דאָרטן, אויף דער מאַשין?

— אַ מאָדנער נפש ביסטו!... צי שוין־זשע וועלן מיר

פֿרעגן דעות? מיר'ן זיך אַריינגנבענען, און שוין? זאָל אונז די מאַשין פֿירן, וואוהין זי וויל. זאָל זיין אין אָדעס, זאָל זיין אין קיעוו. אונז איז דאָך גאָר גלייך.

— בעסער שוין אין אָדעס—האָט ווייטקאָפּ געזאָגט — האַלבפּונטל האָט מיר דערציילט, אַז אָדעס איז אַ טייערע שטאָט...

—יאָ, ס'איז טאַקע אַ טייערע שטאָט: דער ים, און נגידים זיינען דאָרטן אויך פֿאַראַן אַ סך... אָבער די מאַשין... הערסט?— האָט ער מיטאַמאָל זיך אַליין איבערגעשלאָגן, און זיך גענומען איינהאָרכן.

רויטקאָפּ האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. ערגעץ פֿונוויטן, וואו ס'האָט זיך שוין געזען ניט מער, ווי אַ שוואַרצער אָפּגרונט, האָט זיך דערטראָגן אַ שאַרפֿער, הילכיקער גרילץ. ער האָט דורכגעשניטן דעם פֿאַרשלאָפֿענעם ברעגלאָזן שטח, האָט חוצפּהדיק צעשטערט די פֿייערלעכע שטילקייט פֿון דער נאַכט, און לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען אַפֿן וויטן ראַנד פֿון דעם סטעפּ.

— געהערט? — האָט ספּירקע געזאָגט — דאָס איז די מאַשין, ברודערקע... קום גיכער!

באַלד האָבן זיי שוין דערזען די סטאַנציע־פֿייערלעך. די אינגלעך האָבן גענומען שטעלן גיכערע טריט.

— איצט גיי וואָס שטילער — האָט ספּירקע באַ־פֿוילן.

רויטקאָפּ האָט דערזען דאָס באַקאַנטע הייזעלע מיטן רויטן דאַך, די רעלסן, און אַף זיי שטיין אַ סך וואַגאָנעס אָן טירן און אָן פֿענסטערן.

— טו נאָר אַ קוק, וואָסערע שפּייכלערן!... — האָט סאַשקע געשעפּטשעט.

— קלינג ניט אַזוי... דאָס זיינען ניט קיין שפּייכלערן, דאָס איז אַ פֿראַכטצוג. מיר דאַרפֿן אַריבערגיין אַף דער אַנדער זייט און זיך צוקוקן, אויב ס'איז ניטאָ ערגעץ אַ ליידיקער וואַ־גאָן... קום, אָבער קיין מוק זאָל מען ניט הערן...

די אינגלעך האָבן אופגעהערט צו עטעמען, האָבן זיך איינ־געבויגן אינדרייען און גענומען זיך גנבענען פאַזע די רעלסן, אַף וועלכע ס'האָבן זיך אָן אַ סוף געצויגן די משא־וואַגאָנעס, באַלויכטן פון דער לבנה. פאַר די וואַגאָנעס האָט שווער געפרייכט אַ שוואַר־צער לאָקאָמאָטיוו, און די פּאָרע פון זיין אָטעם האָט מיט זודיקע, גראָע קנוילן געשפאַרט פון אונטער די רעדער און זיך מיט אַ פייפערײַ און אַ שיפען געדרייט פון ביידע זייטן זאַמדיקן אָנשיט.

אין איינעם פון די וואַגאָנעס האָט מען געמוזט אַריינקריכן. אָבער ס'איז ניט געווען קיין לייכטע שטיקל אַרבעט. די וואַגאָנעס זיינען געשטאַנען אַף הויכע פעדערן, און אַפילו מיט אויסגעצויגע־נע הענט האָבן די אינגלעך קוים־קוים געקאָנט דערגרייכן ביזן דיל פון אַ וואַגאָן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר איינעם פון די וואַ־גאָנעס, וואָס זיין טיר איז געשטאַנען אָפּנגערוקט, און גענומען קלערן מיטלען, ווי זיך אַריינצוקלייבן אינעווייניק.

— שטעל זיך אַף מיר — האָט רויטקאָפּ געזאָגט נאָך מערערע ניט־געלונגענע פּרובן אַריינצוקריכן — און קריך אַריין דער ערשטער. ווען דו וועסט שוין זיין אינעווייניק, וועסט אויסטאָן דיין לייבל, איכ'ל זיך אָנכאַפּן אָן דעם, און דו וועסט מיר אַרופּציען.

— גוט! — איז ספּירקען דער פּלאַן געפעלן, און ער האָט שוין גענומען אים דורכפירן.

רויטקאָפּ, וועלכער איז געווען שטאַרקער פון זיין חבר, האָט זיך געשטעלט אַף אַלע פיר, און ספּירקע איז אַרויף אַף זיין רוקן; נאָכדעם האָט ער זיך מיט די עלנבויגנס אָנגעלייגט אַף דער איי־זערנער שינע ,איבער וועלכער די טיר פון וואַגאָן ווערט געשאַרט, און אַזוי איז ער אַריינגעקראָכן אינעווייניק. נאָך אים איז שוין אויך רויטקאָפּ אַריינגעקראָכן. אַ ווײַלע זיינען ביידע אינגלעך געשטאַנען אין ווינקעלע וואַגאָן, האָבן זיך קיין ריר ניט געטאָן און קיין קלאַנג ניט אַרויסגעגעבן. מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט טריט און זיי זיינען אינגאַנצן אָפּגעשטאַרבן. אַהער זיינען געגאַנגען מענטשן. די טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ זייער וואַגאָן.

— מיטרי — האָבן זיי דערהערט אַ קול — פאַרמאַך די וואַגאָנעס.

— שוין — האָט מען געענטפערט. און הינטער דער וואַנט פון וואַגאָן האָט אָנגעהויבן עפּעס גרילצן, סקריפּן, די רוק־טיר האָט זיך אַ שאַר געטאָן נאָך פאָרנט און האָט פאַרדעקט די ברייטע עפּענונג, דורך וועלכער זיי זיינען אַקאָרשט אַריינגעקראָכן אַהער. די אינגלעך האָבן נאָך ניט באַוויזן קומען צו זיך, זיינען זיי שוין געוואָרן פאַרשפּאַרט און פאַרוויקלט אין אַ געדיכטער פינ־סטערניש. זיי זיינען אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן, ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן. אין דער רגע האָט עמיץ אַ פּייף געטאָן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געענטפערט אַף דעם מיט זיין מעכטיקער און שניידיקער טרעמבע, און דער וואַגאָן, אין וועלכן ספּירקע און רויטקאָפּ זיינען געווען פאַרשפּאַרט, האָט אופגעציטערט, זיך אַ וואַקל געטאָן און גענומען טאַנצן איבער די רעלסן. אַ באַזונדערן שרעק האָט אַף די קליינע פּאַסאַזשירן געוואָרפן דער אומדורכ־דרינגלעכער חושך, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיי. די רע־דער האָבן דערווייל גענומען קלאַפּן שטאַרקער און הילכיקער, און ענדלעך האָט זיך זייער גערויש פאַרוואַנדלט אין אַ גלייכמאָסיקן, איינטאָניקן טיקטאַק. מיטאַמאָל האָט רויטקאָפּ דערזען, ווי אין וואַנט פון וואַגאָן עפנט זיך ווייטער אַ שפּאַלט, וואָס ציט זיך פון אויבן אַראָפּ, און דורך דעם שפּעלטל גיסט זיך אַריין אינעווייניק לבנה־שיין און לייגט זיך אויס אַפן דיל, ווי אַ שמאָלע, זילבערנע סטענגע.

— קוק נאָר, ס׳עפנט זיך!.. — האָט רויטקאָפּ שטיל גע־זאָגט, זיך אָנגעכאַפּנדיק אָן ספּירקען.

ספּירקע האָט געשוויגן, האָט געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין. און דערווייל האָט די רוקטיר, אונטערגעשטופּט פון די באַוועגונ־גען פונם וואַגאָן, זיך אינגאַנצן אָוועקגעשאַרט. אין דער ברייטער עפּענונג האָט אַריינגעקוקט די לבנה, און אונזערע פּליטים זיינען געוואָרן האָפּערדיקער באַ זיך. דער צוג איז געפלויגן געשווינד. די חברים האָבן לאַנג געקוקט, ווי די טעלעגראַפסלופּעס זיינען מיט גרויס אימפּעט געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן, ווי ס׳האָט זיך אָוועק־געטראָגן די ערד, אַף וועלכער ס׳זיינען נאָך וואו־ניט־וואו געלעגן הרודעס פון צעשמאָלצענעם שניי, ווי הינטערן צוג איז בכבודיק און פאַמעלעך זיך געשוואומען די לבנה. און ווען זיי האָבן ענדלעך

זיך איבערצייגט, אז מער איז שוין ניט פאַראַן קיין סכּנה פאַר זיי, האָבן זיי גענומען אַרויסשרייען זייער שמחה און התפּעלות.

— נו, אַוועקגעפאָרן! — האָט רויטקאָפּ דער ערשטער אויסגערופן מיט גרויס פרייד.

— אונזער פערדל האָט אויסגעטראָגן! — האָט ספּירקע אַ קוויטש געטאָן.

און ביידע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, ווי אַ פּאָר משוגעים.

אין אָדעס.

אין וואַגאָן האָט זיך אונזערע פּאַסאַזשירן געלעבט גאָר ניט שלעכט. זיי זיינען כּסדר געשלאָפן אַפן שטרוי, וואָס איז דאָ געווען לרוב. אַף יעדער סטאַנציע האָט דער צוג אַף אַ לאַנגע צייט זיך אָפּגעשטעלט. דעמאָלט האָבן די אינגלעך ניט געשמועסט און האָבן זיך פאַררוקט אין אַ ווייטן ווינקל פון וואַגאָן. קיינער האָט זיי ניט געמערקט. דער זאַק מיט שפּייז איז אַלץ מאָגערער געוואָרן, און צום סוף איז שוין דאַרטן מער קיין ביסן ניט געווען. אַף מאָרגן, נאָכדעם, ווי די חברים האָבן אויפגעגעסן דאָס לעצטע שטיקל ברויט, האָבן זיי אויך געהאַט צו ליידן פון דאָרשט.

— טרינקען ווילסטו? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט ספּירקען.

— אַ שרעק, ווי איך וויל! — האָט יענער געענטפערט.

— און ווען וועלן מיר שוין אַמאָל דערפאָרן? ס'איז שוין דערעסן — האָט רויטקאָפּ זיך גענומען קלאָגן.

— אָט, כ'וועל אַ קוק טאָן...

סאָפּירקע האָט זיך אַ הויב געטאָן, איז צו צו דער עפענונג, אַראָפּגענומען דאָס היטל און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. דער צוג איז מיט גרויס אימפּעט געלאָפן פאָרויס, האָט געקלאַפּט מיט די רעדער און האָט אַזוי געציטערט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט — אָט-אָט פליען די וואַגאָנעס אַראָפּ פון די רעלסן און ווערן צע-שמעטערט אַף פּיצפּיצלעך.

— טאַשקע, גיכער קום אַהער! טו נאָר אַ קוק! — האָט ספּירקע מיט פרייד גענומען רופן רויטקאָפּן — איך זע אַ שטאָט, ברודערקע! איך זאָל ניט אָוועקגיין פון דעם אָרט, ווי איך זע!...

רויטקאָפּ האָט אַ שפּרונג געטאָן פון זיין אָרט, איז צו צו ספּירקען און אויך אַרויסגעקוקט. פונווייטן, נאָך פאַרוויקלט אין אַ נעפּל, האָט זיך געזען אַ גרויסע, ווייסע שטאָט, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט הויכע רויטע קוימענס. דער צוג האָט גענומען גיין לאַנגזאַמער, די שטאָט איז ווייטער פאַרשוואונדן פון די אויגן. איצט האָבן די אינגלעך דערזען אַ סך וואַגאָנעס. עס האָבן זיך געצויגן און געשלייגלט די צענדליקער רעלסנוועגן, און אויף אַלע זיינען געשטאַנען אָן אַ צאָל פראַכטוואַגאָנעס און לאָקאָמאָטיוון. דער צוג האָט זיך אַריינגעשניטן אין אַ גאַנצער מלוכה פון וואַגאָנעס און האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז אָנגעקומען אויף דער „פראַכטסטאַנציע אָ״עס״. ביז דער שטאָט איז נאָך געווען אַ דריי ווייאָרסט.

— לאָמיר איצט אַראָפּגיין, אַניט וועט מען אונז נאָך זען, וועט זיין צרות, — האָט ספּירקע געזאָגט.

— און וואוהין וועלן מיר גיין? — האָט רויטקאָפּ שעפּטשנדיק געפרעגט.

— קלאָר וואוהין, — אין שטאָט...

— און אז מ׳וועט אונז מערקן בײַם אַראָפּגיין?

— נו, איז וואָס? זאָל מען קוקן אויף אונז, מיר׳ן דערפאַר קיין געצאָלט ניט נעמען... ביסט גאָר אַ שוטה!... נו, קריך שוין אַרויס, גיכער, רייר זיך—און ספּירקע איז דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן.

רויטקאָפּ האָט אים אויך נאָכגעטאָן, און אין אַ רגע אַרום זיינען זיי שוין געשטאַנען בײַם פּלויט, און זשעדנע צופאַלנדיק מיט די ליפּן צו די שוואַרצע אייזערנע טרויבן, פון וועלכע ס׳האָט זיך געגאָסן ריינע קאַלטע וואַסער, האָבן זיי געטרונקען, ביז די בייכער האָבן זיי שיער ניט געפּלאַצט.

ניט ווייט איז געשטאַנען אַ חברה פּורלייט און האָט גוטמוטיק שמייכלענדיק באַטראַכט די קליינע שלעפּערלעך.

— קוק נאָר אָף די מיליאָנערן, ווי זיי זיינען זיך דאָס אָנגעפּאָרן אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן — האָט איינער פון די פּורלייט געזאָגט, באַווייזנדיק אָף ספּירקען און רויטקאָפּן.

די חברים האָבן זיך גוט אָנגעזופּט און זיינען ענדלעך אָפּגעגאַנגען פון פּלומפּ. די ווייצלעך פון די פּורלייט האָבן זיי געקימערט, ווי דער פּאָראַיאָריקער שניי. זיי האָבן זיך אַ צייט געדרייט צווישן דעם פּלאָנטער פון די רעלסן, סטרעלקעס און וואַגאָנעס, ביז זיי האָבן זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעקליבן פונדאַנען. אַרויסגייענדיק, האָבן זיי דערזען די שטאָט און גענומען שטעלן טריט.

ס'איז שוין געווען אַרום פינף אַזייגער באַטאָג. דער וועטער איז געווען אַ פּרעכטיקער. זיך שאַרנדיק צו מעריב צו, האָט די זון באַשטראַלט מיט איר אָפּשיידליכט די שטאָט, וועלכע האָט זיך פונווייטן געוויזט. דער וואַרימער דרומדיקער ווינט האָט געצערטלט, האָט געלאָקט אין די ערגעצן די קליינע, אָפּגעשליכענע רייזנדער.

— אָטראָס, הייסט עס, איז אָדעס! — האָט רויטקאָפּ אויסגערופן.

— יאָ, דאָס איז אָדעס, און ניט קיעוו. וויל קיעוו ליגט אָף אַ באַרג — האָט ספּירקע צוגעגעבן, — און איצט, ברודערקע, חלום ניט און לאָמיר שפּרייזן גיכער! כּל־זמן ס'איז נאָך ליכטיק, קאָן מען עפּעס באַווייזן אָראָפּצושיסן.

— גוט! — האָט רויטקאָפּ לוסטיק זיך אָפּגערופן, און זיי זיינען ביידע מונטער און לעבעדיק אַוועק.

די גרויסע שטאָט האָט מיט איר געפּילדער, מיט איר געדריינג און מיט איר לעבעדיקייט פאַרפּלעפט און פאַרחידושט די קליינע וואָגלער. די גלייכע, ברייטע גאַסן, אויסגעלייגט מיט גלאַטע שטיינערנע פּליטעס, די הויכע הייזער מיט די באַלקאָנען, די לאַנגע אַלייעס פאַזע די רחבותדיקע טראָטואַרן, די שפּיגלפענסטערן פון די געשעפטן, דער פאַרפּוצטער, רייכער עולם, דער האַרמידער, דאָס געריד פון די מענטשן און דער טומל

פון די עקיפּאַזשן—דאָס אַלץ האָט פאַרכאַפּט די אינגלעך, אַז זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, וואו זיי זיינען און צו וואָס זיי זיינען אַהער געקומען. אַרום האָט מען זיך אָנגעהויבן צו זיי צוקוקן, אַ סך פונם המון האָבן געקוקט אַף זיי מיט רחמנות, אַ סך מיט אַ ווידערגעפיל. באַזונדערש ווידערוויליק האָבן זיך אָפּגעקערט פון זיי די דאַמען, זיי האָבן געציטערט זיך אָנצורירן אָן זיי, כּדי די ברודיקע וואַטאָוועס שמאַטעס זאָלן חלילה ניט פאַרחזירן די טייערע זומערקליידער. די חברים זיינען אָבער, ווי ניט זיי מיינט מען דאָס, דרייסט געגאַנגען איבערן טראָטואַר, און יעדער האָט זיך געטיילט מיטן אַנדערן מיט זיינע איינדרוקן.

— קוק נאָר, קוק נאָר! — האָט ספּירקע אַ געשריי געטאָן, באַווייזנדיק מיטן פינגער אַף אַ צילינדער, וואָס אַ פאַר־בייגייענדיקער יונגערמאַן האָט געטראָגן — אָט איז שוין איינ־מאָל אַ הוט: זעט אויס ווי אַן עמער, אָדער ווי אַ סלופּ!

— קוק נאָר, וואָס פאַרא כּייד! — האָט סאַשקע אויסגערופן אין התפּעלות, אָנווייזנדיק אַף אַן אָמניבוס.

— וואַרט, אָט שוין גיי איך אָנציען יענעם פּריץ — איז ספּירקע צוגעלאָפן צו אַן אויסגעפּוצטן הערן, האָט אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס היטל, זיך איינגעבויגן איינדרייען, און אויסציענדיק די האַנט, גענומען זינגען נודנע און אויסגעצויגן זיין אַלטבאַקאַנט לידל: „טייערינקע, ליבינקע! וואַרפט עפּעס צו אַ קיילעכדיקן יתומל...”

דער הער האָט ניט געלאָזן ספּירקען פאַרענדיקן און האָט אים אַריינגערוקט אין האַנט אַ צוואַנציקער. דער אינגל איז ווי אַ חיבער צו צו רויטקאָפּן און אויסגערופן:

— זע נאָר, אַ גאַנצן אַבאַס! אָטדאָס איז אַן אָנהויב!..

— איכ׳ל אויך גיין שימן! — האָט רויטקאָפּ געזאָגט.

— געוויס, די בעסטע זאַך! — האָט ספּירקע אים צו־געגעבן מוט — נו, קום ווייטער.

אַ לאַנגע צייט האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. זיי זיינען געווען מיד און הונגעריק, און האָבן געזוכט עפּעס אַן

אָרט, וואו זײ זאָלן קאָנען אָפּעסן און איבערנעכטיקן. אָבער אַף אַלע גאַסן, וואו זײ זײַנען געגאַנגען, האָבן זיך פֿון בײדע זײַטן שטאָלץ געהויבן צום הימל שטײנערנע ריזן, עס האָבן געגלאַנצט די פֿענסטערן פֿון די קראָמען, און איבער די טראָטואַרן האָבן זיך געצויגן אָן אויפֿהער אַזעלכע אויסגעפּוצטע מענטשן, אַז די וואָגלער האָבן, נאָכדעם ווי רויטקאָפּ איז שוין אײנמאָל אַרויפֿגעטראָטן מיט זײַנע שטיוואַלעס אַף אַ קלײדזוים פֿון אַ פּריצטע און האָט געכאַפּט אַן אָפּשניט, זיך ניט געדרײסט אַפֿילו נאָענט צוצוגײן צו די טראָטואַרן. רויטקאָפּ האָט אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק מיט פֿאַרכמורעטע בליקן אַפֿן עולם: „קוק נאָר, ווי זײ האָבן דאָס פֿאַרכאַפּט פֿאַר זיך די גאַנצע שטאָט...״

ספּירקע האָט געטראַכט נאָר וועגן אײן זאַך: ווי געפֿינט מען עפּעס אַ פּאַסיקע גאַסטהויז. אין מויל, הינטער דער באַק, איז בײַ אים געלעגן די מטבע, און אַדאַנק איר האָט ער זיך געפֿילט שטאַרק האַפֿעדיק. די פּראַכט פֿון די אָדעסער גאַסן האָט אים צעטומלט, און ער איז שוין גרײט געווען צו קומען צום אויספֿיר, אַז אָדעס איז אַ שטאָט פֿון בלויז גבירים. אָבער מיטאַמאָל האָבן זײ פֿאַרקירעוועט אַף דער מאַרקגאַס, — און די אינגלעך האָבן זיך פֿרײלעך צעשמײכלט. זײ האָבן דערזען אָרימעלײט, און האָבן זיך שטאַרק דערפֿרײט מיט זײ. די הײַזער זײַנען דאָ אויך געווען גרויסע, ציגלנע, אָבער די מענטשן זײַנען געווען גאָר אַנדערע. דאָ האָט דער עולם ניט געבלאָזן פֿון זיך, מען האָט זיך געפֿילט פֿרײַ, אַלע האָבן גערעדט הויך, און אַנדערע האָבן אַפֿילו געזונגען. וואָס ווײַטער די אינגלעך זײַנען געגאַנגען, אַלץ מער עולם האָבן זײ געזען, און ווען זײ זײַנען דערגאַנגען ביזן טרײדלמאַרק, זײַנען זײ אַרײַנגעפֿאַלן אין אַזאַ געדיכטעניש, אַז פֿאַר די אויגן האָט זײ ממש גענומען שווינדלען.

די שטאָט האָט זיך שוין אָפּגעטונקט אין דער דורכזיכטיקער בלאָקײט פֿון פֿרילינגדיקן בין־השמשות. דער מאַרקטאָג האָט שוין געהאַלטן בײַם פֿאַרענדיקן זיך. הענדלער, ווײַבער, אינגלעך, אַרבעטער, זעלנער און אַרומטרײַבער האָבן זיך אויסגע=

מישט אין איין פילפארביקער, באוועגלעכער מאסע. געלעכטערס, געשרייען, וידלערייען און מאפען און שארן פון טויזנטער פיס האבן זיך צענויפגעגאסן אין איין מעכטיקער, הילכיקער הוד־זשעריי.

אטדער מין עולם האט טאקע געפונען חן אין די אויגן פון די ביידע אינגלעך. זיי זיינען געווען שטארק צופרידן, וואס אין אדעס וואוינען ניט נאר גבירים, נאר אנדערע מענטשן אויך. באזונדעריש שטארק האבן אויסגענומען בא זיי די מחנות אפגע־ריסענע, ברודיקע קינדער, מיט וועלכע דער מארקפלאץ האט ממש געווימלט.

— זע נאר, וויפל דא זיינען פאראן אונזעריקע — האט רויטקאפ געזאגט, אנווייזנדיק אף די קליינע שלעפערלעך.

— איז דאך גוט: הייסט עס, אז מיר וועלן דא אויך זיין פריצים — האט ספירקע געענטפערט, שטארק אופגעלייגט.

— פיראגלעך! הייטינקע פיראגלעך! — האט זיך ´גאר נאענט דערהערט א הילכיקע ווייבערשע שטים.

ספירקע מיט רויטקאפן האבן זיך דורכגעקוקט, האבן זיך פאנאנדערגעשמייכלט און געקויפט בא דער פוירטע א פאר הייסע פיראגלעך, געפילט מיט לעבער. זיי האבן זיך ארופגע־ווארפן אף דעם מיט וועלפישער גיריקייט, און האבן זיי אין איין רגעלע אריינגעשלונגען. זיי האבן אפילו ניט געשפירט דעם ניט גאר פרישן ריח, וואס האט פונם געבעק געטראגן, און ווי פון דעם אפגעקילטן שמאלץ האט זיך די צונג געקלעפט צום גומען.

— קום ארײַן אין א גאסטהויז — האט ספירקע גע־זאגט — מיר'ן הארמן טרינקען טיי און איבערנעכטיקן.

רויטקאפ איז איינגעגאנגען אף דעם, און אין א ווײַלע ארום זיינען שוין ביידע פריינט געזעסן אין גאסטהויז „דער ווייסער אדלער" און האבן געזופט טיי. אין דער „רײַנער העלפט", וואו עס איז געשטאנען די שפילמאשין און וואו די טישן זיינען געדעקט געווען מיט ווייסע טישטעכער, האט מען זיי ניט אריינגעלאזן.

אַז זיי זיינען אַריין אין גאַסטהויז, איז דער משרת צוגעלאָפן צו זיי און זיי אָנגעוויזן אַן אָרט בײַ אַ טישל בײַם אַריינגאַנג. ספּירקע האָט אים דערלאַנגט די לעצטע צוויי פינפערס. וואָס זיינען אים נאָכגעבליבן, און געהייסן בריינגען טיי.

דער גרויסער צימער איז געווען פולגעפּאַקט מיט אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענער און פרויען, וועלכע האָבן געטרונקען טיי, אָבער נאָכמער האָבן דאָ אַלע געטרונקען בראָנפן. דער עולם האָט זיך געהאַלטן גאָר פאַנאַנדערגעגאַרטלט, און די מיאוסטע ווילדערייען, געשרייען, ווי אויך דאָסקלינגען פון כלים האָט זיך ניט אָף אַ מינוט איינגעשטילט. אין גאַסטהויז איז געווען היים צום דערשטיקט ווערן. איבער אַלעמענס קעפּ האָבן זיך געטראָגן שווערע קנוילן רויך און פּאַרע, און פון דעם נעפּל האָבן מיט בלוטרויטע אויגן אַרויסגעפינקלט די פייערן פון די הייגלאָמפּן.

רויטקאָפּ, וועלכער איז צום ערשטן מאָל געווען אין אַזאַ סביבה, האָט שטאַרק געשראָקן און פאַרחידושט זיך אַרומגעקוקט, ניט געוואוסט, אָף וואָס פריער צו לאָזן רוען זיין בלאָנדזשענדיקן בליק. ספּירקע, אָבער, האָט זיך דאָ געשפּירט, ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז געווען אַן אָפּטער איינגייער אין הייזער פון דעם מין.

ווען דער משרת האָט זיי צוגעבראַכט טיי אין צוויי קאַנען, האָט ספּירקע אויסגעשווענקט די גלעזער, אַזוי ווי די רוסישע סוחרים טוען, און נאָכדעם האָט ער אָנגעגאָסן טיי.

— טרינק — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו רויטקאָפּן און צוגעגעבן אינדערשטיל—טו נאָר אַ פיר מיט די אויגן אָף רעכטס און זע, וואָס פאַראַ חברה דאָרטן זיצט.

מאָשקע האָט אַ קוק געטאָן אַהין און האָט דערזען, ווי בײַ אַ לאַנגען טיש זיינען געשטאַנען טייקאַנען, גלעזער און אַ טעצל מיט צוקער. דאָרטן זיינען געזעסן זיבן קינדער: פינף אינגלעך און צוויי מיידלעך; אָנגעטאָן זיינען זיי אַלע געווען אומגעפער אין דיזעלביקע בגדים, וואָס ספּירקע און רויטקאָפּ.

— ווער זיינען זיי, ווי מיינסטו? — האָט ספּירקע געפרעגט.

— מסתמא, קבצנים...

— ניין, גיי העכער!

— ווער־זשע?

— איך מיין, אַז דאָס זיינען גנבים!

— פונוואַנען ווייסטו?

— אַז איך זאָג, מסתמא ווייס איך...

אין דעם אויגנבליק איז פון גאַס אַריינגעלאָפן אַן אָפּגע־ריסענער אינגל, מיט פלינקע, קרימענדיקע אויגלעך. ער האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די אויגן איבער די טישן, האָט דערזען די קינדער, און איז צוגעלאָפן צו זיי.

— חברה — האָט ער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם גענו־מען ריידן — אָקאָרשט האָבן זיך פאַרשאָטן*) אַניוטקע און פּיטקע...

— וואו?! — האָבן אַלע אויסער זיך אויסגערופן.

— אָטדאָ, אַפן טריידלמאַרק. אָט ווי ס'איז געשען...

דאָ האָט דער שיקלדיקער אינגל גענומען ריידן אַזוי שטיל, אַז ניט סאַשקע און ניט ספּירקע האָבן קיין וואָרט ניט געקענט הערן. דערווייל איז אין אַנדער ברעג גאַסטהויז אויסגעבראָכן אַ טומל. עפּעס אַן אַרומשלעפּער מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, און מיט אַ שיכורן צעקלאַפּטן פּנים, וואָס האָט דערמאָנט אָן וואַנקע דעם שפּינער, האָט אַ געזונטן זעץ געטאָן דער פרוי, וואָס איז מיט אים געזעסן. די געשלאָגענע האָט אַ געשריי גע־טאָן און ווי אַ שטיין זיך אַראָפּגעלאָזן פון שטול. די משרתים זיינען צוגע־לאָפן צום כוליגאַן און אים געוואָלט אַרויסוואַרפן. אָבער ער איז געווען ניט קיין קראַנקער, און ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט אים בייצוקומען. ער האָט זיך אויסטערליש געזידלט, האָט מיט די פיס איבערגעדרייט טישן, געבראָכן כלים און כסדר אָפּגעטרייסלט פון זיך די הענט, וואָס האָבן אים געהאַלטן.

ספּירקע מיט רויטקאָפּן איז עפּעס געוואָרן שווער און שרע־קעוודיק צומוט, צוזעענדיק דעם סקאַנדאַל, און דער שיקלדיקער אינגל, ווי ניט אים מיינט מען דאָס, האָט כסדר געשעפּטשעט

*) זיך פאַרשיטן הייסט אַפן גנבים־זשאַרגאָן אַריינפאַלן.

און דערציילט עפּעס זיינע חברים. זיי האָבן זיך צוגעהאָרכט מיט גרויס אַכט, און האָבן זיך אפילו ניט צוגעקוקט צו דעם אַלעמען, וואָס דאָ שפּילט זיך אָפּ. ווי עס שיינט, איז דאָס פאַר זיי קיין נייס ניט געווען.

פון איין פייער אַרויס — אין צווייטן אַריין.

נאָך לאַנגע און שווערע מאַטערנישן איז די דינערס סוף־כל־סוף געלונגען משלח צו זיין דעם שיכּור. דער געשלאָגענער פּרוי האָבן זיי אופגעהויבן און ערגעץ אָפּגעפירט. די אָרדענונג איז ווייטער איינגעשטעלט געוואָרן.

פון דער „זויבערער העלפט" האָבן זיך דערטראָגן קופּערנע קלאַנגען פון דער שפּילמאַשין, און די געסט פון דער „פּראָסטער העלפט", זייענדיק שטאַרק צופרידן מיט דעם אומזיסטן ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט פאַר זיי, האָבן זיך ווייטער גענומען צו זייערע פלעשלעך, וואַרטנדיק אַף אַ נייעם סקאַנדאַלכל.

— איר, פּריצים, ווערט דאָ ניט פאַרזעסן באַם טיי! דאָ איז ניט קיין וואַנצנשטוב*) — האָט דער משרת אין פאַרביי־לויפן אַריבערגעשריען צו סאַשקען און צו ספּירקען.

דער צורוף האָט צעטומלט און איבערגעשראָקן די אינגלעך. איצט האָבן זיי ערשט באַגריפן, אַז זיי האָבן זיך ניט וואו אַהינ־צוטאָן. פאַר זיי, פאַר די עלנטע און היימלאָזע קינדער, איז די גרויסע, רייכע און געדיכטבאַזעצטע שטאָט געווען ניט מער, ווי אַ וויסטעניש.

רויטקאָפּ איז איצט גרייט געווען זיך פאַנאַנדערצוּוויינען, און ספּירקע, וועלכער איז געווען גענימער און פאַרהאַרטעוועטער אין לעבנסקאַמף, האָט זיך געמיט צו באַרואיקן און טרייסטן דעם חבר, כאָטש אים גופא איז אויך געווען שטאַרק פאַסקודנע צומוט.

— וויין ניט, סאַשקע — האָט ער געזאָגט — ס'איז נאָך ניט שפּעט, מיר וועלן נאָך זיכער עפּעס באַקומען...

---

*) וואַנצנשטוב רופט מען אַ נאַכטהיים (באַמ. פון מחבר).

— וואוהין וועלן מיר דען גיין, ספּיריע? — האָט רויט־קאָפּ געפרעגט מיט אַ וויינעדיקן קול, אַרופקוקנדיק אָפּן הבר מיט פייכטע אויגן.

— שוין־שוין! קלאָג ניט... לאָמיר נאָר אַ טראַכט טאָן — האָט ספּירקע געענטפערט פאַרקלערט, ווייל אין זיין מח האָט זיך אָנגעהויבן פּיקן אַ פּלאַן. ער האָט מיט גרויס אינטערעס גענומען נאָכקוקן די חברה־לייט, וואָס זיינען געזעסן אַרום גרויסן טיש. ווי נאָר ער האָט זיי דערזען, איז אים אויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז דאָס זיינען לאַטכערס, און נאָכדעם, ווי דער אינגל איז געקומען צו זיי מיט דער בשורה, איז אים דאָס שוין אינגאַנצן קלאָר געוואָרן.

„וואָס שעפּטשעט ער דאָרטן?" — האָט ספּירקע זיך גע־טראַכט, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דעם אָפּגעשליסענעם יאַט, וואָס האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און געהאַלטן אין איין סודותדיקן שעפּטשן. אָבער אָט האָט ער פאַרענדיקט און זיך אויסגעגלייכט.

— כ'גיי אַהיים — האָט ער געזאָגט, און דאָט עטלעכן פון דער חברה געגעבן די האַנט.

— זייַ אַביסל, וואָס איז די אייַלעניש? — האָט מען אים געפּרובט אָפּהאַלטן.

— ניין, כמוז גיין... מ'דאַרף אַלץ דערציילן דעם קרומ־הענטל...

— זאָג אים, אַז מיר קומען אויך תיכף, און אַז היינט האָט אונז ניט אָפּגעגליקט.

—גוט, כ'וועל זאָגן... ער האָט אָבער פיינט, דער קרומהענטל, אַז עס גליקט ניט אָפּ — האָט דער שיקלדיקער אַפּגיך געזאָגט און אַרויס אינדרויסן.

— איך פייף אַף דעם, וואָס ער האָט פיינט — האָט אַ בורטש געטאָן אַ טונקלהויטיקער, שוואַרצגעלאָקטער אינגל, ווי ס'שיינט, אַ אידישער.

מיטאַמאָל האָט ספּירקע זיך אַ הויב געטאָן, און גאָרנישט זאָגנדיק רויטקאָפּן, איז ער גראָד צו צו דער אָפּגעריסענער חברה.

זיבן פּאָר אויגן האָבן זיך אויסגעשטעלט אַף אים מיט חידוש און נייגער.

— וואָס דאַרפסטו דאָ? — האָט דער שוואַרצער אינגל שטריינג אַ פרעג געטאָן ספּירקען.

שפּעטער האָט ספּירקע זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז אַ אי־דישער אינגל און ער הייסט משהקע קאַראַקול.

— מיר דאַרפן איבערנעכטיקן...

— נו, איז וואָס? —האָט משהקע אים אומגעדולדיק אי־בערגעשלאָגן.

— הייץ זיך ניט, משהקע, וואַרט אַביסל—איז צום שמועס צוגעשטאַנען אַן אַנדער אינגל פון אַ יאָר פערצן, מיט אַ גוטמו־טיקן, אָפּגעלאַבערטן פּנים און מיט גרויסע, גראָע אויגן — לאָמיר זיך דורכשמועסן. פונוואַנען זייט איר געקומען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן ספּירקען.

— מיר זיינען היינט געקומען פון קיעוו — האָט ספּירקע אָפּגעבאַקן אַ ליגן.

— ווי אַזוי זייט איר געקומען?

— אין פראַכטמאַשין... אין אַ פּוסטן וואַגאָן...

— אָ! — האָבן עטלעכע פון דער חברה אויסגעדריקט זייער חידוש.

— מיר פאָרן שטענדיק אַזוי — האָט ספּירקע ווייטער אַרויסגעשאָסן מיט אַ ליגן און זיך דערפילט האָפּערדיקער.

איצט האָבן אַלע אָנגעהויבן קוקן אַף אים מיט אַנדערע אויגן. משהקע אַפילו איז אויך געוואָרן פריינטלעכער.

— זעץ זיך צו! — האָט ער איינגעלאַדן ספּירקען זיך צוצוזעצן אַפן שטול באַ אים.

ספּירקע האָט מונטער צוגעוואונקען צו רויטקאָפּן, ווי זאָגנ־דיק צו אים: „ס'איז גוט, ברודער, עס גייט אַף אַ דרך", — און ער האָט זיך צוגעזעצט באַ קאַראַקולן. און דער אינגל מיטן גוטמוטיקן פּנים, וועמען מ'האָט גערופן וואַנקע טייטש, האָט אים אַלץ ווייטער געפרעגט:

— און ווער איז יענער, דער רויטער?

— דאָס איז מײַן חבר. מיר פאָרן אַרום זאַלבענאַנד.
— וואָס טוט ער?
— מיר זײַנען בלאַטע יונגען*) — האָט ספּירקע ווײַטער אָפּגעטאָקט אַ ליגן און דערבײַ קײַן פינטל מימון אויג ניט געטאָן. ער איז געווען אַזוי דרײַסט, ווײַל ער איז געווען אַ קענער פון דעם גנבישן זשאַרגאָן.

ספּירקעס לעצטע ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ סענסאַציע.
— אָט ווער איר זײַט גאָר! — וואָס האָסט דאָס באַלד ניט געזאָגט?.. זיצן זיך אַזוי, ווי יאָלדן**), און שווײַגן! — האָט וואַנקע טײַטש אויסגערופן און האָט נאָכדעם תּיכּף צוגעגעבן:— איר זײַט שטאַרקע?

— דעם אמת געזאָגט — האָט ספּירקע געענטפערט — בין איך נאָר האַלב שטאַרק, אָבער יענער, מײַן חבר, אָט ער איז טאַקע אַ שטאַרקער...
— זייער אַ שטאַרקער?—האָט משהקע זיך נאָכגעפרעגט.
— אָהאָ! אַ בער ווײַזט ער אפילו אָוועקלייגן!
— נו? — האָבן אַלע אין איין קול אויסגערופן.

—איך זאָג דעם ריינעם אמת! נאָר פלינקער בין איך. איך פאַרשטײ זיך גוט צושלאָגן, און ער איז אַ העלד אויף ראַנגלען זיך.
— ווי הייסט ער?
— סאַשקע רויטקאָפּ.
— און דו?
— ספּירקע זומפּפּיש.
— הער צו, ספּירקע — האָט דער טײַטש געזאָגט — רוף אַהער דײַן חבר, און מיר וועלן אַ שמועס טאָן...

אײדער דער טײַטש האָט נאָך פאַרענדיקט, האָט ספּירקע זיך שוין אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז צוגעלאָפן צו רויטקאָפּן.
— נו, ברודערקע — האָט ער אים מיט גרויס שמחה

---

*) בלאַטע יונגען — גנבים.
**) יאָלדן — ניט קיין גנבים.

איינגערוימט — אונז גייט, ווי געשמירט... דאָס זיינען אמתע גנבים. קום צו זיי!

רויטקאָפּ האָט ניט־וועלנדיק זיך אופגעהויבן און זיך נאָכ־געשלעפּט נאָכן חבר. זיין האַרץ האָט שרעקעוודיק געפּלאַטערט, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ספּירקע שלעפּט אים אַריין אין אַן אָפּגרונט, פון וועלכן ער וועט שוין קיינמאָל ניט אַרויס־קריכן.

די גנבימלעך האָבן דערוויל מיט גרויס נייגער באַקוקט רויטקאָפּן. זייערע אויגן האָבן געפּלאָנדזשעט איבער זיינע ברייטע פּלייצעס, איבער זיין געזונטער, מאַסיווער פיגור, איבער זיינע צעשויבערטע, לאַנג ניט־געשאָרענע רויטע לאָקן. און ווען ער איז צו צום טיש, האָבן עטלעכע הענט זיך אויסגעצויגן אים אַנטקעגן.

— איר האָט ניט וואו צו נעכטיקן? — האָט דער טייטש געפרעגט.

— ניין — האָט ספּירקע געענטפערט.

— אויב אַזוי, קומט מיט אונז; מיר וואוינען ניט ווייט אַף מאָלדאַוואַנקע. אונזער באַלעבאָס — פעדקע קרומהענטל — איז אַ באַנדיט איינער אין דער וועלט, אָבער ער איז אַ טייערער פאַסער*). ער וועט אייך אוודאי נעמען צו זיך. אמת, חברה?— האָט ער אַ פרעג געטאָן בּאַ די איבעריקע.

— געוויס וועט ער נעמען — האָבן די אַנדערע צו־געגעבן.

— ער וועט נאָך זאָגן אַ דאַנק — האָט געזאָגט איינע פון די צוויי מיידלעך, וואָס זיינען דאָ געזעסן, אַ צעקראָכענער נפש מיט גראָע אויגן, פאַרוויקלט אין אַ גרויסער, צעפליקטער פאַטשיילע.

— נו, חברה, שוין צייט אַהיימצוגיין — האָט געזאָגט וואַינקע טייטש, וועלכער איז, ווי ס'שיינט, געווען אַ מין עלטסטער בּאַ דער חברה.

*) אופקויפער פון גנבות.

און באַלד האָט שוין די גאַנצע קאָמפּאַניע זיך געשלעפּט איבערן ליידיקן מאַרקפּלאַץ אַפן וועג צו מאַלדראַוואַנקע. און ווען זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט אין אַ לאַנגער, פינסטערער און מענטשנליידיקער גאַס, האָט באַ רויטקאָפן און ספּירקען דערלאַנגט אַ קוועטש אונטערן לעפעלע פון שרעק.

די לבנה האָט זיך נאָך ניט באַוויזן. אַפן טיפבלאָען הימל האָבן געגלאַנצט שטערנס, אַזוי ווי גרויסע בריליאַנטן. אָבער זייער שיין האָט ניט צוגעגעבן קיין ליכט דער ערד, און די מאַלדראַוואַנקע איז געלעגן אין אַ געדיכטן חושך. עס האָט זיך נאָר געהערט, ווי ניין פּאָר פיס קנעטן די בלאָטע.

— פעדקע קרומהענטל איז אַ גוטער מענטשל — האָט וואַנקע טימטש שטיל געזאָגט צו ספּירקען, וועלכער איז געגאַנגען באַ זיין זייט — אָבער עפּעס פאַרהאַלט ער זיך צו לאַנג אַף דער זינדיקער וועלט. פריער איז ער געווען אַן אַמאַטער *) איז כסדר געזעסן אין טורמע. איינמאָל האָט מען אים געכאַפּט און אַזוי צעמזיקט, אַז ער איז געוואָרן אַ קרומהענטל, מ'האָט אים געבראָכן אַ האַנט. איצט גנבעט ער מער ניט, ער קויפט נאָר אויף און לערנט מיט די קליינוואַרג. באַ אים איז אַ מין שול פאַר גנבים.

— און וואו צו שלאָפן וועלן מיר האָבן? — האָט ספּירקע געפרעגט.

— אוודאי וועט איר האָבן. מיר וועלן טאַקע באַלד קומען... זעסט אָט דאָרטן אַ פייערל? אַז מיר דערגייען צו אים, זיינען מיר שוין אינדערהיים.

רויטקאָפּ האָט די גאַנצע צייט קיין איין וואָרט ניט געלאָזט פאַלן. עפּעס זיינען אים די נייע באַקאַנטע ניט געפעלן. ער האָט זיך אַביסל געשראָקן פאַר זיי און ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט געפאָלגט ספּירקען. גאָר-גאָר אַנדערע האָפענונגען האָט ער געלייגט אַף אָדעס. אין זיין היציקער פאַנטאַזיע האָט ער זיך אויסגעמאָלן די שטאָט אין די פּרעכטיקסטע און בלענדנדיקסטע

---

*) אַמאַטער (דער טראַפּ אַפן „מאַ") — אַ פערד-גנב.

פאַרבן. האַלבפונטלם וואונדערלעכע מעשׂות וועגן אַדעם האָבן זיך אים איינגעשניטן אין מוח, און עס האָבן אים געצויגן אַהין משונהדיקע פאַנטאַזיעס און האָפענונגען. די האָפענונגען זיינען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און רויטקאָפּן איז געוואָרן קאַלעמוטנע אַפן האַרצן. ער האָט אויטאָמאַטיש זיך געשלעפּט נאָך דער חבֿרה און האָט געטראַכט וועגן זיין שלימזל. נאָך קיין יאָר ניטאָ, ווי ער וואָגלט אַרום, און פאַר דער קורצער צייט איז שוין אויסגעקומען אַזוי פיל צרות איבערצולעבן!

— מיר זיינען געקומען — האָט דער טייטש איבערגעשלאָגן רויטקאָפּס געדאַנקען, און איז געבליבן שטיין פאַר אַ הילצערנעם פּלויט. — נו, פּריצלעך, קריכט מיר נאָך! — האָט ער באַפוילן, און איז אַרויפגעשפּרונגען אַפן פּלויט.

די גאַנצע חבֿרה, און אויך די מיידלעך, האָבן איינער נאָכן אַנדערן פלינק איבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און זיינען תּיכּף פאַרשוואונדן. ספּירקע האָט דער ערשטער נאָכגעטאָן דער קאַמפּאַניע, און נאָך אים איז רויטקאָפּ אויך איבערגעקראָכן. אַף יענער זייט האָט וואַנקע טייטש געוואַרט אַף זיי.

— קומט מיט מיר — האָט דער טייטש געזאָגט — איכ׳ל אייך אָפּפירן צום באַלעבאָס.

ספּירקע און רויטקאָפּ זיינען געגאַנגען מיט אים איבערן גערוימיקן געהעפט, וואָס איז אַרומגעצאַמט געווען מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן. די לבֿנה איז אַריינגעדרונגען אַהער און געוואָרפן איר שיין אַף אַ משונהדיקן, אויסטערליש־לאַנגן בנין. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּדאַך, וואָס ציט זיך פון איין עק הויף ביזן אַנדערן. דער דאַך איז געווען אַזוי נידעריק, אַז רויטקאָפּ וואָלט געקאָנט דערלאַנגען צו אים מיט דער האַנט. אַחוץ דעם, זיינען אין הויף קיין אַנדערע בנינים ניט געווען, אַרום איז געווען טויטשטיל, אונטער די פיס האָט נאָר געסקריפּעט פאַרטאַריקע טרוקענע גראָז.

— דער טויער איז ווייט פונדאַנען — האָט דער טייטש געזאָגט — ער איז אַף יענער זייט, דעריבער זיינען מיר אַריבער דעם פּלויט, כּדי זיך ניט צו שלעפּן אַרום.

— און וואו זיינען זיי?

— ווער זיי?

— אַטדי חברה, וואָס זיינען אַקאָרשט געווען מיט אונז.

— זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעלאָפן איבער זייערע לעכער. מאָרגן 'סט אַלעמען זען. איצט לאָמיר אַריינגיין צום קי ומהעגטל. הערן, וואָס ער וועט זאָגן...

— און ווי מיינסטו, וואָס מ'ער זאָגן? — האָט ספּירקע געוואָלט וויסן.

— איך רעכן, ער וועט אייך איבערלאָזן בא זיך. קיין שאָדן וועט ער דאָך פון אייך נים האָבן.

אזוי רײדנדיק, זיינען די אינגלעך דערגאַנגען ביז דער הויז, און דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. זיי האָבן דערזען אין וואַנט פאַר זיך אָן אַ צאָל נידעריקע פענסטערלעך און שוואַרצע טירן.

— מיר זיינען געקומען — האָט געזאָגט דער טײַטש און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ טיר — גייט נאָך מיר און פּאַסט נאָר אויף, קלאַפּט נים אָפּ די קעפּ אָן בײשטידל.

דער טײַטש איז אַריין אין אַ פינסטער'ער פאָרהייזל, דאָט דאָרטן אָנגעטאַפּט אַ צווייטע טיר און איר געעפנט. אַנטקעגן האָט אַ בליאַשק געטאָן אַ בלײכער ליכט־שטראַל. אין אַ קליי־נעם צימערל האָט געברענט אַ קליין בלעכן לעמפּעלע, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט קעגן אַריינגאַנג. וואַינקע טײַטש איז דער ערשטער אַריין אין שטוב, נאָך אים האָבן שרעקעוודיק זיך נאָכ־געשלעפּט ספּירקע און רויטקאָפּ.

איבערן צימערל האָט זיך געקנוילט אַ ריח פון שמילצער און פון פייכטקייט. אַפן דיל פאַזע די וועגט איז אויסגעשפּרייט געווען שטרוי, פאַרדעקט מיט שמאַטעס, און אַף דעם זיינען גע־לעגן מענטשן. רעכטס פון טיר, אין ווינקעלע, איז אַף אַ באַרג שמאַטעס געזעסן אין אַ לאַנגער גראָער העמד עפּעס אַ זקנה מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ. איר פּנים האָט מען נים געזען, זי איז געזעסן מיט אַ נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַרומגעכאַפּט די קניען מיט לאַנגע ביינערדיקע הענט. דערהערנדיק טריט, האָט

די אַלטע אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן, ווער עס קומט. רויטקאָפּ און ספּירקע זיינען געוואָרן טויטע, דערזעענדיק דער זקנהס פּנים: זיי זיינען זיכער געווען, אַז פּאַר זיי זיצט אַ פישופמאַכערין. אָט אַזוי שרעקלעך האָט אויסגעזען די הויקער־דיקע, ביינערדיקע אַלטע מיט איר צעקנייטשטן פּנים און מיט דער לאַנגער, רויבערישער נאָז, וואָס האָט זיך שיר ניט אָנגע־רירט אָן דער שפּיציקער, נאָך אויבן אַרופגעריסענער גאָמבע.

— באַבינקע — איז צו צו איר דער טייטש — וואו איז דער באַלעבאָס?

— הא?

— וואו איז דער באַלעבאָס? — האָט דער טייטש גע־אָגט גאָר הויך.

— כ׳וויים ניט, גיי זוך אים, אַז דו דאַרפסט.

— מכשפה! — האָט דער טייטש אַ בורטש געטאָן און געזאָגט צו די אינגלעך — ניטאָ דער קרומהענטל. מאָרגן וועלן מיר אים זען, דערווייל לייגט זיך שלאָפן. איכ׳ל זיך אויך צולייגן מיט אייך. אָט אַהער קומט...

און באַלד זיינען זיי שוין זאַלבעדריט געלעגן אַפן שטרוי און זיך געשושקעט.

— אַלע דירות זיינען דאָ אַזעלכע — האָט דער טייטש זדערציילט — אַ פּאַרהייזל און אַ צימערל. פריער זיינען דאָ געווען שמידהייזלעך, און נאָכדעם, ווי די שמידן זיינען זיך אַרויסגעצויגן, האָט זיך דאָס אונזער בלאַטע חברה אַריינגעקליבן אַהער. דאָ וואוינען אַפילו בעטלערס אויך. אָבער מיט זיי האָבן מיר קיין עסקים ניט. אונזער באַלעבאָס, פעדקע קרומהענטל, האַלט פּאַר זיך גאַנצע פינף דירות, מיר האָבן דאָ דורכגעבראַכן געהיימע גיינג אויך.

— וואו? — האָט ספּירקע זיך אָנגעכאַפּט.

— אין דער וואַנט, וואָס גייט אַרויס צום פּאַרקאָן. דאָרטן קאָן מען אַרויסהויבן צוויי שטיינער, אַף דורכצוקריכן.

— צוואָוואָס דאַרפט איר דאָס?

— וואָס הייסט צוואָס? און טאָמער קומען אַהער מענטעס*), אָדער גלאַט אַן איבערפאַל? דעמאָלט מוז מען דאָך האָבן, וואו צו אַנטלויפן.

רויטקאָפּ האָט כמעט ווי ניט איינגעהערט זיך אין דעם טייטשס רייד: ער איז שטאַרק פאַרנומען געווען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. דער נייער מצב האָט אים באַאומרואיקט און געשראָקן. ער האָט געפילט, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון איין פייער כדי אַריינצופאַלן אין דעם אַנדערן. „מ'דאַרף וואָס ווייטער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען" האָט סאַשקע באַשלאָסן בא זיך, און ער האָט גענומען קלערן און צוטראַכטן פּלענער, וואָס ווייטער צו טאָן. ספּירקע און דער טייטש זיינען שוין געווען איינגעשלאָפן, אַפילו די זקנה איז אויך אַזוי לאַנג געזעסן און געפּיקט מיט דער נאָז, ביז זי האָט אַ פאַל געטאָן אויפן באַרג שמאַטעס און אויך גענומען פייפן, אָבער רויטקאָפּ איז נאָך אַלץ שטאַרק פאַרטאָן געווען מיטן צוטראַכטן עפּעס. צום סוף, ווען די נאַפט אין לעמפּל האָט אויסגעברענט און דאָס פייערל איז אויסגעגאַנגען, איז רויטקאָפּ אויך איינגעשלאָפן.

די שול פון גנבים.

ניט לאַנג איז סאַשקע געשלאָפן: ווי נאָר ס'האָט זיך פאַרנומען דער באַגינען, איז ער שוין ווייטער געלעגן מיט אָפענע אויגן. אין צימערל האָט גענומען ווערן ליכטיקער. איצט האָט מען געקאָנט בעסער זען אַלץ, וואָס אַרום איז. און וואָס מער ער האָט זיך צוגעקוקט, אַלץ קאַלעמוטנער איז אים געוואָרן אויפן האַרצן. ביז איצט האָט ער נאָך גאָר קיינמאָל ניט געזען אַזאַ קבצנות. געשלאָפן זיינען דאָ, ווי סאַשקע האָט אויסגעציילט, זיבעצן מענטשן. אַלע זיינען זיי געלעגן פאַרוויקלט אין ברודיקע שמאַטעס, און די שטרוי איז געווען אַזוי דורכגעווייקט און דורכגעפוילט, אַז עס האָט אַפילו ניט געשאָרכעט, בעת די שלאָפערס האָבן זיך באַ-

---

*) מענטעס — פּאָליציי.

וועגט. די לופט אין שטוב איז געווען ממש ניט אויסצוהאַלטן. סאַשקע איז שיר ניט דערשטיקט געוואָרן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער ליגט אין אַ גרויסן סמעטניק. רויטקאָפּ האָט אַ קוק געטאָן אַף ספּירקען: יענער איז זיך געשלאָפן מיט אַ זיסן שלאָף און האָט געהאַלטן אַרומגענומען וואַינקע טייטש. סאַשקען האָט דאָס געוואונדערט און ער איז אַפילו אַביסל ברוגז געוואָרן.

„ער פּאָפּט זיך, דער שדל, פּונקט ווי ניט אים מיינט מען דאָס" — האָט ער זיך אָנגעבייזערט אין די געדאַנקען.

אין פענסטערל האָט דערוויל אַלץ שאַרפער גענומען אַריינקוקן די שיין פונם אָנקומענדיקן פרימאָרגן. די אַלטע מכשפה האָט זיך שוין אופגעהויבן און האָט קרעכצנדיק זיך גענומען אָנטאָן. זי האָט אַרופגעשלעפּט אַף זיך עפּעס ברוינע שמאַטעס. אַפן קאָפּ האָט זי אָנגעטאָן אַ שוואַרצע פאַטשיילע, און איז אַרויס פון שטוב, זיך אָנשפּאַרנדיק אָן אַ לאַנגען, סענקעוואַטן שטעקן. אַרויסגייענדיק, האָט די אַלטע ניט פעסט פאַרמאַכט די טיר, און צוגלייך מיט אַ בלענדנדיקן ליכטשטרייף האָט זיך פונדרויסן אַריינגעריסן אַ שטראָם פרישע לופט.

סאַשקע האָט גענומען אָפּט און קרעפּטיק עטעמען, וועלנדיק אַריינזופּן אין זיך וואָס מער פרישע לופט, אָבער דערפון האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט: דאָס ביסל ריינע לופט, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורכן שמאָלן שפּעלטעלע, איז תיכף פאַראומרייניקט געוואָרן אין דער בלאָטיקער לאָך, און ס'איז ווייטער שווער געווען צו עטעמען. דעמאָלט דאָט רויטקאָפּ געטאָן אַזוי ווי די אַלטע. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן גאָר פאַמעלעך, כדי קיינעם ניט אופצואוועקן, און איז אַרויס פון שטוב.

אינדרויסן האָט ער גיריק איינגעזופּט אין זיך די פרישע פרילינגנדיקע לופט. אַרום איז געווען ליידיק און שטיל. רויטקאָפּ האָט זיך מחיה געווען מיטן אָנבליק פון דעם ריינעם, לויטערן הימל, וועלכער האָט אַף זיין ווייטן ברעג זיך שוין אָנגעהויבן באַפאַרבן מיט אַ ראָזלעכן קאָליר. די פייגעלעך האָבן זיך אופגעכאַפּט, האָבן פּיפּסנדיק און פייפנדיק זיך לוסטיק געדרייט און געפלאַטערט אין דער בלאָלעכער לופט פונם אָנקומענדיקן פרי-

מאָרגן, צום ערשטן מאָל זינט דער ווינטער איז אַוועק האָט רויטקאָפּ איצט דערזען שוועלבעלעך. מיט זייערע שפּיציקע פליגעלעך און ווייסע הערצלעך האָבן זיי זיך אַריינגעשניטן אין דער הימלבלאָקייט, אַזוי ווי פיילן פון בויגן. אָדער זיי זיינען פּלוצלינג געפאַלן, ווי שטיינער, און געגלעט מיטן ווייסן האַרץ די ערד. סאַשקע האָט מיט גרויס ליבע און אינטערעס נאָכגעקוקט די שוועלבעלעך: מעגלעך, אַז פליענדיק פון די וואַרימע לענדער, זיינען זיי ערשט נעכטן פאַרביי האָלאָדאַיעווקע, און דוניע, אויך די פּריצימלעך און אַלע דאָרטיקע תושבים האָבן געקוקט אַף זיי. דידאָזיקע סברה האָט אופגערירט בײַ רויטקאָפּן זכרונות, און איר איז פונדאַסניי געוואָרן אומעטיק. מיט אַ פאַרקוועטשטן האַרצן האָט ער באַקוקט דעם ברייטן הויף און האָט זיך פאַרטראַכט. אים איז דאָ ניט געפעלן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז האַלבפוגטל האָט אים געהאַט אַסך דערציילט וועגן עפּעס אַ שוואַרצן ים, וואָס אַף זיין ברעג ליגט די שטאָט אָדעס.

„אָבער וואו איז דער ים? — האָט רויטקאָפּ ניט געקאָנט קלוג ווערן„ און זיך געפרעגט — ווי קומט מען אַהין? פונדאַנען מוז מען וואָס גיכער אַוועק... איכ'ל גיין אופוועקן ספּירקען, און מיר וועלן תיכף מאַכן פיס" — האָט סאַשקע פעסט באַשלאָסן און גענומען שפּרייזן צו דער הייזעלע, וואו ער האָט גענעכטיקט. אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגיין קיין צוויי טריט, ווי פאַר אים איז אויסגעוואַקסן אַ גידולניק מיט אומבאַוועגלעכע, גראָע אויגן. אַרופקוקנדיק אַף אים, איז רויטקאָפּ פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק. און יענער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, האָט ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון אינגל, און דערמיט אַרופגעוואָרפן אַף אים אַלץ מער שרעק. גרויליקער פון אַלץ איז געווען דעם אומבאַקאַנטנס אויסטערליש־גרויסער און אויסטערליש־טונקעלער פּנים, וועלכער איז צעשפּאָלטן געווען אַף דער העלפט. פון דעם נידעריקן, מיט האַרטע האָר באַוואַקסענעם שטערן ביז דער ברייטער, אָנהאָריקער גאָמבע האָט זיך געצויגן אַ רויטער נאַרב.

— האַ, ברודערקע, האָסט זיך איבערגעשראָקן? — האָט

דער גידולניק א פרעג געטאָן מיט א דינינקען, קינדישן קולכעלע און האָט א דריי געטאָן מיט די אויגן.

באַ רויטקאָפּן האָט זיך מיטאַמאָל א שטיין אראָפּגעקייקלט פון הארצן, דעם אומבאַקאַנטנס שוואַכע שטים, וועלכע האָט זיך גאָרניט חאַרמאָנירט מיט זיין מעכטיקער געשטאַלט, האָט מיט־אַמאָל באַרואיקט סאַשקען. איצט האָט ער אים שוין גענומען באַ־קוקן ניט מיט שרעק, נאָר מיט נייגער. דער גרויסער מענטש מיטן קליינעם קולכל איז געווען אָנגעטאָן גאַנץ לייטיש: אין א שוואַרצן קאָסטיום, לאַקירטע שעכטן און א קיילעכדיק ווייך היטעלע, וואָס איז געווען פאַררוקט אַף דער פּאָטילניצע. דערווייל האָט רויט־קאָפּ דערזען אַף דעם אומבאַקאַנטן נאָך א מום: זיין רעכטע האַנט איז געווען אויסגעקרימט און איז די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך געלעגן באַ דער ברוסט. דער אינגל האָט פאַרשטאַנען, אז באַ דעם גידולניק איז אָפּגענומען די רעכטע האַנט, און ער האָט זיך תיכּף געכאַפּט, אז געוויס איז דאָס יענער פעדקע קרומהענטל, וועגן וועלכן וואַנקע טייטש האָט נעכטן דערציילט.

— געגנוג שוין גלאָצן אַף מיר די זירקעס — האָט דער ריז ווייטער געזאָגט מיט זיין דינעם קולכעלע — זאָג מיר בע־סער, פונוואַנען האָסטו זיך גענומען...

— איך בין דאָ ניט אַליין — האָט רויטקאָפּ אַנשטאָט אַן ענטפער מודיע געווען.

— מיט וועמען ביסטו דען ?

— מיט א חבר, מיט ספּירקען... ער שלאָפט נאָך...

— וואו שלאָפט ער ?

— אָט דאָרטן, מיט וואַנקע טייטש. דאָס ביסטו פעדקע קרומהענטל ?

— פונוואַנען קענסטו מיך ? — האָט דער גידולניק זיך געוואונדערט.

— אָט אזוי, כ׳וויים... — האָט סאַשקע געזאָגט, מעשה שטיפער צובויגנדיק דאָס רויטע קעפּל צו דער פּלייצע.

פון דער לאָך זיינען ארויסגעקראָכן אַף דער ליכטיקער

שיין וואַנקע מיט ספּירקען, אַז רויטקאָפּ האָט זיי דערזען, איז ער גאָר געוואָרן אַ לעבּעדיקער.

— אָט איז ער, מיין חבר — האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזן לויפן צו ספּירקען.

ספּירקע און וואַנקע האָבן געזשמורעט די אויגן און גענעצט.

— יענער גידולניק איז טאַקע פּעדקע קרומהענטל ?

— איאָ ! — האָט רויטקאָפּ אינדערהויך געפרעגט דעם טייטש.

— וואָס שרייסטו אַזוי ?...— האָט וואַנקע זיך שטילערהייט אָנגעבּייזערט אַף אים, און נאָכדעם צוגעגעבּן : — געווים ער...

רויטקאָפּ איז אַנטשוויגן געוואָרן. קרומהענטל איז צו צו די אינגלעך.

— וויפל האָסטו נעכטן פאַרדינט ? — האָט ער געפרעגט דעם טייטש.

— גאָרנישט — האָט וואַנקע געענטפערט מיט אַ באַהאַלטענעם שרעק.

— פאַרוואָס עפּעס גאָרנישט, מיין טייערינקער ? — האָט קרומהענטל אַ פישטשע געטאָן, גאָר ווי אַ קינד, און גאָר פּלוצלינג האָט ער מיט דער לינקער האַנט אַ פּאַק געטאָן דעם אינגל בּאַ דער פּלייצע און אים אַזאַ טרייסל געטאָן, אַז בּאַ יענעם איז שיר די נשמה ניט אַרויס.

איצט איז קרומהענטלס פּנים טאַקע געוואָרן שרעקלעך. פריער אַ צעקראָכענער, אַ געלער און אָן אָנהאָריקער, האָט ער זיך איצט אָנגעגאָסן מיט בּלוט, די גראָע קיילעכדיקע אויגן זיינען פאַרשטיינערט געוואָרן, און דער נאַרבּ איז געוואָרן טונקל און זיך שאַרף אויסגעטיילט אַפן פּנים. רויטקאָפּ און ספּירקע זיינען געוואָרן טומע און זיי האָבּן שוין געוואָלט מאַכן פיס, אָבּער בּאַלד איז אַלץ ווייטער גוט געוואָרן, און די חברים האָבּן זיך בּארואיקט. פּעדקע האָט אָפּגעלאָזן וואַנקעס פּלייצע און יענער האָט, שיטנדיק מיט קללות, גענומען רייבּן דעם צעוויטיקטן אָרט. דערמיט האָט זיך אַלץ געענדיקט.

— וואו האָסטו גענבאַפּט די יאָלדן? — האָט קרומהענטל געפרעגט, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען.

— דאָס זיינען ניט קיין יאָלדן, זיי זיינען בלאַטע יונגן — האָט דער טייטש געענטפערט, נאָך אַלץ קוקנדיק אַפּן באַלעבאָס מיט ברוגזע בליקן.

— אַהאַ! — האָט פּעדקע זיך געחידושט — נו, מיר וועלן אַ קוק טאָן, וואָס פאַר׳אַ גנבים איר זייט... — האָט ער געזאָגט צו די חברים.

דערווייל האָבן זיך אופגעכאַפּט די תושבים פון די פינ־סטערע לעכער, און זיי האָבן איינער נאָכן אַנדערן גענומען אַרויסקריכן אַף דער פרישער לופט. די זון איז אופגעגאַנגען און פאַרגאָסן דעם הויף מיט בלענדנדיקער גילדענער ליכט. צווישן די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָן אופהער געשאָטן פון די שטיבער, זיינען געווען מענער, פרויען, אַלטע לייט, קינדער. רויטקאָפּן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז איצט ווייטער צווישן די אָרי־מעלייט אין קאַבצאַנסק, פונקט אַזוי ווי דאָרטן, איז דאָ אויך ניט געווען קיין איין מענטש אין עפּעס אַ לייטישן הילוך, אַחוץ איין קרומהענטל. עס האָט אויסגעזען, ווי די פאַרשוינען גרויסן זיך מיט זייערע שמאַטעס, און וואָס ברודיקער זיי זיינען, אַלץ אָנגע־יחסנטער פילן זיי זיך. די פּנימער פון די חברה־לייט זיינען געווען ווי צוגעמאָסטן צו זייערע בגדים. עס האָבן זיך כסדר געוואָרפן אין די אויגן פּנימער, געשוואָלן פון שיכרות, טיפן מיט הייזעריקע קולות און מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן. די פרויען האָבן אויך געהאַט דיזעלביקע פּנימער, ווי די מענער, און זייער מיאוסקייט האָט געווירקט גרויליק.

רויטקאָפּ האָט אויך געזען זיינע נעכטיקע באַקאַנטע: משהקע קאַראַקול, די אַנדערע מיידלעך און אינגלעך, וואָס זיינען נעכטן געזעסן אין גאַסטהויז, דעם שיקלדיקן אינגל, וואָס איז געקומען צולויפן. דער הויף האָט אופגעלעבט. פון אַלע זייטן האָבן זיך דערטראָגן געשרייען, זידלערייען, ווייבער האָבן געקווייטשעט, קינ־דער האָבן געליאַרעמט. אַנדערע האָבן אַרויסגעטראָגן פון זייערע

קעמערלעך שטרויזעק און זיי פאַנאַנדערגעוואָרפן איבערן הויף אויסצולופטערן.

אַרום קרומהענטלען האָט זיך אַרומגעשטעלט אַ געזעמל אינגלעך. דאָס זיינען אַלץ געווען גנבים־אָנפאַנגער, וואָס האָבן זיך בײַ פעדקען געלערנט די מלאכה. איינער פון די אינגלעך האָט אַרויסגעטראָגן אַ שטול פאַרן רבין, און די שעה האָט זיך אָנגעהויבן. קרומהענטל האָט זיך צוגעזעצט מיטן רוקן צו דער וואַנט, מיטן פּנים צו די תּלמידים. ם

— ניט דער איז אַ גנב, וואָס גנבעט, נאָר דער, וואָ לאָזט זיך כאַפּן — האָט קרומהענטל אָנגעהויבן זיין לע קצי פאַר די יאַטן, וואָס האָבן געשלונגען זיינע ווערטער.

— קוק, וואָס משהקע טוט! — האָט ספּירקע איינגערוימט רויטקאָפּן.

אין דער צייט, וואָס פעדקע האָט גערעדט, האָט משהקע זיך צוגעגנבעט צו אים און אַריינגעלאָזן צוויי פינגערן צו אים אין קעשענע. אַלע האָבן געזען, וואָס משהקע טוט, אָבער אַלע האָבן געשוויגן.

— אָט נעכטן, למשל, — האָט קרומהענטל ווייטער גערעדט — האָבן פּיטקע און אַניוטע זיך פאַרשאָטן... ווי אַזוי איז דאָס געשען? קלאָר, אַז זיי זיינען ניט גענוג פלינק.

— זע נאָר, זע נאָר, ער שלעפט דאָך, זאָל איך אַזוי לעבן! — האָט ספּירקע געשעפּטשעט, אינגאַנצן ציטערנדיק פון אופרעקונג און צוזעענדיק, ווי משהקע נעמט אַרויס פאַרזיכטיק און פּאַמעלעך פון דעם רבּינס קעשענע אַ שוואַרצן טייסטער מיט אַ גלאַנציקן קופּערנעם שלאָס. קאַראַקול האָט געהאַלטן דעם טייסטער מיט די שפּיצן פינגער.

— פלינקייט — האָט דער רבי אַלץ ווייטער גערעדט— איז די וויכטיקסטע זאַך אין אונזער עסק... קוים ביסט אַ מאַראַוויכער *), מוזטו אַזוי אַריינקריכן אין אַ קעשענע, אַז דו זאָלסט אפילו אַליין ניט פילן, און ניט אַזוי ווי משהקע...

*) מאַראַוויכער—אַ קעשענע־גנב (באַמ. פון מחבר)

מיט די ווערטער האָט קרומהענטל זיך געשווינד אויסגע־דרייט אַפן בײנקל און האָט מיט דער לינקער האַנט אַזאַ העפּ־טיקן כאַפּ געטאָן משהקען, אַז יענער האָט מיט אַ שטאַרקן געשריי אַרויסגעלאָזן דעם טייסטער. אַלע, וואָס האָבן צוגעזען די סצענע, האָבן זיך הילכיק פֿאַנאַנדערגעלאַכט. אַפן רבים*) ווייבערשן געלן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— אָט איז אַ שפּירהונט!

— אים וועסט שוין ניט באַגנבענען!

— וואָסי, משהקע, האָסט זיך פֿאַרשאָטן?

אַלע האָבן געשפּאַט און געלאַכט פֿון משהקען.

— קום, ספּיריע! וואָס יועלן מיר דאָ טאָן? — האָט רויטקאָפּ אײנגערוימט דעם חבר.

אָבער יענער איז געווען שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין דעם, וואָס דאָ קומט פֿאָר, און ער האָט ניט געוואָלט, מען זאָל אים שטערן.

— וואַרט, נודיע ניט, לאָז אָפּ! — האָט ספּירקע אים אָפּגעטריבן, אַזוי ווי מען טרייבט אַוועק פֿון זיך אַ מיק, און ער האָט ווײַטער געקוקט אַף דעם, וואָס די גנבים טוען.

דערווײַל איז אַפן הויף געוואָרן שיטערער. פֿון שטאָט האָט זיך דערטראָגן אַ גלאָקנקלאַנג, און דער עולם איז אַוועק שיסן באַ די טיפּלעס. געבליבן זײַנען נאָר די חברה גנבים און עטלעכע ווײַבער מיט ווינקינדער.

קרומהענטל האָט ווײַטער געלייענט זײַן לעקציע. מיט דער זיכערקייט פֿון אַן אמתן פּאַכמענטש האָט ער מסביר געווען זײַנע תּלמידים, וואָס צו טאָן אין די פֿאַרשיידנסטע פֿאַלן. ער האָט מיט אַלע אײנצלהייטן דערקלערט, ווי אַרויסצושפּריצן **) אַ שויב פֿון אַ פֿענסטער, ווי אַזוי מען דאַרף אַרײַנקריכן דורך אַ לופֿט־שיקל.

אַלע זײַנע רייד האָט ער באַקרעפֿטיקט מיט ראיות פֿון דער רײַכער אײגענער פּראַקטיק. מער פֿון אַלץ האָבן אָטדי ראיות

*) רבי — פירער פון גנבים־באַנדע.
**) אַפן גנבים־לשון—אַרויסנעמען.

אינטערעסירט די צוהערער. נאָכדעם האָט קרומהענטל גענומען ריידן וועגן די אייגנשאַפטן, וואָס יעדער ליטווישער גנב מוז פאַרמאָגן.

— אַ גוטער און אַן ערלעכער גנב — האָט ער געזאָגט — מוז זיין אָפּגעהיט, אָבער ער טאָר ניט זיין קיין פּחדן, ער מוז טאַקע צוזאַמענגעמען אין אַ פּרעמדער דירה אַליין, וואָס האָט עפּעס אַ ווערט, אָבער ער דאַרף ניט זיין צו גיריק, ווייל גיריקייט איז אַ חלף פאַר אונזערן אַ מענטשן. אַ גנב מוז זיין ערלעך, און אויב ער אַרבעט מיט אַ חבר, ד'אַרף ער זיך מיט אים טיילן; אויב ער פאַרשיט זיך, טאָר ער קיינעם ניט אַרויסגעבן... דער עיקר דאַרף אַ גנב זיין שטאַרק און פלינק...

— אָט ער איז אַ שטאַרקער — האָט וואַנקע טייטש איבערגעשלאָגן דעם רעדנער און אָנגעוויזן אַף רויטקאָפּן — ער קאָן אַוועקלייגן אַ בער.

— טאַקע? — האָט קרומהענטל איבערגעפרעגט און מיט אַ שמייכל אַ קוק געטאָן אַף רויטקאָפּן, וועלכער האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט.

סאַשקע האָט מיטאַמאָל צוגעצויגן צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אַ סך אויגן האָבן אים מיט נייגער און מיט חידוש באַקוקט.

— עט, ס'אַליגן... וואו האָט דען אַ יאָלד כח?... — האָט עמיץ געזאָגט.

— אָט איכ'ל גיין מיט אים איינער אַף איינעם, אויב ער ט'נאַר וועלן! — האָט משהקע היציק אויסגערופן.

— נו, קאַראַקול! אָט איז אַ כוואַט! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען.

— וואו קאָן אַזאַ שלאַק זיך פאַרמעסטן מיט יענעם חברה־מאַן! ער גרויסט זיך נאָר, ד'ער פגר... — האָבן עטלעכע חברים אונטערגעגעבן משהקען נאָך מער היץ.

— ווער־ווער, אָבער משהקע וועט זיך ניט גרויסן גלאַט אַזוי — האָבן אַנדערע זיך אָנגענומען פאַר אים.

קאַראַקולן האָבן דורכגענומען די אַלע אויסרופן, און ער

האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס, אַזוי ווי אַ יונגער הענדל. אַלע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבקרייז און האָבן באַפרייט אַ פּלאַץ פאַרן געפעכט.

— קום, איך רוף דיך אַרויס איינער אויף איינעם — האָט משהקע אויסגערופן מיט אַ ציטערדיקער אופגערעקטער שטים און האָט זיך געשטעלט אינמיטן ליידיקן פּלאַץ. זיינע פויסטלעך זיינען געווען געבאַלט, די שוואַרצע אייגלעך האָבן גע־פלאַקערט, ווי אַ פּאָר ברענענדיקע קוילן, און זיין גאַנצע דאַרע, אין שמאַטעס פאַרוויקלטע פיגורל האָט אויסגעדריקט ברען און גרייטקייט זיך צו שלאָגן און צו זיגן.

רויטקאָפּ האָט זיך אַביסל אָפּגעשראָקן און האָט אַ טראָט געטאָן אויף צוריק. דאָס האָט אַרויסגערופן שפּאָט צווישן די אַרומיקע.

— אָט איז אַ גבר! זיך איבערגעשראָקן פאַר משהקען! — האָט דער עולם גענומען שרייען: — זעט איר, ווי ער ציט אָפּ!

זעענדיק אַז רויטקאָפּ טרעט אָפּ, איז קאַראַקול געוואָרן אַליין דרייסטער.

— וואָס שטעלסטו פּיס! — האָט ער געשריען, בלישט־שענדיק מיט די אויגן און אַליין פעסטער באַלנדיק די פויסטן — מיר האָבן שוין געזען, ווי ראַקעס לויפן הינטערווייליעכס, דאַרפסט אונז דאָס ניט באַווייזן נאָכאַמאָל.

קאַראַקול איז געשפּרונגען אַפן צעטומלטן סאַשקען. רויט־קאָפּ האָט זיך ניט געשראָקן פאַר משהקען, אים האָט געשראָקן די גאַנצע חברה אָפּגעריסענע גנבים, פאַר וועמען קאַראַקול איז געווען אַן אייגענער מענטש, און ער — אַ ווילדפרעמדער. ספּירקע האָט אויך געהאַט דיזעלביקע געפילן, וואָס רויטקאָפּ, און ער האָט זיך אין האַרצן געזידלט דערפאַר, וואָס ער האָט דערציילט וועגן זיין חברס גבורה. דער עיקר האָט אין אים געקאָכט דאָס האַרץ אויף משהקען.

קרומהענטל האָט אין דער גאַנצער סצענע קיין אָנטייל ניט גענומען. ער האָט נאָר געשמייכלט און מיט הנאה נאָכ־געקוקט יעדער באַוועגונג פון די צוויי אינגלעך.

קאַראַקול האָט זיך שוין דערווײַל צוגעשאַרט גאָר נאָענט צו רויטקאָפּן, איז כּסדר אונטערגעשפּרונגען און אים געדרוקט די פויסטן אין פּנים.

— לאָז אָפּ!... איך וויל זיך ניט שלאָגן... — האָט זיך געבעטן רויטקאָפּ, בלייך און שטאַרק אויפגערעקט.

— הייב אָן, משהקע! וואָס קוקסטו דעם יאָלד אין די ציינער? — האָט עמיץ אויפגעמונטערט.

קאַראַקול האָט געפּאָלגט און דערלאַנגט רויטקאָפּן מיטן פויסט אַ זעץ אין אויג. סאַשקע האָט אויפגעשריען פון ווייטיק און זיך אַראָפּגעלאָזן. משהקע האָט טריאומפירט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט שטאָלץ, די הענט אין די באָקעס, אַרויסגעשטעלט פאָרויס אַ פוס, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן קאַלאָש, און באַקוקט אַלעמען מיט די אויגן פון אַ זיגער. אין דער רגע איז צוגעלאָפן צו אים ספּירקע און האָט אים אַזאַ כמאַליע געטאָן אין אויער, אַז ער האָט זיך גענומען דרייען, ווי אַ דריידל, און איז צום סוף געפאַלן אויף דר׳ערד.

— ער איז צוגעלאָפן פון הינטן! אַזוי פירט זיך ניט!

— מ׳מוז אים אויסלערנען!

עטלעכע יאַטן מיטאַמאָל זײַנען אַרופגעפאַלן אויף ספּירקען, און קלעפּ האָבן זיך גענומען שיטן אויף אים, ווי אַ האָגל. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ טומל. ספּירקע האָט אָנגעהויבן שרייען. און דאָ האָט רויטקאָפּ זיך גענומען צו דער אַרבעט. קומענדיק צו זיך נאָכן קלאַפּ, האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפן אין געשלעג מיטן לאַמטערן אונטערן אויג.

— איצט וועל איך אײַך ווײַזן... — האָט ער אַרויסגעזייט פון צווישן די ציין און אַרײַנגעשפּרונגען צווישן עולם, אַזוי ווי אַ טיגער.

בײַ אים אין האַרצן האָט געבושעוועט אַ משוגענער צאָרן, און פון ווילדן כּעס האָט ער גאָרניט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. די ברענעדיקע באַליידיקונג האָט פאַרטאָפּלט זײַנע כּחות און זײַן ענערגיע. פון יעדן קלאַפּ זײַנעם איז עמיץ געפאַלן.

— אָט אַזוי גיט מען בּאַ אונז קלעפּ! — האָט סאַשקע געשריען, זיך פאַרכליניענדיק פון אופרעקונג און געהאַקט אף רעכטס און אף לינקס, אַזוי ווי אין קרויט — אָט ווי מען שלאָגט זיך בּאַ אונז — האָט ער געקוועטשט פון זיך ווערטער, ניט אופהערנדיק צו אַרבּעטן מיט די פויסטן.

ספּירקע האָט געזען, אַז רויטקאָפּ איז זיך פאַנאַנדערגע־גאַנגען, און ער איז דורכדעם אויך געוואָרן טאָפּלט ענערגיש. די גנבים האָבּן זיך ניט געריכט אף אַזאַ דרייסטן אָנפאַל מצד רויט־קאָפּן און זיי זיינען צעטומלט געוואָרן. עטלעכע האָבּן זיך גאָר שטאַרק איבּערגעשראָקן און זיינען אפילו אנטלאָפן.

פעדקע קרומהענטל האָט געהאַט גרויס הנאה צוקוקנדיק, ווי רויטקאָפּס שונאים פאַלן ווי די זעק פון זיינע קלעפּ. ער האָט געלאַכט מיט אַ דריבּנעס, שטילינקען געלעכטערל, פון וועלכן זיין אָפּגעלאַבּערטער, געלער פּנים האָט זיך געקנייטשט. און דער נאַרבּ איז געוואָרן בּלוטרויט.

אין פינף מינוטן אַרום האָט זיך דער געשלעג איינגעשטילט. די זיגערס זיינען געווען רויטקאָפּ און ספּירקע. מער פון אַלעמען האָבּן אַריינגעכאַפּט משהקע און דער טייטש. משהקע איז געזעסן אף דער ערד בּאַ קרומהענטלען און האָט שטיל געכליפּעט, פאַר־גראָבּנדיק דעם פּנים אין די הענט.

— העלדישע יאַטן! — האָט פעדקע געלויבּט בּיידע חברים — און דו, רויטקאָפּ, בּיסט גאָר אַ כוואַט. פון דיר וועט נאָך אַרויס אַ לייט... נאַ דיר דערפאַר...

און צום גרויסן חידוש פון דער גאַנצער חברה, האָט פעד־קע דערלאַנגט רויטקאָפּן אַ גאַנצן רובּל.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען רויטקאָפּ און ספּירקע, צוזאַמען מיט דער נעכטיקער קאָמפּאַניע, אַוועק אין גאַסטהויז טרינקען טיי. משהקע איז געגאַנגען בּאַ רויטקאָפּס זייט. איצט האָט ער גע־האַט גרויס דרך־ארץ פאַר אים און ער האָט צו אים מער ניט גע־טראָגן קיין שום שנאה.

אַזוי איז אַריבער אַ גאַנצער חודש. די גאַנצע צייט האָט רויטקאָפּ געלעבט ווי אין אַ נעפּל. דאָס נייע לעבן, די נייע מענטשן און די נייע געפילן האָבן אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט, און גאָר קענען זיין ווילן איז סאַשקע אַוועק מיט אַן אַנדער וועג, ווי אים האָט זיך געוואָלט. מערערע מאָל האָט ער שוין בדעה געהאַט אַוועקצוגיין פון אַלעם, אָבער ספּירקע האָט אים שטענדיק איבערגערעדט. און ער איז ווייטער געבליבן. און אַזוי איז גאָר אומבאַמערקט אָנגעקומען דער חודש מאַי, אָנגעזאַפּט מיט ריחות און פול מיט בליעכצן און שפּראָצן.

סאַשקע איז געווען אַ פרייער פויגל און האָט געקאָנט גיין וואוהין און ווען ער האָט נאָר געוואָלט. אין משך פון דעם חודש האָט ער זיך אויסגעצייכנט צוגעקוקט צו דער שטאָט, האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. איינמאָל איז ער גאָר אומדערוואַרט אַרויסגעקומען אַפן ברעג און האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם ים. ס'איז גאָר אוממעגלעך איבערצודערציילן, וואָס ס'האָט זיך געטאָן מיטן אינגל, בעת ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם בלישטשעדיקן, אומענדלעכן שטח. ער איז געווען פאַרפּלעפט, און דער לעבעדיקער, כוואַליעדיקער ים האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. ער האָט אַ לאַנגע צייט געקוקט אַפן וואַסער, האָט געוואָרפן אויגן אין אַלע זייטן, אָבער זיי האָבן אין ערגעץ ניט געזען קיין אָפּשטעל — אומעטום האָט זיך געשפּרייט די בלויגלאָזע פליאַך, און רויטקאָפּן האָט מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע התפעלות. דידאָזיקע פרייע, גרענעצלאָזע ווייטן זיינען שטאַרק צום האַרצן געווען דעם קליינעם וואָגלער.

און זינט יענעם טאָג האָט סאַשקע זיך געפילט צוזאַמענגעוואַקסן מיטן ים. איטלעכן טאָג איז ער געקומען אַהער און אויסדערציילט דעם געליבטן ים אַלע זיינע ליידן און פריידן. ער האָט זיך צוגעבונדן צום ים מיט אַ ברענעדיקער, געטרייער ליבע.

מער פון אַלץ האָט אים געצויגן דער בלאָער פאַס, דאָרטן, וואו דער הימל גיסט זיך צענויף מיטן ים. ער האָט געפּרובט

דורכשטעכן מיטן בליק אַטדי ווײַטקײַט און זען, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן, הינטער איר. אָבער אומזיסט — דער בליק איז זיך צעגאַנגען אין אומענדלעכן שטח, און די אויגן האָבן אָנגעהויבן ווײַטאָן. דעמאָלט האָט סאַשקע גענומען חלומען, און אין זײַנע פאַנטאַזיעס האָט ער זיך אויסגעמאָלן דעם וואונדערלעכן לעבנשטײַגער פון די אויסטערלישע באַשעפענישן אַף יענער זײַט האָריזאָנט. אין די מינוטן האָט רויטקאָפּ מיט אַלע געדאַנקען און געפילן זיך געריסן אין די כּישופדיקע ווײַטן.

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז סאַשקע האָט אָנגעהויבן פאַרשטײן דעם לשון פונם ים. יעדנפאַלס, האָט אים זיך אויסגעדאַכט אַזוי. און דער ים האָט אים דערציילט אָן אַ שיור וואונדער־מעשהלעך. בעת דער ים איז געווען רואיק, האָט ער מיט אַ צאַרטער שטים, וואָס איז ענלעך געווען צו דער שטימעלע פון אַ וואַלדטײַכל, עפּעס צוגעשעפּטשעט זײַן צוהערער, און ער האָט, בלאָנדזשענדיק מיט פאַרחלומטע בליקן איבער דער גלאַטער אויבערפלאַך, מיט הנאה זיך אײַנגעהערט אין די שטילע, מילדע רייד. אין די שעהן האָט סאַשקע זיך געסודעט מיטן ים, קיינער האָט זיי ניט געשטערט, מער ניט ווי אַ ווינטל איז פון צײַט צו צײַט אָנגעלאָפן, האָט אופגעכאַפּט אַ פּאָר ווערטער, איז תּיכּף אָפּגעשוואַכט געוואָרן און זיי אַראָפּגעוואָרפן אין ים.

איינמאָל, ווען רויטקאָפּ איז געקומען צום ים, האָט ער מער ניט דערקענט זײַן מעכטיקן פרײַנט. שטענדיק אַזאַ גלאַטער און אַ מילדער, איז דער ים איצט געווען אויסער זיך. סאַשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, פּחד האָבנדיק צוצוגיין נאָענט צום ברעג. דער ים האָט זיך אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט און איז גראָ געוואָרן. קיין זון איז ניט געווען צו זען. דער הימל איז ווי אַ גראָע שווערע קאָלדרע אַראָפּגעהאַנגען איבער דער צעבושעוועטער אויבערפלאַך. דער ים האָט געברומט, געשוימט און געוואָרפן אַפן ברעג מוראדיקע כוואַליעס. די כוואַליעס זײַנען געפאַלן אין די האַרטהערציקע אָרעמס פון די פעלזן אַפן ברעג, האָבן, פאַרצווייפלט יאָמערנדיק, זיך געזעגנט מיטן לעבן, און זײַנען צעשפּליטערט געוואָרן אַף פּיצפּיצלעך. דער ווילדצעשטורעמטער ים האָט געקונצט

און זיך געהוידיעט, ווי וועלנדיק אַרויסשפּרינגען פון זיין טיפן געלעגער און פאַרשלינגען און פאַרפּלייצן אַלץ, וואָס ער וועט נאָר אָנבאַגעגענען אַף זיין וועג. די טויזנטער שיפן און שיפלעך האָבן אין טויטשרעק זיך געוואָרפן אַהין און אַהער און געפּאַטשט אָן ברעג. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער ים וואָלט באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיינע פּלייצעס די משא פון אַלע אָקרעגטן... רויטקאָפּ האָט אַ צייט זיך צוגעקוקט, ווי דער ווילדער ים עטעמט אויס זיין צאָרן, און דער כעס פונם ים האָט זיך אים אויך איבערגעגעבן.

— אַט אַזוי, אַזוי! — האָט מאַשקע מיט צאָרן געברומט, אַליין ניט וויסנדיק, וועמען ער מיינט מיט זיין כעס. אַהיים איז ער אַוועק עפּעס אויפגערעגט, עפּעס אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

און אַף מאָרגן האָט שוין דער ים, פּונקט ווי גאָרנישט ניט געווען, אים ווייטער באַגעגנט מיט דער געוויינטלעכער צאַרטקייט און מיטן שטילן, מילדן זשורטשען. און רויטקאָפּ האָט ווייטער זיך איבערגעגעבן זיינע חלומות, איינהערנדיק זיך אין די כישוף־מעשהלעך.

ספּירקע זומפּיש ווידער האָט שוין געפירט גאָר אַן אַנדער סאָרט לעבן. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעטונקט אין די אינטערעסן פון דער גנבים־באַנדע, און האָט טאַקע באַלד פאַרנומען באַ איר אַ חשובן פּלאַץ. טאָג און נאַכט איז ער אָפּגעזעסן מיט זיינע נייע פריינט אין גאַסטהויז, האָט געטרונקען בראַנפן, געריוכערט און געשמירט פּלענער, ווי דורכצופירן עפּעס אַן אויסטערלישע גנבה. מיט רויטקאָפּן פּלעגט ער זיך בעגעגענען נאָר באַנאַכט, אין קרומהענטלס היול. ביידע פריינט זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אָפּגעקילטער איינער צום אַנדערן, ספּירקע האָט זיך געפרייט, בעת רויטקאָפּ איז ניט געווען דערביי באַ אים, ווייל מאַשקע איז שוין איצט געווען פאַר אים אַ לעבעדיקער פאַרוואַרף. ס'זיינען געווען מינוטן, ווען זומפּיש האָט זיך געוואָלט אינגאַנצן אָפּשאָקלען פון אים, אָבער עפּעס האָט אים דאָך אָפּגעהאַלטן דערפון, בכלל האָט רויטקאָפּ עפּעס ניט געפונען קיין חן באַ די גנבים אין די אויגן, און ס'איז טאַקע געווען אַ חידוש, וואָס פעדקע קרומהענטל האָט אים

געהאלטן: ער האט דאך פּיינט געהאט לייִדיקגייערס. ווי ס׳שיינט אָבער, האט דער רבּי געהאט עפּעס אין אויסזיכט בנוגע סאַשקען. דעם אינגל האט אויך אָפּטמאָל דערעסן צו זיין אַ טונעיאַדניק, אָבער ווען ער האט געבעטן קרומהענטלען אים געבן אַרבעט, האט יענער אים געענטפערט: „וואַרט, וואַרט, בחורל, שפּעטער אַהין וועט זיך פאַר דיר אייַנגעפינען וואָס צו טאָן".

ספּירקע האט דערווייל ביסלעכווייז זיך גענומען עפּעס אויפטאָן. איינמאָל האט ער מיט וואַנקע טייטש געגנבעט צוויי באַלן שעפּסנוואָל. פעדקע האט זיי פאַר דעם באַצאָלט צען רובל, און ספּירקע האט זיך פון שמחה אַזוי שטאַרק אָנגעשיכּורט, אַז ער האט שיער ניט אַוועקגעהימלט. אַן אַנדערש מאָל האט ער אַרויסגעגנבעט בײַ אַ טענדלערקע אַ קאָשיקל מיט צעלניק. די איבעריקע גנבים האָבן אָנגעהויבן קוקן אָף אים מיט רעספּעקט און מיט קנאה קרומהענטל האט געהייסן די אַנדערע תלמידים זיינע זיך אָראָפּנעמען פון אים אַ משל און ער האט אים פאָרגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט.

ספּירקע האט זיך אָבער דערוואוסט, אַז פעדקעס תלמידים זיינען נאָך ניט די אמתע גנבים, אַז זיי זיינען ניט מער, ווי כלאַמידניקעס*), און אַז אין אָדעס זיינען פאַרן אַזעלכע גנבים, וואָס לעבן ווי די פּריצים, זיינען אויסגעפּוצט אין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און זיינען רייך, ווי די קיסרים. עטלעכן פון זיי האט ער אַליין געזען. איינמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, איז צו זייער הויף צוגעפאָרן אין אַ טייערן אָנשפּאַן אַ יונגער פּריץ אין אַ צילינדערהוט, מיט אַ סיגאַר אין מויל. ער האט עפּעס איינגערוימט קרומהענטלען און איז תיכּף צוריק אַוועקגעפאָרן. פון די חברים האט ספּירקע זיך דערוואוסט, אַז דעם עלעגאַנטן הערן רופט מען קאָילקע ענגלענדער, אָז ער איז אַ וואַשער**), אַז ער האט זיך פאַר צוויי יאָרן איינמאָל פאַרשאָטן און מען האט אים דעמאָלט געשלאָגן מכּת-רצח. ווייטער האט ספּירקע איינמאָל געזען די קע-

*) כלאַמידניקעס — גראָשנדיקע גנבימלעך, וואָס באַגנוגענען זיך מיט גנבענען מלבושים און אַנדערע קלייניקייטן.
**) וואַשער — אייזנבאַן-גנב.

ניגין פון די קעשעניקעס — סאָינקע גאָלד־ענטל. אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק, איז זי אין אַ קאַראַט צוגעפאָרן צו קרומהענטלס הייל, האָט אַריינגעזעצט צו זיך משהקע קאַראַקול און איז מיט אים אַוועקגעפאָרן. זינט דעמאָלט האָט ספּירקע משהקען מער נישט געזען.

אָט אַזוי אַרום האָט ספּירקע זיך דערוואוסט, אַז צווישן גנבים זיינען אויך פאַראַן „אַריסטאָקראַטן" און „המון". דער פּשוטער המון זיינען געווען די „כלאַמידניקעס", און די אַריסטאָקראַטן זיינען געווען די „לינקע"*).

ספּירקע האָט גרויס חשק באַקומען אויך צו ווערן אַ לינקער, אָדער לכל־הפּחות אַזאַ מין גנב, ווי ליאָנקע גראַנדאָווניק**), וועלכער איז באַזונדערש פּאָפּולער צווישן אַלע בלאַטע יונגען. אים האָט מען געהאַלטן פאַר איינעם פון די פלינקסטע שניפערס***). דאָס איז געווען אַ שיינער און אַ העלדישער בחור פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק. אַנגעטאָן איז ער שטענדיק געווען מיט אַזאַ שיק און פּראַכט, אַז בײַ אַלעמען זיינען אַרויסגעקראָכן די אויגן. צום ערשטן מאָל האָט ספּירקע געזען ליאָנקען אין אַ גנבים־טראַקטיר, וואו ער האָט פאַרשמאָרט זיינע פאַרדינסטן. ער האָט בסדר באַפוילן אופדרייען די מאַשין, און פאַר יעדער לידל האָט ער צוגעוואָרפן אַ צעקנייטשט פּאַפּירל. ספּירקע האָט דעמאָלט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פונעם צעהוליעטן שניפער און האָט אים ווילד מקנא געווען.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אין אַ פאַרנאַכט אַראָפּגעבראַכט צו קרומהענטלס דעמזעלביקן ליאָנקען — אַ צעמוזיקטן, אַ צעבלוטיקטן, אין הוילע אונטערוועש. אָבער דערפון האָט זיין אָנזען נישט געליטן, ווייל די גנבים זיינען שוין געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן.

*) לינקער — אַ פרייער גנב, וואָס גייט נישט אַריין אין קיין קאָמפּאַניעס און אַרבעט אויף אייגענער ריזיקע.

**) גראַנדאָווניק — אַ געוואַלדטוער, אַ גנב וואָס גייט אויף דער אַרבעט מיט וואָפן.

***) שניפער — אַ נאַכט־גנב, וואָס קריכט דורך פענסטערן (באַמ. פון מחבר).

דער גראַנדאָווניק איז זיך אויסגעלעגן אַ צוויי וואָכן און איז געזונט געוואָרן. דעמאָלט האָט אים קרומהענטל געגעבן בגדים, ליאָנקע איז אַוועק, און צוויי טעג צייט האָט מען אים ניט געזען. אַפן דריטן טאָג איז ער געקומען צו קרומהענטלען וועגן עפּעס אַ וויכטיקן ענין. רויטקאָפּ, ספּירקע, דער טייטש און די אנדערע קליינע חברה זיינען דעמאָלט געלעגן אין הויף און שוין געהאַלטן באַם איינשלאָפן. דעם שניפּערס אָנקום האָט פאַראינטערעסירט די אינגלעך.

— ווי ס'שיינט, האָט ער עפּעס אַ גוט געשעפטל — האָט ספּירקע שטיל אַ זאָג געטאָן.

— אומזיסט וועט דער גראַנדאָווניק ניט קומען צו לויפן, ער איז ניט פון די — האָט דער טייטש אויך צוגעגעבן.

נאָר איין רויטקאָפּ איז געבליבן גאָר גלייכגילטיק צו דער גאַנצער מעשה. ער האָט אין דער מינוט גאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי מען וואָלט זיך קאָנען ווייטער לאָזן אין וועג אַריין און ווי צוצורעדן ספּירקען, ער זאָל אויך מיטגיין מיט אים.

— זיי עצהנען זיך עפּעס צו לאַנג — האָט דער טייטש ווייטער געזאָגט.

אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווי קרומ־הענטל מיט ליאָנקען זיינען אַרויס אין הויף.

— נו, חברה, הייבט זיך! ס'איז דאָ אַ שטאָך אַרבעט— האָט פּעדקע באַפוילן.

אלע אינגלעך, וואָס זיינען געלעגן אין הויף, האָבן זיך האַסטיק אופגעהויבן.

— ניט אַלע, ניט אַלע — האָט קרומהענטל געזאָגט— מיטגיין וועלן נאָר ספּירקע, רויטקאָפּ און דער טייטש.. די איבעריקע מעגן ווייטער שלאָפן.

און מיט די ווערטער האָט ער זיך צוריק אומגעקערט צו זיך אין הויז.

ליאָנקע און די דריי אינגלעך זיינען שווייגעדיק אַריבער־געקראָכן דעם פּאַרקאַן און האָבן גענומען שפּרייזן צו דער שטאָט צו.

אַז זיי זיינען פאַרבײַ דעם מאַרקפּלאַץ, האָט ליאָנקע זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איכ'ל גיין פאַרויס, און איר, חברה גייט מיר נאָך; אָבער האַלט זיך פונדערווייטנס, פונקט ווי איר קענט מיך נאָר ניט.

און זיי האָבן זיך ווייטער געלאָזן אין וועג. ספּירקע איז געווען שטאַרק נערוויאיש. ער האָט זיך עפּעס געשראָקן און צו דער גלייכער צייט האָט אים די גאַנצע מעשה אויסטערליש הנאה געטאָן, ענדלעך האָט זיך זיין חלום פאַרווירקלעכט, און מען האָט אים גענומען אַף אַן ערנסטער שטיקל אַרבעט. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט? וועמען גייען זיי דאָ באַגנבענען? די קשיות האָבן אים ניט געלאָזט צורו. אים האָט ממש געוואָרפן אין קדחת פון אומגעדולד.

רויטקאָפּ האָט אויך שטאַרק חשק געהאַט צו וויסן, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס שטייט זיי פאָר, און ער האָט זיך אויך גע־שראָקן. עפּעס האָט ער געוואוסט וועגן דעם, אַז מען טאָר ניט גנבענען, אַז מען שטראָפט דערפאַר; אָבער ניט פאַר דער שטראָף האָט ער פחד געהאַט, נאָר פאַר אַן אַנדער זאַך, וואָס ער האָט אַליין ניט געוואוסט דעם באַטייט דערפון. באַם געדאַנק וועגן דעם, אַז ער וועט איצט באַ עמיצן אָפּנעמען עפּעס, אַז יענער וועט וויינען און קלאָגן צוליב דעם, איז אים געוואָרן שווער אַפן האַרצן, אין אים האָט זיך נאָך געצאַפּלט אַ ברעקעלע יושר.

אין אַ שעה אַרום האָט זיך די חברה אָפּגעשטעלט אַפן ווינקל פון אַ לעבעדיקער, רוישיקער גאַס. ליאָנקע גראַנדאָוויניק האָט זיך אַרומגעקוקט, און נאָכדעם געזאָגט צו זיינע באַגלייטערס:

— זעט איר, חברה, יענעם גרויסן, גראָען מויער, וואָס שטייט דאָ גראָדאיבער?

— מיר — זעען האָט ספּירקע געענטפערט פאַר אַלעמען.

— דעם טויער זעט איר אויך?

— מיר זעען.

— נו, הערט־זשע! — ליאָנקע האָט גענומען ריידן לוסטיק און שטיפעריש, פונקט ווי ער וואָלט זיך געוויצלט מיט

די אינגלעך, וועלכע ער באַגעגנט איצט צום ערשטן מאָל, אַזוי, אַז דעם עולם פאַרבייגייער וואָלט גאָר בשום אופן ניט געקאָנט איינפאַלן, ווען וואָס דאָ רעדט זיך אינדערזאמתן — אַפן ווינקל שטייט אַ מענטע*), און באַם טויער שטייט און האַלט שמירה דער בעזים**). דעריבער מוזט איר אין טויער אַריינגיין איינציקוויי, ניט אַלע מיטאַמאָל. דער הויף איז דאָרטן אַ גרויסער, טרעפ זיינען פאַראַן אַסך. איר וועט דורכגיין ביזן מיטן הויף און וועט מיך אָפּוואַרטן; איכ'ל אייך שוין דאָרטן באַהאַלטן. נו, איצט גייט, און אין דער מלינה***) וועל איך אייך זאָגן, וואָס איר האָט ווייטער צו טאָן... געריסט דעם באַלעבאָס! — האָט ליאָנקע פאַרענדיקט אינדערהויך, כדי די פאַרבייגייער זאָלן דערהערן, האָט זיך פיינטשיק אָפּגעזעגנט און איז זיך אַוועק אין דער אַנדער זייט.

די גנבימלעך האָבן גענומען דורכפירן דעם באַפעל. דער ערשטער איז די גאַס אַריבער ספּירקע און איז אַריין אין דעם אָנגעוויזענעם טויער, נאָך אים איז געגאַנגען רויטקאָפּ, און דער לעצטער — וואַנקע טייטש.

דער הויף איז געווען אַזוי מאָדנע גרויס און אַזוי געדיכט באַזעצט, אַז ער האָט אויסגעזען, ווי אַ שטעטל פאַר זיך. פון אַלע זייטן איז ער געווען אַרומגעבויט מיט הויכע מויערן, און די מויערן זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן. קופּערשמידן, בלעכער, שמידן, שוסטער האָבן געקלאַפּט מיט האַמערס און העמערלעך, פון אַ שאַכטלוואַרשטאַט האָט זיך דערטראָגן אַ קוויטשיקער געזאַנג פון אַרבעטערקעס, קינדער האָבן זיך געפּאָרעט אין הויף, אַזוי ווי די ווערימלעך, און זייערע הילכיקע קולות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן אַרומיקן טומל.

דאָ איז געווען פאַרשטיקט, הייס און איינג. די הונדערטער פענסטערן אין די אַרומיקע מויערן זיינען אַלע געשטאַנען אופּגעפּראַלט. אין די שויבן פון די אויבערשטע שטאָקן האָט זיך

*) מענטע—פּאָליציסט.
**) בעזים—הויזדיגער.
***) מלינה הייסט אַן אָרט, וואו דער גנב האַלט זיך אוף, אָדער וואו ער באַהאַלט די געגנבעטע זאַכן.

מיט צונטערדיקן פלאַקער געשפּיגלט די אונטערגייענדיקע זון, און אונטן האָבן זיך שוין געשפּרייט פאַרנאַכטיקע שאָטנס.

אויף די אַריינגעקומענע אינגלעך האָט קיינער אַפילו ניט אַרופגעקוקט. זיי זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער געדיכטעניש, אַזוי ווי שפּענדלעך אין אַ וואַלד. זיי האָבן דאָ געקאָנט ריידן וועגן אַלץ אין דער וועלט — קיינער האָט גיט אונטערגעהערט, קיינעם זיינען זיי ניט געלעגן אין דער לינקער פּאה.

— שוין איינמאָל אַ יריד! — האָט רויטקאָפּ זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון אויסרופן. ער האָט בכלל ניט געקאָנט גלייכגילטיק צוקוקן אַ גרויסן עולם.

— אָטדאָ לאָזט זיך טאַקע אַרבעטן... — האָט דער טייטש געזאָגט, און מעשה פאַכמאַן אַרומגעקוקט דעם הויף מיט די פּנינים.

באַלד איז צוגעקומען צו זיי דער גראַנדאָווניק.

— נו, חברה, חלומט ניט און גייט נאָך מיר! — האָט ער אַ וואָרף געטאָן אין פאַרבייגיין און איז אַוועק ווייטער.

די אינגלעך זיינען נאָך נאָך אים. אָפּגייענדיק אַ פּאָר צענדליק טריט, האָט ליאָנקע פאַרקערעוועט אין איינעם פון די פינסטערע אַריינגיינג און איז אַראָפּ אונטער אַ ברודיקן שטיינטרעפּ. דאָרטן האָט ער געעפנט אַ קליינע הילצערנע טירל און אַריינגעשטופּט זיינע נאָכגעקומענע געהילפן אין אַ פינסטערן אָפּלעגער.

— אָטדאָ וועט זיין אייער מלינה — האָט ער אינדערשטיל געזאָגט — זעצט זיך דאָ אויף די זעקלעך און הערט זיך צו: איר וועט דאָ זיצן, ביז אין הויף וועט שטיל ווערן. איך בין דאָ נעכטן אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט. שרעקט זיך ניט: אַהער וועט קיינער ניט קומען. דאָ איז אַ קוילנקאַמער, אָבער די דירה צו וועלכער דער אָפּלעגער געהערט, שטייט איצט ליידיק. די הויקעריקע דאָט שוין אַלץ אויסגעשמעקט...

„אָט וואָס זי טוט! — האָט רויטקאָפּ אַ טראַכט געטאָן וועגן דער הויקעריקע. דאָס איז געווען דעם קרומהענטלס אַלטע

מאַמע. זי איז געווען אַן אויסשמעקערין*), האָט אויסגעפונען פאַר די גנבים ערטער, וואו עס לאָזט זיך עפּעס אופטאָן.

— אַמדאָ האָב איך דורכגעבויערט אַ לעכל — האָט ליאָנקע ווייטער געזאָגט — דורך איר וועט איר זען דעם פענסטער, וואָס קעגנאיבער. דאָרטן וואוינט דער הויזפּאַרוואַלטער, אַ געשוואָלענער נגיד... ער איז אָנגעשטאָפּט מיט קעז**) אויב איר וועט נאָר אָפּטאָן די אַרבעט, ווי געהעריק, וועט דאָס גאַנצע עשירות זיין אונזערס... ווי נאָר עס וועט שטיל ווערן, און מ'וועט אויסלעשן דאָס פייער, זאָלט איר אָפּוואַרטן נאָך אַ שעה צייט, און דעמאָלט קריכט אַרויס. איינער פון אייך וועט עפענען דעם טויער: דער טויער ווערט ניט אָפּגעשלאָסן, נאָר אָפּגעשפּאַרט מיט אַ שער***).

— איך וויס, איכ'ל שוין עפענען... — האָט ספּירקע געענטפערט, פאַרקוועטשנדיק די ציין, עס זאָל זיך ניט הערן, ווי זיי קלאַפּן איינער אָן אַנדערן.

— ביסט אַ יאַט! און איצט הערט ווייטער: איכ'ל אויסשטעלן אין גאַס אַ שמירה, און איכ'ל זיך אויך אַרומדרייען דאָ די גאַנצע נאַכט... ווען עמיץ פון אייך וועט עפענען דעם טויער, זאָל ער אַרויסקומען און זיך צוויי מאָל אָפּהוסטן. דעמאָלט וועל איך אַריינקומען, אַרויסשפּריצן דעם פענסטער און אייך אַריינלאָזן אינעווייניק. דאָס איז אַלץ... און איצט וועל איך גיין. איר זאָלט זיצן רואיק, ציטערט ניט און ווערט ניט אַנטשלאָפן. וועט איר נאָר איינפּאָפן, לאָזט זיך אויס פון דער גאַנצער מעשה אַ בוידעם. זעט, חברה, דאָס איז אייער ערשטע שטיקל אַרבעט, פאַרפּאַסקודיעט זיך ניט!

שטיל און פאָרזיכטיק האָט דער גראַנדאָוויק געעפנט די טיר און איז אַרויס פון קוילנקאַמער.

---

*) אויסשמעקער—עמיץ, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אויסגעפינען ערטער, וואו צו גנבענען, און ער באַקומט דערפאַר אַ חלק פונם רווח.

**) קעז הייסט אפן גנבים-לשון געלט.

***) אַפן גנבים-לשון רופט מען אַ שער — אַ פּרענט, אַ פאַרלייג-אייזן.

— איצט, דאכט זיך, קאן מען שוין... — האט ספירקע א שעפטשע געטאן אין גרוים אופרעקונג.

אין הויף איז שוין לאנג געווען שטיל. מ׳האט קיין טומל מער ניט געהערט. אלע זיינען שוין, ווי עס שיינט, געשלאפן. דא ניט לאנג האבן די פריצן*) געזען דורך דעם שפעלטל, ווי קעגנאיבער איז פינסטער געווארן.

— איכ׳ל גיין... — האט געזאגט ספירקע, בא וועמען די נערוון האבן שיר ניט געפלאצט פון געשפאנטקייט. און ער האט זיך א הייב געטאן.

רייטקאפ און דער טייטש האבן איניקע מאל שוין אפילו געהאלטן באם איינדרעמלען, אבער יעדן מאל האט זיי דער עלעקטריזירטער ספירקע אופגעוועקט. איצט האט ער זיי אויך אופגעוועקט, און זיי האבן זיך נאכגעשלעפט נאך אים.

די נאכט איז געווען א מולדיקע פאר דער ארבעט — א פינסטערע און א רעגנדיקע.

ספירקע איז דער ערשטער ארוים אין הויף. אבער ווי נאר ער איז ארוים, האט ער קלאר דערהערט, ווי עמיץ שעפטשעט. אין טויטשרעק האט ער זיך אפגיך צוגעשפארט מיטן רוקן צו דער נאסער וואנט פון מויער און איז אזוי אפגעשטארבן. ערשט ווען די חברים זיינען צו צו אים, האט ער זיך געכאפט, אז דאס איינטאניקע טריפן פון רעגן איבער די בלעכענע דעכלעך האט אים דאס אזוי איבערגעשראקן.

אלע דריי זיינען זיי געשטאנען צוגעדריקט צו דער וואנט און האבן זיך געטרייסלט, ווי די בלעטער אפן ווינט.

— וואס גייסטו ניט צום טויער? — האט מיט אפגעשוואכטע ליפן געפליסטערט דער טייטש.

ספירקע האט א ציטער געטאן, פונקט ווי מען וואלט אים באשפריצט מיט קאלטע וואסער. ער האט זיך געכאפט, אז די

*) פריצן — יונגע גנבים.

פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אים, און ער איז מאַקע אַוועק אַף די שפּיצפינגערן צום טויער — ניט געגאַנגען, נאָר געשוואומען איז ער.

און דאָס רענגרל האָט זיך כּסדר געזיפט, און די טראָפּנס האָבן אָפּגעהילכט, אַראָפּפאַלנדיק אַף די שטיינער. ספּירקע איז צו צום טויער, האָט אַ ציי געטאָן דעם פרענט און געעפנט דאָס טירל. די אייזערנע הינגערס האָבן אַ שאַרפן סקריפּ געטאָן. ספּירקע האָט אויפגעהויבן די פּוס און גענומען פּאַרזיכטיק אַריבערשפּרייזן דעם הויכן שוועל. אין דער צייט, וואָס ער איז אַריבערגעגאַנגען, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז הינטער אים גייט נאָך עמיץ, און ער האָט זיך אַרומגעקוקט. הינטער זיך האָט ער דערזען עפּעס אַ גרויסן, טונקעלן פלעק, וואָס איז אָבער תּיכּף פאַרשוואונדן אין דעם אַרומיקן חושך. ספּירקע איז שיר ניט אומגעקומען פאַר שרעק. אַפן שטערן האָט אים אַרויסגע־שלאָגן אַ קאַלטער שוויס, און דאָס האַרץ האָט אופגעהערט קלאַפּן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז געווען אַ מענטש, און אַז אָט־אָט כאַפּט ער אים. אָבער ווען ס'איז פאַר־בײַ אַ מינוט, און קיינער האָט ניט צעשטערט די שטילקייט, האָט ספּירקע זיך אַביסל באַרואיקט און איז געקומען צו זיך. ער איז אַרויס אַפן מיטן טראָטואַר און האָט הויך אַ הוסט געטאָן. אַף דער אַנדער זייט גאַס האָט זיך באַוויזן אַ געשטאַלט און גענומען גיין צו ספּירקען. דער אינגל האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ליאָנקע, אָבער פונדעסטוועגן האָבן בײַ אים געציטערט די קניען און דאָס בלוט האָט געהאַמערט אין קאָפּ די גאַנצע צייט, וואָס דער גראַנדאָווניק איז געווען אַפן וועג.

— וואָס אַזוי שפּעט? — האָט ליאָנקע שטיל געפרעגט, צוקומענדיק צו ספּירקען.

— ערשט ניט לאַנג איז דאָרטן פינסטער געוואָרן.

— און אין הויף איז אַלץ שטיל? קיינעם ניט געזען?

— קיינעם ניט.

— נו, גוט! קום!

אין אווילע אַרום זיינען זיי שוין אַלע געשטאַנען אונטער אַ פענסטער פון ערשטן שטאָק.

— איצט, חבֿרה, זאָלט איר ניט טעמען — האָט ליאָנקע קוים אַרויסגעהויכט פון צווישן די ליפּן, און האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ לאַנגן, שאַרפן טשוואָק און איז צו צום פענסטער. ער האָט צוגעלייגט דעם פּנים צו דער שויב, זיך שאַרף איינגעקוקט, אָבער אין שטוב איז געווען פינסטער, און ער האָט גאָרניט געקאָנט זען. נאָכדעם האָט ער אָנגעטאַפּט דעם ווינקל פענסטער, צוגעלייגט צו דער שויב דעם טשוואָק און אים לייכט צוגעקוועטשט. ס'האָט זיך דערהערט אַ שטילער קלונג, ענלעך צום דריבזלען פון אַ צעשפּאָלטענער גלאָז. ליאָנקע האָט דורכגעפירט מיט דער האַנט איבער דער שויב און איז געווען שטאַרק קאָנטענט פון זיין אַרבעט: די שויב איז צעפּיצלט געוואָרן אויף אַסך שערבלעך. איצט איז געבליבן די שווערסטע אַרבעט — אַרויסנעמען אַלע שפּליטערס און אָפּרייניקן דעם פענסטערראַם פון די רעשטלעך גלאָז.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אויב אין גאַנצן איז אַלץ בשורה, נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט, האָט אַרויסגענומען איין שטיק גלאָז נאָך דער אַנדערער און האָט זיי מיט גרוים פאָרזיכט אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, ביז דער גאַנצער פענ־סטערראַם איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון גלאָז.

דעמאָלט האָט דער גראַנדאַוויניק זיך נאָכאַמאָל אַרומגע־קוקט, נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעשלעפּט די שיך, און זיינע געהילפן זיך אויך געהייסן אויסטאָן באָרוועס.

— ווער פון אייך איז דער פלינקסטער? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן.

— איך... — האָט ספּירקע דער ערשטער זיך אָפּגערופן.

ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס מיט אים איז. אַ שרעק איז אים דאָך, דאַכט זיך, באַפאַלן, ס'האָט אים געוואָרפן, און אין דערזעלביקער צייט האָט ער געבּרענט פון אומגעדולד, און אים האָט זיך געוואָלט אומעטום זיין דער ערשטער.

— אַזאַ קנאַקער ביסטו!.. נו, הער־זשע — איז ליאָנקע

האַרט צו צו אים — דו וועסט אַרייַנקריכן אין שטוב און פון אינעווייניק עפענען דעם פענסטער, מיר זאָלן אַלע אַריין.

ספּירקע איז תיכּף צו צום פענסטער און אַרייַנגערוקט דעם קאָפּ אין אופגעבראָכענעם לופטשיק. פון שטוב האָט אים אַנטקעגן אַ שלאָג געטאָן אַ וואַרימקייט.

— נו, קריכסט? — האָט ליאָנקע שטיל אַ פרעג געטאָן.

— יאָ — האָט ספּירקע געענטפערט.

דער גראַנדאָווניק האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די פיס און שיר מיט געוואַלד דורכגעשטופּט דורך דער עפענונג.

אין אַ רגע אַרום האָט שוין ספּירקע אָפּגערוקט דעם ריגל און געעפנט דעם פענסטער. רויטקאָפּ און דער טייטש זיינען תּיכּף אַרייַנגעקראָכן אינעווייניק. דער לעצטער איז אַריין ליאָנקע. ווען ער איז שוין געווען אַף איבער אַ העלפט אינעווייניק, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַזוי ווי פריער ספּירקען, אַז עמיץ גייט אים נאָך. ער האָט שאַרף אַרייַנגעשטאָכן זיין בליק אין דער פינסטערניש, אָבער קיין זאַך ניט געמערקט, האָט ער זיך בּאַרואיקט.

בּאַם שיין פון דער שוועבעלע, וואָס ליאָנקע האָט אָנגעצונדן, ווי נאָר ער איז אַרייַנגעקראָכן, האָט חברה דערזען אַ גרויסן צימער, עפּעס אַ מין קאָנטאָר. רויטקאָפּ האָט בּאַלד געוואָרפן אַ בליק אַפן שרייבּטיש, און האָט דאָרטן דערזען אַ בּראָנזענעם הינטל, וואָס איז געשטאַנען אַף אַ בּאַרג פּאַפּירן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס הינטל איז פון ריינעם גאָלד, ער איז צוגעלאָפן גיך, ווי אַ בּליץ, און האָט אים אַרייַנגעפּאַקט צו זיך אין קעשענע.

און פון דעם אויגנבּליק איז ער שוין געוואָרן אַן אַנדערער. דער גלייכגילט, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט בּאַמעכטיקט, האָט זיך איצט מיטאַמאָל אָפּגעטאָן פון אים, און אַ מאָדנע רירעוודיקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט, עפּעס אַ מין ווילדע גיריקייט. אים האָט זיך פאַרוואָלט אַרייַנכאַפּן אַלץ, וואָס ער האָט געזען אַפן שרייבּטיש, אַפילו דעם שרייבּטיש גופא אויך.

דער גראַנדאָווניק האָט דערווייל אַראָפּגעלאָזן די שטאָרעס פון די פענסטערן, און אין שטוב איז געוואָרן שטאָקפינסטער. ער האָט אָנגעצונדן איינע פון די בּיידע ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען

אין שיינע לייכטערס אַפן שרייבטיש. און איצט האָט סאַשקע מיט אַ ווילדן אימפּעט זיך גענומען ראַבעווען אַלץ, וואָס ס'איז אים נאָר געקומען אַפן אויג. מיט זשעדנע טרייסלדיקע און פּיבערדיקע הענט האָט ער געכאַפּט בּלייפעדערס, בּראָנזענע דעקלעך פון טינטערס, מעסערלעך, און האָט דאָס כּסדר געשטאָפּט אין די קעשענעס, וועלכע האָבן שיר געפּלאַצט. זיינע אויגן האָבן געבּרענט, און ער האָט שווער געפּריכט. ספּירקע איז אויך געווען אין אַזאַ מין צושטאַנד. בּיידע חברים האָבן זיך שיר ניט צעשלאָגן צוליב אַ קעסטל פּעדערן. דער גראַנדאָווניק האָט זיך דערווייל געפּאָרעט בּאַ דער אייזערנער געלטשאַפּע, וואָס איז געווען אָנגעשרויפּט אָן וואַנט, און דער טייטש האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום אים. בּאַלד אָבער האָט ליאָנקע איינגעזען, אַז אָן מכשירים קאָן מען דאָ גאָרנישט אויפטאָן. ער האָט מיט כּעס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש, אַרום וועלכן רויטקאָפּ און ספּירקע האָבן געאַרבּעט. וואַנקע טייטש האָט זיך אויך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, ווי אַ שאָטן.

— הערט אויף! וואָס טוט איר דאָ, שדים וואָס איר זייט?

— האָט ליאָנקע זיך גענומען בּייזערן אַף די חברים, זעענדיק מיט וואָס פּאַר אַ התמדה זיי ראַמען אַלץ אַרום.

— מיר אַרבּעטן! — האָט סאַשקע שיר ניט אַ געשריי געטאָן, פאַרגעסנדיק, וואו זיי זיינען.

— שאַ... רויטער טייוול! — האָט ליאָנקע אַ סקריפּ געטאָן מיט די ציין און אָוועקגעשלעפּט רויטקאָפּן פון טיש.

אָבער יענער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּח, זיך אַרויסגעריסן פון ליאָנקעס האַנט, ווייטער צוגעלאָפן צום שרייבּטיש און זיך אינגאַנצן אַרופגעלייגט אַף אים.

— דאָס איז מיינס... איך האָבּ דאָס דער ערשטער דערזען!... — האָט ער געבּרומט, זיך פאַרקייכט אין גרויס אויפרעקונג און זיך געפּלייעט אַרומצוכאַפּן דעם טיש מיט בּיידע הענט.

ס'איז אים ניט געווען צו דערקענען. זיין בּרייטער, קורצנעזלדיקער פּנים איז געווען אויסגעשמירט אין טינט, וואָס ער

האָט אויסגעגאָסן באַם אַרומראַמען דעם טיש. זיין היטל האָט ער שוין פאַרלאָרן פריער, אין קעמערל הינטערן טרעפּ, און זיינע רויטע קודלעס, וואָס האָבן אָפּגעשיינט, ווי צעשמאָלצענע גאָלד, זיינען געווען ווילד צעשויבערט. די אויגן זיינען געווען ברייט אויפגעריסן, און אין זיי האָט געפלאַקערט אַ פייער פון אומרו און אַנטשלאָסנקייט.

— קיינעם ניט אַוועקגעבן... איך בין דער ערשטער... דאָס איז מיינס... — האָט ער כסדר געברומט, ווי אין היץ, און זיך געקלעמט אָן טיש.

דער גראַנדאָוויניק איז בלייך געוואָרן ווי אַ טוך פון צאָרן און פון שרעק.

— וואָס פּראַוועסטו דאָ אַ פּאַר אַ שטיק, פּאַסקודנער הונט איינער? — האָט ליאָנקע געזיפט פון צווישן פאַרקוועטשטע ציין — ווילסט אונז פאַרשיטן?... איך שרעק זיך ניט פאַרן זיצן... אָבער דיך...

ער האָט ניט דערזעהט: אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שלאָס אין טיר האָט אַ סקריפּ געטאָן. די אַנדערע גנבים האָבן אויך דערהערט דעם קלאַנג, און מען קאָן זיך פאָרשטעלן זייער שרעק. אין איין מאָמענט זיינען זיי שוין געווען באַם אָפענעם פענסטער, גרייט באַ דער מינדסטער סכנה אַרויסצושפּרינגען. אַזוי איז אַריבער אַ מינוט אין גרויליקער, פּיינלעכער וואַרטעניש. אָבער ס'איז געווען טויטשטיל. מען האָט נאָר געהערט, ווי אינדרויסן פאַלן אויף די שטיינער לעצטע שווערע רעגנטראָפּנס און ווי פון אַנדער צימער דערטראָגט זיך אַ רואיקער טיקען פון אַ גרויסן וואַנטזייגער.

אַזוי זיינען פאַרבײַ נאָך עטלעכע מינוטן. די דריי אינגלעך האָבן נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו זיך, און האָבן מיט גרויל געקוקט אויף דער טיר, פון וועלכער ס'איז, ווי זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, געקומען דער סקריפּ. נאָר דער גראַנדאָוויניק איז גיך געקומען צו זיך און באַשלאָסן ווייטער זיך צו נעמען צו דער איבערגעריסענער אַרבעט. די הויקעריכע האָט אים אָנגעוויזן, אַז אין עסצימער שטייט אַ בופעט, אָנגעפּאַקט מיט זילבערנע כלים,

און אין שלאָפצימער שטייט אָפן טישל אַ שאַכטעלע מיט צירונג. אין די בײדע צימערן האָט ער געוואָלט אָפּשטאָטן אַ וויזיט. און ער האָט געגומען גיין צו דער טיר וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן פענסטער, ווייל ער האָט גערעכנט, אַז די טיר פירט אין עסצימער.

ליאָנקע איז שטיל צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט אָנגענומען דאָס הענטל און, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, אַ פּאַמעלעכן דריק געטאָן. אָבער די טיר האָט זיך ניט געעפנט, קלאָר, זי איז געווען פאַרשלאָסן. ער איז געוואָרן אַ טויטער: „הייסט עס, האָט ער זיך געטראַכט, איז דער סקריפ פון שלאָס, וואָס ער האָט פריער געהערט, ניט געווען קיין פוסטער". ער האָט נאָך באַשלאָסן אויסצופּרובן די צווייטע טיר, וואָס איז געווען אין צימער, און „אויב יענע איז אויך פאַרשלאָסן, האָט ער געטראַכט, מוז מען וואָס גיכער שטעלן פיס".

צו ליאָנקעס גרויסער פרייד, איז די צווייטע טיר ניט געווען פאַרשלאָסן. ער האָט איר שטיל געעפנט, און מיט זיינע געניטע אויגן האָט ער געזען, ווי פון דער פינסטער הויבט זיך אַרויס אַ גרויסער, טונקעלער בופעט. ער האָט געלאָזן די טיר שטיין אָפן, האָט זיך אומגעקערט אַריינרופן זיינע געהילפן, און האָט אויסגעלאָשן די ליכט. אין צימער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ דעמערשיין פונם אָנקומענדיקן באַגינען.

—חברה—האָט דער גראַנדאָוניק געפּליסטערט—ס'איז שוין ניט פרי... באַלד וועט שוין אָנהויבן טאָגן... צום קעסטל מיט דער צירונג קאָנען מיר זיך ניט צוקלייבן, אָבער דער עסצימער איז שוין אין אונזערע הענט... לאָמיר דערווייל נעמען די זילבער, און וועגן די צירונג וועלן מיר שפּעטער זען... דו, ספּירקע, בלייב דאָ שטיין שמירה... ווי דו וועסט עפּעס מערקן, גיב שוין צו וויסן... און מיר דריי וועלן גיין אַ שאַר טאָן אין עסצימער...

אין די פענסטערן פונם עסצימער האָט שוין אַריינגעקוקט אַ גראָע ליכט. ס'איז געבליבן גאָר ווייניק צייט. מיטן בופעט האָט ליאָנקע געמאַכט ווייניק מהזוקות. ער האָט מיט אַן אַנקלשטיפט אַפּגיך געעפנט אַלע טירלעך און האָט גענומען אַרויס=

שלעפן פון דאָרטן סאַלפעטקעס און טישטעכער, לעפלען, גאָפּל־מער און טייערע זילבער־חפצים. וואַנקע און רויטקאָפּ האָבן אים געהאָלפן, האָבן איינגעוויקלט אין אַ סאַלפעטקע יעדן מעטאַלענעם חפץ. איצט איז רויטקאָפּ ניט געווען באַזונדערש צופרידן: אים האָבן ווייניק וואָס אינטערעסירט די אַלע גאָפּלמעסער, כאָטש דאָס איז געווען זילבער. אים האָבן מער געוואַרימט די אַלע גלאַנציקע, בראָנזענע חפצימלעך, מיט וועלכע זיינע קעשענעס זיינען געווען פול אָנגעפּאַקט. אים האָט זיך שוין געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין פונדאַנען און גענוי באַקוקן דאָס גאַנצע עשירות, וואָס אים איז אָנגעקומען.

— נו, איצט איז אַלץ — האָט דער גראַנדאָוניק אַ זאָג געטאָן, אַרופגעלייגט אויף די פּלייצעס אַ גרויסן פּאַק און זיך גענומען שטעלן טריט אויף צו פאַרלאָזן דעם צימער. רויטקאָפּ און דער טייטש זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך אים.

אָבער זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן צו דערגיין ביז צו דער טיר, ווי מיטאַמאָל האָט זיך צו זיי דערטראָגן ספּירקעס פאַרצווייפלטער געשריי, און ס'האָט זיך דערהערט אַ טאָפּען פון פיס, מענערשע שטימען און אַ קלאַפּן מיט טירן. באַ ליאָנקען זיינען אָפּגענומען געוואָרן די פיס, דער פּאַק איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט און האָט זיך מיט אַ טעמפּן הילך אַראָפּגעגליטשט אויפן דיל. רויטקאָפּן האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויל, ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב, און מיט אַ פיבערדיקער גיכשווינדקייט האָט ער גענומען אויספּאַקן און אַרויסוואַרפן פון די קעשענעס אַלע חפצים, וואָס ער האָט אָנגעגנבעט.

— אָט זיינען זיי, די גנבים!... — האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ קרעכטיקע, גראָבע שטים, און אין עסצימער זיינען אַריינגעלאָפן עטלעכע בערדיקע מאַנסלייט.

— אַהאַ, חברימלעך, געפּאַקט!... — האָט איינער פון די געקומענע, אַ ברייטפּלייציקער, געזונטער חברה־מאַן, אויסגערופן מיט אמתער פרייד — אָט פונקט ווי די טייבעלעך אין אַ נעץ זיינען זיי אַריין!...

דער גראַנדאָוניק האָט גענומען געשווינד לויפן אין אַנדער

ציִמער: ער האָט געמיינט, אַז אים וועט נאָך געלינגען אַרויסשפּרינגען דורכן פענסטער, אָבער דאָרטן זיינען שוין געשטאַנען מענטשן און געהאַלטן ספּירקען.

אין עטלעכע מינוטן אַרום איז חברה גנבים געשטאַנען אין הויף, אַרומגערינגלט פון דוואָרניקעס, אַרבעטער און מערערע פּריוואַטע שומרים. דער ברייטפּלייציקער גוי, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיי זיינען געפּאַקט, האָט פעסט געהאַלטן רויטקאָפּן פאַר דער האַנט, האָט זיך בסדר צוגעבויגן צו אים און מיט פרייד געשעפּטשעט: „נו, טייערינקער, אַריינגעפאַלן?" און דערביי האָט ער געהאַט אַזאַ פּנים, ווי ער וואָלט אָנגעזאָגט די גרעסטע שמחה.

דער באַגינען האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן איבערן הויף, און אין הויז האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן אופכאַפּן פון שלאָף. פענסטערן האָבן זיך געעפנט, נייגעריקע פּנימער האָבן אַרויסגעקוקט, פון אומעטום האָבן זיך געטראָגן פראַגעס:

— וואָס איז געשען?

— וואו? געפּאַקט?... ווער? געפּאַקט?...

— וואָסערע גנבים?... אַהאַ, דאָס זיינען זיי?... נו, שלאָגט זיי, וואָס שווייגט איר?...

רויטקאָפּ האָט געהערט אָט די אַלע אויסרופן, אָבער אַריינדרינגען אין זייער מיין האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט. אין קאָפּ האָט אים עפּעס בסדר געקלונגען, און פאַר זיינע אויגן האָבן געקנוצט פייערדיקע קרייזן. ער האָט זיך אַף אַזוי פיל פאַרלאָרן, אַז ער האָט פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט פאָרשטעלן זיך, וואָס ס'איז מיט אים געשען. אַלץ, וואָס דאָ איז איצט פאָרגעקומען, האָט אים געשיינט צו זיין אַ חלום, און אָפטמאָל האָט זיך אים אפילו אויסגעדאַכט, אַז אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט צו אים קיין שייכות נישט, און אַז ער איז דאָ גאָר אַ זייטיקער מענטש. אַף זיין ברייטן, טויטבלאַסן פּנים האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ נעבעכדיק שמייכעלע. געקומען צו זיך איז ער גאָר, ווען עמיץ האָט אַ געשריי געטאָן: „שלאָג זיי!..." ווייל תיכּף האָט זיך דערטראָגן ספּירקעס פאַרצווייפלטער יאָמערן.

— טייערינקע, מער וועל איך שוין נית! — האָט ספּירקע געיאָמערט.

נאָך ספּירקעס געשריי האָט זיך דערטראָגן וואַינקעס וויינעדיקער קול און נאָכדעם — ליאָנקעס טעמפּער, פאַרשטיקטער כריפּען.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי... — האָט מען פון אַלע זייטן געשריען.

— שלאָגט זיי... די גנבים-באַנדע!... — האָט נאָך עמיץ געשריען. און רויטקאָפּן האָט עמיץ אויך מכבד געווען מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין פּאָטילניצע. דער קלאַפּ איז געווען אַזוי העפּטיק, אַז דעם אינגל איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. ער וואָלט געוויס געפאַלן, ווען נית דער געזונטער חברה-מאַן, וואָס האָט אים געהאַלטן בײַ דער האַנט.

— האַלט זיך איין! — האָט דער חברה-מאַן אַ זאָג געטאָן — בײַ אַזאַ מין שלאָגן וועט ער דאָך גאָר גיך גיין אַ גאַנג...

— זאָל ער נית גנבענען! — האָט דער שלאָגער געענטפערט.

און מיטאַמאָל איז געשען גאָר אַן אומדערוואַרטע זאַך. דער גראַנדאָווניק, וועמען עטלעכע מענטשן האָבן פעסט צוגעהאַלטן און געשלאָגן מכּת-רצח, האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסן, האָט מיט אַ פלינקן זעץ אַ שלײַדער געטאָן עמיצן אַף דער ערד, און גענומען לויפן צום טויער. דער גאַנצער המון האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים. אויך דער, וואָס האָט צוגעהאַלטן רויטקאָפּן, האָט זיך גענומען לויפן. אָבער זײַן געפאַנגענעם האָט ער אַלץ נית אַרויסגעלאָזן פון האַנט, און סאַשקע האָט אויך געמוזט מיטלויפן מיט אים אין איין אָטעם.

אין גאַס האָט דער עולם זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן. די פייערלעכע, פריבאַגינענדיקע שטילקייט איז צעשמעטערט געוואָרן דורך הילכיקע געשרייען, פייפעריייען און טריט.

— האַלט אים!.. כאַפּ אים, כאַפּ אים!.. — האָט מען געליאַרעמט.

רויטקאָפּ האָט דערפילט, ווי זײַן שומר איז איצט פאַרטאָן

אין יאָגן זיך און ער האַלט אים ניט אַזוי פעסט, ווי פריער. „אפשר זיך גאָר אַרויסרייסן‟? האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און דער געדאַנק האָט אופגעוועקט זיין איינגעשלאָפענע ענערגיע. און ניט לאַנג קלערנדיק, האָט ער אַ געזונטן ריס געטאָן זיין האַנט פון דער האַנט, וואָס האָט איר פעסט געהאַלטן, און ער האָט באַוויזן זיין ביז=איצטיקן שומר, ווי אַזוי מען דאַרף לויפן...

— האַלט אים! — האָט דער געזונטער אומגעלומפערטער חברה=מאַן אַ ווילדן געשריי געטאָן און זיך גענומען מיט אימפעט לויפן נאָך סאַשקען; אָבער פון יענעם איז שוין קיין זכר ניט געווען.

אַן אומגעריכטע באַגעגעניש.

אַז רויטקאָפּ איז, אַ פאַרסאָפּעטער און אַ פאַרכראָפּעטער, צוגעלאָפן צום שטאָטגאָרטן, איז שוין געווען העלער טאָג. אַן אויסגעמאַטערטער פון שרעק, אַ באָרוועסער און מיט צעשויבערטע האָר, אָן אַ היטל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, כדי זיך אָפּצוּוועטעמען. אַרום איז געווען שטיל און פוסט. די קולות, די פייפערייען און יאָגענישן זיינען געבליבן ערגעץ הינטער אים.

דער טויער איז נאָך געווען פעסט, און סאַשקע איז אַריבערגעקראָכן דעם שטאַכעטנצוים, וואָס האָט געצוימט אין פאַרק. ער איז אַרומגעלאָפן איבער די אַלייען, האָט זיך צוגעקוקט צו די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך ערשט אופגעכאַפּט און האָבן געטרונקען דעם פרימאָרגנדיקן טוי, און ער האָט בכלל געהאַט גרויס הנאה פון אַלץ, וואָס אַרום אים. ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם אַלעמען, וואָס איז זיך דאָ לעצטנס מיט אים פאַרלאָפן.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט פון יענער זייט גאָרטן אַ גרילץ פון אַ פּאָליצייאישער פייפעלע. ווי אַ דונער וואָלט רויטקאָפּן מיטאַמאָל געטראָפן. ער איז געווען זיכער, אַז די יעניקע, וואָס יאָגן זיך נאָך אים, זיינען שוין געקומען אַף זיינע שפורן. מיט גרויס שרעק האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער עסטראַדע, האָפנדיק דאָ צו געפינען עפּעס אַ ווינקעלע, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן

די עסטראַדע איז געשטאַנען הויך, און מען האָט אַהין בשום אופן זיך ניט געקאָנט אַרופכאַפּן. רויטקאָפּ האָט דערזען אָן אַ זייט אַ הילצערנעם טרעפּל פאַר די מוזיקער, און אונטער דעם טרעפּל האָט ער אויסגעפונען אַ קליינע עפענונג. ניט לאַנג קלערנדיק, האָט ער זיך אין דער עפענונג אַריינגעשפּאַרט און איז אַריין אונטער דער פּאָדלאָגע פון דער עסטראַדע.

דאָרטן איז געווען חושך־פינסטער און שטיל. סאַשקע האָט געפּויזשעט אַף אַלע פיר, איז דערקראָכן ביז אַ באַרג זעגלשפּענער און זיך אָוועקגעלייגט אַף דעם. זיין האַרץ האָט געפּויקט, ווי אַ גזלן, און ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט באַרואיקן. ווען זיין שרעק האָט צום סוף זיך דאָך איינגעלייגט, האָט אים אין מח גענומען נאָגן די פראַגע, וואָס וועט איצט מיט אים זיין, און אַפן אָרט פון שרעק איז געקומען אַ געפיל פון אומעט און פון פאַרצווייפלונג. די צרות און די שוועריקייטן פונם גנבים־לעבן, וואָס זיינען אים ביז איצט אומבאַקאַנט געווען, האָבן אים אינגאַנצן דערדריקט. ער האָט קיין כח ניט געהאַט אַף צו האַלטן ווייטער די שווערע מלחמה. ער איז שטאַרק געפאַלן באַ זיך. און פון זיינע אויגן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן זודיקע טרערן. ער האָט ביטער און שטיל געוויינט, זיך דערמאָנענדיק אין דער היים. פאַר זיינע אויגן האָבן אויפגעלעבט געשטאַלטן, פּנימער און געשעענישן. איצט איז אים אַלץ געווען טייער: האָלאָדאַיעווקע, די חברים, די זאַזוליעס, און דוניע, און „מיינהונט”, און אַפילו קאַטערינע.

אסך טרערן האָט רויטקאָפּ פאַרגאָסן אין יענעם אומעטיקן פרימאָרגן. און ווען די טרערן האָבן זיך אויסגעשעפּט, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ פאַראומערטער.

און מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז ניט אַליין אונטער דער עסטראַדע. באַ דעם געדאַנק האָבן זיך אים די האָר געשטעלט קאַפּויער, און אַ סקרוך איז אים אַריבער איבערן לייב. אים איז פאָרגעקומען, אַז דערביי באַ אים האָט זיך עמיץ אַ דריי געטאָן, און באַלד נאָכדעם האָט ער שוין גאָר דייטלעך דערהערט אַ זיפץ. באַ סאַשקען האָט אַ צאָן אָן אַ צאָן גענומען קלאַפּן, און אין משך פון אַ פּאָר סעקונדן האָט ער שוין באַוויזן אַריבערצו־

ווארפן אין גערדאנק אַלע מעגלעכקייטן, אָנגעהויבן מיט אַ שד און מיט אַ שרעטעלע, און פאַרענדיקט מיט אַ מכשפה און מיט אַ רוצח און מיט כּלערליי ניט־גוטע.

— ווער איז דאָ? — האָט ער דערהערט איבער זיך עמיצן שעפּטשן.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט רויטקאָפּ זיך אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט, פּונקט ווי אַ געביסענער, און ער האָט געשווינד געקומען קריכן אַף אַלע פיר צוריק צו דער עפענונג אונטערן טרעפּ, דורך וועלכן עס איז אַריינגעפאַלן אין דער הייל אַ קליינער ליכטיקער פלעק.

— אָ, ס'איז שוין טאָג!.. צייט אַרויסצוקריכן... וואָס לויפסט איר עפּעס אַוועק? — האָט רויטקאָפּ דערהערט הינטער זיך.

סאַשקע האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אומבאַקאַנטער קריכט נאָך אים נאָך, און ער האָט נאָך האַסטיקער גענומען פּויזשען. אין אַ רגע אַרום איז ער שוין אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער דער עסטראַדע און גענומען אין איין אָטעם לויפן איבער דער אַלייע. נאָכן אָפּלויפן אַ היפּשע שטיקל, האָט ער זיך אויסגעדרייט און זיך אומגעקוקט — און דאָ האָט ער אַ געשריי געטאָן פון גרויס איבעררעשונג און פרייד: בײַ דער עסטראַדע איז געשטאַנען האַלבפּונטל! ס'איז גאָר ניט מעגלעך מיט ווערטער איבערצוגעבן סאַשקעס התפּעלות, בעת ער האָט דערזען זיין מייערן חבר און פריינט. מיט אַ ווילדן געשריי האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו האַלבפּונטלען, גרייט זיך צוצולאַשטשען צו אים, אָבער יענער האָט מיט אַ שטרענגן קוק אים אָפּגעהאַלטן אַפן האַלבן וועג. האַלבפּונטל האָט ניט דערקענט זיין קליינעם חבר׳ל, ווייל סאַשקעס פּנים איז געווען שוואַרץ, ווי בײַ אַ נעגער.

— פּעטערל... — האָט רויטקאָפּ פאַרשעמט געפּרעפּלט.

אָבער האַלבפּונטל האָט אים ניט געלאָזט דעררײדן: ער האָט דערקענט זיין האַרעוואַניקס שטים און איז צוגעפאַלן אים אַרומכאַפּן.

— סאַשקע... רויטקאָפּ... דו ביסט דאָס טאַקע? — האָט האַלבפּונטל אויסגערופן, פעסט צוטוליענדיק צו זיין האַרצן דעם

אינגל. דער קונצנמאַכער איז שטאַרק אויפֿגערעקט געווען פֿון טאָדער אומגעריכטער באַגעגעניש, און מיט אַ ציטערדיקער שטים האָט ער כּסדר געשאָטן מיט רייד: — און וואָס פֿאַר אַ טינטים האָסט זיך דאָס אויסגעבאָדן? טו נאָר אַ קוק אַף זיך, מיין פֿריינט, וואָס פֿאַראַ פּנים דו האָסט. שוואַרץ ביסטו, ווי אַ נעגער, און די האָר דיינע זיינען ווי בײַ אַן ענגלענדער. אַ רויטהאָריקער נעגער ביסטו גאָר! אַ זעלטענע באַשעפֿעניש! מ׳קאָן דיר דאָך ווייזן אַף בילעטן, אַ רענדל אַ קוק...

האַלבפֿונטל האָט געלאַכט. רויטקאָפּ האָט געשוויגן, אָבער ווערליק זיין שמייכלדיקן פּנים, וואָס איז אויסגעשמירט אין טינט און טרערן, און ווערליק די שטראַלנדיקע אויגן, וואָס האָבן געטריי געקוקט אַפֿן קונצנמאַכער, האָט מען געקאָנט זען, אַז ער איז גליקלעך און צופֿרידן.

— וואו ביסטו דאָס פֿאַרשוואונדן? — האָט האַלבפֿונטל ווייטער געפֿרעגט — וואו האָבן דיך די ניט־גוטע געטראָגן, וואָס האָסטו געטאָן? מיר האָבן זיך דאָך שוין ניט געזען אַ קיילעכדיקן יאָר... האַ, וואָס שווייגסטו, מיין רויטקעפּעלע?

סאַשקע האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט זיך נאָר אָפּגעזיפֿצט און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. האַלבפֿונטל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער אינגל האָט מסתּמא ניט צו דערציילן קיין גוטס, אַז עס איז אים שווער וועגן דעם צו ריידן, און דעריבער האָט ער אים מער ניט געפֿרעגט.

— נו, וועסט מיר שפּעטער אַלץ אויסדערציילן — האָט ער געזאָגט — און הערוויל קריך אַריין אין שלאָפֿצימער (דערביי האָט ער אָנגעוויזן אַף דער עסטראַדע) און זוך דאָרטן אויף דיין היטל... נאָכדעם וועלן מיר גיין זיך אָפּבאָדן, און נאָכדעם... מילא, מיר וועלן שוין שפּעטער זען, וואָס נאָכדעם וועט זיין... נו, וואָס שטייסטו עפּעס?... טו אַ שפּריז נאָך דיין היטל, זאָג איך דיר דאָך...

— איך האָב ניט קיין היטל — האָט סאַשקע שטיל געזאָגט.

— וואו איז עס דען?

— פאַרלאָרן...

— וואו פאַרלאָרן?

רויטקאָפּ האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזן די אויגן און פאַרביסן געשוויגן.

— נו, מילא... קום צום ים. מיר'ן זיך אויסבאָדן, און נאָכדעם אָנהויבן טראַכטן... נו, געשטעלט טריט!

אין אַ שעה אַרום זיינען זיי ביידע געזעסן באַם ברעג ים און געשמועסט. רויטקאָפּ האָט אויסדערציילט זיין פריינט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט פון יענעם מאָמענט אָן, ווען מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן ביז דער פאַרגאַנגענער נאַכט, ווען מען האָט אים געפּאַקט באַ דער גנבֿה.

— אַזוי הייסט עס... אָט דאָס זיינען דיינע אופטוועכצן פאַר דעם יאָר צייט? — האָט האַלבפונטל זיך אָפּגעזיפצט, ווען זיין יונגער פריינט האָט פאַרענדיקט זיין געשיכטע — יאָ, ברו־דערל, דאָס לעבן איז ניט פאַר אַלעמען גלייך: פאַר איינעם איז עס גרינג, ווי אַ פעדערל, פאַרן אַנדערן איז עס שווער, ווי אַ פוד שטיינער... צו דיר האָט עס זיך גאָר האַמעטנע גענומען, עס ווערגט דיך גאָר אַפן אמתן שטיינער; איך האַלט, אַז פאַר דיר איז שוין צייט זיך צוריק אַריבערצופּעקלען אַהיים...

רויטקאָפּ האָט געשלונגען דעם קונצנמאַכערס ווערטער, און האָט צו דער גלייכער צייט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון זיין באַליבטן ים, מיט וועלכן ער זעט זיך איצט, ווי אים האָט זיך געדאַכט, צום לעצטן מאָל.

— און איצט — האָט האַלבפונטל אין אַ ווײַלע אַרום אָנגעהויבן — וועל איך דיר דערציילן, וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב געקויפט אַ חלה און געוואָלט דערמיט צוריק אַריינלויפן צו דיר אין וואַגאָן, אָבער דער צוג איז מיר אַוועק פאַר דער נאָז, און גיי שיט אים זאַלץ אַפן עק. ס'איז מיר געוואָרן שטאַרק אומעטיק, און כ'האָב גענומען קלערן, וואָס מיט דיר וועט זיין און וואו דו וועסט דערפאָרן. אָבער לאַנג צו קלערן האָב איך ניט

ליב, איך האָלט שטענדיק בעסער פון טאָן עפּעס. און איך האָב באַ־ שלאָסן באַלד מיטן צווייטן צוג נאָכצופֿאָרן נאָך דיר קיין אָדעס...
אין אָדעס האָב איך דיך דריי טאָג צייט אַרומגעזוכט, אָבער כ'האָב דיך ניט געפֿונען. דעמאָלט האָב איך אַריבערגעשפּרייזט קיין זשיטאָמיר...

— וואוהין?

— קיין זשיטאָמיר, אין דער שטאָט, פֿונוואַנען דו קומסט...

— און וואָס איז דאָרטן פֿאַר אַ טייך? — האָט סאַשקע געפֿרעגט שטאַרק צערודערט, ניט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פֿון האָלבפֿונטלען.

— טעטערעוו...

— אמת, טאַקע אמת!.. — האָט רויטקאָפּ מיט גרויס שמחה צוגעגעבן, און איבער זיין ברייטן פּנים האָט זיך אויסגע־ לייגט אַ ליכטיק, פֿריידיק שמייכעלע.

— בין איך, הייסט עס, אין אַ חודש אַרום אָנגעקומען אין זשיטאָמיר — האָט האָלבפֿינטל ווייטער גענומען דערציילן — האָב זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט, האָב זיך אַרומגעשלעפּט פּאַזשע דעם טייך...

— און באַ אונז ביסט געווען?.. — האָט סאַשקע מיט גרויס אומגעדולד אַ פֿרעג געטאָן.

— וואו איז דאָס „באַ אונז"? — האָט האָלבפֿונטל גע־ פֿרעגט מיט אַ שמייכעלע.

— באַ די זאַזוליעס... דוניען האָסט געזען, און אפשר אויך „מיינהונטן"?..

— ניין, איך האָב זיי קיינעם ניט געזען. אָבער דעם טייך האָב איך געזען: אַ פּלאַכינקער, אַ שטייניקער, עפּעס גאָר אַ ניש־ טיק טייכל...

— ניט אמת, ס'איז אַ גוטער טייך! — האָט רויטקאָפּ זיך שטאַרק אָנגענומען די קריוודע פֿון זיין היימישן טייך — דאָרטן זיינען פֿאַראַן טיפֿע ערטער אויך... איינמאָל אפֿילו איז אין אים אַ שיכּור דערטרונקען געוואָרן...

— נו, ברודער, דאָס איז קיין ראיה ניט: אַ שיכּור

טרײנקט זיך אין אַ קאַלוזשקע אויך... אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. הער ווײַטער: אין זשיטאָמיר האָב איך דיך ניט געפֿונען, און איך בין אַוועק צוריק אין אָדעס. איך בין געגאַנגען צופֿוס, און נעכטן ערשט בין איך אָנגעקומען אַהער פֿון קעשעניעוו. אין קעשעניעוו האָב איך געקרײַנקט, אָפּטמאָל קרײַנק איך אַביסל אונטער... און אַהער בין איך געקומען אָן אַ גראָשן געלט, און אַפֿילו אָן אַ טאָרבע. כ'האָב פֿאַרקרײַנקט אַלץ, וואָס כ'האָב פֿאַרמאָגט. איך האָב איבערגענעכטיקט אין שטאָטגאָרטן, און ווײַטער ווייסט שוין אַלץ אַליין. איצט וועל איך בײַ דיר אַטוואָס פֿרעגן: ווילסט צוריק אַהיים?

— אָ, ווי איך וויל, פּעטערל, נאָך אַ מין וועלן...

— רוף מיך ניט פּעטערל.

— איכ'ל ניט רופֿן, פּעטערל...

— ווידער שוין?!

— מער וועל איך שוין ניט... — רויטקאָפּ האָט אָרופּגעלייגט אַלע זײַנע פֿינגערן אַפֿן מויל, און זײַנע שאַלקהאַפֿטיקע ברוינע אויגלעך האָבן געשפּריצט מיט שעלמישן געלעכטער.

— נו, הער־זשע! — האָט האַלבפּונטל ווײַטער גענומען רײדן, קוקנדיק פֿאַרטראַכט פֿאַר זיך — איך האָב דאָ קרובים... זיי זײַנען גרויסע גבֿירים, נאָר איך האָב זיי פֿײַנט און איך גיי ניט צו זיי... אָבער דו ביסט אַ נאַקעטער און אַ באָרוועסער, איך האָב אויך ניט קיין גראָשן בײַ דער נשמה... אַזוי ווי מיר זײַנען איצט, טאָרן מיר זיך ניט לאָזן אין וועג אַרײַן. דעריבער האָב איך באַשלאָסן צו פֿאַרבויגן מײַן שטאָלץ און כ'וועל אַוועק אָפּשטעקן מײַנע קרובים אַ שלום־עליכם. וואָס זיי וועלן געבן, וועט גוט זײַן. מיר'ן זיך אויספּוצן, און נעמען שפּרײַזן. און אויב ס'וועט קלעקן, וועלן מיר פֿאָרן מיט דער מאַשין...

— בעסער מיט דער מאַשין: וועל איך געשווינדער קומען אַהיים! — האָט רויטקאָפּ זיך אָנגעכאַפּט.

— ווי איך זע, ביסט גאָר קיין נאַר ניט: האָסט זיך תיכף געכאַפּט, וואָס ס'איז בעסער... נו, דו זיץ דאָ דערווײַל, און איכ'ל גיין צו מײַנע קרובים... וואָס איז מיט דיר? — האָט

ער אַ פרעג געטאָן, זעענדיק, אַז סאַשקע ווערט בלייך און נעמט וואַרפן אַף אים צעשראָקענע בליקן.

— כ'האָב מורא... — האָט ער שטיל געזאָגט.

— פאַר וועמען האָסטו מורא?

— און טאָמער קומסטו ניט צוריק? — האָט סאַשקע מיט שרעק געפרעגט.

— ווער, מיינסטו, בין איך דען, — האָט האַלבפונטל זיך באַליידיקט — אַז איך וויל ניט קומען צוריק? ניין, ניין, מיין פריינט, שרעק זיך ניט, איכ'ל דיך ניט אויסנאַרן... זייַ און וואַרט... אין אַ שעה אַרום, העכסטנס אין צוויי, קום איך קאַריק און דעמאָלט וועלן מיר אַזוי צוביסן, אַז דער קיסר אַליין וועט אונז מעגן מקנא זיין.

מיט די ווערטער איז האַלבפונטל אַוועק, און סאַשקע איז געבליבן זיצן אַפן ברעג ים, מיט אַ שטילער אומרו אין האַרצן.

האַלבפונטלס קריינק.

רויטקאָפּ האָט זיך אָבער אומזיסט באַאומרואיקט: פונקט אין צוויי שעה אַרום איז האַלבפונטל געקומען צוריק, און האָט געטראָגן אַ גרויסן, פולאָנגעפּאַקטן זאַק. ער איז צו צו סאַשקען, זיך אַוועקגעזעצט בא אים און גענומען לויזבינדן דעם זאַק.

— זעסט, אַז דו האָסט זיך ניט געהאַט וואָס צו שרעקן, איך בין געקומען — האָט האַלבפונטל געזאָגט, און האָט אַרויסגעשלעפּט פון זאַק אַביסל אַן אָפּגענוצטע, אָבער נאָך גאָר אַ גאַנצע פּאָר שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס, און אַ טוכענע היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק.

— נו, מעסט זיך אָן! — האָט האַלבפונטל געזאָגט, דערלאַנגענדיק דעם אינגל אַ שטיוול.

— אַט שוין! — האָט סאַשקע מיט פרײדיקער אופרעקונג געזאָגט. ער איז געווען איבערגליקלעך, האָט געכאַפּט דעם שטיוול און אים געוואָלט אַרופציען אַף דער באָרוועסער פוס. אָבער האַלבפונטל האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— וואַרט, אַנוטשעס האָב איך אויך געקויפט... טייערע אַנוטשעס, פונקט ווי די האַנטיכער...

דער קונצנמאַכער האָט אַרויסגעשלעפט פון זאַק צוויי לאַנגע שמאַטעס און האָט דערלאַנגט סאַשקען, וועלכער האָט מיט גרויס מאַטערניש אַרומגעדרייט דערמיט די פיס.

— און איצט טו אָן דאָס היטל! — האָט האַלבפונטל באַפוילן.

רויטקאָפ האָט אַרופגעצויגן אַף זיינע וויכרעס דאָס היטל, האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט די הענט אונטער די באָקעס און האָט זיך לוסטיק פאַנאַנדערגעלאַכט. ס'איז אים געווען שטאַרק פריילעך צומוט. זיין גאָמבעלע, זיינע דיקע בעקלעך, וואָס זיינען אָפּגעשאָטן געווען מיט זומערשפּרינקלעך, זיין מויל מיט די פאַרשטשירעטע קרעפטיקע ציינער—אַל'ץ האָט זיך באַוועגט אין געזונטן געלעכטער, מיט וועלכן רויטקאָפ האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט, זיין גליק.

האַלבפונטל האָט זיך גאָר אַנדערש געשפירט. ווערליק זיין אומעטיקער פנים און דאָס ביטערע שמייכעלע, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אַף סאַשקען, איז זיין שטימונג געווען גאָר ניט קיין געהויבענע. אָבער רויטקאָפ איז אַזוי גליקלעך געווען, אַז ער האָט זיך גאָרניט צוגעקוקט צום קונצנמאַכער, און ער האָט זיך לחלוטין ניט אינטערעסירט מיט זיין שטימונג.

— מיר'ן פאָרן אַף דער מאַשין, אַיאָ? — האָט ער געפרעגט, נאָכדעם ווי דער געלעכטער האָט אים אַביסל אָפּגעלאָזן.

— מעגלעך, אַז אַף דער מאַשין... ד'ערווייל לאָמיר אָקאָרשט אַריינגיין עפעס צוביסן. איך זאָל נאָר ווייטער ניט ווערן קראַנק, אַזוי ווי אין קעשעניעוו. עפעס האָב איך מורא — האָט האַלבפונטל צוגעגעבן מיט אַ זיפץ, און זיי זיינען ביידע אַוועק אין שטאָט.

ס'איז געווען גאָר פרי, און אין דער טיהויז, וואו ביידע פריינט זיינען אַריין, זיינען נאָך קיין געסט ניט געווען. זיי האָבן זיך צוגעזעצט צו אַ טישל. האַלבפונטל האָט זיך געהייסן צוברענגען טיי, און ער האָט געפרעגט סאַשקען, אויב ער וויל עפעס עסן.

— יאָ, יאָ, כ'וויל זייער שטאַרק עסן! — האָט סאַשקע אויסגערופן.

— וואָס ווילסטו?

סאַשקע האָט אַ וואָרף געטאָן די אויגן אַפן טאַמבאַנק, האָט דאָרטן דערזען, צווישן אַנדערע מאכלים, אַ גרויסן פּאָלומישעק פול אָנגעפּאַקט מיט וואורשט. און ער האָט ניט־זיכער און שטיל געזאָגט, אַ קוק טוענדיק אַף האַלבפונטלען:

— אַ שטיקל וואורשט וואָלט איך צוגעביסן...

— ברייננג אַ פּאָרציע געקאָכטע וואורשט מיט ברויט — האָט האַלבפונטל באַפוילן דעם משרת.

— שוין!

און באַלד האָט סאַשקע שוין געפּאַקט הינטער ביידע באַקן אומדערבאַרימלעך־גרויסע שטיקער וואורשט און ברויט. האַלבפונטל האָט זיך ניט צוגערירט ניט צום עסן און ניט צום טיי. אַ שטי־לער און אַ פאַרביסענער, איז ער געזעסן באַם טישל און געקוקט נאָר אין איין פּינטל.

— פאַר זיך וועט איר גאָרנישט באַשטעלן?

האַלבפונטל האָט אַ קוק געטאָן אַפן משרת, וואָס איז מיט אַ ברודיקער סאַלפעטקע געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבערן טישל, און מיט אַ גלייכגילטיקן קול, אַזוי ווי מען בעט דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער, האָט ער געזאָגט צו אים:

— ברייננג מיר אַ האַלבע פלעשל בראָנפן, אַ שטיק גראָבע ברויט מיט זאַלץ און אַ קעלישעק.

— שוין!

אַז דער משרת האָט געבראַכט דאָס באַשטעלטע, האָט רויט־קאָפּ שוין געהאַט אופגעגעסן זיין פּאָרציע, און איצט האָט ער געקוקט אַף האַלבפונטלען מיט נייגער און מיט חידוש. פאַראַיאָרן האָט ער בעת דער גאַנצער נסיעה קיין איין מאָל ניט געזען, אַז דער קונצנמאַכער זאָל טרינקען. מיט אָן אָפּענער מויל האָט דער אינגל געקוקט, ווי האַלבפונטל האָט זיך אָנגעגאָסן אַ פולן קעלישעק, ווי ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אַריינגעטרונקען, ווי ער האָט זיך מיאוס פאַרקרימט און ווי ער האָט נאָכדעם גענומען אַרומשמעקן דאָס ברויט.

עס זיינען ניט אַוועק קיין צען מינוט, און דאָס בוטעלע איז

שוין געווען אויסגעליידיקט. האלבפונטל איז שיכור געוואָרן, זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט רויטע פלייאַמעס, זיינע אויגן זיינען געוואָרן פייכט און מוטנע. קוקנדיק אָף אים, האָט רויטקאָפּ פאַר-שטאַנען די קריינק, אָף וועלכער האלבפונטל ליידט, און אים איז געוואָרן זייער שווער צומוט.

אין גאַסטהויז איז געווען שטיל. די עטלעכע געסט—פור-לייט—האָבן אויסגעטרונקען זייער טיי און אוועקגעגאַנגען.

— — א הינטישע משפחה! — האָט האלבפונטל פלוצ-לונג א געשריי געגעבן און א זעץ געטאָן מיטן בוטל אָן טיש, אַז ער איז זיך צעפלויגן אין שערבלעך.

דער משרת איז צוגעפלויגן צום טיש.

— באַ אונז טאָר מען ניט אַרויס פון די כלים — האָט ער געמוסרט, אופקלייבנדיק די שערבלעך — מ'טרינקט באַ אונז אוים מער, אָבער אַלע זיינען שטענדיק שטיל, ווי די קאָטינקעס...

— נאָך איינע! — האָט האלבפונטל איבערגעשלאָגן דעם משרת, און א וואָרף געטאָן אָפן טיש א צעקנייטשטן דריירובלדיקן פּאַפּירל.

דער משרת האָט א כאַפּ געטאָן דאָס געלט און איז דער-מיט אוועקגעלאָפן צום טאָמבאַנק.

— פּעטערל ... — האָט סאַשקע אָנגעהויבן מורמלען.

— נו?! — האָט דער קונצנמאַכער אָף אים א דריי געטאָן מיט די מוטנע אויגן, און סאַשקע האָט זיך צענויפגע-קאָרטשעט און מער ניט גערעדט. ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיין פריינט.

— פּעטערל... — האָט האלבפונטל גענומען ריידן, אָנהויבנדיק דעם נייעם בוטל — רוף מיך ניט פּעטערל! עס ווערט מיר ניט גוט דערפון! איך האָב א פעטער... און א ברו-דער און א שוועסטער האָב איך אויך... זיי זיינען חשובע מענטשן, ווייל זיי האָבן הייזער... איך בין אָבער א שיכור, אַן אָרומטריי-בער, א גאָרנישט... מילא... איך בין טאַקע א גאָרנישט, א שיכור, אָבער איך בין איוואַן ראַזדאָליעוו, און איך פייף אָף זיי... איך פייף! — האָט ער פאַרענדיקט אונדערהויך און אַזא זעץ געטאָן

מיט דער פּוסטע איבערן טיש, אַז די כּלים האָבן געגוטען שפּרינגען.

האַלבפּונטל איז שיכּור גענוואָרן פון מינוט. זיין פּנים איז געוואָרן רויט, ווי אַ בוריק, די אויגן זיינען אינגאַנצן פאַרצויגן געוואָרן, די ברעמען זיינען אופגעשוואָלן, זיינע רייד זיינען געוואָרן אָפּגעריסן. ער האָט געטרונקען און ניט צוגעביסן, ווי שוין אַן אַלקאָהאָליקער.

רוויטקאָפּ האָט מיט שרעק אים באַטראַכט.

— סוחרים! — האָט האַלבפּונטל געשריען און האָט ווייטער אַ זעץ געטאָן איבערן טיש — ווייסטו, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ סוחר? ניין, ווייסט ניט? אַ סוחר, ברודערקע, איז אויך אַזאַ מענטש, ווי מיר. ער פאַרמאָגט אַלץ: אויגן, און הענט, און פּיס, און אַ גרויסע בויך... אָבער איין זאַך פעלט אים — אַ נשמה. אונטערן האַרצן ליגט אים גאָר אַ קופּאָן... און מיין משפּחה זיינען סוחרים... היינט פאַרשטייסט, מיין ליבינקער? זיי זיינען סוחרים, און איך בין אַן אַרומטרייבער... צען יאָר האָבן זיי מיך ניט געזען, און אַז איך בין היינט געקומען, האָבן זיי מיר אַרויסגעשיקט מיט דער דינסט פינף רובל... אפילו זען האָבן זיי מיך ניט געוואָלט... גייען זיי צו אַלדי רוחות!

האַלבפּונטל האָט פונדאַסניי אויסגעטרונקען, זיך פאַרקרימט, אויסגעשפּיען, און ווייטער גענומען ריידן:

— דו פאַרשטייסט, ס'איז דאָך אַ פאַרדראָס... אַ שוועסטער... איך האָב איר אַזוי האַלט געהאַט... און דאָ מיטאַמאָל — זי וויל מיך גאָרניט זען... צען יאָר ניט געזען! איך האָב זיך שלעכט געלערנט... מען האָט מיך אַרויסגעטריבן פון גימנאַזיע... די משפּחה האָט מיך פאַרטריבן... און צוליב וואָס? צוליב קונסט!... פאַרשטייסט — איך האָב שטאַרק ליב געהאַט די קונסט, דעם טעאַטער... אַי, האָב איך געשפּילט טעאַטער! און איצט... ווער בין איך איצט? אַ גאָרנישט מיט נישט. אַ שיכּור און אַ קונצנמאַכער בין איך! אַ שפּילביידלניק! איך בין אַ שלימזלניק, מיין ליבינקער, איך בין אַן אומגליקלעכער מענטש...

דאָ האָט ער זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן. נאָכדעם

האָט ער מיטן אַרבל אויסגעווישט די אויגן, און זיך קוים האַלטנדיק אַפֿן שטול, האָט ער מיט אַ ציטערדיקער נערוויאישער האַנט זיך פֿונדעסטוועגן ווײַטער גענומען צום פֿלעשל. ער איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און צעקראָכן.

זעענדיק, אַז מיט האַלבפֿונטלען האַלט שוין גאָר שלעכט, האָט רויטקאָפּ פֿאַרטריבן דאָס שרעקעוודיקע געפֿיל און איז צו צום קונצנמאַכער. מיט בײדע הענט האָט ער אַרומגעכאַפּט דעם שיכּור, און אים מיט אַ ווײנענדיקן קול גענומען בעטן מער ניט צו טרינקען.

— טײערינקער, ליבינקער, מ׳דאַרף מער ניט!... — האָט ער זיך געבעטן.

— מײנסט, איך בין שיכּור?.. — האָט דער קונצנמאַכער גענומען פּרעפּלען, מיט מאַטערניש אַרויסברײנגענדיק די ווערטער — נײן, ברודער... איך בין נאָר אָפּגעשוואַכט... דאָס איז אמת... ניט געדאַרפֿט אַפֿן ניכטערן האַרצן... אָט, איכ׳ל צובײַטן... און נאָכאַמאָל נעמען אַ קאַפּ... איוואַן ראַזדאָליעוו פֿאַרשטײט צו טרינקען... ער קאָן, ברודערקע!

רויטקאָפּ איז איצט געווען אין גאָר אַ טרויעריקן מצב. האַלבפֿונטל האָט זיך אָנגעשיכּורט ביז איבער די ברעגעס, און דער ייִנגל האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט אים צו טאָן. פֿון דעם שיכּורס מיאוסן אויסזען, פֿון זײַן אומבאַהאָלפֿנקײט און פֿון זײַן פּלאַפּלען איז רויטקאָפּן געוואָרן גאָר שווער צומוט. ער האָט שוין געזען אַ סך שיכּורים, אָבער אַלע פֿונווײַטן, און ווען זײ האָבן גענומען אַרויסגײן פֿון די כּלים, פֿלעגט ער אַנטלויפֿן. אָבער מיטן קונצנמאַכער האָט ער זיך גאָר אַנדערש געפֿילט. דער דאָזיקער קלײנער און פֿרעמדער מענטשל איז אין דער מינוט געווען פֿאַר אים דער נאָענטסטער מענטש אין דער וועלט. פֿון אים איז אָפּהענגיק געווען רויטקאָפּס גורל, און נאָר ער אַלײן האָט אים געקאָנט צוריקגעבן זײַן הײם. און דאָ מיטאַמאָל שיכּורט זיך אָט דער מענטש אָן און ווערט כּמעט אַ טויטער חפֿץ. סאַשקע איז געווען פֿאַרצווײפֿלט. פֿון טײַהויז האָט מען זײ אויך אַרויסגעטריבן, צוליב דעם, וואָס האַלבפֿונטל האָט

מיט די פיס איבערגעדרייט דעם טישל און צעבראָכן צוויי גלעזער און אַ טייקאַן. די צעבראָכענע כּלים האָט מען צוגערעכנט צום חשבון, דאָס איבערגעבליבענע קלייניגקייט האָט מען אַריינגערוקט סאַשקען אין האַנט, און געבעטן, זיי זאָלן זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן.

אַרויס אין גאַס, האָט זיך רויטקאָפּ אינגאַנצן פאַרלאָרן. אויפן רוקן האָט זיך אים געבאָמבלט דער זאַק, און מיט ביידע הענט האָט ער אונטערגעהאַלטן דעם שיכּור, וועלכער האָט בשום אופן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן אויף די פיס און מיט זיין גאַנצן וואָג זיך אַרויפגעלייגט אויפן אינגל.

— האָב קיין פּחד ניט! — האָט דער שיכּור געפּרעפּלט — איך פאַרשטיי אַלץ... מיר'ן אוועקגיין קיין זשיטאָמיר... מיר'ן גיין צופוס... מיר זיינען דאָך וואָגלער... דו ביסט רויטקאָפּ, און איך בין האַלבפונטל... מיר האָבן ניט קיין פּעסער... נו, מילא... האַ? מיר'ן פאַרדינען געלט, און...

ווייטער האָט דער שיכּור ניט דערערדט, ווייל ער האָט זיך מיט זיין גאַנצער לענג אויסגעצויגן אויפן ברוק. דער צעטומלטער און פאַרלאָרענער סאַשקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט צופוסנס פונם שיכּור און אים גענומען באַווייגן, ווי אַ טויטן.

ס'האָט זיך גענומען קלייבן אַן עולם. אַ פּאָליציסט איז אָנגעקומען. באַם זען אַ פּאָליציסט האָט רויטקאָפּ זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט שיר ניט געוואָרפן אַלץ און געמאַכט פיס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער פּאָליציסט ווייס שוין וועגן אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען די נאַכט, און אַז ער וועט אים תּיכּף אַרעסטירן. אָבער ער האָט זיך באַלד באַרויִקט, ווייל דער פּאָליציסט האָט אויף אים אַפילו ניט אַרויפגעקוקט. אים האָט אינטערעסירט נאָר דער שיכּור.

— קוק נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אָנגעזשליאָקעט! — האָט דער פּאָליציסט געבורטשעט און געפּרובט שטעלן דעם שיכּור אויף די פיס. אָבער דערפון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, ווייל האַלבפונטל איז געווען באַוואוסטלאָז.

— מ׳דאַרף אים געבן אַ פּאָר טעריעבענצן, וועט ער שוין קומען צו זיך — האָט עמיץ פון עולם אַן עצה געגעבן.

— וואָס שטשירעסטו די ציין? אַזאַ זאַך קאָן זיך מיט יעדן פּאַרלויפן... — האָט אַן אַנדערער געזאָגט.

— קוקט נאָר אָפּן מליץ־יושר... ער וועט באַלד גאָר האַלטן אַ דרשה!

אַזוי האָבן זיך פון אַלע זייטן געשאָטן בלעריליי אויסרופן, וויצן און ווערטלעך.

— פאַנאַנדערגיין זיך! — האָט דער פּאָליציסט אַ געשריי געטאָן.

דער עולם האָט אויף אַ רגע אָפּגעלאָזן, אָבער באַלד האָט מען זיך ווייטער גענומען שטופּן. רויטקאָפּ האָט זיך צוגעהערט צו אַלץ און האָט אים מאַטערניש זיך איינגעהאַלטן פון געוויין. דער פּאָליציסט האָט אים דערזען.

— דו ביסט געווען מיט אים? — האָט ער געפרעגט דעם אינגל.

— יאָ — האָט יענער שטיל געענטפערט און אַראָפּגע־לאָזן די אויגן.

— וואו זייט איר געווען?

— דאָרטן, אין טייהויז...

— וואָס איז ער דיינער: אַ ברודער, אַ טאַטע, אַ פעטער?

— אַ פעטער — האָט סאַשקע גאָר אומדערוואַרט פאַר זיך אַרויסגעשאָסן מיט אַ ליגן.

— צוליב וואָס האָט ער זיך דאָס אַזוי אָנגעשיכורט?

— כ׳ווייס ניט...

— וואו וואוינט איר?

— כ׳ווייס ניט...

— ביסטו טאַקע אַזאַ גולם, וואָס דו ווייסט גאָרנישט, אָדער דו מאַכסט זיך נאָר? פון אויסזען, דאַכט זיך, געזונט ווי אַ פערד, און טענהסט נאָר איינס: כ׳ווייס ניט און כ׳ווייס ניט!

— אפשר זיינען זיי ניט קיין היגע? — האָט זיך דער־הערט פון עולם עמיצנס אַ סברה.

דער פּאָליציסט האָט זיך אומגעקוקט, אָפּגעמאָסטן מיט אַ ביטולדיקן קוק דעם בעל־העזה, וואָס האָט זיך דערוועגט אַריינ־צומישן, און האָט נאָכדעם אַ פרעג געטאָן רויטקאָפּן:

— איר זייט ניט פון הי?

— ניין.

— ווער־זשע זייט איר? אַנגעפּאָרענע?

— יאָ.

דער פּאָליציסט האָט זיך ווייטער גענומען צו האַלבפונטלס יאָרן, אָבער ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפן: דער קונצנמאַכער איז געלעגן, ווי אַ שטיין.

— מ'וואָלט אים געדאַרפט אַריינפּאַקן אין אַ דראָשקע און אָפּפירן אין נאַכטהיים — האָט די שטים פון עולם אַדויס אַלץ ניט נאָכגעגעבן — ער וואָלט זיך אויסגעשלאָפן און וואָלט ווייטער געוואָרן אַ מענטש... שוין גענוג אים צו מאַטערן מיט פּסדרדיקע קשיות... פּונקט ווי עפּעס אַן אויספאָרשער...

— אייך פרעגט מען ניט, און איך בעט קיינעם ניט אַריינמישן זיך! — האָט דער פּאָליציסט שטרייַנג אָנגעשריען אָפּן עצות־געבער און נאָכדעם ווייטער געפרעגט רויטקאָפּן:

— געלט האָט עפּעס דיין פעטער?

רויטקאָפּ האָט אופגעעפנט זיין פויסט: דאָרטן זיינען געלעגן פערציק קאָפּיקעס.

— אַט וועל איך אייך תיכּף אָפּשיקן — האָט דער פּאָ־ליציסט געזאָגט, האָט אָפּגעשטעלט אַ פאַרבייפאָרנדיקן פורמאַן, דער עולם האָט מיט גרייטקייטן געהאָלפן אַרופּפּאַקן דעם לעבע־דיקן באַגאַזש אויף דער דראָשקע, און זיי זיינען אָפּגעפאָרן.

אויף מאָרגן האָט האַלבפונטל זיך אופגעכאַפּט אין אַן אָדע־סער נאַכטהיים מיט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק און מיט נאָגנדיקע חרטה־געפילן. באַ זיין זייט איז געזעסן רויטקאָפּ: ער האָט געהאַט אַ קראַנקן, אויסגעמאַטערטן אויסזען. די נעכטיקע געשעענישן האָבן זיך אים ווייטיקדיק איינגעקריצט אין מח. ער האָט געהאַט אויס־

צושטיין אַ סך צרות. ווייל האַלבפונטל האָט זיך אין משך פון טאָג נאָך עטלעכע מאָל אָנגעשיכורט. אין דער נאַכטהיים האָט מען אים געבראַכט איינגאַנצן אַ טויטן. מ'האָט אים אַרופגעפּאַקט ערגעץ אַף אַ נאַרע, און רויטקאָפּ האָט זיך אַפילו געשראָקן, אַז ער וועט שוין מער נישט אופשטיין. אָבער אין צוויי שעה אַרום האָט ער זיך אופגעכאַפּט און ווייטער גענומען מאָגן בראָנפן. קיין מזומן איז איצט ניט געווען, און ער האָט אין דער נאַכטהיים גופא פאַרקויפט זיין פליגלראָק. רויטקאָפּ האָט געוויינט, זיך געבעטן בא אים, ער זאָל ניט טרינקען, אָבער יענער האָט אים ניט געפאָלגט. צום דריטן מאָל האָט ער זיך אָנגעשיכורט פאַרנאַכט. די חברה פון נאַכטהיים האָט אים געשטעלט בראָנפן פאַר זיינע קונצן, וואָס ער האָט זיי באַוויזן. ביז איצט האָט רויטקאָפּ אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אין אַזאַ שענדלעכן מצב. דער אינגל האָט געליטן און זיך געגרעמט פאַר אים.

— זיי מיר מוחל, מיין פריינט! — האָט האַלבפונטל געזאָגט צו סאַשקען מיט אַ שולדיקן און הייזעריקן קול. זיין פּנים איז געווען שטאַרק אָפּגעבליאַקעוועט און ער האָט אויסגעזען, ווי געשוואָלן. ווי עס שיינט, האָט ער אַליין אויך שטאַרק געליטן.

— היינט נאָך רירן מיר זיך... — האָט ער ווייטער געזאָגט — מיר'ן פריער וואָגלען אַביסל איבער בעסאַראַביען, נאָכדעם וועלן מיר זיך אַ לאָז טאָן קיין אוקראַינע...

— מיר ווילט זיך אַהיים... — האָט רויטקאָפּ געזאָגט.

— מיר וועלן גיין אַהיים. אָבער, פאַרשטייסט דאָך, קיין געלט איז ניטאָ, ווייל איך גיין איבער אַזעלכע ערטער, וואו עס זאָל אונז זיין גרינגער... האָב קיין פאַרדרוס ניט, מיין ליבער: וועסט זיין אין דער היים... און טרינקען וועל איך מער ניט. איך גיב דיר אַ וואָרט.

— אָט אַזוי וועט גוט זיין! — האָט רויטקאָפּ מיט שמחה אויסגעשריען — איך האָב זיך נעכטן אַזוי געשראָקן!

— נו, איצט מעגסט שוין זיין רואיק — האָט האַלבפונטל אים פעסט צוגעזאָגט — ביז מיר קומען אין זשיטאָמיר, וועל איך קיין טראָפּן אין מויל ניט נעמען.

סאַשקע האָט געפילט, ווי אַ שטיין קייקלט זיך אים אַראָפּ פון האַרצן. מיטאַמאָל איז אים געוואָרן גרינג און פריילעך. האַלבן טאָג זייַנען די פּאָר פריינט אַרום פון אָדעס.

צוריק אין דער היים.

ס'איז געווען אַ קאַלטער האַרבסטיקער טאָג. פון אינדערפרי אָן האָט געשפּריִיט אַ רעגן, און צו פאַרנאַכט־צו האָבן אין דער לופטן זיך גענומען דרייען גרויסע, ווייסע קנוילן שניי. אין דעם טאָג האָט האַלאַדאַיעווקע אויסגעזען באַזונדערש דערשלאָגן און נעבעכדיק. אין דעם אָנקומענדיקן בין־השמשות האָט זיך אַרומגעטיילט דאָס טייכל, ווי אַ לאַנגווייליקע, טונקעלע סטענגע. אין גאַס האָבן זיך ניט געזען ניט קיין מענטשן און ניט קיין אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן: אַלע האָבן זיך פאַרנורעט אין די שטיבער צוליבן שלעכטן וועטער. נאָר דער ווינט האָט, פייפנדיק און יאָמערנדיק, פראַנק און פריי אַרומגעהוליעט איבערן דרויסן.

אין זאַוּליעס שטיבל איז געווען פינסטער און שטיל. אָבער די גאַנצע משפחה איז געווען אין שטוב, אַפילו דער מחותן איוואַן איז אויך געזעסן אַפן וואַרשטאַט. אַקסיניע האָט ניט אָנגעצונדן קיין פייער, ווייל אין שטוב איז געווען וויניק נאַפט.

זאַוּליעס קינדער, וועריע און קאַטיע, זייַנען געלעגן אַפן אויוון. זיי זייַנען ניט געשלאָפן, ווייל זיי האָט זיך עפּעס אויסגעדאַכט, אַז ווי נאָר זיי וועלן איינשלאָפן, וועלן די גרויסע זיך נעמען צום עסן. און דעריבער האָבן זיי מיט געוואַלד געטריבן פון זיך דעם שלאָף.

די זאַוּליעס און איוואַן האָבן געשוויגן. ריידן איז ניט געווען וועגן וואָס. דער שוסטער האָט געטראַכט, וואָס פאַר אַ רוח עס האָט אים געשלעפּט צו קומען אַהער, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט גערירט אַוועקצוגיין, ווייל בײַ אים אינדערהיים איז געווען נאָך אומעטיקער. טאַראַס האָט געקלערט, ווי גוט עס וואָלט איצט געווען מיטן פריינט אַרײַנצוגיסן. און טאַראַסעס ווייב האָט געטראַכט, ווי אַזוי זי וועט מאָרגעדיקן טאָג דורכקומען

אָן אַ גראָשן בּאַ דער נשמה, און אויב עס וועט זיך איר איינ־געבּן צו פאַרדינען עפּעס פאַר די קינדער צום עסן, מיט איין וואָרט — ס׳זיינען געווען זייער אומעטיקע געדאַנקען, און ווער ווייס, ווי לאַנג אָטדי פאַרטראַכטקייט און שטילשווייגעניש וואָלט זיך נאָך געקאָנט פאַרציען, ווען אין פאָרהייזל וואָלטן זיך ניט דערהערט עפּעס טריט.

אַקסיניע האָט די ערשטע זיך אַ הויבּ געטאָן פון אָרט. די טיר האָט זיך געעפנט, און אין שטוב זיינען אַריין צוויי מענטשן.

— דאָ וואוינט טאַראַס זאַזוליע? — האָט איינער פון די אַריינגעקומענע געפרעגט.

די שטים איז געווען אַ פרעמדע.

—דאָ, דאָ!—האָט טאַראַס אַפּניך געענטפערט און אָנגע־שריען אָף דער ווייבּ: — צינד אָן פייער, אַקסיניע... מ׳זעט דאָך קיינעם ניט!

אַקסיניע האָט אָנגעריבּן אַ שוועבּעלע און צוגעגאַנגען נע־ענטער צו די אומגעבּעטענע געסט. אָבּער ווי נאָר זי האָט אַרויפ־געקוקט אָף זיי, האָט זיך אַ פרייידיקער אויסגעשריי אַרויסגעריסן בּאַ איר: בּאַ דער טיר איז געשטאַנען רויטקאָפּ און נאָך עמיץ אַן אומבּאַקאַנטער.

— סאַשינקע!.. מיין ליבּינקער!... מיין האַרציקער!... — האָט אַקסיניע אויסגעשריען, און האָט מיט טרייסלדיקע הענט געכאַפּט גיכער אָנצינדן דעם לאָמפּ.

טאַראַס איז אויך צוגעלאָפן צו דער טיר, און וועראָטשקע איז אַראָפּגעקראָכן פון אויוון.

אין אַ רגע אַרום איז שוין דאָס גאַנצע שטיבּל פול געווען מיט קולות, מיט רייד, מיט פראַגן און ענטפערס.

נאָכדעם, ווי ד׳ער עולם האָט זיך אַבּיסל איינגעשטילט, האט דער אומבּאַקאַנטער אַרופגעלייגט אַ האַנט אַף רויטקאָפּס אַקסל און געפרעגט:

— דאָס איז אייער אינגל?

— אונזערער, אונזערער! — האָבּן בּיידע אין איין קול געענטפערט.

— אויב אַזוי, גיב איך אײַך אים איבער אַ גאַנצן, אַ געזונטן און אַ פרישן.

— אַ גרויסן דאַנק! — האָט טאַראַס געזאָגט — וואָס זיצט איר ניט? זעצט זיך, איך בעט אײַך, זײַט אונזער גאַסט...

בײַ די לעצטע ווערטער „זײַט אונזער גאַסט" האָט זאַזוליעס שטים אַביסל אונטערגעציטערט, ווײַל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין שטוב איז ניטאָ מיט וואָס מכבד צו זײַן. און ער איז דווקא געווען אַ גרויסער מכנים־אורח.

פּונקט ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, וואָס טאַראַס טראַכט, האָט האַלבפונטל אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רובל און אים דערלאַנגט אַקסיניען.

— גיט אונז עפּעס צוצובײַסן, באַלעבאָסטעטשקע — האָט ער געזאָגט — מיר זײַנען דורכגעפראָרן געוואָרן גײַענדיק. אונז, מאַנסלײַט, גיט אַביסל בראָנפן, און אײַער רויטן יונגאַטש דערלאַנגט טײ, אָבער ניט צו שטאַרקן טײ, זײַנע האָר זאָלן חלילה ניט אָפּבלײַכן...

—נאָכמאָל דאַרפט איר דאָס?... — האָט אַקסיניע געמורמלט, נעמענדיק בײַם גאַסט דאָס געלט.

— מאַכט ניט אויס — האָט האַלבפונטל איר בארויִקט — דאָס איז ניט מײַן געלט, נאָר אײַער זונס. ער האָט דאָס געלט פאַרדינט צוזאַמען מיט מיר אין צירק...

— אַזוי גאָר! — האָט אַקסיניע אַ שמײכל געטאָן און מיט ליבשאַפט אַרופגעקוקט אויף איר סאַשקען.

אַקסיניע איז אַרויסגעלאָפן אין קלײטל, און די שטוביקע האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אַרום טיש. רויטקאָפּ האָט אַ קוש געטאָן וועראָטשקען, האָט איר באַוואונדערט, ווי גרויס זי איז אויסגעוואַקסן, און האָט איר אַוועקגעזעצט בײַ האַלבפונטלס זײַט. קאַטיע, וועלכע האָט נאָך ניט געקאָנט אַליין אַראָפּקריכן פון אויוון, האָט געבליבעט אין דער שטיל. סאַשקע האָט אָנגעהויבן ריידן.

— „מײַנהונט" לעבט נאָך? — האָט ער געפרעגט טאַראַסן.

ער לעבט, ער לעבט! — האָט זאָוליע מיט גרייטקייט געזאָגט — באַלד נאָך דיין אַוועקגיין, אַף מאָרגן, איז ער געקומען צוריק, אַ קראַנקער, אַ מידער... דריי טעג האָט ער גאָרנישט געפרעסן, האָט געסקאַוואַטשעט און איז כסדר אַרומגעלאָפן דיך זוכן... מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט פגרן, ער איז אָבער געבליבן לעבן. ער ליגט אַף זיין פּלאַץ, אין שטאַל...

— מעג איך אַרויסלויפן צו אים?

— גיי, אַז דו ווילסט.

רויטקאָפּ איז אַרויס פון שטוב.

— נו, ווילט איר איצט וויסן, וואו אייער אינגל איז געווען, און וואָס ער האָט אופגעטאָן פאַר דער צייט? — האָט האַלבפונטל געפרעגט נאָך סאַשקעס אַרויסגיין.

— אדרבא, דערציילט! — האָט טאַראַס געבעטן.

— טאַקע, טשעקאַווע צו הערן — האָט איוואַן אויך אַריינגעשטעלט אַ פראַזע.

— טאָ הערט־זשע! אייער סאַשקע איז געווען אין אַ גרויסער שול. די שול הייסט — לעבן, ער האָט נאָר באַוויזן דורכצוגיין דעם צוגרייטקלאַס, אָבער פון דעם איז ער אויך אַ היפּש ביסל קליגער געוואָרן...

ביידע פויערים האָבן מיט קאָפּ זיך איינגעהערט אין דעם קליינעם מענטשלס רייד, אָבער זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. האַלבפונטל האָט דאָס געמערקט, און ער האָט אָנגעהויבן ריידן פּשוטער. ער האָט זיי בקיצור דערציילט סאַשקעס אַוואַנטיורעס, און זיין דערציילן האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די צוהערער.

רויטקאָפּ איז דערוויל צו צום נידעריקן פּלויט אין הויף און האָט אַ פייף געטאָן. אַזוי תיכף איז פון שטאַל אַרויסגעלאָפן אַ גרויסע, שוואַרצע באַשעפעניש און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף סאַשקען. דאָס איז געווען „מיינהונט". זייער באַגעגעניש איז געווען ריירנד.

— מיין טייער הינטל!... מיין איינציקער... — האָט רויטקאָפּ געשעפּטשעט, צוטוליענדיק צו זיין האַרצן דעם הונטס שנוק. דער הונט האָט אויך ניט געשוויגן און האָט אָפּגעשאָטן זיין

ווידערגעפונענעם באַלעבאָס מיט כלערליי צערטלעכקייטן, רויטקאָפּ איז ממש צעשמאָלצן געוואָרן פון נחת: ענדלעך איז ער ווידער אין דער היים! אים האָט נאָר באַנג געטאָן, פאַרוואָס ס'איז איצט אָוונט, און דערצו נאָך אַזאַ שלעכטער וועטער. וואָלט דאָס געווען באַטאָג, וואָלט ער דאָך שוין אויסגעלאָפן גאַנץ האָלאָדאַיעווקע פאַרליינג און פאַרבריט, ער וואָלט זיך שוין מיט אַלעמען געזען און אַלעמען אויסדערציילט, וואָס מיט אים האָט די גאַנצע צייט פּאַסירט. איצט האָט מען אָבער קיין זאַך ניט געקאָנט אופטאָן און געמוזט אָפּלייגן דאָס אַלץ אויף מאָרגן פרי. און רויטקאָפּ איז צוריק אַריין אין שטוב, וואו האַלבפונטל האָט גראד דערציילט, ווי זיי זיינען ביידע נאָך אַ צייט אַרומוואָגלען איבער בעסאַראַביען און אוקראַינע, געקומען אין קיעוו און אוועק אַרבעטן אין צירק: האַלבפונטל איז געווען אַ קלאָון און אַ קונצנמאַכער, און רויטקאָפּ — זיין געהילף.

—אין משך פון אַ חודש האָבן מיר פאַרדינט צוויי און פערציק רובל — האָט האַלבפונטל פאַרענדיקט זיין לאַנגע געשיכטע.

-- אָהאָ! — האָט טאַראַס זיך געחידושט.

— נישקשה! — האָט איוואַן אויסגערופן.

— עט, דאָס הייסט דען אויך פאַרדינט? — האָט האַלבפונטל זיך גענומען גרויסן — אַז מיר וואָלטן געהאַט די געהעריקע קליידער און אַלץ, וואָס קונצנמאַכערס דאַרפן האָבן, וואָלטן מיר פאַרדינט ניט ווייניקער פון אַ הונדערטער.

— נישקשה! — האָט דער שוסטער ווייטער אויסגערופן אין התפעלות.

— נו, וואָס פאַרא באַטרעף האָבן צוויי און פערציק קאַרבווינים? — האָט האַלבפונטל זיך באַקלאָגט — איך האָב זיך געקויפט אַ מאַנטל, שיך, אַ היטל, האָב אויסגעפוצט דעם יונגאַטש, און ס'איז שוין ניטאָ קיין געלט!

— פאַרשטייט זיך, געלט צערינט צווישן די פינגער, ווי וואַסער — האָט טאַראַס צוגעגעבן.

— וואָסער, וואָרען, ניט מער, ווי וואָסער! — האָט דער שוסטער זיך צוגעאײַלט מסכּים צו זײַן.

אין שטיבל איז אַרײַן קאַטערינע און נאָך איר — אגאַפיע די שנײַדערקע. אַקסיניע האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, און אפֿן וועג אין קרעמל איז זי אַרײַנגעלאָפֿן צו די שכנים און האָט זײ דערצײלט וועגן סאַשקעס צוריקקום. אגאַפיע האָט אַרומגענומען דעם אינגל.

— האַרציקער מײַנער, וואו ביסטו דאָס געווען די גאַנצע צײַט? — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט — מיר האָבן דאָך אַזוי געבענקט נאָך דיר!

און רויטקאָפּן איז געוואָרן גוט און וואַרעם פֿון אַטרער מאַמיעשער צערטלעכקײַט.

קאַטערינע האָט גאָרנישט געזאָגט און איז אפֿילו ניט צוגעגאַנגען צו סאַשקען. זי האָט נאָר געקוקט אויף אים פֿונדערווײַטנס און האָט עפּעס געקנײטשט די ברעמען.

באַלד איז געקומען אַקסיניע און האָט געבראַכט בראָנפֿן און צובײַסן. זי האָט אָפּגיך געדעקט דעם טיש, אַלץ אויסגעשטעלט און געבעטן די געסט איר ניט פֿאַרשעמען.

— טו נאָר אַ קוק, אַקסיניע, —האָט אגאַפיע געזאָגט — ווי סאַשינקע איז אויסגעוואַקסן.

— יאָ, יאָ — האָט זאַוליכע געענטפֿערט — אין אײן יאָר אַזוי אויסצושיסן!

— באַלד איז שוין אָנדערטהאַלבן — האָט טאַראַס אַרײַנגעשטעלט אַ ווערטל — נו, לחיים, פֿאַר אײַער געזונט! אַנטשולדיקט, כ׳ווײס אפֿילו ניט, ווי איר הײסט — האָט ער זיך געווענדט צו האַלבפֿונטלען.

— איך הײס איוואַן פּעטראָוויטש — האָט האַלבפֿונטל געענטפֿערט.

די מאַנסלײַט האָבן געטרונקען אײן קעלישעק נאָכן אַנדערן, און די ווײַבער האָבן זיך דערווײַל באַשעפֿטיקט מיט רויטקאָפּן. זײ האָבן אים אַרומגעקוקט, אים אויסגעפֿרעגט וועגן אַלץ, האָבן אים געצערטעלט מיט זײערע רײד.

רויטקאָפּ האָט טאַקע אויסגעזען אַ אינגל אַ כוואַט. אָנ־געטאָן איז ער אויך געווען זייער פײַן.

— און וואו איז דוניע? — האָט ער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— דוניע וואוינט בײַ דעם דירעקטאָרס אלמנה — האָט אַקסיניע געענטפערט — איר לעבט זיך דאָרטן אויסגעצייכנט. די קליינע נאַדיע האָט איר שטאַרק ליב באַקומען, און זיי לעבן זיך, ווי צוויי שוועסטערן. מ׳האָט איר אויסגעקליידט אין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און מען האַלט איר דאָרטן, פונקט ווי אַ פּריצטע. זי לערנט זיך שרײַבן...

— ער פאַרשטייט שוין אויך צו שרײַבן — האָט האַלב־פונטל זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס.

— ווי אַזוי קומט ער דערצו?

— גאָר פּשוט: איך האָב אים אויסגעלערנט. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן זומער אָן אַרבעט, האָב איך גענומען און אים אויסגעלערנט. ער לייענט אַביסל און קאָן שוין אָנקאַטעווען אַ בריוול.

— אַ גרויסן דאַנק אײַך, וואָס איר האָט ניט פאַרלאָזן דעם יתום — האָט אַקסיניע אים באַדאַנקט.

— פאַרשטייט זיך, אים קומט אַ דאַנק — האָט איוואַן אַרײַנגעזאָגט און זיך צוגעכאַפּט צו אַ נײַעם קעלישעק.

— געוויס, געוויס אַ דאַנק — האָט טאַראַס צוגעגעבן.

— הייסט עס, איך האָב אײַך צוגעשטעלט רויטקאָפּן — האָט האַלבפונטל געזאָגט — נו, האָב איך מײַן אַרבעט אָפּגע־טאָן, מאָרגן גיי איך ווײַטער מײַן וועג, און אײַך וועל איך אי־בערלאָזן סאַשקען. זאָגט מיר — איבערנעכטיקן וועט מען קאָנען בײַ אײַך?

— וואָס פאַרא פראַגע? פאַרשטייט זיך — האָט אַקסיניע זיך אָנגעכאַפּט — פאַר אונז וועט דאָס זײַן אַ כבוד.

— דאָס וועט פאַר אונז זײַן אַ כבוד — האָט טאַראַס צוגעבאַמקעט, און ווײַטער געטרונקען.

— איר וועט בלײַבן בײַ אונז אַ פּאָר טעג — האָט אַק־

סיניע אים גענומען איינריידן — וואו וועט איר גיין אין אַזעלכע וועטערן?

— אַ גרויסן דאַנק, מיט פאַרגעניגן וואָלט איך בלייבן באַ אייך, אָבער קיין צייט איז ניטאָ... איך מוז לויפן דעריאָגן מיין מזל... אָט זיץ איך איצט אין זשיטאָמיר, און מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז מיין מזל איז גאָר אין פּאָלטאַווע...

— וואָס איז דאָס פאַראַ מזל? — האָט טאַראַס זיך ערנסט פאַראינטערעסירט.

— אַ פּשוטער מזל. יעטווידער מענטש האָט דאָך אַ מזל, אָבער ניט יעדער פאַרשטייט אים אָפּצוהיטן. איך האָב מיין מזל פאַרלאָרן מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, און כ'קאָן אים ביזן היינטיקן טאָג ניט געפינען... איך בין זיכער, אַז ווי נאָר כ'ל קומען קיין פּאָלטאַווע, וועט ער אַנטלויפן קיין ראָמען, איכ'ל קומען קיין ראָמען, וועט ער שוין זיין העט אַפן אַמור, אין טאַשקענט. מיר איז אייגנטלעך גאָר גלייך, וואו ער וועט זיין, אָבער געפינען וועל איך אים דאָך...

— איז ניט אַמאָל בעסער צו זיצן און צו וואַרטן, דער מזל זאָל קומען צו אייך? — האָט טאַראַס געזאָגט, ווייטער איינגיסנדיק זיך און די געסט.

— זיצן אַף אַן אָרט טויג ניט — האָט האַלבפונטל געענטפערט — פון זיצן לערנט מען זיך גאָרנישט אויס. אַפילו אַז דער מזל קומט, ווייס מען דעמאָלט ניט, ווי אים אָנצוכאַפּן און איינצוהאַלטן. ניין, איכ'ל מאָרגן גיין מיין וועג. און דו — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו סאַשקען — בלייב זיך דיר אין האָלאָדאַיעווקע און לעב, ווי גאָט האָט געבאָטן. אפשר וועל איך דאָ פאַרבייגיין אין פרילינג, וועלן מיר זיך זען.

אַקסיניע האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, און מ'האָט געטרונקען טיי ביז אַ שטיק אין דער נאַכט.

אַף מאָרגן איז האַלבפונטל אַוועק, און האָט איבערגעלאָזן אַקסיניען דריי רובל. זי האָט דאָס געלט ניט געוואָלט נעמען, אָבער ער האָט איר איבערגערעדט און געטענהט, אַז פאַר אים איז געלט אַן איבעריקע זאַך און עס שטערט אים נאָר.

סאַשקע האָט אַרויסבאַגלייט זײַן פֿרײַנט אױן דערציִער ביזן װעלדל צו. דאָרטן האָבן זיי זיך האַרציק צעזעגנט, און רויטקאָפּ איז, אַ באַטריבטער, צוריקגעקומען אין שטאָט, באַגלייט דורך „מיינהונטן".

רויטקאָפּ איז אַוועק צו דוניען. ס'האָט אַביסל אונטערגעפֿראָרן. דער הימל איז אַראָפּגעהאַנגען גראָ און פֿאַרכמאַרעט. די האָלאָדײַעווקער קינדער זײַנען געלעגן אין די שטיבער, ווײַל זיי האָבן קיין שיך ניט פֿאַרמאָגט. און אין גאַס איז געווען טויט. רויטקאָפּן איז דאָס דווקא ניט געפֿעלן געווען, ווײַל אים האָט זיך געוואָלט, אַלע זאָלן אים אָנקוקן.

די יונגע פּריצימלעך האָבן סאַשקען ניט אויפֿגענומען באַזונדערש האַרציק. גאָרניט אַזוי, ווי ער האָט זיך געהאַט אויסגעמאָלן. ער איז די גאַנצע צײַט געבליבן זיצן אין קיך, ווײַל די באַלעבאַטים האָבן אים ניט אַרײַנגערופֿן אין שטוב. אין אַן אַנדער צײַט וואָלטן וואָלאָדיע און סעריאָזשע געווים באַגעגנט סאַשקען מיט מער שׂמחה, אָבער הײַנט זײַנען זיי געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיט אַ וויכטיקער געשעעניש אין זייער אייגענעם לעבן: זיי זײַנען אָקאָרשט אָנגעקומען אין גימנאַזיע, און האָבן צום ערשטן מאָל זיך אָנגעטאָן אין נײַע מאַנטעלעך מיט בלאַנקע קנעפּ. דעריבער זײַנען זיי געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיט זיך אַליין, און האָבן גאַנץ גלײַכגילטיק אויסגעהערט סאַשקעס ניט־באַזונדערש גערעטענעם דערציילן וועגן זײַנע פּאַסירונגען. אַז נאַדיע מיט דוניען זײַנען אַרײַן אין קיך, זײַנען די אינגלעך באַלד אַרויס פֿון דאָרטן.

רויטקאָפּ האָט כמעט גאָר ניט דערקענט דוניען. די פֿריִערדיקע שלומפּערל איז איצט געוואָרן אַ גאַנצע פֿרײַלן. בײדע מיידעלעך זײַנען אַרײַן אין קיך אַרומגענומענערהייט.

דערזעענדיק סאַשקען, האָט דוניע אַ קוויטש געטאָן פֿון פֿרייד און זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים. דער האַרציקער ברודהבא האָט דעם אינגל אַביסל אויפֿגעמונטערט נאָך דער פּראָסטיקער באַגעגעניש מיט די צוויי ברידער.

דוניע האָט מיט גרויס נײַגער אויסגעפֿרעגט רויטקאָפּן וועגן אַליץ, וואו ער איז געווען און וואָס מיט אים איז געשען.

סאַשקע איז שטאַרק צופֿרידן געווען, וואָס ער האָט זיך

געזען מיט דוניען, אָבער אַהיים האָט ער זיך פונדעסטוועגן צו־ריקגעקערט ניט גאָר אופגעלייגט. עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכער אומעט האָט אים באַמעכטיקט, און פון מינוט איז אים געוואָרן שווערער. מער פון אַלץ האָבן סאַשקען באַאומרואיקט די טריבע סימנים פונם אָנקומענדיקן ווינטער.

אין געיעג נאָכן גליק.

דער ווינטער האָט זיך געצויגן משונהדיק לאַנג, און רויט־קאָפּן האָט זיך געדאַכט, אַז ס'נעמט גאָר קיין סוף ניט צו אים. די לעצטע צייט איז ער שוין געווען גאָר אויסער זיך. האָלאָדאַ־יעווקע איז אים דערעסן געוואָרן. זיין היים, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט און צו וועלכער ער האָט זיך אַזוי געריסן, איז פון דער נאָענטן ניט געווען אַזוי ליב און אַזוי אינטערעסאַנט, ווי אים האָט זיך פונדערווייטן אויסגעמאָלן. שוין אָפן צווייטן טאָג נאָך זיין אָנקום איז אים אַלץ דערווידער געוואָרן, ווייל קיין זאַך האָט זיך דאָ אַפילו אַף אַ האָר ניט איבערגעאַנדערשט. דאָס לעבן אין האָלאַדאַיעווקע האָט זיך געצויגן, ווי אַ גראָע, לאַנג־ווייליקע שנירל. ער האָט געפונען אַלץ פונקט אַזוי, ווי ער האָט איבערגעלאָזן. בּאַ די עלטערן האָט געהערשט דיזעלביקע אָרעמ־קייט און די אייביקע נויט, דיזעלביקע נעבעכדיקע, קליינלעכע אינטערעסן. אַלע אַרומיקע האָבן געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך — ווי צו פאַרדינען אַפן שטיקל ברויט, און וואָס ס'וועט איבערבלייבן — צו פאַרטרינקען.

רויטקאָפּ האָט ניט געפונען פאַר זיך קיין חבר. אַלע זיינע פריערדיקע חברים זיינען אַוועק זיך לערנען צו בעלי־מלאכות און זיי איז שוין אין קאָפּ ניט געלעגן קיין שפּילן, און סאַשקע גופא וואָלט שוין אויך ניט געהאַט קיין גרויס פאַרגעניגן צו פריינטלען זיך מיט זיי. געבליבן איז נאָר דוניע, אָבער מיט איר האָט ער זיך אויך געזען גאָר זעלטן.

אַזוי אַרום איז רויטקאָפּ געבליבן אינגאַנצן איינזאַם. די ערשטע עטלעכע טעג האָט מען זיך נאָך אינטערעסירט מיט אים,

מ׳איז געקומען פרעגן, וואו ער איז געווען, וואָס ער האָט געזען. אָבער שפּעטער אַהין האָט מען אופגעהערט זיך מיט אים צו צאַצקענען און מען האָט אים גאָר בכלל מער ניט געמערקט. און אים האָט שטאַרק וויי געטאָן דער געדאַנק, אַז ער איז צווישן די האלאָדאַיעווקער אַן איבעריקער. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי טאַראַס פלעגט אים אין אַמאָליקע יאָרן רופן „אומזיסטער פרעסער״, און זיין האַרץ איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט.

רויטקאָפּ האָט געחלומט וועגן פרילינג, ווי דעמאָלט וועט האַלבפונטל נאָכקומען נאָך אים, און ווי ער וועט שוין ווידער, אַ באַפרייטער, קאָנען גיין וויפל זיין האַרץ געלוסט איבער פעלדער און וועלדער...

אין די נעכט, ווען סאַשקע איז געלעגן אַפן אויוון, פלעגט ער זיך אויסמאָלן די וואונדערלעכסטע בילדער. אין זיינע חלומות האָט ער אָפּטער פון אַלץ געזען דעם ים, דעם ברעגלאָזן, פּרעכטיקן ים, וועלכער האָט אים געשעפּטשעט כישוף־מעשהלעך אָן אַ סוף.

און ענדלעך איז אָנגעקומען דער פרילינג. רויטקאָפּ האָט מיט אַן אופגעוועקטן האַרצן זיך צוגעהאָרכט צו אַלע אירע פרישע, יונגע טומלען. ער האָט דער ערשטער דערפילט דעם וואַרימען אָטעם פונם פרילינג, ער האָט דער ערשטער דערזען, ווי פון דער נאַטור זיינען אַראָפּגעפאַלן די שווערע ווינטערקייטן. עס זיינען אָנגעקומען וואַרימע טעג, די זון האָט גענומען בלענדן, אַפן הימל האָבן זיך באַוויזן לייכטינקע, דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך, און די ערד האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גרינער, סאַמעטענער יריעה. דער טייך האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אייזיקן צודעק, און פויגלען זיינען געקומען צופליען.

פון גרויס אופרעקונג איז בא רויטקאָפּן דאָס האַרץ גרייט געווען יעדע רגע אַרויסצושפּרינגען. ער האָט אַליין ניט געוואוסט אַפּקלאָר, וואָס מיט אים איז. ס׳האָט אים גענומען ציען אין די ערגעצן. און ווי נאָר ער האָט אַרופגעקוקט אַפן ווייטן, לויטערן האָריזאָנט, איז אין אים אופגעקומען אַ מעכטיקער פאַרלאַנג צו וואַרפן אַלץ און אַוועקצוגיין, וואוהין די אויגן טראָגן. דאָס איינציקע,

וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן, איז געווען די האָפענונג, אַז האַלבּ־פונטל וועט קומען נאָך אים. אָבער האַלבּפונטל איז ניט געקומען, און רויטקאָפּ האָט פשוט ניט געהאַט מער קיין כּחות אַריבּער־צוטראָגן.

אין איינעם אַ פּרעכטיקן זונטיק איז סאַשקע אַרויס הינטערן שטאָט. ער האָט אַ לאַנגע צייט אַרומגעשפּאַצירט איבּערן וועלדל, נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעבּאָדן אין טייכל. נאָכן בּאָדן זיך איז ער אַריבּערגעגאַנגען די דאַמבּע און גענומען שפּרייזן איבּער דעם בּרייטן, שטויבּיקן שליאַך, איבּער וועלכן ער איז מיט צוויי יאָר צוריק צוזאַמען מיט „מיינהונט" צום ערשטן מאָל אַרויס אין דער וועלט.

רויטקאָפּ האָט געוואָלט אויסמיידן דעם שטויבּ אָפן שליאַך, און ער איז געגאַנגען אָן אַ זייט, פּאַזשע דעם געדיכטפאַרוואַק־סענעם גראָבּן. און אַזוי גייענדיק און חלומענדיק וועגן זיינע צו־קונפטיקע נסיעות, איז ער מיטאַמאָל שטיינגעבּליבּן אין גרויס אויפרעקונג. ער האָט דערזען, ווי אָפן דעקן פונם גראָבּן ליגט עמיץ און שלאָפט. ער איז געשטאַנען אַ פאַרטאַיעטער, ווייל דאָס האַרץ האָט אים עפּעס געזאָגט, אַז דאָס איז דער מענטש, וועמען ער האָט נויטיק אין לעבּן, אַז דאָס איז האַלבּפונטל. און זיין האַרץ איז געווען אַ זייגער: דאָס איז טאַקע געווען האַלבּפונטל, וועלכער, האָט דערהערנדיק איבּער זיך טריט, זיך בּאַלד אַ הויבּ געטאָן און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אַז מ'דערמאָנט דעם מלאך, קומט דער גלח — האָט האַלבּפונטל געזאָגט — אקארשט האָבּ איך דיך געזען אין חלום.

סאַשקע איז געשווינד אַראָפּגעשפּרונגען אין גראָבּן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָף האַלבּפונטלען און אים גענומען קוועטשן אין זיינע אָרעמס.

— טייערינקער חבר'ל מיינער! אַני איך האָבּ געמיינט, אַז דו וועסט שוין ניט קומען! — האָט רויטקאָפּ געטענהט און זיך פאַרכליניעט פון אויפרעקונג.

— וואַרט אַ ווײַלע... נו, האַלט זיך איין... דערשטיקסט

מיך דאָך, דו רויטער טײַוועלע... וואָס האָסט מיך נויטיק געהאַט?

— איך גיי מיט דיר — האָט סאַשקע פעסטבאַשלאָסן געזאָגט — כ'בין שוין באַלד פערצען יאָר... איך בין מער ניט קיין קליינינקער...

— נו, איז וואָס?

— קאָן איך דאָך שוין זײַן דײַנער אַ געהילף...

— ווערסט מיר העלפן מעסטן די וועלט?

— כ'וועל טאָן, וואָס דו ווילסט, מיר איז גאָר גלײַך...

— ווײַ, ווײַ, רויטקעפּל, ביסט דאָך גאָר אויסגעוואַקסן אַף מײַן רוקן, ווי אַ הויקער — האָט האַלבפונטל געזאָגט כלומרשט שטרײַנג, אָבער מיט אַ שמייכל — נו, גוט, כ'נעם דיך מיט זיך, מירן ביידע וואָגלען, זיך יאָגן נאָכן גליק... אָבער אויב מיר וועלן דאָס גליק ניט געפינען, וואָס וועט דעמאָלט זײַן? דו וועסט דאָך אויסוואַקסן אַ לא-יוצלח, און די עבירה וועט פאַלן אַף מײַן קאָפּ...

— ס'וועט ניט זײַן קיין עבירה — האָט רויטקאָפּ אים פאַרזיכערט — מיר'ן געפינען אונזער מזל...

— אַזוי זיכער ביסטו אין דעם?

— יאָ.

— ביסט שוין איינמאָל אַ קנאַקער! מילא, אין האָלאָדאַ-יעווקע וואַרטן דיר אויך ניט קיין באַזונדערע גליקן... נו, לויף אַפּגיך אַהיים, געזעגן זיך, און אויב מען וועט דיך אָפּלאָזן, קום געשווינד אַהער, איכ'ל דאָ וואַרטן.

— איך גיי ניט אַהין — האָט סאַשקע געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— איך וויל ניט. דאָרטן איז מיר שוין אַלץ דערווידער... איך גיי שוין מיט דיר!

האַלבפונטל האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— נו, מילא. קום. אָבער געדיינק: גרייט זיך צו האָבן צרות. מיר'ן דורכמאַכן פאַרשיידענע צייטן, און איצט לאָמיר שטיוולען.

האַלבפונטל האָט געהייסן רויטקאָפּן אויסטאָן די שיך.

— אָן שיך וועט דיר לייכטער זיין צו גיין, און וועסט האָבן, וואָס אָנצוטאָן באַם אריינגיין אין א שטאָט.

— וואוהין וועל'ן מיר איצט גיין? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט, אויסטוענדיק די שיך.

— וואוהין? נאָכן מזל לאָזן מיר זיך — האָט האַלב־פונטל געענטפערט, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, און איז דער ערשטער אַרויסגעשפרונגען פון גראָבן.

און אין אַ שעה אַרום האָבן פון חייט־ווייט זיך געזען צוויי שוואַרצע פּינטעלעך: דאָס זיינען געווען די געשטאַלטן פון אונזערע ביידע וואָגלער.

דריטער טייל.

באנאכטיקע געשעענישן.

די זון האָט שוין געזאָגט דער ערד דעם לעצטן זייגעזונט. פלאַמען האָבן ארומגעכאַפּט אַ ווייטן שטח פון הימל און האָבן זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבערן האָריזאָנט מיט צעשמאָלצענעם גאָלדרויט. עס האָט אויסגעזען, ווי עמיץ וואָלט דאָרטן געוואָלט פאַרשרפענען דעם הימל, און צוליב דעם האָט ער פאַנאַנדערגעצונדן אַ מוראדיקן שייטערהויפן. אָבער דער פלאַקער פונם אונטערגאַנג האָט ביסלעכווייז אויסגעצאַנקט. די זון — אַ גרויסע, אַ צונטעררויטע — האָט צום לעצטן מאָל אַ וואונק געטאָן צו דער ערד און איז פאַרשוואונדן הינטערן האָריזאָנט. דער וואַרימער מאַיטאָג איז שטיל אָפּגעשטאָרבן, אָפּטרעטנדיק זיין אָרט דעם בין־השמשות.

האַלבפונטל און רויטקאָפּ זיינען געלעגן אויפן וואַלדראַנד און האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם וואונדערלעכן זונאונטערגאַנג.

— אָ, ווי גוט... — האָט רויטקאָפּ געפּליסטערט.

— וואָס איז גוט? —האָט האַלבפונטל געפרעגט.

—אַלץ איז גוט. אָטדאָס גרינע פעלד, און דער הימל און — אַלץ; אַלץ איז גוט...

— פריי זיך, אויב דיר איז גוט — האָט האַלבפונטל אָפּגעבורטשעט. ער איז דעם גאַנצן טאָג געווען עפּעס שלעכט געשטימט.

רויטקאָפּ איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער אין אַ ווײַלע ארום האָט ער ווײַטער אָנגעהויבן ריידן:

— פאַרוואָס זאָלן אַלע מענטשן ניט לעבן, אַזוי ווי מיר? פאַרוואָס גייען זיי ניט אַוועק פון די שטעט און וואָגלען ניט

אַרום איבער דער וועלט! עד, ווי לוסטיק ס׳וואָלט דעמאָלט געווען!
— שווייג שוין, אינגל, דו רעדסט נאַרישקייטן — האָט האַלבפּונטל געזאָגט.
— פאַרוואָס נאַרישקייטן? — האָט רויטקאָפּ ניט אָפּגעלאָזן — אונז איז דאָך גוט! מיר זעען דאָך פעלדער און וועלדער און טייכן און פאַרשיידענע שטעט... וואָס דאַרפן מיר נאָך בעסער? פון מיינטוועגן, זאָלן אַלע פירן אזא לעבן! מיינע וועלן זיי ניט אָפּנעמען.
— קוק נאָר אָף דעם נדבן! — האָט האַלבפּונטל ניט וועלנדיק אַ שמייכל געטאָן — אי, רויטקאָפּ. ביסטו אַ שוטה! דיר וואָלט זיך וועלן, אַז מענטשן זאָלן אַרומקריכן אומעטום, אַזוי ווי די פּרייסן, און קיין איין זויבערער ווינקעלע זאָל ניט בלייבן אָף דער וועלט. יאָ, ס׳וואָלט געווען אויסגעצייכנט! זאָג, סאַשקע, ווען וועסטו שוין קליגער ווערן?...
— איך בין שוין פון לאַנג אַ קלוגער — האָט רויטקאָפּ זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.
— אויב דו ביסט אזא חכם, טראַכט אָקאָרשט צו, וואו זאָלן מיר היינט איבערנעכטיקן?
— מיט וואָס איז דאָ שלעכט? די גראָז איז ווייך, קיין רעגן איז ניטאָ, ס׳איז וואַרים...
— ניין, דאָ טויג ניט...
— פאַרוואָס?
— ווייל ס׳וועט זיין אַ רעגן.
— פונוואַנען ווייסטו?
— זעסט ניט? — האָט האַלבפּונטל באַוויזן אָף דרום-זייט, וואו ס׳האָט זיך געזען אפן האָריזאָנט אַ קליינע כמאַרעלע.
— פאַר וואָס ער האָט זיך דאָס איבערגעשראָקן! ס׳איז דאָך מער ניט, ווי אַ פּינטעלע — האָט סאַשקע זיך ניט געלאָזט איבעררײדן—אַפילו מאָרגן אין דער צייט וועט דאָס פּינטעלע אויך נאָך ניט האָבן דערגאַנגען אהער.

— דו מיינסט אזוי? גו, גוט, דו בלייב דאָ, און איך גיי אין דאָרף זוכן פאַר זיך אַ נאַכטלעגער.

האַלבפונטל האָט זיך אופגעהויבן, גענומען זיין שטעקן און זיין מאָגערע טאָרבע, אין וועלכער ס'זיינען געלעגן אַ פּאָר שיך, אַן איבערבייט וועש, עטלעכע פּאַפּירענע מאַכערייקעס אָף צו באַווייזן קונצן, עטלעכע טאַבאַקוואָרצעלעך און אַן אָפּגענוצט, קליין ביכעלע — גאָגאָלס „רעוויזאָר”. די טאָרבע האָט ער פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, האָט אַראָפּגערוקט די הוט איבער די אויגן און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין אַליין, קיין איין מאָל ניט אַרופּקוקנדיק אָפן איבערגעבליבענעם חבר.

דערפאַר האָט אָבער סאַשקע קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון פריינט, און פון זיין ברייטן, קורצנעזולדיקן און באַשפּריינקלטן פּנים איז ניט אַראָפּ דאָס שעלמישע שמייכעלע. „דו וועסט ווייט ניט אַוועקגיין”, — האָבן רויטקאָפּס לאַכנדיקע אויגן געזאָגט.

האַלבפונטל איז זיך געגאַנגען, ווי ניט אים מיינט מען דאָס. און באַלד האָט זיין קליין פיגורל זיך שוין אויסגעטיילט ווי אַ פּינטעלע אָפן טונקלגרינעם הינטערגרונט פון די זומערפעלדער, דורך וועלכע עס האָט געפירט דער וועג צום דאָרף.

— און איצט, ברודער, היט זיך, מיט איין שפּרונג דעריאָג איך דיך! — האָט רויטקאָפּ אין זיך געזאָגט און זיך געשווינד אַ הויב געטאָן.

ער האָט פאַרקאַטשעט זיינע הויזלעך ביז די קניען, האָט אָנגעבונדן זיינע שיך אָן אַ שטעקן, און דעם שטעקן אַרופגעלייגט אָף דער פּלייצע, האָט זיך לייכט איינגעבויגן און גיך, ווי אַ פייל, זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס, קוים אָנרירנדיק מיט די באָרוועסע טריט די ערד. אין פינף מינוטן אַרום האָט ער זיך שוין אויסגעגליכט מיט האַלבפונטלען.

— וואָס ביסט ניט געבליבן ליגן אָף דיין אָרט? — האָט האַלבפונטל געפרעגט, ניט אַרופקוקנדיק אָפן אינגל.

— וואָס זאָגסט אַף אים? מיר איז געווען אומעטיק אַליין, אָט וואָס! — האָט רויטקאָפּ געזאָגט, פּרייכנדיק, און אין גאַנג האָט ער זיך צוגעטוליעט צו האַלבפונטלס זייט.

ס'איז אָנגעקומען דער אָוונט. אַפן טונקלגעוואָרענעם הימל־ איז אַרויסגעשוואומען די יונגע לבנה, און ס'האָט זיך פאַרבייגע טראָגן אַ פרישער, פייכטער ווינטל.

— מיר'ן קומען שפּעט — האָט האַלבפונטל גערעדט צו זיך — ניט געדאַיפּט אַזוי לאַנג וועלגערן זיך אין וועלדל. פאָלג מיר אַ גאַנג, קלאַפּ אין די פענסטערן אַזוי שפעט! און ווער ווייס, אויב מ'וועט נאָך אַריינלאָזן.

— נאָך ווייט ביזן דאָרף? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט.

— אַז מיר'ן אַרויף אַפן בערגל, וועלן מיר אים זען.

און ווי נאָר זיי זיינען אַרויף אַפן בערגל, האָט רויטקאָפּ דערזען דעם דאָרף. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער דאָרף איז אַ גרויסער און אַ שיינער.

— שוין איינמאָל אַ דאָרף! — האָט ער מיט פרייד אויס־ גערופן, ויך איינעסנדיק מיט די אויגן אין דער טונקעלער מאַסע הייזלעך.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו פרייסט זיך אַזוי... דאָ וועלן מיר בלייבן אָן אַ נאַכטלעגער.

— פאַרוואָס?

— ווייל דער דאָרף איז אַ קבצנישער.

באַלד האָט רויטקאָפּ זיך איבערצייגט, אַז האַלבפונטל האָט געהאַט רעכט. אַז זיי זיינען צו נעענטער, האָבן זיי דערזען די נע־ בעכדיקע, קליינינקע הייזלעך אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט, מיט זייערע שטרויענע דעכער, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען ביז אין די פענסטערן אַריין.

האַלבפונטל מיט רויטקאָפּן זיינען אַריין אין דאָרף. דער הונט, וואָס איז געלעגן אַפן וועג, האָט בא זייער אַריינקום זיך פויל אַ הויב געטאָן, עפּעס אָפּגעבורטשעט אונטער דער נאָז, האָט ניט־וועלנדיק זיך אַ אוועקגעשלעפּט אַף אַן אַנדער אָרט, און זיך ווייטער געלייגט. אַרום איז געווען שטיל און ליידיק. וואו־ניט־ וואו האָט אין אַ הייזל זיך נאָך געזען ברענעדיק אַ פייערל.

האַלבפונטל איז צו צו איינער פון די הייזלעך. רויטקאָפּ נאָך אים. דורכן פענסטער האָבן זיי געזען, ווי די גרויסע

משפחה עסט וועטשערע. די גאַנצע שטוב איז באַלויכטן געוואָרן דורך אַ קליינינקען לעמפּעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. האַלבפֿונטל האָט שטיל אַנגעקלאַפּט אין פֿענסטער, און אַלע, וואָס זיינען געזעסן אין שטוב, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. די אַלטע גויע, וואָס האָט געמאַרוועט באַם טיש, איז צו צום פֿענסטערל, און צוליגנדיק איר צעקנייטשטן פּנים צו דער שויב, האָט זי אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ סקריפּעדיקער, זקנהשער שטים:

— וועמען דאַרפֿט איר?

— לאָזט איבערנעכטיקן דורכגייער! — האָט האַלבפֿונטל געבעטן — מיר קומען פֿון ווייטע מקומות... זיינען פֿאַרמאַטערט... לאָזט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון רעגן!...

רויטקאָפּ האָט אויפגעהויבן די אויגן, און אין דערזעלביקער רגע איז אַ שווערער טראָפּן אַראָפּגעפאַלן אויף זיין נאָז.

— זע, טאַקע אַ רעגן! — האָט ער געזאָגט צו זיך.

— באַ אונז האָבן שוין מיט צוויי טעג צוריק גענעכטיקט דורכגייער — האָט די אַלטע הינטערן פֿענסטער געענטפֿערט — היינט איז ניט אונזער טאָג. גייט צו איוואַן דעם שמיד!

— כאַפּט אייך אַלעמען דער שוואַרציאַר! — האָט זיך אויפגעזידלט האַלבפֿונטל און איז אַוועק ווייטער.

ער האָט געוואוסט, אַז אין די דערפֿער, וואָס ליגן אויפן ברייטן שליאַך, איז אַ מנהג לויטן סדר צו לאָזן איבערנעכטיקן דורכגייער, און דעריבער האָט ער מער זיך ניט געבעטן באַ דער אַלטער, נאָר ער איז אַוועק אויפזוכן דעם שמידס הייזל.

צוגייענדיק צו דער דריטער הייזל, האָט האַלבפֿונטל ווייטער אַנגעקלאַפּט אין פֿענסטער.

— ווער איז דאָ? — האָט אַ יונגע פֿרויענשטים זיך אָפּגערופֿן.

— ווי גאָט איז אייך ליב, לאָזט איבערנעכטיקן דורכגייער! — האָט האַלבפֿונטל געבעטן.

— שוין...

האַלבפֿונטל און רויטקאָפּ זיינען צו צו דער טיר, און ס'זיינען אַריבער געווים צען מינוטן, בעת מ'האָט זיי געעפֿנט. זיי

זיינען אַרײַן אין אַ קליינינקער, אָבער זויבערער שטיבל. אַ יונגע, שיינע ווײַבל האָט פֿרײַנטלעך אויפֿגענומען די וואַנדערער און געפֿרעגט, אויב זיי ווילן עסן. רוויטקאָפֿ האָט דער ערשטער געזאָגט, אַז יאָ.

די פֿרוי האָט אַראָפּגענומען פֿון דער פּאָליצע אַ לאַבן ברויט, פֿאַרוויקלט אין אַ גראָען האַנטוך, האָט אים אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש. האָט דערבײַ אַוועקגעלייגט אַ פּאָר הילצערנע לעפֿלען און אַליין איז זי אַוועק צום אויוון, פֿונוואַנען זי איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ שיסל זודיקע קרויטזופּ פֿאַר די אומגעבעטענע אורחים.

בײדע פֿרײַנט האָבן זיך זאַט אָנגעגעסן, און האָבן באַדאַנקט דער יונגער באַלעבאָסטע. דערווײַל האָט איבערן דאַך און אין די שויבן געגומען פּויקן דער רעגן. די באַלעבאָסטע האָט אָפּגעראַמט פֿון טיש, זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב און גענומען נײַגעריק באַקוקן די געסט, וועלנדיק, ווי עס שײַנט, פֿאַרקניפּן מיט זיי אַ שמועס. זי האָט אויסגעזען נאָך גאָר, ווי אַ מיידל, אַזוי יונג און נאַאיוו האָט אויסגעקוקט איר קליין, טונקלהויטיק פּנימל.

— דאָס זייט איר אַוואַן דעם שמידס ווײַב! — האָט האַלבפֿונטל איר געפֿרעגט.

— איך בין דאָס — האָט די באַלעבאָסטע געענטפֿערט.

— איז אײַער מאַן אַ גוטער שמיד? — האָט האַלבפֿונטל איר ווײַטער געפֿרעגט מיט דעם טאָן, מיט וועלכן מ׳פֿרעגט אַ קינד, אויב ער ליבט דעם טאַטן, דער מאַמען, דער מומען...

— אין גאַנצן געגנט אַרום איז ניטאָ נאָך אַזאַ שמיד — האָט די שמידעכע מיט שטאָלץ געענטפֿערט.

— אַזוי. אַזוי! און איר זייט שוין לאַנג חתונה געהאַט!

— לאַנג! באַלד וועט ווערן אַ האַלב יאָר.

— טאַקע לאַנג... און וואו איז איצט אײַער מאַן?

— ער שיכורט אין דער דערבײַאיקער שטעטל. נעכטן האָט ער אָפּגעפֿירט אַהין אַרבעט, און ער איז נאָך ניטאָ צוריק.

— שיכורט ער אָפֿט!

— ניין, ניט מער, ווי צוויי־דריי מאָל אַ חודש...

— טאַקע ניט אָפּט... ווילדעוועט ער, בעת ער שיכּורט זיך אָן?

— ניין. אַז ער שיכּורט זיך אָן, ווערט ער נאָר שטאַרק פריילעך און האָט ליב זיך צו שלאָגן.

— אָך־אָך־אָך—האָט דאַלבּפונטל זיך אָפּגעזיפצט און מער ניט גערעדט, ווייל ער האָט געזען, אַז דאָס ווייבל איז אַ משונהדיקע נאַרעלע מיט אַ שיין פּנימל. אגב, איז ער אַ ביסל אומרואיק געוואָרן און זיך געטראַכט: „וואָס וועט זיין, אַז באַנאַכט וועט קומען דער שיכּורער שמיד און וועט אונז אָנבּרעכן די ביינער, אַז מיר וועלן אים האָבן צו געדיינקען?" דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים ניט געלאָזן רוען, און ווען ניט דער רעגן, וואָלט ער בּלי ספק דאָ ניט געבּליבן נעכטיקן.

— און וואו וועט איר אונז לייגן, באַלעבּאָסטעטשקע? — האָט ער געפרעגט בּאַ דעם שמידס ווייב.

— לייגט זיך אַפן באַנק.

זי האָט אַראָפּגענומען פון אויוון צוויי זעקלעך, אָנגעשטאָפּטע מיט היי, זיי אַוועקגעלייגט אַפן באַנק, און אַליין האָט זי זיך צוגעזעצט צום טיש. האַלבּפונטל און רויטקאָפּ האָבן זיך צוגעלייגט שלאָפן ניט אויסגעטאָנענערהייט. סאַשקע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט זיך צוגעהערט צום קלאַפּן פון רעגן, האָט פון צייט צו צייט אַ קוק געטאָן אַף דער באַלעבאָסטע, וואָס איז אומבּאַוועגלעך געזעסן בּאַם טיש, און ער האָט געזשמורעט די אויגן אַנטקעגן ליכטל. ענדלעך האָט די מידקייט גובר געווען, און ער איז איינגעשלאָפן מיט אַ פעסטן, געזונטן שלאָף.

אום האַלבער נאַכט האָבן די פריינט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שטאַרקער קלאַפּעריי אין טיר. און אַ גראָבע שטים האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן:

— העי, ווייבל! עפן אויף, אַניט — צעטראָג איך דאָס גאַנצע הייזל!

אין שטוב איז געווען פינסטער. די באַלעבאָסטע האָט גענומען אומרואיק אַרומלויפן, האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און מיט צי־

טערדיקע הענט האָט זי אָנגעצונדן אַ סקאַלקע, און יענער אינ־
דרויסן האָט זיך אַלץ ניט איינגעשטילט.

— נו, וועסט שוין אַמאָל עפענען? — האָט ער געגוואַל־
דעוועט, און האָט מיט אַ געזונטער פויסט אַזאַ זעץ געטאָן אין
טיר, אַז די שויבן אין די פענסטער האָבן אָפּגעקלונגען.

האַלבפונטל און רויטקאָפּ האָבן גלייכצייטיק, פונקט ווי אָפּ־
גערעדט, זיך איינגעצויגן אין קנייטלעך און האָבן באַשלאָסן ניט
אַרויסצוגעבן קיין שום סימן, אַז זיי לעבן.

אין שטיבל איז באַלד אַריין אַ מאָדנער גידולניק. בײַ דער צי־
טערדיקער שיין פון דער סקאַלקע האָט זיך רויטקאָפּן אויסגע־
דאַכט, אַז דאָס איז עפּעס אַ פאַנטאַסטישע געשטאַלט, אַ ווילדע
באַשעפעניש. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע בייטש,
אין דער אַנדער האַנט — אַ פלעשל. זיינע הויכע שטיוואַלעס
זיינען פאַרשפּריצט געווען מיט בלאָטע.

— גוטנאָוונט, ווייבל! — האָט ער אַ ברום געטאָן, אַז די
ווענט האָבן געציטערט, און איז, אונטערוואַקלענדיק זיך, אַוועק
צום טיש.

— אַ גוטנאָוונט! — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט

— וואָס האָט איר זיך, איוואַן סעמיאָניטש, אַזוי פאַרהאַלטן?

— ווער, איך האָב זיך פאַרהאַלטן? דו האַקסט אַ טשייניק,
מאַרוסיע, ס'אַליגן... וואו איז אַ ליכטל?

— איינגאַנצן אויסגעברענט, וואַרטנדיק אָף אייך...

— אויסגעברענט?.. נו, מילא! כ'האָב געבראַכט אַן אַנ־
דערע, אַ לוסטערינעגע... — דער שמיד האָט זיך איינגעבויגן, האָט
אַרויסגעצויגן פון זיין שעכטל אַ האַלבצעקוועטשטע סטעאַרינליכט —
נאַ, צינד אָן.

דאָס ווייבל האָט תיכּף געטאָן, וואָס דער שיכורער מאַן
האָט באַפוילן: זי האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל און פאַרלאָשן די
סקאַלקע.

דער שמיד איז געווען אין אַ באַזונדערש־גוטער שטימונג.
רויטקאָפּ האָט אַ קאַפּעלע געעפנט די אויגן און נייגעריק נאָכגע־
קוקט יעדן ריר און קער זיינעם. איוואַן סעמיאָניטש האָט אַרופּ־

געשטעלט דאָס בוטל אַפן טיש, האָט אַ וואָרף געטאָן די בייטש אַפן באַנק, צו דער זייט פונם צװאָמענגעדרייטן האַלבפונטל, און האָט זיך געהייסן דערלאַנגען וועטשערע.

— העי, ווייבל, עפן די טיר, מיר איז היים! — האָט דער שמיד אַ געשריי געטאָן, זיך צוזעצנדיק צום טיש.

די יונגע פרוי האָט געעפנט די טיר, און איז אַוועק צום אויוון אַרויסנעמען דאָס געקעכץ.

באַם עסן האָט איוואַן אַריינגעקערט אַ גלעזל בראָנפן און גענומען דערציילן זיין ווייב די נסים, וואָס זיינען מיט אים געשען אין שטאָט. עפּעס אַ פּאַן ברינדזעוויטש האָט שטאַרק פאַרלויבט זיין אַרבעט, אים געגעבן דרייסיק קאָפּיקעס טרינקגעלט און באַ־שטעלט באַ אים נייע סחורה.

— אַ לעבן ווי אַ לעקעך, מאַרוסיע! — האָט ער פריי־לעך אויסגערופן און האָט אַזאַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אי־בערן טיש, אַז דאָס פלעשל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און דאָס שיסעלע מיטן עסן איז אופגעשפרונגען.

רויטקאָפּ איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין קוקן, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן זיין פחד און געשלונגען מיט די אויגן אַלץ, וואָס אין שטוב איז פאָרגעקומען. דיזר באַלעבאָס האָט דערווייל געגעסן, און דער עיקר געטרונקען, און נאָך יעדן גלעזל איז ער געוואָרן אַלץ לעבעדיקער.

— וואָס קלאָגסטו עפּעס, מאַרוסקע? — האָט ער געליאַ־רעמט — זע נאָר, ווי פריילעך מיר איז! אַ שאָד, ס'איז ניטאָ וועמען אָנצוברעכן די ביינער!

דער שמיד האָט זיך אופגעהויבן פון טיש, און דאָ האָט ער מיטאַמאָל דערזען אַפן באַנק רויטקאָפּן, און נאָך אים האַלבפונטלען.

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפרעגט באַ דער ווייב.

— פאַרביי־גייער האָבן געבעטן, מ'זאָל זיי לאָזן איבערנעכ־טיקן. היינט איז אונזער טאָג.

— אַזוי! איז דאָך גאָר אויסגעצייכנט! נו, מיינע טייערע געסט, שטייט אוף, לאָמיר עסן וועטשערע!

— זיי האָבן שוין געגעסן — האָט די באַלעבאָסטע צע־

שראָקן געזאָגט; אָבער דער מאַן האָט זיך גאָרניט צוגעהערט צו אירע רייד: ער איז צו צום באַנק, האָט אים איבערגעקערט, און ביידע געסט זיינען מיט אַ טראַסק אַראָפּגעפלויגן אַפן דיל.

— ווער זייט איר? — האָט דער שמיד געפרעגט, קוקנדיק אַפן פּאָרפּאָלק, וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך געהויבן פון דער פּאָדלאָגע — נו, וואָס רעדט איר ניט? וואו זיינען אייערע צינגער?.. — האָט ער אומגעדולדיק אַ געשריי געטאַן און געכאַפּט די בייטש אין האַנט.

רויטקאָפּ האָט זיך איבערגעשראָקן אַף טויט. דער שכור האָט, ווי ס'שיינט, גענומען די זאַך ערנסט. דער שלאָף האָט זיך תיכף אויסגעוועפּט פון אים, און ס'האָט אים דורכגעבליצט אַ געדאַנק צו כאַפּן זיינע שיך און אַנטלויפן דורך דער אָפענער טיר. אָבער דאָס פויקן פון רעגן אינדרויסן און האַלבפונטלס געלאַסענער פּנים האָבן אים אָפּגעהאַלטן דערפון. נאַר סאַשקע האָט געהאַט אַ טעות: האַלבפונטל האָט מער ניט, ווי אויסגעזען רואיק, אינדערעמתן האָט ער זיך געשראָקן ניט ווייניקער פון זיין חבר. אָבער ווי שוין אַ געניטער מענטש, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַנטלויפן האָט קיין זינען ניט. ער האָט באַשלאָסן אויסצופרובן עפּעס אַנדערש. און ווי נאָר דער שמיד האָט זיך געשטעלט איבער אים מיט דער בייטש אין האַנט, האָט האַלבפונטל געמאַכט אַזאַ פאַרקרימטע צורה, אַז דער שכור איז אָפּגעטראָטן הינטער זיך.

— ווער ביסטו? — האָט ער געפרעגט מיט אַ צעשראָקענעם קול.

— ווער איך בין? — האָט האַלבפונטל אַ קוויטש געטאָן און מיטאַמאָל האָט ער אַזוי געשווינד גענומען זיך דרייען און טאַנצן איבערן שטוב, אַז אַפילו רויטקאָפּ איז אַ טויטער געוואָרן.

— איך בין דעם שטנס אַ שוואָגער און דעם טייוולס אַ פּלימעניק... קום צו אונז אין גהינום, וועסט זיין אַ ליבער גאַסט!..

— האָט האַלבפונטל געפּיסקעט מיט אַ דינינקען קולכל און איז מיט ווילדע העוויות געשפּרונגען דעם שמיד אין די אויגן און זיך געדרייט, ווי אַ דריידל.

דער אָרימער איוואַן איז פון שרעק אויסגעניכטערט געוואָרן.

— באשירעם... — האט ער געשעפטשעט, אפציענדיק אף צוריק.

די באלעבאסטע איז געווען גאר אויסער זיך. און האלבפונטל האט אן אופהער געפראוועט משונהדיקע שטיק, האט ארויסגע־כאפט פון קעשענע שוועבעלעך און אויסגעשמירט דעם שטערן און די גאמבע מיט שוועבל, האט מיט די פינגערן אויסגעדרייט די אויגנלעדלעך, אזוי אז זיינע אויגן האבן באקומען א שרעק־לעכן אויסזען, איז געקראכן אף אלע פיר און האט כסדר גע־קוויטשעט.

מען קאן זיך פארשטעלן, וואס עס איז געווארן פון דעם שמיד, נעבעך, בעת האלבפונטל האט צו אים געפויזשעט אף אלע פיר, מיט ארויסגעקראכענע אויגן, מיט א פנים, וואס האט זיך געלויכטן פון אנגעריבענעם שוועבל. דער ריז האט זיך מיט א ציטערדיקער האנט גענומען צלמען, איז אראפגעקראכן אונטערן טיש, גאר ניט וויסנדיק פון שרעק, אף וואס פארא וועלט ער איז.

— אוועק, אוועק, שטן... — האט ער געשעפטשעט, ליגנ־דיק אונטערן טיש.

מער האט האלבפונטל ניט גענדארפט. ווען ער האט געזען, אז איוואן איז שוין האלבטויט פון שרעק, האט ער זיך אופגע־הויבן, געכאפט זיין פעקל און געמאכט רויטקאפן א צייכן, ער זאל אים נאכגיין. און זיי זיינען ביידע געשווינד ארויס.

אינדרויסן איז געווען פינסטער און בלאטיק. פון הינטער די כמארעס, וואס דער ווינט האט געיאגט און געריסן, האבן פון צייט צו צייט ארויסגעקוקט שטערנס.

— וואס איז דאס געווען מיט דיר? — האט רויטקאפ געפרעגט בא האלבפונטלען, ווען זיי זיינען שוין געווען אפגעגאנ־גען א שטיקל וועג.

— ווי פארשטייסט דאס ניט? — האט האלבפונטל גע־שעפטשעט — אז איך וואלט ניט געפאלן אף דעם שפיצל, וואלט אונז דאך דער שיכור צעמזיקט.

— ביסט א ממזר, ווי איך בין א לעבעדיקער! — האט

ראָטקאָפּ אויסגערופֿן אין התפּעלות, ערשט איצט באַגרייפֿנדיק, וואָס זיין פֿריינט האָט אויפֿגעטאָן.

— טומל אקארשט ניט — האָט האַלבפֿונטל אים איינגעשטילט — די סכּנה איז נאָך ניט פֿאַרביי. אַז דער שמיד וועט קומען צו זיך, וועט זיין אַ צרה...

ער האט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן, ווי איבער דער פֿאַרשלאָפֿענער דאָרפֿגאַס האָבן זיך געגומען טראָגן ווילדע קולות.

— ער איז דאָס... לאָמיר לויפֿן! — האָט האַלבפֿונטל געזאָגט.

— אַ מכּה וועט ער אונז כאַפּן! — האָט סאַשקע אויסגערופֿן און גענומען שטעלן פֿיס, אַז אַ רויך איז נאָר געגאַנגען.

— האַלט! כאַפּ דעם טייוול!.. — האָט געהילכט דעם שמידס קול.

רויטקאָפּ איז געפֿלויגן, פּונקט ווי צען רוחות וואָלטן אים געטראָגן. זיינע פֿיס זיינען געזונקען און האָבן זיך געגליטשט איבער דער בלאָטע, אָבער ער האָט דאָס גאָרניט געפֿילט. ערגעץ פֿון הינטן זיינען געבליבן די געשרייען און אַ בילעריי פֿון הינט, און רויטקאָפּ איז אָן אָפּשטעל געלאָפֿן, אינגאַנצן פֿאַרגעסנדיק אָן האַלבפֿונטלען און אפֿילו אָן זיך אַליין.

כּלי-אָבע-די-געדיכטע.

אַ צייט איז רויטקאָפּ געלאָפֿן און זיך אפֿילו ניט אומגעקוקט. ערשט ווען ער האָט דערפֿילט, אַז די פֿיס דינען אים שוין ניט מער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געשטאַנען אױף אַן אָפּגעקאָסיעטער לאָנקע, אַ פֿאַרשוויצטער, אַ פֿאַרמאַטערטער, און האָט קוים געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פֿריינט און האָט זיך גענומען אַרומקוקן און איינהערן. אַרום איז געווען חושך־פֿינסטער, און ס'האָבן זיך שוין מער ניט געהערט ניט קיין מענטשלעכע קולות, ניט קיין בילעריי פֿון הינט, אַ סימן, אַז ער איז אָפּגעלאָפֿן אַ היפּשע שטיק. סאַשקען איז געוואָרן שטאַרק קאַלעמוטנע אױפֿן האַרצן: דער

געדאַנק, אַז ער קאָן פֿאַרלירן האַלבפֿונטלען, האָט אַף אים אַרופֿגעוואָרפֿן אַ שרעק, און ער איז אַפֿילו גרייט געווען זיך אומצוקערן צוריק, אָבער דער חושך און דער שלעכטער וועג האָבן אים אָפּגעהאַלטן דערפֿון.

סאַשקעס מצב איז געווען זייער אַ טרויעריקער. לויפֿנדיק, האָט ער זיך פֿאַרבלאָנדזשעט, און איצט האָט ער בכלל ניט געוואוסט, ניט וואו ער איז, און ניט וואָס מיט אים וועט זיין, בלייבן שטיין ביז באַגינען אינמיטן פֿעלד איז אויך געווען ניט פֿון די געשמאַקע זאַכן, און אַחוץ דעם האָט ער גאָר אַף די פֿיס ניט געקאָנט איינשטיין.

— אפֿשר זאָל איך פּרובן אַ רוף טאָן? — האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט, און נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך צו באַטראַכטן, וואָס דערפֿון קאָן אַרויסקומען, האָט זיך שוין אַרויסגעריסן בא אים אַ געשריי:

— האַלבפֿונטל!..

רויטקאָפּס יונגער קול האָט דורכגעשניטן די שטילקייט פֿון דער נאַכט, האָט זיך אַוועקגעטראָגן איבערן פֿינסטערן פֿעלד, און איז אַראָפּגעפֿאַלן ערגעץ ווייט. מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ האָט סאַשקע זיך גענומען איינהאָרכן, אָבער קיין אָפּרוף האָט ניט דערגרייכט צו אים. נאָך זיין געשריי איז גאָר געוואָרן נאָך שטילער, ווי פֿריער. דער אינגל האָט זיך אַ דריי געטאָן אַף דער אַנדער זייט, מיט די באָרוועסע פֿיס האָט ער געטראָטן אין קאַלוזשעס וואַסער, וואָס די ערד האָט נאָך ניט באַוויזן איינצוזאַפּן.

— האַלב-פֿו-ו-ונטע-לע!!! — האָט זיך ווייטער געטראָגן איבערן פּוסטן, פֿינסטערן פֿעלד סאַשקעס אויסגעצויגענער, איינזאַמער רוף.

קיין ענטפֿער איז אַלץ ניט געקומען.

— פּעטער וואַ-אַ-ניע!!!

דאָסמאָל האָבן זיך אין דעם אינגלס שטים שוין געהערט טרערן, אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געהאָלפֿן: קיינער האָט ניט געענטפֿערט. און אַ פֿאַרפֿייניקטער פֿון שרעק און אומרו, האָט סאַשקע גענומען שטעלן טריט, גיין, אַליין ניט וויסנדיק וואוהין.

אָבער נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגיין קיין צענדליק טריט, האָט ער זיך שוין אָפּגעשטעלט אין גרויס חידוש. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער גייט צוריק צו צום זעלביקן דאָרף, וואו ער מיט האַלבפונטלען האָבן געהאַט אַזוי פיל שרעק. פונוויטן האָבן זיך געזען הייזלעך מיט שפּיציקע דעכער. רויטקאָפּ איז מיט פחד געגאַנגען נעענטער, האָט זיך צוגעקוקט, און ערשט דעמאָלט האָט ער דערזען, אַז דאָס איז ניט קיין דאָרף און ניט קיין הייזלעך, נאָר פרישאָנגעשניטענע גראָז, וואָס איז אויסגעהאַנגען אַף שטעקנס אַף צו טריקענען זיך*). און סאַשקע האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַראיאָרן האָט ער מיט האַלבפונטלען איינמאָל איבערגענעכטיקט אין אַזאַ סטויג.

צוגייענדיק צו איינער פון די פּיראַמידן, האָט רויטקאָפּ דערזען אין איר אַן עפענונג, וואָס האָט געפירט אינעווייניק. דער שאַרפער ריח פון פרישן היי האָט תיכּף אַרופגעיאָגט אַף אים אַ שלאָף. ער איז אַריינגעקראָכן אין סטויג, האָט אַוועקגעלייגט בּאַ זיך די שיך און זיך אויסגעצויגן אַפן ווייכן, פרישן גראָז. אים האָט דורכגענומען אַ וואַרימקייט און ער האָט באַשלאָסן, דאָ צו בלייבן די גאַנצע נאַכט. אינדערפרי וועט אים שוין האַלבפונטל געפינען. די אויגן האָבן זיך אים צוגעקלעפּט, און ער איז געשמאַק איינגעשלאָפן...

— געוואַלד, גולן, ער האָט מיר דאָך אָפּגעדריקט די פיס!

— האָט רויטקאָפּ ד'ערהערט איבער זיך אַ געשריי און ער האָט זיך תיכּף אויפגעכאַפּט.

אין דעם מאָמענט האָט ער דערפילט, ווי אונטער זיין צוקאָפּנס האָט זיך עפּעס גענומען רירן. ער איז מיט שרעק אויפגעשפרונגען. אין דער עפענונג האָט שוין אַריינגעקוקט אַ גראָע שיין,

---

*) אין דרום-מעריב רוסלאַנד טריקנט מען היי אַף אַזאַ אופן: מען שטעלט אַוועק דריי שטאַנגען, וואָס קומען זיך אויבן צוזאַמען, מען בינדט צענויף זייערע שפּיצן, און אַף דער פּיראַמידע הייגנט מען אויס פרישאָנגעשניטענע גראָז. אינעווייניק, צווישן די באַהאַנגענע שטאַנגען, בלייבט אַ גערוימער פוסטער אָרט, וואו'ס קאָנען זיך איינפלאַצירן צוויי-דריי מענטשן.

און דאָס האָט אַביסל באַרויִקט דעם אינגל. „ס'איז גוט — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס די נאַכט איז שוין אַוועק".

אין דעם באַרג היי האָט זיך עמיץ באַוועגט.

„איז דאָס ניט אַמאָל האַלבפונטל ?" — האָט אין סאַשקען אופגעבליצט אַ געדאַנק, און אַ פריידיק געפיל האָט אים אַ ברי געטאָן.

— ווערי דאָ ? דאָס ביסטו, האַלבפונטל ? — האָט ער געפרעגט און מיט האַרצקלאַפעניש געוואַרט אַף אַן ענטפער.

— ניין, ברודערל, דאָס איז דיר ניט קיין האַלבער פונט, דאָ שמעקט שוין מיט גאַנצע פודן — האָט זיך פון אונטערן היי דערטראָגן עמיצנס אַ הייזעריקע, אומבאַקאַנטע שטים.

אין דער שטים האָט רויטקאָפ ארויסגעהערט עפעס אַ גוטמוטיקייט און אַ תמימות. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געטאָן אַלץ, כדי זיך צו באַוואָרענען: האָט גענומען אין די הענט דעם שטעקן און די שיך, און אַליין האָט ער זיך צוגעשאַרט נעענטער צום אַרויסגאַנג.

— ווער ביסטו ? — האָט רויטקאָפ געפרעגט.

— ווער איך בין ?.. איך בין. פריינט... אַי-ווײַ, דער רוקן ברעכט... איך בין אַ מענטש און אַן אויסגעדינטער זעלנער, און רופן רופט מען מיך — כליאָבע-די-געדיכטע... עך-עך-עך !..

דער פרעמדער האָט אופגעהויבן זיין קאָפ, און סאַשקע האָט דערזען אַ קיילעכדיקן פנים, וואָס האָט שוין פון לאַנג ניט געפילט אַף זיך דעם טעם פון אַ גאָלמעסער.

— האַ, איז דיר געפעלן מיין נאָמען ? כע-כע-כע !..

און דער קיילעכדיקער פנים האָט זיך צעשמאָלצן אין אַ געלעכטער.

רויטקאָפ האָט געמוזט אַ שמייכל טאָן, באַקוקנדיק דעם פאַרשוין, וואָס איז מיט מאַטערניש געקראָכן פון היי אַרויס. עפעס אַ קאָמישע גוטמוטיקייט האָט זיך געפילט אין אָטדעם גרויסן, אומגעלומפּערטן נפש.

— נו, ברודער, קריך אַרויס — האָט ער געזאָגט —

מ׳מוז פונדאַנען אַרויס איינציקווייז. אַניט וועלן מיר אומקער דאָס גאַנצע בײדל.

רויטקאָפּ האָט אים געפאָלגט, איז דער ערשטער אַרויסגעקראָכן אַף דער ווייסער וועלט, און נאָך אים איז אַרויס זיין צופעליקער געלעגער-שותּף. איצט האָט סאַשקע דערזען, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. דאָס איז געווען אַ גרויסער, אומגעלומפּערטער פאַרשוין איבער די פופציקער. דער קאָפּ, קיילעכדיק, ווי אַ פּילקע, און מיט אַ ברייטער, פּלאַטשיקער צורה, איז געווען קוריץ אָפּגעשאָרן. די שוואַמיקע באַקן זיינען פאַרצויגן געווען מיט גראָע באָרשטן. זיינע אויגן זיינען געווען רונדע, העלגראָע, די וואָנסן — ברוינלעכע, זייער לאַנגע, די ברעמען — געדיכטע, אַראָפּהיינגעדיקע. אַפן הינטערגרונט פון דעם גראָעם, קורצגעשאָרענעם קאָפּ האָבן זיך באַזונדערש אויסגעטיילט די גרויסע, מגושמדיקע אויערן, וועלכע זיינען הן פון אינעווייניק, הן פון אויסווייניק, געווען געדיכט באַוואַקסן מיט אַ גאַנצן וואַלד פאַרפּלאָנטערטע האָר.

אַרויסקומענדיק פונם סטויג, האָט דער אומבאַקאַנטער זיך אַ צי געטאָן, האָט לאַנג און געשמאַק זיך אויסגעגענעצט, האָט אַרומגעקוקט אַלע זייטן פון הימל, זיך אַ בויג געטאָן צום מזרח, וואו די אופגייענדיקע זון האָט געבלענדט מיט פייערן. פאַרענדיקט דערמיט, האָט ער אַ קוק געטאָן אַף רויטקאָפּן און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ גוטן אַלטיטשקן געלעכטערל.

— וואָס פאַראַ רויטקעפּל דו ביסט! — האָט ער געזאָגט, צערטלעך באַקוקנדיק סאַשקען — דאָס האָסטו געמאַכט אַזעלכע קולות?

— איך — האָט רויטקאָפּ געזאָגט, און שוין געוואָלט דערציילן אַלץ, וואָס ס׳איז די נאַכט מיט אים געשען, אָבער דער אַלטער האָט אים איבערגעשלאָגן.

— ועסט נאָכדעם דערציילן — האָט ער געזאָגט — דערווייל טו אָטוואָס: קריך אַריין צו אונז אין שלאָפצימער און שלעפּ פון דאָרטן אַרויס מיין היטל, מיין זעקל און די טייקאָן...

נו, נו, יונגע פיסלעך, רירט זיך צוביסלעך! — האָט ער פאַר-

ענדיקט מיט א גראָם און א פּאַטש געטאָן סאַשקען איבער דער פּלייצע.

רויטקאָפּ האָט מיט גרויס חשק געפאָלגט דעם אַלטן.

דער פרימאָרגן איז געווען א פּרעכטיקער. די ערד, אָפּ־געפרישט דורכן באַנאַכטיקן רעגן, האָט זיך אָקאָרשט אופגעכאַפּט און פריידיק געשמייכלט צום הימל, איבער וועלכן ס'איז שוין אופגעקומען א בלענדנדיקע זון. גרויסע טראָפּנס ריינעם קלאָרן טוי האָבן געבלישטשעט אַף דער לאָנקע, אַזוי ווי שטערנס אין א לויטערער נאַכט. די פויגעלעך און בלעדליי קריכערלעך האָבן באַגעגנט דעם פרימאָרגן מיט א יומטובדיקן, פילשטימיקן לויב־געזאַנג.

אין א מינוט אַרום איז רויטקאָפּ אַרויסגעקראָכן פון אונ־טערן היי, שלעפנדיק אַף זיך דעם אַלטנס האָב און גוטס.

— א גרויסן דאַנק דיר! — האָט דער פרעמדער גע־זאָגט — און איצט לאָמיר זיך צוזעצן הינטערן סטויג און צו־בייסן. דו וועסט זיך דאָך ניט לאָזן בעטן, האַ?

און ניט וואַרטנדיק אַף דעם, וואָס דער אינגל וועט ענט־פערן, איז ער אַוועק אַף עטלעכע טריט הינטערן סטויג, האָט אויסגעקליבן א ווייכן און א טרוקענעם אָרט הינטערן שאָטן.

— זעץ זיך! — האָט ער צוגערופן רויטקאָפּן, און אַליין זיך אויך צוגעזעצט און גענומען אופבינדן דעם זעקל.

באַלד איז שוין סאַשקע געזעסן אַנטקעגן דעם אומבאַקאַנטן מיט א מויל, פול אָנגעפּאַקט מיט ברויט און פעטס, און ער האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פונם גוטמוטיקן אַלטן.

— נו, ברודערקע, איצט דערצייל מיר, וועמען האָסט באַנאַכט גערופן, און ווי ביסטו בכלל געקומען אַהער? — האָט דער אַלטער געזאָגט, נאָכדעם, ווי זיי האָבן ביידע גוט צוגעביסן.

אַראָפּשלינגענדיק דעם לעצטן ביסן, האָט רויטקאָפּ מיט אַלע פּרטים גענומען דערציילן, וואָס מיט אים איז נעכטן געשען. דער אומבאַקאַנטער האָט אים אויסגעהערט מיט קאָפּ, און פון זיין פלאַטשיקן פּנים איז די גאַנצע צייט ניט אַראָפּ דער שמייכל.

— מיט דיר איז נאָך א האַלבע צרה, פריינטל — האָט

דער אַלטער געזאָגט, ווען רויטקאָפּ האָט פאַרענדיקט דערציילן — דיין חבר וועסטו געפינען, און אויב אפילו ניט — וועסט זיך אויך דורכשלאָגן דיין וועלטל. איך האָב שוין געהאַט אין מיין לעבן גאָר־גאָר אַ סך מיטגייערס און חברים. איצט האָב איך קיינעם ניט, פונדעסטוועגן קלאָג איך ניט... און וואָס איז דאָ צו קלאָגן? קיין מענטש איז ניט אַליין. זיין שאָטן גייט שטענדיק מיט אים... וואוהין זייט איר געגאַנגען, דו און דיין חבר?

— מיר זיינען געגאַנגען זוכן אונזער גליק — האָט רויטקאָפּ געענטפערט מיט אַ נאַיווער איינגעגלויבטקייט.

— אָ, איר האָט זיך גענומען צו אַ וואויל שטיקל אַרבעט... העה־העה! — האָט דער אַלטער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי צו שפּרייזן נאָכן גליק: דאָס איז אַ לאַנגער און לוסטיקער וועג. איך גיי שוין אויך אַרום אַ צוואַנציק יאָר אַף דעם וועג, און ס'איז מיר טאַקע פריילעך...

דער אַלטער האָט זיך אָפּגעזיפצט, האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ טאַבאַקביטל, און האָט אָן איילעניש גענומען דרייען פון ציטונגפּאַפּיר אַ פּאַפּירעסל.

— פאַרוואָס רופט מען דיך מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען כליאָבע־די־געדיכטע? — האָט רויטקאָפּ אין אַ ווײַלע אַרום אַ פרעג געטאָן.

דער אויסגעדינטער זעלנער האָט אַ שמייכל געטאָן, פאַרדריכערט, פאַרגלעט מיט די הענט זיינע געדיכטע וואָנסן און גענומען דערציילן:

— איצט רופן מיך שוין אַלע כליאָבע־די־געדיכטע, אָבער ניט שטענדיק איז געווען אַזוי. אין די פריערדיקע ציטן האָב איך ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען, אחוץ מיין פאַרנאָמען אַנטאָן. איך האָב ניט געקענט ניט מיין טאַטן, ניט מיין מאַמען, כ'בין געווען אַ קהלשער ממזר, אַ פּאַסטעכל... אַז כ'בין אונטערגעוואַקסן, האָט מען מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער. אַז כ'בין צום ערשטן מאָל געקומען אין קאַזאַרמע, האָט דער עולם גראַד געהאַלטן באַם

עסן וואַרימעס. איך בּין אַרײַן — אַלע זעלנער זיצן אַרום די טישן און עסן קאַשע, געדיכטע, שמעקעוודיקע, פֿעטע... בּאַ מיר האָבּן אַזש די סלינקעס גענומען לויפֿן. אין יענע צײַטן בּין איך געווען אַ גרויסער בּעלן אַף אָפּצועסן — צו פֿיל צעבּאַלעוועט מיטן עסן בּין איך ניט געווען... און ווי נאָר איך בּין אַרײַן אין קאַזאַרמע, האָט מען גענומען פּויקן אין געהעפּט אַף אַלאַרם, אַלע זעלנער זײַנען אופֿגעשפּרונגען, געכאַפּט זייערע בּיקסן און אַרויסגעלאָפֿן. איך בּין געבּליבּן איינער אַליין. און אַז זײַנען אַרויס, האָבּ איך גענומען קוקן אַף דער קאַשע, דאָס אופֿעסן מיט די אויגן און צום סוף האָבּ איך זיך ניט אײַנגעהאַלטן — אַ זינדיקער מענטש — און האָבּ זיך צוגעכאַפּט צו אַ שיסעלע. כ'האָבּ אַזוי געגעסן און געגעסן... דער סוף איז געווען, אַז ווען די זעלנער זײַנען אַרײַנגעקומען פֿון הויף, זײַנען אַלע שיסעלעך אַפֿן טיש שוין געווען אויסגעלײדיקט, און איך בּין געלעגן אַפֿן דיל, ניט טויט און ניט לעבּעדיק — די בּויך אופֿגעשוואָלן, ווי אַ בּאַרג, די אויגן — פֿאַרגלאָצט, די מויל אָפֿן — פּונקט ווי בּאַ אַ פֿיש אַפֿן זאַמד. מ'האָט מיך אויסקורירט, און אַז איך בּין שוין מיט מזל געזונט געוואָרן, האָטן זיך גענומען צו מײַנע יאָרן... מ'האָט מיך געשמיסן, אַז ס'איז געגאַנגען אַ רויך... און זינט דעמאָלט איז מיר געבּליבּן דער נאָמען „כליאָבּע־די־געדיכטע“.

אַז דער אַלטער האָט פֿאַרענדיקט זײַן דערציילונג, האָט רויטקאָפּ זיך הילכיק פֿאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם בּילד, ווי דער דאָרפֿישער שייגעץ כאַפּט זיך צו צו דער קאַשע און וועלגערט זיך נאָכדעם אַ האַלבּטויטער אַפֿן דיל פֿון קאַזאַרמע. אָבּער אינמיטן געלעכטער האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אָן האַלבּפֿונטלען: די געשטאַלט פֿונם פֿאַרלאָרענעם פֿרײַנט האָט פֿאַרבּײַגעשווינדלט פֿאַר אים, ווי אַ שאָטן, און איז ווײַטער ניט געוואָרן. זײַן שטימונג איז געפֿאַלן. ער איז אופֿגעשפּרונגען און גענומען אומרואיק וואַרפֿן די אויגן אין אַלע זײַטן, אפֿשר וועט ער ערגעצוואו דערזען האַלבּפֿונטלען.

— קוק ניט אוים די אויגן, בּחורל — האָט כליאָבּע־די־געדיכטע אים געזאָגט — וועסט סײַווי קיינעם ניט דערזען, אָט,

אַז מיר וועלן קומען אין שטעטל, וועלן מיר זיכער געפינען דיין חבר האַלבּפודל.

— האַלבּפונטל, ניט האַלבּפודל, — האָט רויטקאָפּ אים פאַרריכט, שיר ניט אַרויספּלאַצנדיק אין אַ געוויין.

— מילא, זאָל זיין האַלבּפונטל, ס'איז גאָר גלייך...

— מיינסט, אַז מיר וועלן אים געפינען?

— אויב ער איז טאַקע דאָרטן, און אויב ער לעבּט נאָר, וועלן מיר אים אוודאי געפינען.

דעם אַלטנס זיכערער טאָן האָט אַבּיסל בּאַרואיקט רויטקאָפּן.

— ס'איז נאָך וויט בּיזן שטעטל?

— היינט קומען מיר אַהין. ווי נאָר מיר גייען אַרויס פון יענעם וואַלד, קומען מיר אַריין אין שטעטל. קלאָג ניט, פריינט! אַלץ וועט גוט זיין. נו, לאָמיר זיך לאָזן אין וועג... אָד־אָד־אָן, די זעלנערשע בּיינדלעך בּרעכן!...

קרעכצנדיק און זיפצנדיק, האָט כּליאַבּע־די־געדיכטע זיך אויפגעהויבּן, האָט אַרויפגעוואָרפן זיין זאַק אַף די פּלייצעס, און גענומען שפּרייזן אָן האַרצוויטיק, מיט געמאָסטענע טריט.

סאַשקע איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נאָכגעגאַנגען נאָך אים. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַפן אַלטן וויטיקע, חשודיקע בּליקן, און אין האַרצן האָט אים גענאָגט אַן אומבּאַשטימטע אומרו.

„וואָס וועט זיין פאַר מיר אַטרער אומבּאַקאָנטער אַלטער? — האָט ער זיך געפרעגט — צי שוין־ושע וועט מיר שוין איצט אויסקומען צו גיין מיט אים?..

ניט געפינענדיק קיין ענטפער אַף די קשיות, האָט סאַשקע נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך אַלץ מער פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע געדאַנקען.

אין אַ אידישער שטעטל.

זיצנדיק און טרינקענדיק טיי אַפן בּרעג טייכל, האָט רויטקאָפּ זיך דערוואוסט פון כּליאַבּע־די־געדיכטע אַסך טשעקאַווע זאַכן.

דער אַלטער זעלנער האָט אים דערציילט, וואָס ער טוט, בעת ער פֿאַלט אַריין אין אַ אידיש שטעטל.

— דעמאָלט, ברודערקע, ווער איך מיר אַ שבת־גוי — האָט כליאָבע־די־געדיכטע געזאָגט מיט זיין פֿאַמעלעכדיקן קול.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַ שבת־גוי? — האָט סאַשקע געפֿרעגט.

— אָ, ברודערקע, דאָס איז שוין גאָר אַן איידעלע זאַך. די אידן, פֿאַרשטייסטו מיך, האָבן אַזאַ מין מאָדע: זונטיק פֿאַלט בײַ זיי אוים אום שבת. און אין דעם טאָג טאָרן זיי גאָרנישט טאָן, נאָר עסן און דאַוונען מעגן זיי. נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז אָן אונזערן אַ ברודער, אָן אַ קריסט, קאָנען זיי זיך ניט רירן פֿונ־דאַנען אַהין. און מיר העלפֿן זיי, מיט וואָס מיר קאָנען: פֿאַר ווע־מען מ'נעמט אַראָפּ די לייכטער פֿון טיש, בײַ וועמען מ'קאָרמעט אָן די בהמות... אַרבעט איז פֿאַראַן גענוג...

— און וואָס גיבן זיי דערפֿאַר? — איז רויטקאָפּ געוואָרן נייגעריק.

— דאָס איז ווי איינער. אַן אָרימאַן, אַ שטייגער, גיט אַ שטיקל חלה; אַ נגיד ווידער — דערלאַנגט אַ גלעזל בראָנפֿן מיט אַ שטיקל פֿיש, אָדער ער גיט גאָר אַ פֿינפֿקאָפּיקענע מטבעה.

— דאָס איז דאָך גאָר פֿון די לייכטע זאַכן — האָט סאַשקע געזאָגט.

— וואָס איז פֿון די לייכטע זאַכן?

— אָט, העלפֿן די אידן פּראַווען זייער אידישן זונטיק...

— יאָ, דאָס איז טאַקע ניט שווער. אָבער דאָ איז אַן אַנ־דער צרה. די אַרבעטן מוזן אָפּגעטאָן ווערן אין אַלע הייזער אין דער גלייכער צייט, און איך קאָן זיך דאָך ניט צערייסן אַליין! זיי דו טאַקע מיין געהילף! וואָס מיר'ן פֿאַרדינען—וועט זיין העלפֿט אַף העלפֿט... מסכים?

רויטקאָפּ האָט באַלד ניט געענטפֿערט. אין דעם מאָמענט האָט ער געטראַכט וועגן דעם פֿאַרשוואונדענעם האַלבפֿונטל. ער האָט נאָך געהאַט אַ האָפֿענונג צו באַגעגענען אין שטעטל זיין פֿריינט און צוזאַמען מיט אים אַוועקצוגיין העט־וויט, אין פּעטערבורג.

— וואָס שווייגסטו עפּעס, חבר׳ל? — האָט כּליאָבע־די־גע־דיכטע געפרעגט — ווילסט מיר ניט באַהילפיק זיין, שעם זיך ניט און זאָג, אַז דו ווילסט ניט; און אויב דו גייסט איין אַף דעם, זאָג: „איך וויל״.

— איך וואָלט שוין וועלן... אָבער ווי וועט זיין, אַז מיר וועלן באַגעגענען האַלבפונטלען?

— איז וואָס? וועסט אַוועקגיין מיט אים... איך האַלט דיך דאָך ניט צו.

— אויב אַזוי, בין איך מסכּים — האָט סאַשקע געזאָגט.

שפּעט פאַרנאַכט זיינען כּליאָבע־די־געדיכטע און רוטקאָפּ אַריין אין אַ קליין אידיש שטעטעלע.

— דאָ קען מען מיך שוין — האָט דער אַלטער גע־זאָגט — כּיבין דאָ שוין געווען אַסך מאָל. איצט לאָמיר אַוועק־שפּרייזן גראָד צום בית־המדרש... דער שמש דאָרטן קען מיך גוט...

סאַשקע האָט געשוויגן. מיט גרויס נייגער האָט ער באַקוקט די פרעמדע געסלעך פון שטעטל און האָט צוגלייך געזוכט מיט די אויגן האַלבפונטלען.

דאָס שטעטל איז געווען אינגאַנצן אַ אידישע. פון ביידע זייטן ניט־ברוקירטע, שטויביקע געסלעך האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען נידעריקע, הילצערנע הייזלעך. ס׳איז געווען פרייטיק, און שטעטלשע ווייבער זיינען פאַרטאָן געווען מיטן אַריינברייגגען דעם שבת. פון צייט צו צייט האָבן פאַרהאָרעוועטע ווייבער אַרויסגע־טראָגן פון די שטיבער עמערס פּאָמעניצע און האָבן דאָס אויסגע־גאָסן פאַר׳ן שוועל. דורך די אָפענע פענסטערן האָט סאַשקע געזען, ווי מיידלעך האָבן געסאַרווערט לכבוד שבת. זיי האָבן געגרייט די טישן מיט ציכטיקע טישטעכער, האָבן אַרופגעשטעלט אַף זיי בלייַ־שטשעדריקע קופּערנע לייכטער, האָבן דערביי אַוועקגעלייגט גע־פלאָכטענע קוילישעס און זיי צוגעדעקט מיט חלה־טיכלעך. מען האָט זיך געאיילט מיט די אַלע הכנות, כּדי ניט צו פאַרזאַ־מען ליכטבענטשן.

די מאַנסלייט ווידער האָבן זיך דערווייל גערוט. איניקע זיי־נען געזעסן אין די אופגערוימטע שטיבער און האָבן מיט אַ גע־

זאָגנ געלייענט שיר־השירים, אַנדערע זינגען שוין, אויסגעפּוצט אין די שבתדיקע בגדים, געגאַנגען אין בית־המדרש, און די דריטע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין גאַס, וואַרטנדיק אַף קבלת־שבת.

— איצט וועלן מיר אַוועק צום בית־המדרש — האָט כּליאָבע־די־געדיכטע געזאָגט צו סאַשקען — דאָרטן, ברודערקע, דאַרף מען זיך היטן... זאָלסט נאָר ניט אַראָפּנעמען דאָס היטל הערסט?

— פאַרוואָס?

— אַזוי איז שוין זייער גלויבן... און זאָלסט זיין שטיל, נאָר ניט לאַכן, אויב דו וועסט אַפילו זען שפּאַסיקע זאַכן. פאַר־שטאַנען?

— פאַרשטאַנען — האָט סאַשקע געענטפערט, און האָט, ניט אַ מינוט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן האַלבפונטלען.

ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיינע רעיונות, אַז ער האָט גאָרניט געמערקט, ווי ער איז, צוזאַמען מיטן אַלטן, אַריין אין דעם שולהויף, וואָס איז פולגעפּאַקט געווען מיט קליינוואַרג.

די קינדער האָבן געשריען, געטומלט, האָבן געשפּילט אין קנעפּלעך, אין פערדלעך, און האָבן געליאַרעמט אַזוי לאַנג, ביז פון שול איז מיט אַ בעזים אין האַנט אַרויסגעלאָפן אַ קליינער, הויקערדיקער אידל מיט אַ געלן ציגענעם בערדל, און האָט זיך פאַנאַנדערגעקווטשעט:

— שאַרלאַטאַנעס, וואָס מאַכט איר דאָ פאַר אַ גע־וואַלטעס!

דאָס אידל, וואָס האָט אויסגעשייגעצט די אינגלעך, איז געווען ברוך דער שמש. באַלד, ווי ער האָט געעפנט זיין מויל, זיינען זיך די אינגלעך אין גרויס שרעק פאַנאַנדערגעלאָפן אין אַלע זייטן.

רויטקאָפּ האָט אַ שמייכל געטאָן, זעענדיק, וואָס פאַרא פּחד ס'האָט אָנגעיאָגט אַף די קינדער דער נעבעכדיקער הויקערל. „מיר, ברודערל, וואָלסט שוין ניט אָפּגעשראָקן" — האָט ער זיך געטראַכט.

דערווייל האָט דער שמש געזען דעם אָנגעקומענעם, און האָט מיט פרייד א געשריי געטאָן:

— אַ! אַ גאַסט, כליאָבע־די־געדיכטע!

ער איז צו צום זעלנער, האָט אים אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם און גענומען מיט אים ריידן אַף אידיש.

פאַר רויטקאַפּן איז ממש געווען אַ בייז־וואונדער, ווען ער האָט געזערט ווי כליאָבע די געדיכטע ענטפערט דעם הויקער אויך אַף זיין לשון.

— נו, ברודערקע, איצט וועלן מיר לעבן אַ טאָג — האָט דער אַלטער זעלנער נאָכן אויסריידן זיך מיט ברוך דעם שמש אַ זאָג געטאָן צו רויטקאַפּן. דער שמש איז דערווייל צוריק אַריינגעלאָפן אין טיר פון בית־מדרש.

— ווי אַזוי? — האָט סאַשקע געפרעגט.

— ווייל אין שטעטל איז איצט גראָד ניטאָ קיין איין שבת־גוי. ס'איז געווען איינער, אָבער ער האָט איצט אָנגעהויבן שטאַרק שיכורן. ברוך האָט זיך דערפרייט מיט אונז, ווי מיט אייגענע... איצט קום, מיר וועלן זיך צוזעצן ערגעץ, און נאָכן דאַווענען וועט מען אונז שוין רופן.

זיי זיינען אַוועק אין אַ ווינקעלע הויף און האָבן זיך אַוועק־געזעצט אַף דער ערד.

אָפּן ציגעלנעם דאַך פון בית־מדרש האָבן שוין אויסגעצאַנקט די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אידן. אַלע זיינען זיי געווען אָנגע־טאָן שבתדיק, אין לאַנגע שוואַרצע רעק, און אַלע זיינען געווען געשטימט פייערלעך, אומעטיק און פאַרקלערט. אין בית־מדרש האָט מען אָנגעצונדן ליכט. דער הימל איז טונקל געוואָרן.

— לאַנג וועלן זיי דאַווענען? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט.

— ניין. אידן דאַווענען גיך. זייערע תפילות זיינען לאַנג, אָבער זיי כאַפּן זיי אַראָפּ אַפּגיך...

— פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי אומעטיק?

— דאָס פאַרשטעלן זיי זיך, כדי זייער גאָט זאָל אַף זיי רחמנות האָבן...

— וואָס איז בײַ זײַ פֿאַר אַ גאַט?

— אָן אַלטער זקן, שוין אַפֿילו ניט מיט אַלעמען — האָט כליאַבע־די־געדיכטע מעשה קענער אָפּגעענטפֿערט.

סאַשקען האָבן די ענטפֿערס באַפֿרידיקט; איצט האָט ער מערניט געפֿרעגט און האָט מיט נייַגער געקוקט אין די אָפֿענע פֿענסטערן פֿון בית־מדרש, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. ער האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פֿון די באַוועגונגען פֿון די דאַוונער. ביז אַלע האָבן זיך אין אַ געדיכטער מחנה אַ שאָט געטאָן פֿון שולכל.

— העי, כליאַבע־די־געדיכטע! כליאַבע־די־געדיכטע! וואו ביסטו? — האָט זיך דערטראָגן ברוך דעם שמשס קוויטש.

— ער האָט אונז ניט פֿאַרגעסן, דער הויקערל, העהע — האָט דער אַלטער זיך דערפֿרייט — נו, ברודערקע, הויב זיך.

ער האָט זיך אופֿגעהויבן, און סאַשקע נאָך אים.

ווען אין בית־מדרש איז שוין מער קיינער ניט געבליבן, האָט דער שמש אַרייַנגעפֿירט בייַדן אין שול.

— נו, כליאַבע־די־געדיכטע — האָט ער געזאָגט, גייענדיק פֿאַר זיי — איצט וועסט שוין בלייבן בײַ אונז אָפּ שטענדיק... דער גבאי וועט דיר צאָלן וואָכערס... צוויי קערבלעך אַ חודש...

— נו, אדרבא, איך בין גרייט. אַבי ס'וועט נאָר זײַן אַ זיכערע פּרנסה.

— געוויס וועט זײַן!.. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חברה־מאַן?

— האָט דער שמש אַ פֿרעג געטאָן, באַווייזנדיק אָף רויטקאָפּן.

— ער גייט מיט מיר... אַ וואוילער בחור... דאָס וועט זײַן מײַן געהילף.

— אויסגעצייכנט, אָבער... — האָט ברוך געזאָגט און האָט נאָך צוגעגעבן עפּעס אַן אומבאַקאַנטן וואָרט.

— גאָר, גאָר, וואָס רעדסטו! — האָט כליאַבע־די־געדיכטע אויסגערופֿן — אַז איך זאָג, ער איז אַ וואוילער, ערלעכער בחורעץ... איך קאַוויר פֿאַר אים...

— גוט, גוט! — האָט ברוך אים איינגעשטילט, און זיי זיינען אַלע דריי אַריין אין בית־מדרש.

אינעווייניק האָבן געברענט ליכט אין די לייכטער, און בײַ דער טיר איז געהאַנגען אַ קליינער נאַכטלעמפּל. כליאָבע־די־געדיכטע איז געווען באַקאַנט מיט דער מלאכה פון אַ שבת־גוי, און ניט וואַרטנדיק אויף דעם שמשס באַפעל, האָט ער גענומען אַ בײַנקל, זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם, און האָט פאַרלאָשן אַלע ליכט.

ברוך האָט אַרויסגענומען פון שאַפע אַ שטיק חלה און אַ שטיק געפילטע פיש, האָט דאָס דערלאַנגט דעם זעלנער און אים געזאָגט, אַז איבערשלאָפן וועלן זיי קאָנען אין חדר.

זיי זיינען אַרויס אין פּאָליש. ברוך האָט פאַרשלאָסן די טיר פון שול און די שליסל אַרײַנגעלייגט צו זיך אין כאַליעווע. נאָכדעם האָט ער אויפגעשלאָסן פאַר זיי דעם חדר.

— נו, דאָ קאָנט איר אָפּעסן און איבערשלאָפן — האָט ער געזאָגט.

— און קיין שנעפּסל, ברוך, וועט גאָר ניט זיין? — האָט דער זעלנער שטיל געפרעגט דעם שמש.

— קוק נאָר אויף אים! וואו האָסטו געזען, מ'זאָל געבן אַ שבת־גוי בראָנפן אום שבת? האָב געדולד, דער שבת וועט אַוועק, וועסט באַווייזן צו טרינקען...

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער שבת־גוי און זיין געהילף שוין געזעסן אין חדר און זיי האָבן צוגעביסן בײַ דער שיין פון אַ קליין ליכטעלע, וואָס איז געווען אָנגעשמאָלצן אָן ברעג טיש. דער גאַנצער מאָומדיק־גרויסער חדר האָט זיך געטרונקט אין פינסטער־ניש. אַרום איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ שווערע שטילקייט. ברוך האָט פאַרמאַכט די פענסטערן און די לאָדנס, און איז אַוועק צו זיך אַהיים. אין דעם גאַנצן בנין איז קיין נפש ניט געבליבן, אַחוץ דעם אַלטן כליאָבע־די־געדיכטע און דעם יונגען רויטקאָפּ.

דער נייער באַקאַנטער.

אַף מאָרגן האָט רויטקאָפּ זיך אופגעכאַפּט אַף אַ לאַנגען, ברייטן באַנק, און צוקאָפּנס זיינען אים געלעגן זיינע שיך און זיין שטעקן. בליאַבע־די־געדריכטע איז געלעגן אַף אַן אַנדער באַנק, האָט זיך מיט דער פויסט געריבן די אויגן און האָט אינדערהויך געגענעצט.

— עך־עך־עך, די זעלנערישע ביינדעלעך — האָט ער געערדט, קרעכצנדיק און זיך ציענדיק — דאָ איז ניט אַזוי ווייך צו שלאָפן ווי דאָרטן, אַפן היי, ווי מיינסטו, ברודערקע?

— אוודאי איז דאָרטן ווייכער, און פרייער אויך — האָט רויטקאָפּ זיך אָנגעכאַפּט — דאָ געפעלט מיר ניט אַ ברעקל... איכ׳ל זיך אָפּטראָגן פונדאַנען — האָט ער צוגעגעבן, און גענומען אָנטאָן די שיך.

סאַשקע איז אַרויס אין שולהויף, כדי אַן אָטעם צו טאָן מיט פרישע לופט. ניט געקוקט אַף דער פריער באַגינענדיקער שעה, זיינען שוין עטלעכע אידן געזעסן אין שול און געזאָגט תהילים אַף קול.

אין שולהויף האָבן זיך גענומען באַווייזן אינגלעך. צווי פון זיי — איינער אַ הויכער, אַן אויסגעדאַרטער, מיט אַ פּאָר לאַנגע, דינע פאות, וואָס האָבן זיך ווי סטרונעס געצויגן פון די איינגעפאַלענע באַקן, און דער צווייטער, אַ שוואַרצער, ווי אַ טאַטערל, מיט אַ פּאָר פלינקע אייגלעך — זיינען צו צו סאַשקען און אים גענומען אָן שום מחוקות אַרומקוקן, אַזוי ווי מען קוקט אַרום אַ משונהדיקע, זעלטענע חיה. צו די איז באַלד צוגעשטאַנען נאָך אַ פּאָר אינגלעך, צו זיי — נאָך און נאָך, און רויטקאָפּ האָט נאָך ניט באַוויזן קומען צו זיך, ווי אַרום אים איז שוין געשטאַנען אַ געזעמל. אינאָנהויב איז ער אַביסל צעטומלט געוואָרן, זעענדיק, ווי ער איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אָבער ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער גוואַרדיע, האָט ער זיך באַרואיקט. „זאָלן זיי נאָר פּרובן — האָט ער זיך געטראַכט — מיך אָנרירן, כ׳וועל דערלאַנגען אַזאַ שמיר, אַז זיי וועלן מיר האָבן צו געדיינקען“.

צום סוף האָט איינער פון די אינגלעך פאַרפירט מיט רויטקאָפן א שמועס.

— ווילסט זיין אַן אונזעריקער? — האָט אים דער אינגל געפרעגט.

— ווי אַזוי? — האָט רויטקאָפּ איבערגעפרעגט און פאַר־קנייטשט די ברעמען.

— נו, אַ איד?

— ניין, כ'וויל ניט! — האָט סאַשקע מיט אַ פעסטן באַ־שלוס געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, ווייל זונטיק איז בא אייך אום שבת. און אחוץ דעם, פאַרשטיי איך ניט אייער לשון...

דערווייל איז נאָך אַ אינגל צוגעשטאַנען צום שמועס, און מען וואָלט זיך גאַר ברייטלעך פאַנאַנדערגערעדט, אָבער ווי אַף צו להכעיס איז אָנגעקומען ברוך און האָט אַלעמען פאַנאַנדערגע־טריבן. דערווייל איז בליאַבע־די־געוויכטע אויך אַרויסגעקומען, איצט האָט ער שוין אויסגעזען גאָר אַנדערש, ווי נעכטן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויזער העמד, וואָס איז אַריבערגעהאַנגען איבער די הויזן, אַפן רוסישן שטייגער, און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שוואַר־צער געפלאָכטענער שנור מיט פראָנזן. אַף די פיס האָט ער גע־טראָגן אַ פּאָר גאַנצע, גאָר לייטישע שיך.

— אַ שאָד — האָט ער געזאָגט, אַריבערפירנדיק מיט דער האַנט איבערן פּנים — וואָס כ'בין ניט אָפּגעגאָלט. נו, מילא, מאָרגן וועל איך זיך שוין אָפּסקראָבענען, הע־הע־הע! און איצט' ברודערקע, קום צו דער אַרבעט.

— וואוהין? — האָט סאַשקע געפרעגט.

— קום, 'סט שוין זען.

זיי זיינען אַרויס אין גאַס.

—זעסט אַ גאַס?—האָט דער זעלנער געפרעגט דעם אינגל.

— כ'זע.

— גוט, וואָס דו זעסט. איצט וועלן מיר טאָן אַזוי: איכ'ל

דורכגיין די גאַס פון איין זייט, און דו פון דער אַנדער זייט. און זאָלסט ניט דורכלאָזן קיין איין שטוב: אומעטום זאָלסט אַריינגיין.

— צואוואָס?

— הער=זשע: אַז דו וועסט אַריין אין אַ שטוב, זאָלסט דאָס היטל ניט אַראָפּנעמען, נאָר זאָגן: „גוט שבת! וואָס דאַרף מען טאָן?" מען וועט דיר שוין ווייזן, וואָס צו טאָן, דו זאָלסט אָפּטאָן דיין אַרבעט און בלייבן אַ ווײַלע וואַרטן. וועט מען דיר געבן עפּעס — איז גוט. אויב ניט — זאָלסט אַרויסגיין. דו וועסט שוין באַקומען דיין לוין אינאָוונט. פאַרשטאַנען?

— וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין! — האָט רויטקאָפּ אומצופרידן געמורמלט — פאַרשטאַנען האָב איך, אָבער—עטו!— האָט ער אַ ביטולדיקן מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך אָפּגע=זיפצט און אַראָפּגעצויגן דאָס היטל ביז איבער די אויגן.

סאַשקע האָט שטאַרק געביינקט נאָך האַלפונטלען, און קיין זאַך איז אים איצט ניט איינגעגאַנגען. ער האָט זיך מיט אַ שווערן האַרצן גענומען צו דער מלאכה.

אַריינגייענדיק אין דער ערשטער שטוב, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן פון זיך דאָס היטל, אָבער ניט זעענדיק אין ווינקל קיין הייליקע בילדער, האָט ער זיך דערמאָנט דעם אַלטנס אָנזאָג און האָט מיט כעס צוריק אַרופגעשלעפּט דאָס היטל אויף זיין צעפּאַט=ליעטן, רויטהאָריקן קאָפּ.

אנשטאָט אַ „גוט=שבת", האָט רויטקאָפּ שטיל זיך אויסגע=שנייצט אין פויסט.

— וואָס איז נויטיק צו טאָן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן בײַ אַ מיידל מיט שוואַרצע, צעשויבערטע האָר און מיט אַ פאַרשלאָפענעם פנים, וועלכע איז געגאַנגען איבערן שטוב מיט אַ פערינע אין די הענט.

— וואַרט אַ ווײַלינקע, שוין, שוין... — האָט דאָס מיידל דערשראָקן געזאָגט און געשווינד אַריין אין צווייטן קאַמער.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריק אַרויס און האָט מיט אַ צייכן באַוויזן רויטקאָפּן, ער זאָל איר נאָכגיין. סאַשקע איז אונ=טערטעניק נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען אַריין אין עסצימער, וואו

ס'איז געשטאַנען אַ טיש אונטער אַ ווײַסן טישטעך און אַן אַלמערל מיט ספֿרים. בײַם פֿענסטער איז געזעסן אַן אַלטער איד מיט אַ גראָער באָרד. דורך שוואַרצע שפּאַקולן האָט ער געקוקט אין אַ גרויסן ספֿר און האָט שטיל אונטערגעזונגען.

דאָס מײדל מיטן פֿאַרשלאָפֿענעם פּנים האָט צוגעפֿירט רויטקאָפּן צום טיש און האָט אים באַוויזן אַף פֿינף מעשענע לײַכטער, ער זאָל דאָס אַראָפּנעמען און זיי אַרויפֿשטעלן אַפֿן אַלמער. דאָס שייגעצל האָט דאָס אַלץ געטאָן.

— און מער גאָרנישט? — האָט ער געפֿרעגט, צוגייענדיק צו דער טיר.

אַנשטאָט אַן ענטפֿער, האָט דאָס מײדל אים דערלאַנגט אַ שטיק חלה. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דערמיט איז זײַן שליחות פֿאַרענדיקט, און ער איז אַרויס, באַהאַלטנדיק די חלה הינטערן בוזים. אַף דער אַנדער זײַט גאַס האָט זיך גראָד באַוויזן כליאָבע=די=געדיכטע. רויטקאָפּ איז צוגעלאָפֿן צו אים.

— נו, וואָס?

— איך וויל ניט זײַן קיין שבת=גוי — האָט סאַשקע געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— פֿאַרוואָס עפּעס ווילסט ניט?

— אַט אַזוי. איכ'ל גיין זוכן האַלבפּונטלען.

— גיי שוין, גולם איינער, — האָט כליאָבע=די=געדיכטע געזאָגט מיט באַדויערן און לײַכטן פֿאָרוואָרף — דו מיינסט דאָך אוודאי, אַז איך זוך נאָר מײַן אייגענע טובה? מעגסט גיין געזונטערהייט... פֿאַר דיר וועט דאָך אָבער בעסער זײַן, עפּעס צו פֿאַרדינען אַף הוצאות...

— פֿאַרוואָס אָבער שווײַגן זיי? — האָט סאַשקע ברוגז געזאָגט, שוין ניט ווײַסנדיק, צו וואָס זיך צוצושטעפּן.

— ווער?

— די אידן, זיי ווײַזן נאָר מיט די פֿינגער.

— ביסט דאָך טאַקע אַ נאַרעלע! — האָט כליאָבע=די=געדיכטע געזאָגט — ס'איז שוין בײַ זיי אַזאַ דין, אַז מ'טאָר ניט באַפֿוילן מיט ווערטער. נו גיי שוין, ברודערקע, גיי, לאָמיר זיך

נעמען צו דער אַרבעט; אַז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו דעם, וועסט גאָר מער ניט וועלן אַוועק פֿונדאַנען.

סאַשקע איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַריבער אױף דער אַנדער זײט גאַס.

אַז די ערשטע שטראַלן פֿון דער אױפֿגײענדיקער זון האָבן אָפּגעגאָסן דאָס שטעטל מיט וואַרעמקייט און ליכט, האָט זיך אַלץ אױפֿגעכאַפּט און אױפֿגעלעבט. אידן האָבן שוין אָנגעהױבן גײן אין בית־מדרש מיט פֿאַמעלעכע טריט, און גײענדיק, אונטערגעברומט ניגונים און אונטערגעקנאַקט מיט די פֿינגער. אין גאַס האָבן זיך באַוויזן אױסגעפּוצטע ווײַבער מיט שווערע אױרינגלעך אין די אױערן, פֿאַרשמאַיעטע אינגלעך האָבן זיך אַרומגעדרײט. רויטקאָפּ האָט קיין איין גוישן וואָרט ניט געהערט. און ס'איז אים ווײַטער געוואָרן שווער צומוט. ער האָט זיך דערפֿילט פֿאַרוואָרפֿן, אײנזאַם, איבעריק.

— כ'וויל אַוועק פֿונדאַנען — האָט ער זיך געטראַכט.

אָפּן ווינקל פֿון צווײ געסלעך האָט רויטקאָפּ זיך אָפּגעשטעלט, און ווען ער האָט אַ קוק געטאָן פֿאַר זיך, איז דאָס האַרץ אין אים אָפּגעשטאָרבן פֿון באַגײסטערונג: פֿאַר זײן בליק האָט, ווי אַן אומענדלעכע סטענגע, זיך געצויגן דער שליאַך, וואָס איז אים שוין אײנגעבאַקן געווען אין האַרצן, דער האָריזאָנט, אַ ים פֿון גרינס און זונענשײן, פֿון פֿרײען, בּרעגלאָזן שטח, און זײן נשמה איז אױפֿגערודערט געוואָרן. זיך ניט שטעלנדיק מער קיין קשיות און ניט יאָגנדיק זיך נאָך תּכליתים, האָט ער זיך אַ קער געטאָן אין קווערגעסל און דאָרטן גענומען שטעלן טריט.

ס'האָט ניט געדויערט קיין פֿינף מינוטן, און סאַשקע איז שוין געווען אױסן שטאָט. ער האָט זיך צוגעזעצט אױף אַ שטײן, האָט אַראָפּגענומען די שיך פֿון די פֿיס, זײ אַריבערגעלײגט איבער אַ פּלײצע, און גענומען שפּרײזן. איצט איז ער שוין זיכער געווען, אַז ער וועט באַגעגענען האַלבפֿונטלען.

נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעגאַנגען אַ וויאָרסט זעקס, איז ער געבליבן שטײן פֿאַר אַ קרײצפּונקט, וואו עס זײנען זיך צוזאַמענגעקומען דרײ וועגן. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, ניט וויסנדיק, מיט

וועלכן וועג זיך צו פארנעמען. אלע דריי זיינען זיי געווען פון דערזעלביקער ברייט, אבער געפירט האבן זיי אין פארשיידענע זייטן, און אזוי שטייענדיק אליין צווישן רחבותדיקע פעלדער און ניט ווייסנדיק, וואוהין צו גיין, האט דער אינגל צום ערשטן מאל זיך איצט דערפילט אזוי קליין, אזוי נישטיק און אומבאהאלפן. ס'איז געווארן אומעטיק אן א חבר, און ער האט איצט באדויערט, וואס ער איז זיך פאנאנדערגעגאנגען מיט כליאבע־די־געדיכטע.

אבער דערווייל מוז מען באשליסן, וואוהין צו גיין: אף רעכטס, אף לינקס, אדער גראד? ביז איצט איז אים קיינמאל ניט אויסגעקומען צו טראכטן וועגן אזעלכע זאכן: שטענדיק האט אים עמיץ געפירט. איצט, ווען רויטקאפ איז געבליבן מיט זיך אליין, האט ער מיטאמאל באגריפן, אז ארומבלאנדזשען איבער דער וועלט גלאטאזוי, אן א ציל, קאן מען ניט. א מענטש מוז האבן פאר זיך א וועג, וואס זאל אים דערפירן ביז א געוויסן ארט. ער האט זיך דערמאנט, אז האלבפונטל האט שטענדיק געוואוסט, וואוהין ער גייט. און ער, סאשקע, שטייט ווי א בלינ־דער, אפן שיידפונקט פון וועגן, און ווייס ניט, וואו צו שטעלן זיינע טריט.

פון צרות האט רויטקאפ זיך אוועקגעזעצט אפן ראנד וועג, האט ארויסגענומען א נוקע חלה און גענומען קייען. ער האט אפגעלאזן געקייט און אליץ געטראכט וועגן איין זאך: וואוהין צו גיין.

— עסט געזונט! — האט סאשקע מיטאמאל דערהערט איבער זיך עמיצנס שטים.

פון אומדערווארטקייט האט ער א ציטער געטאן און איז אופגעשפרונגען פון ארט.

— וואסי מיט אייך, מילארד?*) האט אייך צומאלט ניט איינ־געפיסן משה רבינום קיעלע?

— ניין, דאס איז גלאטאזוי — האט רויטקאפ תמימות־דיק געענטפערט.

---

*) אף ענגליש „מיין הער".

זעענדיק, ווער עס שטייט פאר אים, האָט ער זיך באַרו־
איקט: דאָס איז געווען אַ בלאָנד בחורל מיט אַ שיינעם גוט־
מוטיקן פּנים און מיט בלאָע שמייכלדיקע אויגן. אָנגעטאָן איז דער
אומבאַקאַנטער געווען נאָך ערגער פון סאַשקען, אָבער ניט גע־
קוקט אַף דעם, האָט ער געשיינט צו זיין פריילעך, מונטער און
צופרידן.

— וואוהין לאָזטו זיך? — האָט דאָס פרעמדע אינגל
געפרעגט, און ניט וואַרטנדיק אַף אַן ענטפער, האָט ער זיך צו־
געזעצט. — זעץ זיך, אָרט וועט קלעקן — האָט ער פאָרגע־
לייגט רויטקאָפן.

סאַשקע האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אויך צוגעזעצט.
דאָס בלאָנדע בחורל האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל
פּאַפּיראָסן און גענומען פאַררויכערן. רויטקאָפּ האָט קיין אויג ניט
אַראָפּגענומען פון אים. עס האָט זיך געמערקט, אַז דער פרעמ־
דער איז אַ יונג מיט ביינער און אַ מענטש אַ געניטער. אין
יעדן קער זיינעם, אין זיין גאַנצער שלאַנקער פיגור און אין זיינע
העלבלויע קרויזן איז געלעגן עפּעס אַ יאַטישער אויסדרוק, עפּעס
היציקס...

— ווילסט? — האָט ער אָנגעבאָטן סאַשקען אַ פּאַ־
פּיראָס.

— כ'וויל — האָט רויטקאָפּ זיך אָנגענומען מיט מוט און
אויסגעצויגן די האַנט.

— רויכערן רויכערסטו?

— ניין.

— באַקומסט ניט קיין פּאַפּיראָס. אַז מ'איז אין וועג, איז
יעדער צי טייער.

דאָס בחורל האָט צוריק אַריינגעלייגט די פּאַפּיראָסן אין
קעשענע. סאַשקע האָט זיך אַף אים ניט באַליידיקט.

— דו האָסט ניט באַגעגנט איינעם אַ מענטשן? — האָט
רויטקאָפּ געפרעגט.

— איינעם אַ מענטשן? וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע?

איך האָב באַגעגנט הונדערטער, טויזנטער מענטשן... — האָט דער אומבאַקאַנטער געענטפערט מיט אַ ווײַטיקער מינע.

ער איז האַלב געלעגן אין אַן אָפּגעלאָזענער פּאָזע, כמעט נישט אַרויפגעקוקט אויף מאַשקען. אַ צײַט איז שטיל געווען. רויטקאָפּ האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט.

— וואוהין גייסטו? — האָט מיט אַ שטרענגען קול, ווי אַ פּאָליציסט, דער אומבאַקאַנטער אַ פרעג געטאָן.

— כ׳ווייס אַליין ניט — איז געווען דער ניט־דרייסטער ענטפער.

— וואָס?!—האָט יענער אַ פאַרחידושטער אויסגערופן און זיך אַפילו אַ הייב געטאָן פון אָרט — ווייסט אַליין ניט?... פונוואַנען קומסטו?

זיך פּלאָנטערנדיק און זיך איבערשלאָגנדיק אויף יעדן וואָרט, האָט רויטקאָפּ געגומען דערציילן וועגן זיך און וועגן האַלבפונטלען. דער אומבאַקאַנטער האָט אים אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערק. ער האָט זיך אַפילו אַרויפגעקוקט און זיך אײַנגעגעסן אין אים מיט די אויגן. „אַזוי גאָר! שוין איינמאָל אַ בריה!..” — האָט ער כסדר אַרײַנגעוואָרפן. און די לויבווערטער האָבן אונטערגעבן מאַש־קען היץ, ער האָט שוין מער ניט געשטאַמלט, און זײַנע רייד האָבן זיך געגאָסן גלאַט.

— ביסט דאָך גאָר אַ כוואַט! — האָט דאָס בלאָנדע אינגל אויסגערופן, ווען רויטקאָפּ האָט פאַרענדיקט זײַן דערציילן— אויב אַזוי, גיב דײַן האַנט!... ווי רופט מען דיך?

רויטקאָפּ האָט זיך פאַרגעשמעלט און מיט הנאה געדריקט דעם פרעמדנס האַנט.

— און איך הייס ליעוו; ווילסט — מעגסט מיך רופן ליאָוואושקע, און מײַן צונעמעניש איז פ ײ ל ־ פ ו ן ־ ב ו י ג ן.

— און מײַן צונעמעניש איז רויטקאָפּ — האָט מאַשקע צוגעגעבן. ער איז שוין גאָר מונטער און פריילעך געוואָרן.

— רויטקאָפּ? אויסגעצייכנט. און איצט וועל איך דיר דערציילן מײַן געשיכטע. איך בין אַן אַנטלאָפענער. שוין צוויי יאָר,

ווי איך דריי זיך ארום איבער פארשיידענע מדינות, און מען קאן מיך אליין ניט כאפן.

— און ווער יאגט זיך נאך דיר? — האט רויטקאפ נאאיוו א פרעג געטאן.

— א מאדנע קשיא... ערשטנס, דער שטיפטאטע, צווייטנס — די מאמע...

— וואס פארא שטיפטאטע?

— רבונו של עולם!.. — האט ליעוו אומגעדולדיק באַרופן סאשקען — נו, פארשטייט זיך, מיין שטיפטאטע... מיין טאטע איז געשטארבן, מיין מאמע האט חופה געהאט, נו — האב איך ארייננבאקומען א שטיפטאטן, און אנטלאפן בין איך פונדערהיים טאקע צוליב דעם, וואס איך קאן אים ניט אנזען. א גרויסער פאסקודניאק איז ער... קומסט פון שול, פארמאטערט ער דיך מיט די שולארבעטן — חזר אליין אף אויסווייניק. איך האב זיך שוין געהאט אנגעלייענט מעשות מיט אינדיאנער און מיט יעגערס... מיר האבן אפילו אין אונזער שול געהאט א חברה מיטן נאמען: „די יעגערס פון די ווילדע וועלדער”. דעמאלט האב איך דאס באקומען מיין צונעמעניש פייל פון=בויגן... אבער איכ׳ל דערציילן כסדר. אט אזוי האט מיך דער שטיפטאטע געמאטערט, ביז איך בין ארויס פון די כלים. און אין איין שיינעם פרימארגן בין איך אנטלאפן קיין אמעריקע...

— דאס איז ווייט? — האט סאשקע אים איבערגעשלאגן.

— אזוי, ווייט, אז איך קאן נאך ביז היינטיקן טאג זיך ניט דערקלייבן אהין...

— און צוריק אהיים ווילסט ניט?

— ווי זאל איך דיר זאגן... זומער ווילט זיך ניט... און ווינטער... נו, איכ׳ל ווינטער אויך ניט גיין זיך בוקן פאר זיי... וואדען? ס׳איז דאך א מחיה זומער צו זיין אפן וועג, אמת? וואס האב איך שוין ניט אויסגעזען! דו זאגסט, דו האסט געזען דעם ים... איך האב שוין דריי ימים געזען! ווי איך בין א לעבעדיקער, אז כ׳זאג ניט קיין ליגן! און קיינמאל גיי איך ניט אליין:

שטענדיק געפֿין איך אַ חבר. נעכטן האָב איך אָפּן זוּנג פֿאַרלאָרן מיין מיטגייער... ער האָט זיך פֿאַרשיכורט, דער פּאַסקודניאַק, אָבער אַחוץ דעם איז ער אַ גוטער ברודער... אַסך מיטגייערס האָב איך שוין געהאַט... ווילסט, וועלן מיר צוזאַמען געפֿינען דיין האַלב-פּונטלען! — האָט ליאָוואושקע מיטאַמאָל שאַרף אַ זאָג געטאָן און אַרופֿגעקוקט אַף רויטקאָפּן מיט אַ דרייסטן, באַגייסטערטן קוק.

— איך וויל, געוויס וויל איך!.. — האָט סאַשקע אויס-נערופֿן מיט שמחה, און אַף זיין ברייטן פּנים האָט זיך גענומען אָפּשפּיגלען אַ האָפֿענונג.

— גוט! מיר'ן אים געפֿינען. ער קומט פֿון אָדעס. זאָגסטו?

— פֿון אָדעס.

— מיר גייען אַהין; ער וועט אוודאי דאָרטן זיין.

— ניין, ער האָט געוואָלט גיין קיין פּעטערבורג...

— נו, איז וואָס? וועלן מיר אים ניט געפֿינען אין אָדעס, וועלן מיר אים זוכן אין פּעטערבורג...

— אָבער עס איז דאָך וויט?

— געוויס איז דאָס וויט, אַז מען גייט צופֿוס. מיר זיינען אָבער ניט קיין יאָלדן, און מיר וועלן ניט גיין צופֿוס. אָבער פֿריער וויל איך וויסן: ביסט אַ גרויסער פּחדן?

— כ'וויים ניט... — איז סאַשקע צעטומלט געוואָרן.

— נו, מיר וועלן דאָס שוין זען. ווי אַלט ביסטו?

— פֿערצן.

— הע, ביסט דאָך נאָך גאָר אַן עופֿהל! איך בין שוין מיט אַ ציים צוריק געוואָרן פֿופֿצן... כ'וויים נאָר ניט, פֿאַרוואָס עס וואַקסן מיר נאָך ניט קיין וואָנסן... צוליב דעם טאַקע האָב איך אָנגעהויבן רויכערן. מען זאָגט, אַז ס'העלפֿט... מילא, דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן!.. דו זאָג מיר נאָר קלאָר: ווילסט מיט מיר פֿאָרן?..

— איך וויל — האָט רויטקאָפּ באַשלאָסן געענטפֿערט.

— אויב אַזוי, לאָמיר זיך געבן די הענט!

זיי האָבן זיך גלײַכצײַטיק אופגעשטעלט און האָבן פּעסט אַ דריק געטאָן אײנער דעם אַנדערן די הענט. און נאָכדעם האָבן בײדע נײַע חברים, באַלויכטן פון דער ברענענדיקער זון, מיט גיכע טריט אַוועקגעשפּרײַזט צום וועלדל, וואָס האָט זיך געזען פונווײַטן.

אַ דרײסטער פּלאַן.

ס'איז געווען האַלבער טאָג, ווען סאַשקע מיט זײַן נײַעם חבר ליעוו זײַנען אַרײַן אין וואַלד. אָפּן וועג האָט ליעוו זיך אָפּגעקערט אין אַ דאָרף און דאָרטן באַקומען ברויט און פּעטס. די חברים האָבן באַשלאָסן אין וואַלד איבערצוּבײַסן און דאָרטן אַרומצורײדן אַלע פּרטים פון דער באַפאָרשטײענדיקער נסיעה. רויטקאָפּ האָט זיך געפילט אָפּן זיבעטן הימל, ער האָט נאָר באַדויערט אײן זאַך: וואָס האַלבפונטל איז ניט מיט זיי. צו ליאָוואושקען האָט ער זיך עפּעס פון ערשטן קוק צוגעבונדן. דאָס בחורל איז געווען אין זײַן גוסט, ער איז שטאַרק געפעלן געוואָרן סאַשקען מיט זײַן לוסטיקייט, דרײסטקײט און זיכערקײט.

אין וואַלד האָבן זיי זיך אויסגעקליבן אַ שאָטנדיקן, ווײכן ערטל און האָבן זיך געזעצט צובײַסן. ס'איז געווען רואיק און קיל. דער מיטיק פון די בײדע יונגע רײזנדער איז ניט געווען קײן געהויבענער, אָבער דערפאַר איז זײער אַפּעטיט געווען גאָר אַ גוטער.

— רויטקאָפּ — האָט ליאָוואושקע אַ זאָג געטאָן נאָכן אָפּעסן — ווייסט וואָס, רויטקאָפּ? עפּעס געפעלט מיר ניט דײַן נאָמען. „רויטקאָפּ", „רויטקאָפּ" — דאָס איז דאָך ניט מער, ווי אַ שוועמל. ווילסט, וועל איך דיר געבן שוין אײנמאָל אַ וואונדערלעכן נאָמען?..

— כ'וויל — איז רויטקאָפּ מסכּים געווען.

— פון הײַנט אָן — האָט פּייל-פון-בויגן מיט אַ יום-טובדיקן קול אַרויסגעזאָגט און מיטן פינגער אָנגערירט רויטקאָפּן — וועט דײַן נאָמען זײַן ר ו י ט ע ר וו אָ ל ף!

— וואָלף? פאַרוואָס עפּעס וואָלף? — האָט רויטקאָפּ דערשלאָגן געפרעגט.

— אָט איז אַ מענטש! ער באַליידיקט זיך נאָך! ווייסטו דען, ווער רויטער וואָלף איז געווען? נו יאָ, מ'ועט באַלד, אַז דו האָסט ניט קיין ידיעה אין גוסטאַוו עמאַר... רויטער וואָלף איז געווען דער העלדישסטער אינדיאַנער אין צפון־אַמעריקע! הײַנט ווייסטו שוין? נו זאָג: ווילסטו טראָגן זײַן נאָמען?

סאָשקע האָט אַ וואונק געטאָן אַף יאָ.

— איצט זאָג מיר, רויטער וואָלף: ביסט שוין געפאָרן ווען מיטן אײַזנבאַן?

— געפאָרן... אונטערן בײַנקל, אין פּראַכטצוג... ווי ס'האָט זיך געלאָזן...

— ביסט אַ בריה! אָבער דאָס ווייסטו, אַז פאָרן אונטערן בײַנקל און אין אַ פּראַכטצוג איז שוין אויס מאָדע. איך האָב צו־געטראַכט אַ נײַעם פּלאַן, און נאָך וואָס פאַראַ פּלאַן! מיר וועלן קאָנען אַרומפאָרן די גאַנצע וועלט... ווילסט, זײַנען מיר מאָרגן אין אָדעס, און אין אַ וואָך אַרום אין פּעטערבורג?..

— אָי, ווי ס'ווילט זיך! — האָט סאָשקע זיך אָנגעכאַפּט.

— הער מיט קאָפּ! איך קען גוט דעם געגנט: ווי נאָר מיר גייען אַרויס פון וואַלד, קומען מיר אַרויס אַף אַ סטאַנציע. דאָרטן וועלן מיר אָפּוואַרטן דעם צוג; איכ'ל דיר שוין ווייזן, וואָס מען דאַרף טאָן, און מיר וועלן אַ פּאָר טאָג קיין אָדעס, אַז דער רוח וועט דאָס נעמען! רויטער וואָלף! בײַ די הייליקע אבות פון אונזער שבט שווער איך, אַז מאָרגן נאָך וועלן מיר זען דעם ים! — האָט פײַל־פון־בויגן פאַרענדיקט מיט גרויס באַגײַסטערונג און האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט.

ליאָוואושקע האָט רעכט געהאַט: ווי נאָר זיי זײַנען אַרויס פון וואַלד, האָבן זיי דערזען דעם אײַזנבאַנגלייז. די טעלעגראַפן־סלופּעס, די רעלסן, וואָס האָבן געשעמערירט אַף דער זון, די זאַמדענע שיפּועים, דער געמויערטער וואָקזאַל מיטן רויטן בלע־כענעם דאַך, דער ווײַסער טורעם פונם פּלומפּ, דאָס פרײַכן און פײַפן פון לאָקאָמאָטיוון, וואָס האָט זיך פונווײַטן דערטראָגן —

דאָס אַלץ האָט אופגעטרייסלט רויטקאָפּן. ער האָט זיך דערמאָנט די פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן. אַפן זכרון זיינען אים אופגעקומען ספּירקע, די שול פון די גנבים, דאָס לעבן צווישן די קבצנים, די אומגעריכטע באַגעגעניש מיט האַלבפונטלען, — און דאָס האַרץ פונם יונגען וואַגלער האָט אָנגעהויבן העפטיק פּויקן: איצט האָט ער מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם געלייענט אינם בוך פון זיין פאַרגאַנגענהייט וועגן אַלע בייזע אָנשיקענישן און פריילעכע איבערלעבענישן אַף זיין לעבנסוועג. נאָכאַמאָל וואָלט זיך אים דאָס אַלץ ניט געוואָלט דורכמאַכן, אָבער אין דער גלייכער צייט האָבן אים דידאָזיקע זכרונות אופגעמונטערט, און ער האָט זיך ווי געגריסט מיט זיי.

ביידע אינגלעך זיינען געגאַנגען אַפן שמאָלן שטעגל אנטלאַנג דעם גלייז. בֿיזן אָונט איז נאָך געווען לאַנג צו וואַרטן, אָבער די היץ איז שוין קענטיק אָפּגעפאַלן. די סטאַנציעלע איז געווען אַ קליינינקע. אַף דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען אַ וועכטער.

— קום פון יענער זייט וואָקזאַל — האָט ליאָוואָשקע געזאָגט — בעסער איז, מען זאָל אונז ניט זען. דער צוג וועט מסתמא באַלד קומען. זעסט ווי דער וועכטער שטייט באַם גלאָק?

רויטקאָפּ האָט געשוויגן. ער איז שוין אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פונם נייעם פריינט און האָט זיך אים אונטערגעגעבן אין אַלץ.

זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם פּלומפּ, האָבן אויסגעמיטן דעם וואָקזאַל, זיך פאַרנומען צום גערטעלע, וואו ס'האָט אין גרויסער שפּע געבליט בעז.

— קום: הינטערן גערטעלע וועט מען אונז ניט אזוי זען — האָט ליאָוואָשקע געזאָגט — דאָס איז אויסגעצייכנט! — האָט ער מיטאַמאָל אויסגערופן.

— וואָס איז אויסגעצייכנט?

— אָט דאָרטן, אַפן רעזערוגלייז, שטייט אַ וואַגאָן; אים האָבן מיר טאָקע נויטיק... איך וועל דיך אויסלערנען, ווי מ'דאַרף אומזיסט פאָרן אַפן באַן...

די חברים זיינען צוגעגאַנגען צום וואַגאָן. דאָס איז געווען אַן אָפּגענוצטער, צעבראָכענער צווייטערקלאַסוואַגאָן מיט פאַרזשאַווערטע רעדער און אַ צעטרענצלטן דאַך. ליאָוואושקע האָט זיך אַרומגעקוקט, אויב עמיץ זעט זיי, און זיך איבערצייגנדיק, אַז זיי זיינען דאָ גאָר אַליין, האָט ער גענומען לערנען רויטקאָפּן.

— דעם לאַנגען מעשענעם שטאַנג זעסטו? — האָט פייל=פון=בויגן אַ פרעג געטאָן רויטקאָפּ, צוגייענדיק האַרט צום טרעפּל פון וואַגאָן.

— איך זע.

— און איצט הער! דאָס איז אַ הענטל, געמאַכט פאַר די פּאַסאַזשירן זיך אָנצוהאַלטן בײַם אַרייַנגיין אין וואַגאָן... כאַפּ זיך אָן פאַר דעם הענטל און קום אַרויף... שרעק זיך ניט, קיינער זעט אונז ניט.

רויטקאָפּ האָט געטאָן, ווי זיין רבי האָט אים באַפוילן. ליאָוואושקע איז אויך נאָך אים נאָך.

— איצט הער אָקאָרשט — האָט ליאָוואושקע ווייטער געלייענט זיין לעקציע — מ׳וואָלט געקאָנט אָפּפאָרן אומזיסט מיט די באַנען מיליאָנען ווייאָרסטן. איז אָבער אַן אומגליק — די קאָנדוקטאָרן מאָנען בסדר ביליעטן. מיר וועלן אָבער קיין ביליעטן ניט האָבן, און דעריבער מוז מען מאַכן אַזוי, אַז די קאָנדוקטאָרן זאָלן אונז ניט מערקן. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען. אָבער ווי טוט מען דאָס? — האָט רויטקאָפּ מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געפרעגט.

— אָט וועל איך דיר באַווייזן — און ליאָוואושקע האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון וואַגאָן.

— דו גיי אַרײַן אין וואַגאָן, און איכ׳ל זיך באַהאַלטן — האָט ער געזאָגט צו סאַשקען — דו וועסט זיין דער קאָנדוקטאָר, און איך — דער האָז, איכ׳ל זיך באַהאַלטן, און דו זוך מיך אויף. צייל אָפּ ביז דריי, און נאָכדעם הייב אָן זוכן.

רויטקאָפּ איז אַרײַן אין וואַגאָן און איז תיכף צוריק אַרויס. אָבער ליאָוואושקען האָט ער שוין מער ניט געזען. זיין חבר

איז ווי אין דעק אַריין. סאַשקע האָט גענומען זוכן מיט די אויגן, ער האָט אַרופגעקוקט אַפן דאַך פון וואַגאָן, האָט געקוקט אַרום זיך, האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן פאָרענטש פון פּלאַטפאָרם און אַראָפּגעקוקט אונטערן וואַגאָן, אָבער קיין סימן פון ליאָוואושקען איז ניט געווען. ער איז פאַרשוואונדן, און סאַשקע איז אַפילו אַביסל אומרואיק געוואָרן. „אפשר איז ער גאָר אַנטלאָפן?" — האָט אים דורכגעבליצט אַ געדאַנק. נאָר ער האָט אים תיכף אָפּגעטריבן פון זיך, ווייל ווי גיך ליאָוואושקע זאָל ניט האָבן אָפּגעצויגן, וואָלט ער אים דאָך געזען לויפנדיק. וואוהין האָט ער זיך געקאָנט אַהינטאָן? סאַשקע איז אַראָפּ פון פּלאַטפאָרם, איז אַרומגעגאַנגען דעם וואַגאָן, און פון דער אַנדער זייט האָט ער דערזען ליאָוואושקען, ווי ער איז געהאַנגען פּאַושע דער וואַנט פון וואַגאָן, מיט איין האַנט זיך פעסט אָנהאַלטנדיק אָן מעשענעם הענטל און מיט אַ פוס זיך אָנשפּאַרנדיק אָן דעם בריקל.

אַז ליאָוואושקע האָט דערזען סאַשקען, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון טרעפּל.

— געזען? — האָט ער קורץ אַ פרעג געטאָן.

— געזען — האָט רויטקאָפּ געענטפערט לאַכנדיק.

— און איצט זאָג: קאָן מיך דערזען דער קאָנדוקטאָר, בעת ער גייט אַריבער פון איין וואַגאָן אין דעם אַנדערן?

— קיינמאָל ניט — האָט סאַשקע אויסגערופן.

— זעסט! — האָט ליאָוואושקע געזאָגט, שטאַרק צופרידן פון זיין המצאה — און דו וואָלסט דאָס קאָנען באַווייזן?

— אויך אַ קונץ!... פאַרשטייט זיך, אַז כ'וועל דאָס מאַכן.

— נו, אדרבא!

סאַשקע האָט זיך געשטעלט אַפן לעצטן שטופּעלע פון טרעפּל, האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אָן הענטל און מיטן גאַנצן גוף זיך אַ וואָרף געטאָן אַהינטער און זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט פון וואַגאָן.

— גוט, ביסט אַ פלינקער יונג! — האָט ליאָוואושקע אים געלויבט — אָבער דאַרפסט זיך ניט אָנהאַלטן מיט ביידע

הענט. און אחוץ דעם מוז מען זיך אָנהייבן אזוי, אַז דער פּנים און די ברוסט זאָלן אויסקומען צו דער וואַנט.

— פאַרוואָס אזוי? — האָט ווויטקאָס געפרעגט, אראָפּ-שפּרינגענדיק פון בריקל.

— כּדי דער ווינט זאָל דיך ניט אַראָפּרייסן... ווען דער צוג לויפט, שמייסט דאָך דער ווינט, אַ שרעק... די אויגן מוז מען אויך פאַרמאַכן, קיין זאַמד זאָל אַהין ניט אַריין. נו, איך׳ל דיך נאָך לערנען. און איצט קום צום וואָקזאַל. איך וויל אַ טרונק.

— איך וויל טאַקע אויך טרינקען — האָט מאַשקע זיך אָנגעכאַפּט.

— געלט האָסטו עפּעס? — האָט ליאָוואושקע אים גע-פרעגט.

— ניין.

— אַ שאָד! אזוי וואָלטן מיר געטרונקען טיי, איצט מוזן מיר זיך אָנזופּן מיט וואַסער.

זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן צו דערגיין ביז דער סטאַנציע, האָט דער וועכטער שוין אָנגעהויבן קלינגען.

— דער ערשטער קלונג! — האָט ליאָוואושקע געזאָגט, אַרופגייענדיק אויף דער פּלאַטפאָרם.

— וואָס באַטייט דאָס?

— דאָס באַטייט, אַז אונזער צוג קומט באַלד אָן. מיר וועלן אַריין אין וואַגאָן און צופאָרן ביז קאַזאַטין. דאָס איז אַ גרוי-סע, שיינע סטאַנציע... אין אַ שעה אַרום וועלן מיר דאָרטן זיין.

— און פון דאָרטן וואוהין וועלן מיר פאָרן?

— דאָרטן וועלן מיר זיך אַריבערזעצן אין אַן אַנדער צוג און וועלן אַ יאָזדע טאָן קיין אָדעס. מאָרגן פרי זיינען מיר שוין דאָרטן. אָט איז וואַסער! — האָט פייל-פון-בוינגן אויסגע-רופן, דערזעענדיק אַ פעסל, וואָס איז געשטאַנען באַם אַריינגאַנג אין וואָקזאַל.

די אינגלעך האָבן געשטילט זייער דאָרשט.

אין אַ צוואַנציק מינוטן אַרום איז אָנגעקומען דער צוג, זיך

בלאָנדיק און פֿרייכנדיק. אַלע וואַגאָנעם זײַנען געווען געדיכט אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. באַגעגנט דעם צוג האָט אַ יונגערמאַן אין אַ רויטן היטל. ס'איז פֿאַרבײַ ניט מער ווי אַ מינוט. דער רויט־היטלדיקער האָט געגעבן אַ צייכן דעם וועכטער, און יענער האָט דרײַ מאָל אַ צי געטאָן פֿאַרן שטריקל פֿון גלאָק. דער קליינגעוויקסיקער, גראָבער אויבערקאָנדוקטאָר האָט צוגעטראָגן צו זײַנע ליפּן אַ פֿײַפֿל, וואָס איז אַרויסגעהאַנגען אַף אַ זילבערנער קייטל פֿון זײַן קעשענע, און האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגרילצט, ווי אַ פֿויגעלע. דער צוג האָט פּאַמעלעך, ווי קעגן זײַן ווילן, זיך אַ ריר געטאָן פֿון אָרט. די רעדער האָבן אַלץ געשווינדער אָנגעהויבן אַרבעטן, און אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין מער קיין זכר ניט געבליבן, ניט פֿון צוג און ניט פֿון די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן אין די וואַגאָנעם. נאָר ווײַט־ווײַט פֿאָרויס האָבן אַפֿן צאַרטבלאָען, וואַרימען און קלאָרן הימל זיך נאָך געטראָגן פֿאַנאַנדערגעטריבענע, צערייסענע גראָע קנײַלכלעך רויך.

פֿון קיינעם ניט געמערקט, האָבן ליאָוואָושקע און רויטקאָפּ באַוויזן זיך אַרײַנצוכאַפּן אין אַ וואַגאָן דריטן קלאַס. דער וואַגאָן איז פֿולגעפּאַקט געווען מיט שניטערס, און מ'האָט דאָרטן ניט געקאָנט געפֿינען קיין פֿרײַען ערטל.

— לאָמיר אַרויס אַף דער פּלאַטפֿאָרם — האָט ליאָוואָושקע געזאָגט, צוגייענדיק צום טירל.

אַף דער פּלאַטפֿאָרם זײַנען שוין געשטאַנען עטלעכע פּאַרשוין, זיי זעענדיק, איז ליאָוואָושקע געוואָרן ברוגז־אַראָפּ.

— מיר זײַנען אַף צרות — האָט ער אַרײַנגערוימט רויטקאָפּן אין אויער.

— וואָסי ?

— וואָסי ? מיר'ן ניט קאָנען אָפּטאָן אונזער שפּיצל. זעסט דאָך, דאָ שטייען מענטשן.

— טאָ קום צוריק אַרײַן אין וואַגאָן און לאָמיר אַראָפּקריכן אונטער אַ בײַנקל.

— ניין, ניין! — מיר 'סטו שוין אונטערן בײַנקל ניט

אַרײַנגעפֿאָרן — האָט ליאָװאָושקע זיך אָפּגעשאָקלט פֿון דער עצה — לאָמיר דאָ בלײַבן שטײן.

— און אַז דער קאָנדוקטאָר װעט דערזען?

— זאָל ער זען. פֿריער פֿון קאָזאַטין װעט ער אונז דאָך ניט אַראָפּזעצן, און אַהין װילן מיר סײַװי קומען. מיר...

ליאָװאָושקע איז מיטאָמאָל אַנטשװיגן געװאָרן און האָט זיך אײַנגעהאָרכעט אינדרײַען: פֿון צװײטן װאַגאָן איז אַרױסגעקומען דער אױבערקאָנדוקטאָר און געגאַנגען גראָד צו זײער װאַגאָן. הינטער אים האָט זיך געשלעפּט דער אינגערער קאָנדוקטאָר. װען זײ זײַנען דורך די פּלאַטפֿאָרם און די װאַגאָנטיר האָט זיך שױן הינטער זײ פֿאַרמאַכט, האָט ליאָװאָושקע זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, װי געריכט פֿון זינען. סאַשקע האָט ניט פֿאַרשטאַנען, װאָס דאָ קומט פֿאָר, אָבער קוקנדיק אױף אים, האָט ער אױך אָנגעהױבן לאַכן.

— װאָס איז מיט דיר דער מער? — האָט ער צום סוף געפֿרעגט.

— איך לאַך, װײַל איצט װעלן מיר שױן דערפֿאָרן ביז קאָזאַטין, אַזױ װי די פּריצים — האָט יענער געענטפֿערט, זיך פֿלײסנדיק איבערצושרײַען דעם רױשן פֿון די רעדער — אין אונזער װאַגאָן זײַנען שױן בײַ אַלעמען אָפּגענומען די בילעטן, און ביז קאָזאַטין װעט מען שױן מער צו קײנעם ניט צושטײן.

— פֿונװאַנען װײסטו דאָס?

— װײַל בײַם קאָנטראָלירן די בילעטן, גײען די קאָנדוקטאָרס פֿון הינטערשטן װאַגאָן צום פֿאָדערשטן; אָבער איצט האָסטו געזען, װי זײ זײַנען געגאַנגען? פֿון דער זײַט פֿון לאָקאָמאָטיװ זײַנען זײ געקומען. מיר לאַכן פֿון זײער הײטעלע! — האָט דער אינגל אַ געשרײ געטאָן און האָט פֿון התפּעלות געכאַפּט אַ טענצל, שטײענדיק אױף אײן אָרט.

און ער איז געװען גערעכט: ביז קאָזאַטין צו האָט זײ שױן קײנער ניט דערקוטשעט מיט בילעטן.

דער צוג טראָגט זיך איבער דעם איינגעשלאָפענעם סטעפּ. ער פילדערט, ער רייסט אויף די שטילקייט פון דער זומערנאַכט און ער שיט פאַנאַנדער גילדערנע פונקען אין דעם וואַרימען, מילדן חושך. פאַר אַן אויסגעמאַטערטן, אויסגעהאָרעוועטן מענטשן איז גוט זיך אויסצורוען אין אַזאַ שטילקייט, וואָס שפּרייט זיך אַרום, זיך כאַטש אויף אַ רגע פאַרגעסן אין דעם געדודער און אין די דאגות פון אַלטאָג. אָבער מענטשן ווייסן ניט פון קיין רו. און דאָ, אין דעם צוג, וואָס איז אַקאָרשט אָפּגעגאַנגען פון קאַזאַטין, נודיען זיך עטלעכע הונדערט פּאַסאַזשירן און קאָנען בשום אופן ניט איינ־שלאָפן. זיי האָבן ניט מיט וואָס צו עטעמען אין די פאַרשטיקטע וואַגאָנעס.

אין איינעם פון די געדיכטאָנגעפּאַקטע און אָנגעשוויצטע וואַגאָנעס דריטן קלאַס זיצן רויטקאָפּ און ליאָוואוּשקע. זיי האָבן זיך איינפּלאַצירט בײַם פענסטער, און זיצן איינער קעגן אַנדערן. שלאָפן ווילט זיך זיי ניט. זיי האַלטן אין קייען און שמועסן זיך דורך.

— פאָרן מיר ניט אַמאָל אויף צוריק, ליאָוואוּשקע? — פרעגט סאַשקע און ווערט שיר ניט דערוואָרגן מיט אַ מאָומדיקן ביסן וואורשט.

— ווער זיינען מיר. סאַשינקע — חוזקט איבער אים פיל־פון־בויגן — מענטשן אָדער גאָר ראַקעס? צוליב וואָס זאָלן מיר זיך שלעפּן הינטערוויילעכס — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן ערנסטן טאָן — אַז מיר דאַרפן גאָר האָבן אָרעם? דו זאָרג זיך נאָר ניט: איך ווייס אַלע צוגן, אַזוי ווי מיינע פינף פינגער... ווילסט, צי ניט — מאָרגן זיינען מיר אין אָדעס...

רויטקאָפּ האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און פאַרחלומט גע־זאָגט:

— ווייסט, ליאָוואוּשקע, זי איז דאָך אַזאַ גוטהאַרציקע...

— ווער?

— אַט יענע אַלטיטשקע, וואָס האָט אונז אין קאַזאַטין דערלאַנגט דעם האַלבן קערבל.

— וואָרען זאָל זי טאָן, אַז זי האָט סיווי ניט, וואו צו לייגן איר געלט? און ווייניק האָב איך איר אָנדערציילט באָבע־מעשיות? באַ אַ וואַלד־גזלן, דאַכט זיך, מוז זיך אויך אַ צאַפּל טאָן דאָס האַרץ פון אַזעלכע מעשיות...

פייל־פון־בויגן האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ביסט אַ בריה! — האָט רויטקאָפּ אים פאַרלויבט.

— מיט מיר, ברודערקע, וועסט שוין ניט אומקומען — האָט ליאָוושקע זיך געגרויסט — איך בין אויסגעשליפן אַף אַלץ, הונגערן וועל איך שוין קיינמאָל ניט...

— וואו האָסט זיך דאָס אַלץ אויסגעלערנט?

— וואָס „אַלץ"?

— אַט... ווי צו פאָרן, באַ וועמען צו בעטן... דו ווייסט אַלע וועגן...

— דאָס אַלץ, ברודערקע, האָב איך זיך אויסגעלערנט באַ מיינע מיטגייער. איך האָב שוין דורכגעהאַט אַ וועלט מיט מיט־גייער. אָהאָ, זיינען דאָס קלוגע חברה! קלוגע און געניטע!

די גאַנצע צייט פון שמועס איז פון רויטקאָפּס פּנים ניט אַראָפּ דער ברייטער שמייכל. אָבער באַ דעם חברים לעצטע ווער־טער איז דער שמייכל פון סאַשקעס פּנים עפּעס מיטאַמאָל פאַר־שוואונדן, פּונקט ווי עמיצנס האַנט וואָלט אים אַראָפּגעווישט.

ליאָוואושקע האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט, און ער האָט זיך אַרומגעקוקט. פון אַנדערווינקל וואַגאָן האָט אַ בלישטש געטאָן דאָס גוטבאַקאַנט פּייערל פונם קאַנדוקטארס לאַמטערן.

— וואָס האָסט זיך איבערגעשראָקן? — האָט פייל־פון־בויגן שמיל געזאָגט, און זיין שטים האָט אַביסל אונטערגעציטערט — זיי דרייסטער! קום אַרויס אַף דער פּלאַטפאָרם.

רויטקאָפּ האָט געפאָלגט דעם באַפעל.

— ביליעטן! — האָבן סאַשקע און ליאָוואושקע אין אַרויסגיין פון וואַגאָן דערהערט דעם קאָנדוקטאָרס שטרייגנען אויסרוף.

אַף דער פּלאַטפאָרם איז געווען אַזוי פינסטער, אַז די חברים האָבן איינער דעם אַנדערן גאָר ניט געזען. דער ווינט האָט שיר ניט אַראָפּגעריסן ליאָוואושקעס היטל.

— אַ שטאַרקער ווינט — האָט ער געמורמלט, אָנכאַפּנ־דיק זיין היטל, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו סאַשקען: — דו טרייסל זיך נאָר ניט, צי פעסטער אַרויף דיין היטל... גע־דיינקסט אַלץ, וואָס מ׳דאַרף טאָן?

— כ׳געדיינק. אָבער עפּעס שרעק איך זיך...

— אָט האָסטו דיר אַ חתונה! נאַ די אַ חבר! וואָס שרעקסט זיך? — האָט ליאָוואושקע אויפגעהויבן דעם קול.

— און וואָס וועט זיין, אַז איכ׳ל זיך אַראָפּרייסן?...

— סט׳ זיך ניט אַראָפּרייסן. האַלט זיך נאָר אָן פעסט. וואַרט אַ ווילע, ס׳איז נאָך צייט — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן רויטקאָפּן פאַר דער האַנט, שפּירנדיק, אַז יענער גרייט זיך שוין אַראָפּצולאָזן אַפן טרעפּל — מיר׳ן אָפּוואַרטן, ביז דער קאָנדוק־טאָר וועט האָבן דורכגעגאַנגען אַ האַלבן וואַגאָן, אַניט וועלן מיר זיך איינמאַטערן היינגענדיק. אָט וועל איך שוין אַ קוק טאָן, וואו ער האַלט...

און מיט די ווערטער איז ער צו צו די שטופּעלעך. האָט מיט איין האַנט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אייזערנעם שטאַנג, וואָס שפּאַרט אונטער דעם וואַגאָנדאַך, מיט דער אַנדער האַנט — אָן פאָרענטש, און האָט זיך ארויסגעבויגן אינדרויסן. דער ווינט האָט אים אַ כמאַליע געטאָן און האָט אים שיר ניט אַראָפּגעריסן פון פּלאַטפאָרם. אָבער דער אינגל איז געווען געניט אין די זאַכן, און ער האָט זיך איינגעהאַלטן. און נאָך מער—ער האָט אַפילו באַוויזן אַריינצוקוקן אין אַ פענסטער פון וואַגאָן און דאָרטן זען דעם קאָנדוקטאָר. נאָכדעם האָט ער זיך צוגעבויגן צו רויטקאָפּן, כדי אים אָפּצוגעבן די לעצטע באַפעלן.

— דו האַלט זיך אַזוי לאַנג — האָט ער געזאָגט — ביז איך וועל דיר זאָגן גענוג... האַלט זיך פעסט און פאַרשטעל דעם פּנים פון ווינט. נו, ריר זיך גיכער! דו וועסט היינגען פון יענער זייט, און איך פון דער..

רויטקאָפּ האָט פעסט פאַרביסן די ציין און מיט אַ פאַר־טאַיעטן האַרץ זיך גענומען אַראָפּלאָזן פון דער פּלאַטפאָרם. דאָ האָט ער ערשט דערפילט, מיט וואָס פאַראַ שנעלקייט דער צוג איז געפלויגן. סאַשקען האָט גענומען וואַרפן, ווי אין קדחת. מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן פאָרענטש, איז אַראָפּ פון לעצטן שטופּעלע און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַהינטער... אַף אַ רגע האָט ער בכלל אויפגעהערט צו פילן פון זיך. ווען ניט דער אינסטינקט פון אויסהיטן זיך, וואָלט ער באַלד פון אָנהויב אָפּגעלאָזן דאָס הענטל; וואָלט זיך זיכער אָפּגע־ריסן און וואָלט צעמאָלן געוואָרן אונטער די רעדער.

נאָר איין מינוט איז פאַרביי, אָבער סאַשקען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער היינגט אַזוי איבערן תהום אַ גאַנצן לעבן. דער חושך אַרום אים איז נאָך געדיכטער געוואָרן. אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו פאַרשטעלן זיך פון ווינט, און דער פליעדיקער זאַמד האָט אים שאַרף געשמיסן אין פּנים. דער געפילדער פונם צוג, דאָס גערויש פון די רעדער, די אָפּגעריסענע פייפן פון לאָקאָמאָטיוו — דאָס אַלץ האָט אין סאַשקעס גהער זיך אויסגעמישט אין אַ מוראדיקן, וואָרנענדיקן רוף...

— הויב זיך אויף, פאַרטיק!... הערסט, הויב זיך אויף!

סאַשקע באַגרייפט, אַז דאָס שרייט צו אים ליאָוואושקע, אָבער ער קאָן זיך ניט טאָן קיין ריר: די פיס און די הענט זיינען אים אָפּגעשטאָרבן.

— נו, וואָס איז דאָס מיט דיר!... דער קאָנדוקטאָר איז שוין אַוועק... הערסט? דערלאַנג מיר אַ האַנט!

מיט ליאָוואושקעס הילף האָט סאַשקע מיט גרויס מאַטער־ניש זיך אַרופגעקליבן אַף דער פּלאַטפאָרם. ער האָט נאָך לאַנג ניט געקאָנט קומען צו זיך.

— מער וועט ניט אויסקומען צו היינגען? — האָט ער גע־פרעגט.

— ניין, איצט וועלן מיר רואיק דערפאָרן ביז אָדעס... אפשר וועט אויסקומען נאָך איינמאָל זיך אויסצובאַהאַלטן, ניט מער... שוין גאָר נאָענט פון אָדעס...

— ניין, ניין — האָט סאַשקע מיט היץ געשריען — מער גיי איך שוין ניט אָף דעם... ס'איז דאָך אַ שרעק, מען קאָן זיך דאָך אַראָפּרייסן... דער קאָנדוקטאָר וועט דערזען...

— אַי, סאַשקע, כ'האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזאַ פּחדן!... קיינמאָל קאָן דער קאָנדוקטאָר אונז ניט דערזען, ווייל ער גייט זיך פאַרביי גראַד און קוקט ניט אָף די זייטן... איצט קום אַריין אין וואַגאָן: מ'דאַרף כאַפּן אַ דרעמל...

אין וואַגאָן האָט ליאָזאַושקע נאָך אַ צייט אַריינגערעדט אין סאַשקען, אָבער יענער האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט בארואיקן. ווי נאָר עמיץ האָט געעפנט די טיר, האָט רויטקאָפּ אַ העפטיקן ציטער געטאָן. ערשט קורץ פאַר באַגינען האָט די מאַטקייט גובר געווען, און סאַשקע איז איינגעשלאָפן, זיצנדיק אין זיין ווינקעלע.

דער חבר האָט אים באַלד אופגעוועקט.

— שטיי אוף, סאַשקע, מיר זיינען געפאָרן ניט וואוהין מיר דאַרפן — האָט ער דערהערט איבער זיך דעם חברס שטים.

ס'איז שוין געווען ליכטיק. דער צוג איז געלאָפן איבערן גרינעם סטעפּ. אפן וייטן ראַנד האָט זיך געקייקלט איבער דער ערד דער פלאַמיקער קול פון דער זון. אין אָפענעם פענסטער פון וואַגאָן זיינען אַריינגעדרונגען ריחות פון פייכטן גראָז און פון קאַמילן.

—הערסט, ברודערקע, מיר זיינען גאָר אוועקגעפאָרן, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט...—האָט ליאָוואושקע געזאָגט.

— וואָס הייסט? — האָט רויטקאָפּ צעשראָקן געפרעגט.

— דאָס הייסט, אַז אין קאַזאַטין האָבן מיר זיך אַריינגע־זעצט אין אַ פאַלשן צוג...

— און וואוהין גייט דער צוג?

— קיין ברעסט־ליטאָווסק! אָקאָרשט האָט מיר דאָס אַ פּאַסאַזשיר געזאָגט. און איך האָב שוין אין איין גאַנג זיך אַ ביסל אויסגעוויינט און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. ער איז געוואָרן אַ צעקראָכענער און האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּירענעם רובל.

ליאָוואָושקע האָט באַוויזן אין האַנט אַ צעקנייטשטן פּאַפּי־רנעם רובל.

— איצט פאַרמאָגן מיר אַ רובל מיט צוויי־און־צוואַנציק קאָפּיקעס! — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן. ווי עס שיינט, איז ער ניט געווען שטאַרק דערשלאָגן צוליב דעם טעות מיטן צוג.

— ווי וועלן מיר איצט אויסגעפינען האַלבפונטלען? — האָט רויטקאָפּ געזאָגט, שיר ניט פאַנאַנדערוויינענדיק זיך.

— ווי מיר וועלן אים געפינען? גאָר פשוט — האָט ליאָוואָושקע געענטפערט — איצט פאָרן מיר קיין ברעסט־לי־טאָווסק. זאָל זיין אַזוי צו געזונט. איך קען גוט דעם גאַנצן געגנט. פון ברעסט קאָנען מיר קומען, וואוהין מיר ווילן. ווילסט — וועלן מיר אַ יאַזדע טאָן קיין פעטערבורג, ווילסט — פאָרן מיר קיין וואַרשע... איז אונז דען ניט גאָר גלייך?

— ביליעטן! — האָט זיך איבער זיי דערהערט עמיצנס הילכיקער קול.

רויטקאָפּן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עמיץ האָט אים אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ: ער האָט זיך איינגעצן צוזאַמענגעצויגן, און אויף זיין ברייטן, באַשפּריינקלטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון טעמפּן שרעק. אַפילו ליאָוואָושקע איז אויך בלאַס געוואָרן. די ביידע העלדן האָבן נאָך ניט באַוויזן קומען צו זיך, ווי צו זיי האָט שוין געשפּרייזט דער קאָנטראָליער, באַגלייט פון צוויי קאָנדוקטאָרן.

— אייערע ביליעטן? — האָט אָפּגעהאַקט געטאָן דער קאָנטראָליער, אויסציענדיק צו רויטקאָפּן די האַנט מיטן ניקעלירטן צווייגל.

— אייער גענאָד... — האָט ליאָוואָושקע מיטאַמאָל זיך צעיאָמערט און האָט געמאַכט דערביי אַזאַ אומגליקלעכן פּנים, אַז רויטקאָפּ האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן ניט אַרויסצושיסן אין אַ געלעכטער.

— וואַרפט זיי אַרויס אויף דער ערשטער סטאַנציע! — האָט דער קאָנטראָליער באַפוילן און איז אַוועק ווייטער.

— צום בּאַפעל! — האָט דער קאָנדוקטאָר געענטפערט, קוקנדיק אַפן קאָנטראָליערס רוקן.

נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די העזלעך און האָט זיי שווייגעדיק און מיט גרויס כּונה בּאַוויזן אַ פויסט.

אַ דריטער חבר.

אַ חודש איז פאַרבּיי, און פאַר דער צייט האָבּן ליאָוואושקע און רויטקאָפ בּאַוויזן צו ווערן איין לייבּ און איין נשמה. די אינגעלעך זיינען שוין אויסגעפאָרן אַ גרויסן מהלך און אויסגעווען אין אַ סך שטעט. געפאָרן זיינען זיי דער עיקר אין די נעכט, און אין די טעג האָבּן זיי זיך פאַרנומען מיט „איידעלער שנאָררייי", ווי פייל־פון־בּויגן האָט דאָס אָנגערופן. אין משך פון זומער וואָלטן זיי אוודאי בּאַוויזן אויסצופאָרן גאַנץ רוסלאַנד, ווען ניט איין זאַך, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זייערע נסיעות מיט די אייזנבּאַנען. איינמאָל האָט מען ניט ווייט פון ווילנע, בּאַ דער סטאַנציע ווילייקי, געכאַפּט רויטקאָפן, ווי ער היינגט, צוגעטוליעט צום ווענטל פון וואַגאָן. דער קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אים געפאַקט, האָט געשלאָגן סאַשקען מכּת־רצח. און נאָכדעם האָט רויטקאָפ זיך געגעבּן אַ וואָרט, מער ניט צו פאָרן מיטן בּאַן. ליאָוואושקע האָט אים געפּרובּט איבּעררייידן מיט גוטן און מיט בּייזן, האָט אים געדראָט אינגאַנצן אַוועקצוגיין פון אים און איבּערצולאָזן אַליין, אָבּער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. סאַשקע האָט זיך איינגעעקשנט, און די חברים האָבּן זיך אַף זייערע וויטערדיקע וואָגלענישן געשלעפּט צופוס.

בּאַגינען זיינען זיי אַרויס פון ווילנע און מיטן בּרייטן שליאַך אוועק קיין קאָוונע. נאָך דער געשעעניש מיט רויטקאָפן האָט ליאָוואושקע בּאַשלאָסן גאָר אַף אַן אַנדער וועג זיך צו דערקלייבּן בּיז פּעטערבּורג. דער נייער מאַרשרוט, וואָס ער האָט אויסגעאַרבּעט, איז געווען פאָלגענדער: צו גיין פון ווילנע איבּער קאָוונע, יורבּריק און ליבּוי בּיז ריגע, און אין ריגע זיך אַרופכאַפּן אַף אַ שיף און אַזוי דערפאָרן בּיז פּעטערבּורג. פייל־פון־בּויגן האָט אָנדערציילט

רויטקאָפּן אַ סך גליקן וועגן די געגנטן, וואָס זײ נעמען זיך איצט גײן איבער זײ, האָט געשאָטן מיט נעמען פון שטעט, שטעטלעך און טײכן, אין ווילנע האָט שוין רויטקאָפּ געמערקט, אַז ליאָוואושקע פילט זיך דאָ, גאָר ווי בּאַ זיך אין דער הײם. און ניט נאָר מיטן געגנט איז ער גוט באַקענט געווען, ער איז אַפילו געווען באַהאַוונט אין אַלע לשונות פון דער שטאָט: מיט ליטוואַקעס האָט ער גערעדט אַף ליטוויש, מיט פּוילישע — אַף פּויליש, מיט ווײסרוסן — אַף ווײסרוסיש.

סאַשקע איז אַרײנגעפאַלן אין התפעלות פון זײן חברס קענטעניש, און ער איז צוגעשטאַנען צו ליאָוואושקען, ער זאָל אים דערצײלן, ווי עס קומען צו אים אַזוי פיל ידיעות. יענער האָט זיך אַ צײט געקווײנקלט און אים ניט געגעבן קײן גראַדן ענטפער. אָבער צום סוף האָט ער זיך דאָך מער ניט אײנגעהאַלטן און געזאָגט:

—גוט, איכ'ל דיר דערצײלן; אָבער שווער מיר, אַז דאָס וועט בלײבן אַ סוד.

סאַשקע האָט געמאַכט אַן ערנסטן פּנים און האָט אָפּגעגעבן אַ שבועה, אַז קײנמאָל וועט קײנער פון אים קײן פּיפּס וועגן דעם ניט הערן. דערדאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען בּאַם פרימאָרגנדיקן צופּײסן, אין שאָטן פון אַ גרויסן טאָפּאָל, צען וויאָרסט ווײט פון ווילנע.

— נו גוט, רויטער וואָלף, כ'גלויב דיר! — האָט ליאָוואושקע געזאָגט — און איצט הער — ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײטן, האָט זיך צוגעבויגן צו סאַשקעס פּנים און אים געזאָגט, האַלב פליסטערנדיק — איך בין אַנטלאָפן פון יורבּריק... איך קען אַזוי גוט די אַלע ערטער, ווײל מײן טאַטע פלעגט אָפט אַרומפאָרן אין דעם געגנט, צווישן ווילנע און קאָוונע, צווישן יורבּריק און פּאָלאַנגען. איצטער וואוינען אויך אַלע אונזערע אין אַ הויף בּאַ פּאָלאַנגען. מײן שטיפטאַטע איז דער פאַרוואַלטער פון דעם הויף. איצט, פאַרשטײסטו, מוז איך זײן באַזונדערש אָפּגעהיט... מען קען מיך דאָ זײער גוט... אָבער ניט אומזיסט הײס איך פײל-פון-בויגן! — האָט ער אויסגערופן און אַ פּאָך געטאָן

אין דער לופטן מיט אַ פויסט — איכ'ל פאַרביגיין גאָר נאָענט אָבער כאַפּן וועט מיך קיינער ניט!..

— דו האָסט עפּעס אייגענע? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט, און אין זיין שטים האָט זיך געהערט אַ נאָטקע פון מיטגעפיל.

— כ'האָב אַ ברודער, אַ שוועסטער... אָבער זיי זיינען נאָך קליינינקע...

— און אַהיים ווילט זיך דיר גאָרניט? — האָט רויטקאָפּ ווייטער אויסגעפרעגט.

ליאָוואושקע האָט ניט געענטפערט. האָט אַראָפּגעלאָזן דעם בלאָנדן קאָפּ, באַטראַכט זיינע באָרוועסע פיס און נערוויאיש געריסן גרעזעלעך.

— אין אַמעריקע וויל איך זיין, אָט וואָס... — האָט ער געענטפערט נאָך אַ לאַנגער הפסקה. און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט — וואָס האָבן מיר זיך דאָ פאַנאַנדער־געזעצט? קום! — האָט ער מיט כעס אויסגעשריען און גענומען שטעלן טריט.

סאַשקע איז נאָך אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט רחמנות געהאַט אויפן חבר: כאָטש יענער האָט אויסבאַהאַלטן פון אים זיין פּנים, אָבער ער האָט געמערקט, ווי פון ליאָוואושקעס לאַנגע טונקעלע וויעס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט צוויי לויטערע, גרויסע טראָפּנס.

אַפּמאָרגן האָבן זיי דערזען ניט ווייט פאַר זיך אַ געדיכטן וואַלד. דער טאָג איז געווען אַ מוראדיק־הייסער. די זון האָט געסמאַליעט, די לופט האָט געפּאַרעט, אויש דערשטיקט צו ווערן, און די ביידע באָרוועסע פוסגייער האָבן זיך אָפּגעגאָסן מיט שוויס און האָבן קוים געקאָנט אָפּציען דעם אָטעם.

— לאָמיר אַריין אין וואַלד אַביסל זיך אָפּקילן — האָט ליאָוואושקע געזאָגט, און מיט לעצטע כּחות גענומען שפּרייזן צום וואַלד.

אין וואַלד איז געווען קיל און האַלבטונקל. און די חברים האָבן זיך צוגעלייגט אַף דעם מחיהדיקן, קילן גראָז, האָבן געשמועסט און האָבן זיך אַפילו אַביסל דורכגעדרעמלט.

— וואָס דאַרפן מיר זיך איילן? — האָט סאַשקע גע־

זאָגט צום חבר — דאָ איז קיל, פויגעלעך זינגען... איבערנעכ־טיקן וועל'ן מיר דאָ אויך קאָנען.

— ניין, ניין! — האָט פיל פון בויגן אים אָפגעפּאַטשט די פליגלען — איך בין ניט קיין בער, וואָס נעכטיקט אין וואַלד, אין אַ וואַלד וואָלט איך קיינמאָל ניט געשלאָפן!

— און איך... — האָט רויטקאָפּ געוואָלט עפּעס זאָגן, און ער האָט ניט דערע״רעדט: דעם וואַלד האָט דורכגעהילכט אַ שאַרפער גריליץ, פונקט ווי דער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו.

ליאָוואָושקע איז אויפגעשפרונגען און גענומען פּאַטשן אין די הענט פון שמחה.

— הורא! — האָט ער געשריען — מיר זיינען נאָענט פון אַ סטאַנציע! דו, פיילענצער, שטיי גיכער אויף! הערסט ניט — מיר זיינען דאָך בײַ אַ סטאַנציע!

— גוט — נו וואָס איז די שמחה אַף דיר? — האָט רויטקאָפּ קאַלטבלוטיק געזאָגט און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— און וואָס פאַראַ שמחה איז אָפּצולינגן די זייטן אין וואַלד? — האָט פיל־פון־בויגן אויפגערעגט געפרעגט רויטקאָפּן — מיר מוזן דאָך סיווי פאַרבײַגיין דעם באַן, איז לאָמיר בעסער איצט גיין, ניט צו פאַרזאַמען.

— וואָס דאַרפן מיר דעם באַן?

— גלאַטאַזוי, אַ קוקטאָן... דאָרטן איז פאַראַן אַ גרויסער עולם... אפשר וועט געלינגען עפּעס צו באַקומען... מיר קאָנען אויך געפינען וואָס... די רייכע פּאַסאַזשירן פאַרלירן שטענדיק טייסטערס מיט געלט... נו, קום שוין, קום...

רויטקאָפּ האָט אָן חשק זיך אויפגעהויבן.

אַף דער סטאַנציע זיינען זיי אָנגעקומען אין דער רגע, ווען דער צוג פון קאָוונע האָט זיך צוגעקײַקלט צום פּעראָן. פון די וואַגאָנעס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פּאַסאַזשירן און אַלע זיינען געלאָפן צום בופעט.

— סטאַנציע ושאַסליע! פינף מינוטן אָפּשטעל! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגערופן, און באַלד האָט אָפּגעקלונגען דער ערשטער גלאָק.

מיטאמאָל האָבן זיך פון אנדער ברעג פּעראָן דערטראָגן געשרייען און אַ געוויין. רוטקאָפּ און ליאָוואָושקע האָבן זיך גענומען דורכשטופּן דורך דעם געדיכטן געוועמל מענטשן, וואָס האָט זיך געקנוילט אָפן וואָקזאַל, זיינען צוגעלאָפן אַהין, פונוואַנען די קולות האָבן זיך דערטראָגן, און זיי האָבן דערזען ווי אַ הויכער, קרעפּטיקער זשאַנדאַר מיט אַ געדיכטער באָרד און מיט אַ זילבערנער מעדאַיל אָף דער ברוסט, שלעפּט פאַר אַ האַנט אַ אידישן אינגל פון אַ יאָר פופצען, און דער אינגל שרייט מיט יאָמערלעכע קולות.

—וואַרט, איכ׳ל דיר שוין אָנלערנען!..—האָט דער זשאַנדאַר געשריען אָף אים מיט אַ שטרייַנגען קול, אָבער זיינע בלאָע אויגן האָבן געשמייכלט.

— מער וועל איך שוין ניט, פעטערל!.. זאָל מיך כאַפּן די כאָליערע, אויב איך וועל!.. — האָט דער אינגל געיאָמערט, און זיינע לאַנגע דינע פּאות האָבן זיך געבאַמבלט איבער זיין ברייטגעעפנטער מויל.

— אַ האָז געכאַפּט... — האָט ליאָוואָושקע אַ זאָג געטאָן גלייכגילטיק, אַזוי ווי צו זיך אַליין.

— וואָס מאַכט ער אַזעלכע קולות?

— כ׳וויים? אַ פּחדן—שרייט ער...

באַלד האָט זיך שוין דערטראָגן דער צווייטער קלינג, נאָך אים — דער דריטער, דער אויבערקאָנדוקטאָר האָט זיך צוויימאָל איבערגערופן מיטן לאָקאָמאָטיוו, און אין אַ מינוט אַרום איז שוין פון צוג קיין זכר ניט געבליבן.

לינקס פון וואָקזאַל האָט געפירט דער וועג אין דער שטעטל זשאַסליע, און רעכטס האָט זיך געצויגן דער ווילנער שליאַך.

— קום! — האָט ליאָוואָושקע געזאָגט.

— קום! — האָט סאַשקע אים געענטפערט, ווי אַן אָפּהילך.

די חברים האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער, האָבן אַ קוק געטאָן אָפן וואָקזאַלזייגער, און זיינען אַוועק צום שליאַך

צו. די יללות פון דעם אינגל האָבן זיך נאָך אַלץ געקייקלט הינ־טער זיי.

די זון האָט זיך שוין ביסלעכווייז געזעצט איבערן וואלד. די היץ איז געפאַלן. איצט איז שוין ניט שווער געווען צו גיין, און די שטימונג פון די ביידע פריינט האָט זיך אַביסל געהויבן. ליאָוואושקע האָט פאַררוּיכערט, און רויטקאָפּ האָט גענומען אויס־פייפן אַ ניגון.

— ווייסט, כ׳האָב רחמנות אַף אים — האָט סאַשקע גע־זאָגט, איבעררייסנדיק זיין פייפן.

— אַף וועמען?

— אָט אַף יענעם אינגל, וואָס דער זשאַנדאַר האָט גע־שלעפּט...

— און אַף זיך האָסט ניט געהאַט קיין רחמנות, בעת דער קאָנדוקטאָר האָט דיר געבראָכן די ביינער?

— אַף זיך איז דער רחמנות ניט אַזוי גרויס...

— הערט! הערט! — האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן הינטער זיי עמיצנס קול.

זיי האָבן זיך ארומגעקוקט און האָבן דערזען הינטער זיך דעמזעל־ביקן אינגל, וועגן וועמען זיי האָבן אָקאָרשט גערעדט. דאָס בחורל איז געלאָפן צו זיי אין איין אָטעם, זיך פּלאָנטערנדיק אין די פּאָ־לעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע.

— פוּ־וּ־וּ, ווי הייס! — האָט דער אינגל מיט מאַטער־ניש אַ זאָג געטאָן, צוקומענדיק צו זיי.

איבער זיין אָפּגעברענטן פּנים האָט זיך געשפּרייט אַ טונ־קעלע רויטקייט, זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט. אָנגעטאָן איז ער געווען גאָר נישקשהדיק, געזונטע שטיוואַלעס, אַ היטל מיט אַ גרויסן דאַשעק און מיט אַ קנעפּל אָפן שפּיצקאָפּ, אַ לייוונטע־נע זשופּעצע ביז צו די ליטקעס און אַ שוואַרצער זעקל אין האַנט — דאָס אַלץ איז געווען אַף אים און בא אים.

— וואָס האָבן זיי דיר געטאָן? — האָט רויטקאָפּ אים געפרעגט.

— וואָס קאָנען זיי מיר טאָן? — האָט דער אינגל גע־

ענטפערט מיט אַ פראַגע און האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס — וואָס האָב איך מורא פאַר זיי? אויך מיר קנאַקערס — און ער האָט געשמייכלט מיט בּיטול.

— איז וואָס=זשע האָסט געשריען, אויב דו האָסט ניט קיין מורא? — האָט ליאָוואושקע זיך אַריינגעמישט אין שמועס.

— כ'האָב געשריען, ווייל דער זשאַנדאַר האָט אַזוי געוואָלט... איך זע — אים געפעלט, ווי איך שריי, האָב איך געשריען... וואָס, עס קאָסט מיר טייער אין איינקויף?..

רויטקאָפּ און ליאָוואושקע האָבן זיך געהאַלטן בּאַ די בּייכער פון געלעכטער.

— האָסטו דאָס נאָר געקוויטשעט אף צופּליסנס? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט, שיר ניט פּלאַצנדיק פון געלעכטער — אָהאָ, בּיסט דאָך גאָר אַ משונהדיקער העלד!

און ער האָט מעשה גוטער פריינט אַ פּאַטש געטאָן דעם בּחורל אין אַקסל.

— וואוהין גייסטו? — האָט ליאָיואושקע געפרעגט.

— און וואוהין גייט איר? — האָט דאָס אינגל ווייטער געענטפערט מיט אַ קשיה.

— מיר גייען איצט קיין קאָוונע.

— אויב אַזוי, גיי איך אויך קיין קאָוונע..

— בּיסט בּאַם זינען? — האָט ליאָוואושקע אים איבערגעשלאָגן — בּיסט דאָך אָקאָרשט געקומען צופאָרן פון קאָוונע?

— און אַז יאָ, איז וואָס?.. וואָס איז מיר ניט גאָר גלייך — צי פון קאָוונע, צי אין קאָוונע?..

— צוליבּ וואָס גייסטו?

— און צוליבּ וואָס גייט איר?

— פון קאָוונע וועלן מיר גיין קיין פּעטערבּורג, דאָרטן דאַרפן מיר אויסגעפינען איינעם אַ מענטשן...

— גוט, גיי איך אויך מיט אייך —האָט ער תּיכּף מסכּים געווען.

ליאָוואושקע מיט רויטקאָפּן האָבן זיך איבּערגעקוקט, האָבּן אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און זיך גענומען שטיל דורכשמועסן. פּאַר=

ענדיקט האָט זיך זייער באַראַטונג דערמיט, וואָס אין ווינטערדיקן וועג זיינען זיי אַוועק ניט מער זאַלבעצווייט, נאָר זאַלבעדריט.

— ווי הייסטו? — האָט רויטקאָפּ אַ פרעג געטאָן דעם נייעם מיטגייער.

— מען רופט מיך לייבעלע און חיימקע. איך האָב צוויי נעמען.

— ווי וועלן מיר אים רופן? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט בײַ ליאָוואושקען.

— לאָמיר אים רופן חיימקע—האָט ליאָוואושקע באַשלאָסן.

אַף אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. די דריי יונגע פוסגייער האָבן מונטער געשפּרייזט און געמאָסטן מיט די אויגן דעם מהלך. דער וואַלד האָט זיך אַלץ ווייטער אָפּגערוקט פון זיי, און איז, צו־זאַמען מיט דער זון, אַוועק צו מעריב צו. פון בײדע זייטן שליאַך האָבן זיך געצויגן גילדענע תּבֿואה־פעלדער.

— איר מיינט אפשר, אַז איך האָב קיין געלט ניט? —

— האָט חיימקע דער ערשטער צעשטערט די שטילקייט —

אָ־האָ־האָ, איך האָב שוין גאָר אַ סך!

— פונוואַנען האָסטו דאָס? — האָט ליאָוואושקע גע־וואָלט וויסן.

— פונוואַנען? איך האָב מיטגענומען געלט פונדערהיים. ווילט איר זען?

— ווײַז!

חיימקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אַרײַנגערוקט די האַנט אין זײַן קעשענע. ליאָוואושקע און רויטקאָפּ זיינען אויך גע־בליבן שטיין. חיימקע האָט אַלץ טיפער גערוקט די האַנט, ביז ער האָט צום סוף אַרויסגעשלעפּט אַ קליין טייסטערל.

— קיין קעשענע האָב איך ניט — האָט ער געזאָגט — מיין טייסטער האַלט איך הינטערן אונטערשלאַק.

דריי קעפּ האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבערן טייסטער.

— נאַט, זעט! איך האָב דאָ אַ רובל מיט זיבן־און־צוואַנציק קאָפּיקעס!..

ער האָט אַרויסגעשאָטן אַף דער האַנט דאָס גאַנצע געלט

און האָט עס צוגעטראָגן האַרט פֿאַר רויטקאָפּס און ליאָוואושקעס אויגן.

— מיר האָבן אויך געלט — האָט פֿייל־פֿון־בויגן געזאָגט — אָבער מיר האָבן אַ ביסל ווייניקער, נאָר דרייצן קאָפּיקעס. ווילסט, וועלן מיר מאַכן איין קאַסע: מיר גיבן דיר, אַף אונזער געלט אויך, און דו וועסט איינקויפֿן פֿאַר אַלעמען,, ווילסט?

— אוודאי וויל איך! — האָט חיימקע מיט גרוים שמחה אַ געשריי געטאָן.

ליאָוואושקע האָט אים אָפּגעגעבן זיין קאַפּיטאַל, און דער עולם האָט ווייטער גענומען גיין.

חיימקע האָט געשוויגט. זיין מויל האָט זיך אַף קיין איין רגע נישט פֿאַרמאַכט, און פֿון זיינע רייד האָבן ביידע אינגלעך זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ געבאָרענער קאָוונער, אַז ער איז אַ קיילעכדיקער יתום, און אַז ער איז אַרויס פֿון דער היים, כּדי צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. מען האָט אים אָבער געפּאַקט אונטערן באַנק פֿון וואַגאָן, און איצט גייט ער מיט זיי מיט קיין פּעטערבורג. וואָס איז דען די נפֿקא־מינא? אין קאָוונע האָט ער געלעבט אַף קהלשן חשבון. ער האָט געגעסן טעג און האָט געלערנט אין בית־מדרש. ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען רוסיש, און איצט וויל ער אויסגיין די גאַנצע וועלט, זיך אָנזען אַ סך און לערנען אַ סך, ביז ער וועט ווערן דער געבילדעטסטער מענטש אין דער וועלט. אַז ער וועט קומען אין אַ לאַנד, וואו קיין אידן זיינען נישטאָ, וועט ער זיך אַראָפּנעמען די פּאות...

רויטקאָפּ און ליאָוואושקע האָבן מיט הנאה זיך צוגעהערט צו חיימקעס מעשׂות און האָבן אים כּסדר געשטעלט קשיות.

— שמדן ווילסט זיך? — האָט רויטקאָפּ אים געפֿרעגט.

— צוואָוואָס זאָל איך זיך שמדן?

— כּדי צו ווערן אַ רוס.

— כּדי צו ווערן אַ רוס? — האָט חיימקע מיט אַ ניגון איבערגעחזרט — און דו וואָלסט וועלן ווערן אַ איד?

— ניין — האָט רויטקאָפּ קורץ און פעסט בײַ זיך גע־ענטפערט.

— פאַרוואָס ווילסטו ניט?

— ווײַל אַ רוס צו זײַן איז בעסער...

— און זײַן אַ איד איז ערגער?

— אַוודאי, ערגער.

— זעסט? אָט צוליב דעם טאַקע וויל איך זיך ניט שמדן... פאַרוואָס זאָל איך זיך נעמען דאָס גוטע, און דיר געבן דאָס שלעכטע? זאָל בעסער דאָס שלעכטע בלײַבן בײַ מיר, און דאָס גוטע — בײַ דיר... און אויב איר ווילט וויסן דעם ריי־נעם אמת — גיב איך ניט קיין אויסגעבלאָזענע איי ניט פאַר מײַן גלויבן, ניטפאַר אייערן. מיר האָבן נויטיק די אַלע מעשׂות, פּונקט ווי אַ לאָך אין קאָפּ... ווייסט איר, וואָס איך האָב ליב? — האָט חײמקע מיטאַמאָל איבערגעביטן דעם שמועס.

— וואָס? — האָבן בײדע אינגלעך אַ פרעג געטאָן אין איין קול.

— קעז האָב איך ליב. אָ, ווי איך האָב דאָס ליב! און צוליב דעם טאַקע בין איך אַרויס אין דער וועלט... מיר האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט עסן קעז, און געגעבן האָט קײנער ניט. איצט בין איך אַליין אַ באַלעבאָס אויף זיך, און איך׳ל עסן קעז, וויפל מײַן האַרץ געלוסט.

חײמקע האָט זיך פרײלעך פאַנאַנדערגעלאַכט.

צו־אָוונט־צו זײַנען אונזערע רײַזנדער צוגעגאַנגען צו אַ לאַנגער, נידעריקער, ציגלנער הויז. די הויז איז געשטאַנען אַ ביסל אָן אַ זײַט פון וועג, אויף אַ מהלך פון צוויי־דריי ווײאָרסט פון דאָרף, וואָס האָט זיך פונווײַטן געזען.

— דאָס איז אַ קרעטשמע, דאָ קאָנען מיר איבערנעכ־טיקן — האָט ליאָוואושקע געזאָגט.

— קעז קאָן מען דאָ אויך באַקומען? — האָט חײמקע געפרעגט.

— אַוודאי.

— אויב אַזוי, קומט!

די פריינט זיינען אריין אין קרעטשמע. דער גרויסער, פינסטערער קאמער האט אויסגעזען, ווי א שטאל. ס'האט זיך געטראגן א טוכלער ריח, ווי פון א קעלער. בא די זייטן ווענט זיינען געווען אויסגעשטעלט לאנגע, שווערע ביינק, קעגן אריינגאנג האט זיך געזען א טאמבאנק מיט אויסגעשטעלטע כלים, און בא דעם—עטלעכע פעסלעך.

אז די אינגלעך זיינען אריין, איז זיי אנטקעגן ארויס דער קרעטשמער, א יונגער געלער אידל מיט א ציגן בערדל. ער האט געוואלט וויסן, וואוהין זיי גייען און פונוואנען זיי קומען, און נאכדעם האט ער געפרעגט, אויב זיי וועלן זיך הייסן געבן עפעס.

— קעז איז פאראן בא אייך? — האט חיימקע תיכף א פרעג געטאן.

— וויפל אייער הארץ געלוסט... כאטש אף א גאנצן קערבל...

חיימקע האט זיך צוזאמענגערעדט מיט די איבעריקע, און האט זיך געהייסן געבן פאר צוואנציק קאפיקעס קעז און א פאר חלות. ליאוואושקע האט געקויפט טאבאק און שוועבעלעך.

די חברים האבן זיך גענומען צו דער אכילה. חיימקע האט מיט אזא ברען זיך א וואָרף געטאן אף זיין באליבטן מאכל, אז דער קעז איז אים עטלעכע מאל געבליבן שטעקן אין האלז און ער איז שיר נים דערווארגן געווארן. אויך בא די ביידע גוישע אינגלעך האט דער אידישער געטריקנטער קעז שטארק אויסגענומען.

ביז דער עולם האט פארענדיקט מיט דער וועטשערע, איז שוין דערווייל גאר פינסטער געווארן; דער קרעטשמער האט אפגענומען די געלט און ארופגעשיקט די געסט אפן הייזלאק. און דא, אין דעם ווייכן, שמעקעוודיקן היי, זיינען די אויסגעמאטערטע אינגלעך תיכף אנגעשלאפן געווארן.

דער ליבהאבער פון קעז.

רויטקאפ האט נאך געהאלטן אין רעכטן מיטן שלאף, בעת ער האט דערפילט, ווי עמיץ צופט אים בא דער פלייצע, שטארק

אומצופרידן, האָט ער מיט מאַטערניש אויפגעריסן די אויגן און דערזען איבער זיך חײמקעס פּנים.

— הער זיך איין! — האָט חײמקע געשעפּטשעט.

— וואָסי?

— הער נאָר, האָסט חשק צו עסן קעז?..

— גיי צום טײוול, כ'וויל שלאָפן!

סאַשקע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַזוי ווי מען טרייבט אָפּ אַ זלידנע פליג, האָט זיך איבערגעדרייט אַף דער אַנדער זייט און האָט ווייטער גענומען כראָפּענען. דערווייל האָט ליאָוואושקע זיך אופגעכאַפּט.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער אַ פרעג געטאָן בײַ חײמקען.

— דו שלאָפסט ניט? אָטראָס געפעלט מיר טאַקע! — האָט דער ליבהאָבער פון קעז זיך דערפרייט.

ער האָט צוגעפּיזשעט צו ליאָוואושקען און גענומען שטי־לערהייט אים דערציילן אַ מעשה.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז חײמקע האָט אויסגעפונען אַ גאַנצן אוצר פון קעז, אַף אַ פּאָליצע, וואָס איז אָנגעבראַכט געוועז איבערן פענסטערל פון הײשלאַק, זײנען געלעגן עטלעכע גרויסע, שווערע קעזן, וואָס מ'האָט דאָ אַוועקגעלייגט, כּדי זיי זאָלן זיך אויסטרי־קענען אַף דער זון און פאַרהאַרטעוועט ווערן. ווי נאָר חײמקע האָט דאָס דערזען, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען אָפּצוציען כאָטש אַ שטיקל פונם קעז, אָבער אַליין האָט מען דאָס ניט געקאָנט אָפּטאָן, דערצו איז נויטיק געווען אַ געהילף. רויטקאָפּ האָט געוואָלט שלאָפן, אָבער ליאָוואושקע האָט זיך אָן דער זאַך אָנגעכאַפּט.

— וואו, זאָגסטו, ליגן די קעזן? — האָט ער געפרעגט.

— אָט דאָרטן. הייב זיך אויף, וועסט זען — האָט דער קעזליבהאָבער געזאָגט, און די צייגער אין מויל האָבן אים גע־קלאַפּט פון אומגעדולד און שרעק.

ליאָוואושקע איז אופגעשפּרונגען פון אָרט, איז צו צום

פענסטערל און האָט זיך איבערצייגט, אַז חײמקע דערציילט דעם ריינעם אמת.

— מיר װעלן טאָן אַזױ — האָט ער געזאָגט צו חײמ־קען — איכ'ל זיך איינבויגן, און דו שטעל זיך אַף מיר. װען דו װעסט דערלאַנגען צו דער פאָליצע, כאַפּ פון דאָרטן אַראָפּ אַ פּאָר קעזן. צוויי שטיק װעלן קלעקן. פאַרשטאַנען?

— אַוודאי האָב איך פאַרשטאַנען, וואָדען? אָבער פאַרוואָס הייסטו עפּעס אַראָפּנעמען צוויי קעזן? — האָט חײמקע מיט אַ ניגון געפרעגט.

— וויפל דען דאַרפסטו?

— מיר דאַרפן אַזױ פיל קעזן, וויפל עסערס מיר זיינען. מיר זיינען זאַלבעדריט, מוזן מיר האָבן דריי קעזן.

— מילא, נעם דריי... אָבער נאָר שטיל. נו, קריך שוין!

ליאָוואושקע האָט אונטערגעשטעלט זיין רוקן, און חײמקע איז אַרופגעקראָכן, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געזעסן רייטנדיק אַפן פענסטערברעט און האָט גע־האָרעוועט.

מיט צוויי קעזן איז אַלץ אַראָפּ גלאַט, אָבער באַם דריטן האָט זיך עפּעס פאַרהעקערט: דער שווערער קעז האָט זיך אַרױס־געגליטשט פון חײמקעס הענט, און איידער ליאָוואושקע האָט אים נאָך באַוויזן אופצוכאַפּן, איז ער שוין אַראָפּגעפאַלן אַף רויטקאָפּס פּאָטילניצע.

סאַשקע איז פון קלאַפּ אופגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער, און שוין גרייט געווען זיך פאַנאַנדערצושרייען אַפן קול, אָבער ליאָוואושקע האָט אים איינגעשטילט.

— טסס... שווייג! — האָט ער מיט האַרץ געשעפּ־טשעט — מיר האָבן איינגעצויגן עטלעכע שטיקער קעז... ס'וועט אונז קלעקן אַף לאַנג...

— מ'וועט אונז ניט פאַקן? — האָט סאַשקע געפרעגט, זיך תיכף באַפנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר.

— ניין, אַלע פּאָפּן נאָך — האָט ליאָוואושקע געענט־

פערט — און איצט וועלן מיר פּאַמעלעך אַראָפּקריכן אין פּאַר־היזל און וועלן זיך אַרויסגנבענען.

און באַלד טאַקע האָבן די דריי חברה איינער נאָכן אַנ־דערן זיך גענומען אַראָפּלאָזן פונם היישלאַק. דער ערשטער איז אַראָפּ רויטקאָפּ, נאָך אים — חיימקע, און דער לעצטער איז געווען ליאָוואושקע, יעדער האָט געטראָגן אונטערן אָרעם אַ מוראדיקן קעז פון אַ זעקס — זיבן פונט געוויכט. חיימקע איז צו צו דער טיר, כדי איר אָפּצוריגלען, אָבער צו זיין גרויסן חידוש האָט ער דערזען, אַז די טיר איז שוין אָפן.

— אָי, חברה, ס'איז ניט גוט! — האָט ער שטיל גע־זאָגט און פעסטער צוגעדריקט צום האַרצן דעם קעז.

— וואָס?

— די טיר איז ניט פאַרריגלט.

— איז דאָך אַוודאי גוט, נו, גיי אַרויס! — האָט פייל־פון־בויגן אים אונטערגעשטופּט.

חיימקע האָט אומעטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט געעפנט די טיר. נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען די אַנדערע צוויי. אָבער זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אַרופצוגיין אַפן שליאַך, ווי פון הינטערן ווינקלהויז זיינען אַרויס דער קרעטשמער און אַ געזעל, אַ ברייטפּלייציקער ליטווישער פויער מיט אַן אויסגעצויגענעם ניט־געגאָלטן פּנים.

— אהא, גנבים! כאַפּט זיי! — האָט ד'ער קרעטשמער זיך פאַנאַנדערגעשריען און זיך גענומען יאָגן נאָך חיימקען. ווי עס שיינט, האָט ער אויסגערעכנט, אַז דעם אידישן אינגל וועט ער גרינגער קאָנען דעריאָגן. רויטקאָפּ און ליאָוואושקע האָבן גענומען מאַכן פיס, אַזוי ווי אַ פּאָר פלינקע פערדלעך.

— האַלט זיי! כאַפּט זיי! — האָבן זיך הינטער זיי גע־טראָגן קולות.

ליאָוואושקע און סאַשקע זיינען געלאָפן, וויפל כח זיי האָבן געהאַט. אָפּגעלאָפן אַ מינוט פינף, האָט רויטקאָפּ זיך אַרומגעקוקט און זיך אָפּגעשטעלט.

— גענוג, שטעל זיך אָפּ! — האָט ער אויסגערופן.

— איצט וועט מען אונז שוין ניט דעריאָגן — האָט פּיל-פון-בויגן געזאָגט, שווער פּרייכנדיק.

— וואו איז חיימקע ? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט, וואַרפנדיק אויגן אַרום זיך.

פונדערווייטן האָט זיך דערטראָגן עמיצנס אַ ביטערער געוויין.

— זע נאָר, מ'האָט אים געפּאַקט ! — האָט ליאָוואושקע אויסגערופן, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אַף ערגעץ.

דאָרטן, וואו ליאָוואושקע האָט אָנגעוויזן, איז צווישן תבואה-פעלדער געלעגן אַ קליין דערפל. אין צעטומלעניש, אַנשטאָט צו לויפן צום שליאַך, האָט חיימקע זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער אַנדער זייט און פאַרקערעוועט צום דאָרף, וואו עס האָבן אים אָנגעכאַפּט אַ פּאָר פּויערים, וועלכע זיינען גראָד אַרויסגעריטן אַפן שליאַך.

— וואָס וועט איצט זיין מיט אים ? — האָט רויטקאָפּ אומעטיק געפרעגט.

— ער וועט דאָס וויסן פריער פון אונז — האָט ליאָוואושקע געענטפערט — אָבער מיר מוזן וואָס גיכער אָפּטראָגן דעם גוף, ווייל די פּויערים אַף די פערד קאָנען אונז גאָר גרינג אָנכאַפּן. לאָמיר זיך איינקערעווען אין וואַלד, איידער מ'האָט אונז נאָך געזען.

אין וואַלד האָבן די חברים פריער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דאָ זיינען זיי געווען זיכער. זיי האָבן זיך צוועקגעזעצט אונטער אַ מעכטיקער סאָסנע און האָבן זיך גענומען צו זייער קעז.

— אַ שאָד — האָט ליאָוואושקע געזאָגט — וואָס מיר האָבן קיין חלה ניט מיטגענומען. איצט וועט מען מוזן עסן טריקענע קעז.

ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט די לעצטע ווערטער, האָט רויטקאָפּ אַ ווילדן געשריי געטאָן און איז אופגעשפּרונגען פון אָרט.

— וואָס ! אַ שלאַנג ? — האָט פּיל-פון-בויגן געפרעגט מיט שרעק און איז אופגעשפּרונגען.

— וואָס פאַראַ שלאַנג !.. איך האָב פאַרגעסן אַפן הוי-

שלאָק מיינע שיך! וואָס וועל איך אַצינדערט טאָן? — האָט רויטקאָפּ געקלאָגט.

— דאָס, וואָס איך טו: וועסט גיין באָרוועס — האָט ליאָוואושקע געזאָגט — ווייסט, אָן שיך איז נאָך בעסער. ווי מיט שיך שטערן נאָר צו גיין, אָף מיינע נאמנות...

— יאָ, זיי שטערן... און וואָס וועסט זאָגן, אַז ס'וועלן אָנקומען די קעלטן?

— נאַרעלע!.. אַז די קעלטן וועלן קומען, וועלן זיי מיטברענגען מיט זיך שיך אויך, הער אויף דערווייל צו קלאָגן. עס אויף דיין קעז און לאָמיר געכער גיין! אין קאָוונע וועל איך שוין קומען צו געלט, און פון דאָרטן ביזן ים איז איין שפּאַן... וואָס קלאָגסטו? עס קעז, זאָג איך דיר!

פון ליאָוואושקעס רייד האָט רויטקאָפּ זיך אַביסל באַרואיקט. ער האָט זיך צוגעזעצט בײַ זיין חברס זייט און גענומען קייען שטיקער קעז. אין עסן איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען חיימקעס בילד, און דאָס האַרץ איז אים פאַרקוועטשט געוואָרן פון רחמנות.

פונדאַסניי אַליין.

אין צוויי וואָכן אַרום האָבן רויטקאָפּ און ליאָוואושקע דערגרייכט יורבריק. צו קאָוונע האָבן זיי קיין מזל ניט געהאַט, זיי זיינען אַוועק פון דאָרטן אָן שיך, אָן געלט און אָן אַ ברעקל ברויט. און צו אַלע צרות איז נאָך געוואָרן אַ שלעכטער וועטער אויך. נאָך די שיינע, וואַרימע ליכטיקע טעג זיינען אָנגעקומען קעלטן. דער הימל איז די גאַנצע צייט פאַרצויגן געווען מיט גראָע כמאַרעס, וואָס האָבן פאַרשטעלט די זון. ס'האָט אָן אויפהער גערעגנט. די ערד איז דורכגעווייקט געוואָרן, און מ'האָט ניט געקאָנט געפינען קיין טרוקענעם ערטל, וואו זיך צוצוזעצן. און אונזערע ווייזנדער זיינען גאָר שטאַרק אַראָפּגעפאַלן בײַ זיך. זיי האָבן זיך אפילו אָנגעהויבן קריגן איינער מיטן אַנדערן. רויטקאָפּ האָט פאַרגעוואָרפן ליאָוואושקען, און ליאָוואושקע — רויטקאָפּן. אָבער

נאָך עפּטער האָבּן זיי גאָרנישט גערעדט, האָבּן פאַרבּיסן געשוויגן, און אין זייערע הערצער האָט געקאָכט אַ צאָרן.

„דאָס איז ער שולדיק אין אַלץ!" — האָט רויטקאָפּ זיך געטראַכט: — „האָט מיך פאַרשלעפּט אין אַלע העלן..."

„האָט זיך צוגעטשעפּעט, דער רויטער שד... האַצקע זיך אַרום מיט אים!" — האָט ליאָוואָשקע ווידער געטראַכט און געוואָרפן אין זייט פון זיין מיטגייער בּייזע, גיפטיקע בּליקן.

און דער ווינט האָט געריסן און געצויפט, אַזוי ווי אַ ווילדע חיה. ער האָט געעטעמט מיט קעלט, האָט אַרופגעיאָגט אַ פראָסט אויף די אינגלעך און זיי פאַרשטעלט דעם ווייטערדיקן וועג. פון צייט צו צייט האָט ער אַראָפּגעטרייסלט פון די צווייגן רעגנ-טראָפּנס און בּאַשפּריצט די רייזנדער פון קאָפּ בּיז די פיס.

— שוין איינמאָל אַ זומער! — האָט סאַשקע זיך גע-קלאָגט, איינגעהויקערט פון קעלט.

— געפעלט דיר ניט, מעגסט זיך גיין צוריק — האָט ליאָוואָשקע געבּורטשעט.

— ניט דיין וועג איז דאָס, און ניט דו בּיסט מיר קיין דעה-זאָגער—האָט רויטקאָפּ אָפּגעהאַקט.

אָט אין אַזאַ שטימונג זיינען זיי געווען, בּעת זיי זיינען, אין אַ פאַסקודנעם קאַלטן און רעגנדיקן טאָג, צוגעקומען צו יורבּריק.

— איכ'ל דורך דער שטאָט ניט דורכגיין — האָט ליאָ-וואָשקע געזאָגט.

— ווילסט ניט — גיי ניט. קיינער וועט זיך בּאַ דיר ניט בּעטן — האָט רויטקאָפּ אים געענטפערט.

— ניין, ניט צוליבּ דעם — האָט ליאָוואָשקע געזאָגט און האָט זיך אָפּגעשטעלט — מיך וועט מען דאָך דאָ געוויס דערקענען... זיי קומען אָפט אַריין אין שטעטל, די מאַמע און דער שטיפטאַטע... וואָס וועט דעמאָלט זיין?.. מען וועט מיך בּאַשטראָפן... אַלע וועלן זיך דערוויסן... מ'וועט לאַכן... ניין כ'וויל ניט, כ'וויל ניט!...

סאַשקע איז גערירט געוואָרן פון ליאָוואָשקעס רייד.

— זאָל זײַן ניט — האָט ער געזאָגט — אַז דו קאָנסט ניט, װעלן מיר ניט גײן.

—אָט אַזױ ביסט אַ גוטער ברודער !—איז ליאָװאָװשקע אַ לעבעדיקער געװאָרן — און איצט הער צו : איכ'ל גײן איבער די הינטערהױפלעך, פאַרבײַ די גערטנער, און דו גײ איבער דער הױפּטגאַס. זאָלסט פרעגן, װאו דאָ װאױנט דער גלח יאַן. אַז מען װעט דיר אָנװײַזן אַף זײַן הײַזל, זאָלסט זיך אױסקשטעלן צװישן דעם גאַנצן געזעמל מענטשן, װאָס װאַרט דאָרטן. װען ער װעט פאַרענדיקן זײַן תּפילה, װעט ער אַרױסגײן און װעט טײלן צװישן דעם עולם צװאַנציקערס. פאַרשטאַנען ?.. איכ'ל דיך אָפּװאַרטן באַם צװײטן ברעג פון שטאָט.

— פונװאַנען װײסטו, אַז ער װעט טײלן צװאַנציקערס ?

— אַז איך זאָג, מסתּמא װײס איך. דערדאָזיקער גלח איז באַ זײ פאַררעכנט פאַר אַ הײליקן, און פון אומעטום שיקט מען אים געלט אַף צוטײלן קצבה. נו, גײ. געדײנק, װאָס כ'האָב דיר געזאָגט.

— און דו װעסט מיך אָפּװאַרטן ?

— אַ שאלה דאָס איז!

די חברים האָבן זיך געזעגנט. סאַשקע איז אַרײַן אין שטאָט און זיך פאַרנומען מיט דער הױפּטגאַס, און פײל־פון־בױגן איז אַװעק אַף לינקס און זיך אײַנגעקערט אין עפּעס אַ זאַװאָוליקל.

ס'זײַנען אַװעק דרײַ שעה. ליאָװאָװשקע איז פאַרנודיעט געװאָרן, װאַרטנדיק אַף סאַשקען. ער איז געשטאַנען הינטער אַן אַלטן טאָפּאָל, בערך אַ װיאָרסט װײַט פון שטאָט. דער אינגל איז שױן געװען אױסער זיך. װי ער האָט אױסגערעכנט, האָט סאַשקע שױן לאַנג געדאַרפט זײַן צוריק. „איכ'ל נאָך אַ װײַלע שטײן — האָט ער זיך געטראַכט אַװראַי צום הונדערטסטן מאָל — און כ'װעל זיך נאָכדעם אַלײן לאָזן אין װעג".

אָבער דאָ האָט זיך רױטקאָפּ באַװיזן.

ליאָװאָװשקע איז אַרױס פון זײַן באַהעלטעניש און זיך געשטעלט אַזױ, אַז סאַשקע זאָל אים באַלד דערזען. אין אַ רגע אַרום זײַנען

שוין ביידע חברים געווען צוזאמען. סאשקע האט מיטגעבראכט פון שטאט א ווורשט מיט א פאר בולקעס.

— ווייסט, איך האב דאך באקומען צוויי מאל! — האט סאשקע דערציילט מיט גרויס התפעלות.

— טאקע?!

— הער נאר צו! אינאנהויב האב איך גאר ניט געטראכט, אז ס'וועט אזוי ארויסקומען. באם גלחס שטוב האט געווארט א גרויסער עולם, דארטן זיינען אוודאי געשטאנען א מאן פערציק, און אפשר די גאנצע הונדערט... דער גלח איז ארויס, אלע האבן זיך צוזאמענגעשטופט, אויסגעצויגן די הענט... אז כ'האב דערפילט אין מיין האנט דעם צוואנציקער, האב איך שוין געוואלט אוועקגיין, מיטאמאל הער איך, עס רופט מיך די פריצטע, וואס איז געגאנגען מיטן גלח. איך בין צוגעגאנגען, זי האט מיך ארומגעקוקט, האט מיך געפרעגט עפעס אף פויליש. איך האב א שאקל געטאן מיטן קאפ, אז איך פארשטיי ניט, אבער זי האט אוודאי געמיינט, אז איך האב נאך ניט באקומען די נדבה און האט מיר דערלאנגט נאך א צוואנציקער.

— נישקשה, זיי האבן גענוג — האט ליאוואושקע געזאגט — זיי באקומען פון אלע שטעט און שטעטלעך, און טיילן טיילן זיי נאר אין איין שטאט... א נס, וואס דו האסט געבראכט אכילה, עס ווילט זיך קיען — א שרעק. אבער ס'איז ניטא וואו זיך צוצווזעצן, ס'איז נאס און קאלט. לאמיר גאר אריינגיין ערגעץ, הא, ברודערקע?

— וואוהין?

— אט וועגן דעם קלער איך טאקע... ווייסט וואס? לאמיר איצט ווייטער גיין, און אין דער ערשטער קרעטשמע, וואס מיר וועלן אנטרעפן אפן וועג, וועלן מיר זיך אפרוען.

— אויסגעצייכנט! — האט רויטקאפ מסכים געווען צום פלאן און האט ארויסגענומען פון קעשענע א צוואנציקער.

— הייסט עס, מיר לעבן א טאג! — האט ליאוואושקע אויסגעשריען און ביידע האבן גענומען שטעלן טריט.

פאַרנאַכט זיינען די חברים צוגעקומען צו אַ קליינעם דערפל, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט פּאוּשע וועג.

דער וועטער איז בעסער געוואָרן. דער ווינט האָט זיך איינגעלייגט, און דער הימל האָט ערטערווייז אָנגעהויבן אַראָפּ־שעמערירן מיט בלאָקייט. אין דער לופטן האָט זיך ווייטער גע־נומען פילן אַ וואַרימקייט און אַ מילדע, געלאַסענע שטילקייט פון אַ זומער־אָוונט. אין דאָרף איז מען נאָך ניט געשלאָפן. איבערן גאַס זיינען אַרומגעלאָפן אין איינע העמדלעך קינדער און האָבן פריילעך געשטיפט. עלטערע גוים זיינען געזעסן פאַר זיי־ערע שטיבלעך און געפּיפקעט קורצינקע ליולקעלעך. יונגוואַרג האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַראַהאָד. בּאַ די שיקסלעך זיינען די פלאַקסענע האָר פאַרפלאָכטן געווען אין צוויי צעפּ, אָנגעטאָן זיי־נען זיי געווען אין לאַנגע ווייסע בלוזקעס און אין קליידלעך פון בונטן, געקעסטלטן שטאָף. די בחורים האָבן געפּראַנטעוועט אין אָנגעוויקסטע באָליעוועס און גראָע, צווייריייאיקע רעקלעך מיט גרויסע, ביינערנע קנעפּ. די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן זינגען אַף אַ שפּראַך, וואָס רויטקאָפּ האָט איר ניט פאַרשטאַנען, און זיי האָבן זיך פּאַמעלעך, פּונקט ווי פאַרשלאָפענע, געדרייט אין קאַ־ראַהאָד. די בחורים האָבן אונטערגעטאַנצט אָפּן אָרט און האָבן געשטשירעט די ציין. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַף ניט קיין גרויסער, האַלבפּייכטער לאָנקע פאַרן דאָרף.

— וואָס טוען זיי? — האָט סאַשקע שטיל געפרעגט ליאָוואוּשקען.

— זעסט ניט? זיי טאַנצן. מסתמא איז בּאַ זיי היינט אַ חגא.

— ווער זיינען זיי?

— דאָס זיינען זשאַמעטער — האַלבע פּוילישע, האַלבע ליטווינער. אָבער ריידן ריידן זיי אַנדערש.

— און קיין רוסן זיינען דאָ ניטאָ?

— ניין, ברודערקע, אין גאַנצן היגן געגנט זיינען ניטאָ קיין רוסן... אָבער וואַרט אַ ווײַלע, איכ'ל פונדעסטוועגן אַ פרעג טאָן, אפשר האָט זיך דאָך עמיץ פאַרקליבן... — און ער איז צו

צו איינעם פון די עלטערע פועלים און אים געפרעגט עפּעס.

באַלד האָט ליאָוואָשקע צוגעוואונקען צו רויטקאָפּן, ער זאָל נאָכגיין נאָך אים, און אַליין איז ער אַוועק צום אַנדער ברעג דערפּל.

— דאָ איז פאַראַן אַ רוסישע משפּחה — האָט ער געזאָגט, ווען רויטקאָפּ האָט אים דעריאָגט.

— וואו ?

— זעסט דאָרטן, אויפן בערגל, אַ הייזקע? דאָרטן וואוינט אַ רוס.

אַז די אינגלעך זיינען צוגעקומען צו דער הייזעלע, האָט זיי באַם אַריינגאַנג באַגעגנט אַ יונגע פרוי, אָנגעטאָן ניט ווי אַ פּויערטע, נאָר אויפן שטאָטישן שטייגער.

— קאָן מען ניט אַמאָל איבערנעכטיקן באַ אייך, מומינקע? — האָט ליאָוואָשקע זיך טיף פאַרבויגן און געפרעגט מיט אַ ניגון פון אַ הייזערגייער.

— פונוואַנען קומט איר? — האָט די פרוי געפרעגט, באַטראַכטנדיק די באָרוועסע פוסגייער.

— פון קאָוונע, מומינקע, פון קאָוונע, פריצטעלע!... און מיר גייען ווייטער קיין ליבוי... דאָרטן וואוינען אונזערע קרובים... מיר זיינען יתומים...

— גוט — האָט די פרוי איבערגעשלאָגן ליאָוואָשקעס בניקען — איכ'ל אייך לאָזן איבערנעכטיקן, אָבער אין שטוב איז באַ אונז קיין אָרט נישטאָ...

— אונז איז אומעטום גוט, פריצטעלע, אַבי נאָר איבער־צודרעמלען...

— טאָ לייגט זיך אין אָפּלעגער, אָטאָדאָ...

די פרוי האָט אָנגעוויזן אויף אַ קליינער נידעריקער טירל אין פאָרהויז.

— דאָרטן ליגט היי... אָבער היט זיך, נאָר אָן פייער! — האָט די באַלעבאָסטע געוואָרנט און תיכף געפרעגט: — און עסן ווילט איר?

ליאָוואָשקע האָט שוויגעוודיק זיך געבויקט ביז דער ערד

די פרוי האָט זיי אַריינגעפירט אין שטיבל און אַרויפֿגעשטעלט אַפֿן טיש אַ לאַבן ברויט, צוואָרעך און מילך. די חברים האָבן זיך גענומען רייבן די סעודה, און האָבן די גאַנצע צייט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

ווערליק די מעבל און די חפצים אין צימער, האָט מען געקאָנט זען, אַז דאָ וואוינען ניט קיין דאָרפישע פויערים. עס זיינען דאָ געווען שטולן, און אַ קאָמאָד, בלומען זיינען געשטאַנען אַף די פענסטערן, אַף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער... אַז ליאָוואושקע האָט דאָס געזען, איז ער עפּעס געוואָרן אומרואיק, דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן קלעמען, און זיין שטימונג איז מיטאַמאָל געפאַלן. דאָס צווייטע צימערל, אָפּגעטיילט פון ערשטן מיט אַ שפּאַנישן ווענטל, איז געווען דער שלאָפצימער. דורך דער האַלבגעעפנטער טיר האָט ליאָוואושקע דערזען אַ ווינקל פון אַ הויכער בעט מיט אַ גאַנצן באַרג קישנס, און אַף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ פּיסטויל. אָט דער פּיסטויל האָט אים באַזונדעריש שטאַרק באַאומרואיקט.

די אינגלעך האָבן אָפּגעגעסן, באַדאַנקט דער באַלעבאָסטע און זיינען אוועק שלאָפן.

אין אָפּלעגער האָבן זיי זיך דערפילט פרייער.

— ווייסט וואָס? — האָט ליאָוואושקע צוגעפליסטערט רויטקאָפּן — מיר וועלן אוועק פונדאַנען גאָר פרי, ווען אַלע וועלן נאָך שלאָפן...

— פאַרוואָס?

— עפּעס געפעלט מיר דאָ ניט... דאָ וואוינען ניט קיין דאָרפישע.

— און אַז ניט קיין דאָרפישע, איז וואָס?

— קאָנען זיי אַמאָל פרעגן אַף אַ פּאַס...

— זיי וועלן ניט פרעגן. ווער דאַרף דאָס? — האָט רויטקאָפּ קאַלטבלוטיק געזאָגט און זיך אויסגעדרייט אַף דער אַנדער זייט — אָך, ווי גוט דאָ איז אַפֿן היי — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ זיסן געניץ, און באַלד האָט זיך געהערט, ווי ער איז איינגעשלאָפן.

אויך דער אַנדער יונגער וואָגלער איז באַלד איינגעשלאָפֿן.

ליאָוואַושקעס פֿאַרלאַנג אויסצוגיין פֿונדאַנען באַגינען איז ניט באַשערט געווען מקוים צו ווערן. ביידע אינגלעך האָבן אַזוי פֿעסט און אַזוי געשמאַק געשלאָפֿן, אַז זיי האָבן ניט נאָר פֿאַרשלאָפֿן דעם זונאויפֿגאַנג, נאָר מ'האָט נאָך געמוזט אַ לאַנגע צייט קלאַפּן אין טירל צו זיי, ביז מען האָט זיי אויפֿגעוועקט.

— סאַשקע, הערסט, עמיץ קלאַפּט דאָ! — האָט ליאָוואַשקע דער ערשטער זיך אויפֿגעכאַפּט און אַ פּאַק געטאָן רויטקאָפּן פֿאַר דער פּלייצע.

— העי, חברה, שטייט אויף! ס'איז דאָך אַ חרפּה אַזוי שפּעט צו שלאָפֿן! — האָט זיך פֿון הינטערן טירל דערטראָגן צו זיי אַ מאַנסבילשע שטים — קומט טרינקען אַ גלעזל וואַרימס.

די אינגלעך האָבן זיך אַ הויב געטאָן, סאַשקע האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר, און די פֿנימער האָט זיי פֿאַרגאָסן און פֿאַרבלענדט אַ שפּע ליכט. אָבער ווי גרויס איז געווען זייער שרעק, בעת זיי האָבן נאָכדעם, ווי די פֿאַרבלענדעניש איז פֿאַרביי, דערזען, ווי אין פֿאָרהייזל שטייט פֿאַר זיי אַ זשאַנדאַר!

— קומט, קומט, איר זייט גוטע געסט! — האָט דער זשאַנדאַר געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן, ווייצלדיקן טאָן און זיי אָנגעוויזן אויף דער אָפֿענער טיר, וואָס האָט געפֿירט אין צימער, וואו זיי האָבן נעכטן געגעסן וועטשערע.

— אינוואַשן קאָן מען זיך דאָ ערגעץ? — האָט רויטקאָפּ גאָר אומגעריכט אַ פֿרעג געטאָן, און ער האָט זיך אַליין געוואונדערט איבער זיין דרייסטקייט.

דער זשאַנדאַר האָט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס באַקוקט זיינע געסט, און ווי עס שיינט, איז ער געבליבן צופֿרידן מיט די רעזולטאַטן פֿון קאָנטראָל. אויף זיין אָפּגעבריענטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

— געלער קאַליר וואַשט זיך ניט אַזוי לייכט אַראָפּ... — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף סאַשקעס צעשויבערטע רויטע קרויזן
— די באַליעבאַסטע וועט אייך שוין געבן זיך אײַנצוואַשן... ווייבל!
— האָט ער אויפֿגעהויבן זיין קול—אין שיסל איז פֿאַראַן וואַסער?

— פאַראַן, כ'האָב אָקאָרשט אַרײַנגעגאָסן — האָט פון שטוב זיך דערטראָגן אַן ענטפער.

— נו, וואַשט זיך אײַן! — האָט דער זשאַנדאַר ווײַטער געזאָגט מיט דערזעלביקער ווײַלדיקער גוטמוטיקייט און האָט זיי אָנגעוויזן אַף אַ גרויסער קרוג, וואָס איז פון דער סטעליע אַראָפּגעהאַנגען אַף שטריקלעך איבער אַ גרויסער לײַמענער שיסל.

די חברים האָבן זיך אײַנגעוואַשן און זײַנען אַרײַן אין צימער. דער באַלעבאָס האָט זיי אַוועקגעזעצט בײַם טיש, האָט זיי אַלײן אײַנגעגאָסן גלעזער טיי און האָט פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס, געכער — אָנגעהויבן אַ פאַרהער. דאָסמאָל האָט בײַ סאַשקען געציטערט די הויט. ער האָט זיך געשראָקן, דעם זשאַנדאַר זאָל ניט אײַנפאַלן צו פרעגן אַף זײַן פּאַס. דער פרײַנטלעכער באַלעבאָס האָט די גאַנצע צײַט געשטעלט רויטקאָפּן פראַגן, און דערבײַ האָט ער ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון ליאָוואושקען.

— הייסט עס, אַז איר גייט קיין ליבוי! — האָט דער זשאַנדאַר איבערגעפרעגט און זיך אױפגעהויבן פון אָרט, אַ קלוגנ טוענדיק מיט די שפּאָרן — זייער פיין — האָט ער צוגעגעבן, אַרײַנגײענדיק אין שלאָפקאַמער — ליבוי איז אַ פיין שטעטל... מ'קאָן דאָרטן מאַכן געשעפטן...

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט, שוין שטייענדיק אין אַנדער קאַמער. רויטקאָפּ מיט ליאָוואושקען האָבן זיך אפגיך איבערגעקוקט. „אפשר אַנטלויפן?” האָבן, דאַכט זיך, געזאָגט זייערע בליקן. אָבער זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ ויברח, איז שוין אַרײַנגעקומען דער זשאַנדאַר, אַן אָנגעטאָנענער און אַ באַוואָפנטער.

— אָט וואָס, מײַן שעפּסעלע — האָט ער זיך געווענדט צו רויטקאָפּן — דו מעגסט זיך ווײַטער גיין דײַן וועג; און דו — האָט ער שטרײַנג אַ קוק געטאָן אַף ליאָוואושקען — וועסט מיטפאָרן מיט מיר קיין יורבריק!

— פאַרוואָס אַזוי? — האָט פייל-פון-בויגן שטיל אַרויסגעזיפצט, און איז בלייך געוואָרן, ווי אַ קאַלך.

— דערפאַר, ווײַל איך זוך דיך שוין אַרום צוויי יאָר. דאָס

ביסטו דאָך אַנדרייעוויטש זינדל, דײַן מאַמע האָט דאָך חתונה גע־האַט מיטן גראַפֿ פּאַרוואַלטער גאָריאַנסקי?

ליאָוואָושקע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געשוויגן.

— דו גלייבסט ניט, אַז דו ביסט דו? קאָן איך דיר ווייזן אַ בילד.

דער זשאַנדאַר האָט אופגעקנעפּלט זיין רעקל און אַרויסגע־נומען פֿון בוזימקעשענע אַ פֿאָטאָגראַפֿיע. סאַשקע האָט פֿונדערווייטנס אַ קוק געטאָן אױפֿן בילד און האָט תיכף דערקענט ליאָוואָושקען, כאָטש ער איז געווען אָפּגעגומען אין שילערקליידער.

— פֿאָרן געפֿינען דיך, ברודערקע, איז צוגעזאָגט אַ באַ־לוינונג. גראָד נעכטן איז אייער מאַמע — דער זשאַנדאַר האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן זאָגן „איר" צו ליאָוואָושקען — דאָ פֿאַר־בייגעפֿאָרן און געזאָגט, אַז זי וועט פֿאַרברייענגען אין יורבריק אַ פּאָר טעג. אָט וועט זי זיך דאָס דערפֿרייען מיטן גאַסט. און די ברידערלעך וועלן זיך דערפֿרייען, און די שוועסטערלעך, און אַלע קינדערלעך...

בײַ ליאָוואָושקען האָבן די ווינקלען ליפּן גענומען אונטער־ציטערן, אָבער געזאָגט האָט ער קיין וואָרט נישט...

אין אַ שעה אַרום האָט שוין רויטקאָפּ איינער אַליין גע־שפּרייזט איבערן ברייטן שליאַך, אױפֿן וועג קיין פּאַלאַנגען. אים איז געווען גאָר פֿאַסקודנע אױפֿן האַרצן, ער האָט זיך געפֿילט אַזוי איינזאַם, פֿאַרוואָרפֿן און איבעריק. אױף זיינע ווייעס זיינען, ווי פֿרי־שער טוי, געהאַנגען גרויסע, לויטערע טראָפּנס טרערן.

דער לאַנדסמאַן.

אַ האַרבסטאָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. אין דער לופֿטן האָט זיך געשפּירט אַ קילבלעכקייט. פֿון ים האָט געבלאָזן אַ שטילער, פֿייכטער ווינט. אױפֿן ברעג, פּאַזשע די דיונעס, האָט זיך ווי אַ שוואַרצע אומענדלעכע וואַנט, געצויגן אַ געדיכטער סאָסנעוואַלד. דאָרטן, אין וואַלד, איז געווען שטיל, רואיק און פּוסט פֿון מענטשן. דער טאָג האָט אויסגעצאַנקט, און צוזאַמען מיט אים זיינען אָפּ־געשטאָרבן די גערוישן פֿון באַטאָגיקן לעבן. די אָנגעקומענע נאַכט

האָט פאַרוויקלט די ערד אין פינסטערניש, און די ערד איז הכנעהדיק איינגעשלאָפן ביז אַף מאָרגן. נאָר דער ים האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין רו, האָט אָן אופהער געבֿרויזט, גערעשט און איבערן שטח האָבן זיך געטראָגן זיינע יאָמערן. און די כוואַליעס האָבן מיט ווייסן שוים געשייערט דעם ברעג און האָבן באַגעגנט די נאַכט מיט אַ הילכיקן כאָר.

רויטקאָפּ האָט באַגעגנט די נאַכט אָפּן ברעג ים. אַף זיין גורל זיינען איצט אויסגעפאַלן אומעטיקע טעג. פון דעמאָלט אָן, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט ליאָוואושקען, איז אים אַלץ געגאַנגען מיט די פוטער אַראָפּ. אין משך פון עטלעכע וואָכן צייט האָט ער דורכגעמאַכט אַזוי פיל צרות, אַז ער איז אָפּגעצערט געוואָרן, האָט באַקומען אַן אַנדער געזיכטסאויסדרוק און האָט אויסגעזען דערשלאָגן און דערדריקט.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס דערמיט, וואָס באַלד נאָך ליאָוואושקעס אַרעסט איז צו אים צוגעשטאַנען עפּעס אַן אַרומטרייבער, איז אין משך פון עטלעכע טעג מיטגעגאַנגען מיט אים, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אַרויסגענאַרט פון אים זיין לעצטן צוואַנציקער און איז פאַרשוואונדן. נאָכדעם איז זיך פאַרלאָפן מיט אים אַ צווייטע צרה: איינמאָל איז ער אַריין אין אַ רייכן געזינד, כדי דאָרטן צו בעטן עפּעס עסן, אָבער ווי נאָר ער איז אַריין אין הויף, זיינען אַף אים אַרויסגעפאַלן צוויי מוראדיקע, בייזע הינט, האָבן אים געוואָרפן צו דער ערד, צעריסן אַף פיצלעך זיינע שמאַטעס, און אין איין מינוט צייט איז ער געבליבן מוטערנאַקעט. אַף זיינע פאַרצווייפלטע קולות זיינען געקומען צולויפן מענטשן, אים אַרויסגעראַטעוועט פון די גזלנישע הינט, האָבן אים געגעבן אַ נאָדל מיט פאָדים און דערצו נאָך אַן עצה', ער זאָל זיך ניט אַרומשלעפן איבער געזינדן און ניט רייצן קיין הינט. סאַשקע האָט ווי עס איז פאַרשטאָפּעט זיינע בגדים, האָט אַראָפּגעשלונגען די ביטערע באַליידיקונג און איז אַוועק ווייטער. ביז ער האָט זיך דערשלעפּט צום ים, האָט ער שוין עטלעכע מאָל געהאַלטן באַם אויסגיין פון הונגער. אומעטום האָט מען אים באַגעגנט פיינטלעך. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט.

די דערפֿער וואָס ער איז אָפֿן וועג דורכגעגאַנגען זײַנען באַזעצט געווען דורך ליטווינער, מאַזורער, זשאַמעטער, טײַטשן. אַלע האָבן זיי גערעדט אַף פֿרעמדע לשונות, און אַף אים האָבן זיי געקוקט מיט חשד.

איצט האָט רויטקאָפּ צום ערשטן מאָל דערפֿילט, אַז ער בענקט אַהיים. זײַן אײַנציקער פֿאַרלאַנג איז געווען, וואָס גיכער זיך אַרויסצוכאַפּן פֿון דער פֿרעמדער מדינה און ווײַטער צו דער־הערן זײַן אייגענעם, זײַן רוסישן לשון. אַפֿילו דער אומענדלעכער ים, פֿון וועלכן סאַשקע איז פֿריִער אַזוי נתפּעל געווען, האָט אים אויך ווייניק געפֿרייט. איצט איז אים דער ים פֿאָרגעקומען פֿון אַ גאַלגראָעס קאַליר, און דערצו איז ער נאָך געווען פֿליאַך און ברודיק. דערפֿאַר אָבער איז ער געוואָרן מלא שמחה, ווען ער האָט איינמאָל דערזען אַ זעלנער פֿון דער גרענעצוואַך.

— פּעטערל! — האָט ער אַ ווילדן געשריי געטאָן און שיִער ניט געפֿאַלן דעם זעלנער צו די פֿיס — פּעטערל! לאַנדס־מאַן! טײַערינקער, אייגענער! — האָט סאַשקע אין גרויס צע־רודערטקייט געפּרעפּלט, און טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פֿון די אויגן.

דער זעלנער האָט פֿאַרשטאַנען דעם אינגלס בענקעניש און ער האָט אים מקרב געווען, ווי ער האָט נאָר געקאָנט. באַלד איז שוין סאַשקע געזעסן אין קאַזאַרמע, האָט געכליאָבעט זיסן טיי און געגעסן חלה.

די זעלנערס פֿון דער גרענעצוואַך, אין וועמענס קאַזאַרמע רויטקאָפּ איז אַרײַנגעפֿאַלן, האָבן זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט אים און אַלע האָבן זיך געקליבן אַרום אים, כּדי צו הערן נײַעס. ער איז פֿאַר זיי געווען אַ לעבעדיקער גרוס פֿון דער ווײַ־טער היים. דערהערנדיק, אַז ער שטאַמט פֿון וואָלינער גובערניע, און אַז ער קומט לעצטנס פֿון אוקראַינע, זײַנען די זעלנערס גאָר אַרויס פֿון די כּלים און האָבן פֿאַרשאָטן סאַשקען מיט פֿראַגן:

— אין פּאָלטאַווע ביסטו אויך געווען?

— ווי איז די גערעטעניש?

— זאָגסט, אַז ס'איז געווען ווייניק רעגן?

— וואָס? אין מאַי האָטן שוין געשניטן?

די פֿראַגן האָבן זיך געשאָטן אַף אים, ווי אַ האָגל, און ער האָט אַלעמען געענטפֿערט. זעענדיק, ווי מען שלינגט זײַנע ווערטער, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז איצט אַן אבֿן־טובֿ פֿאַר אָטדי אַלע מענטשן, און אַז זײַן חובֿ איז זיי צו דערציילן וואָס מער גוטס, און ער האָט אָנגעהויבן צו באַקן ליגנס.

— די תּבֿואה איז געוואַלטיק געראָטן, די זאַנגען זײַנען העכער פֿון מענטשלעכן וווּקס! — האָט סאַשקע דערציילט.

און די זעלנערס האָבן מיט הנאה זיך אָפּגעזיפֿצט און מיט גרויס ליבע אים אַרײַנגעקוקט אין מויל אַרײַן.

די גוטמוטיקע, נאַאיווע פּויערים זײַנען געווען שטאַרק דאַנקבאַר רויטקאָפּן פֿאַר זײַנע גוטע בשׂורות, און זיי האָבן אים טאַקע אויפֿגענומען, ווי אַ גוטן גאַסט. הערנדיק, אַז ער גייט קיין ליבאַווי, האָבן זיי אים אָנגעזאָגט, ווי ער זאָל גיין, ווי ער זאָל שטיין, ווי ער זאָל זיך אויפֿפֿירן אַפֿן וועג. און פֿאַרן אוועקגיין האָבן אים די זעלנערס מכבד געווען מיט אַ גוטן מיטיק און האָבן אים מיטגעגעבן אַפֿן וועג אַ רענצל מיט שפּײַז.

רויטקאָפּ איז אוועק פֿון זיי גאָר מיט אַן אַנדער מוט. איצט, האָט ער געוווּסט, וועט ער שוין ניט פֿאַרלאָרן גיין. אַף יעדע אַכט־צוועלף ווייאָרסט וועט ער אָנטרעפֿן אַ קאָרדאָן פֿון זעלנערס, וואו מען וועט אים פֿרײַנטלעך אויפֿנעמען און געבן אָפּעסן. און אין משך פֿון צוויי וואָכן צײַט איז סאַשקע געגאַנגען פֿאַזשע ברעג פֿון באַלטישן ים. און די גאַנצע צײַט האָט ער זיך, אַדאַנק די זעלנערס, געבאָדן אין וואוילטיק, און פֿאַר די גוטע טעג, וואָס ער האָט איצט געהאַט, האָט ער געבענטשט זײַן מזל און די זעלנערס פֿון דער גרענעצוואַך.

איצט האָט רויטקאָפּ זיך דערנענטערט צו ליבאַווי. ער האָט נאָך געהאַט פֿאַרבײַצוגיין דעם לעצטן קאָרדאָן פֿון דער גרענעצוואַך. ביז אַהין איז נאָך געווען אַ פֿינף ווייאָרסט, אָבער די נאַכט האָט אים פֿאַרכאַפּט אינמיטן וועג. אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם אינגל. דאָס רוישן פֿון ים, דאָס בריזן פֿון די כוואַליעס אונטער זײַנע טריט, דער וויסטער ברעג און די

אַרומיקע פינסטערניש האָבן אַרומגעיאָגט אַף אים אַ פחד. אין זיין צעשראָקענער פאַנטאַזיע האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסמאָלן כּלערליי אימות. ער האָט זיך געמיט צו דערמאָנען האַלבפונטלס רייד וועגן דעם, אַז קיין שדים און קיין רוחות זיינען ניט פאַראַן, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן: דער פחד איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן פון מינוט צו מינוט. דאָ האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז פון ים קריכט אַף אים עפּעס אַ משונהדיקע, גראָע באַשעפעניש מיט אַ פאַרווילדערטן, צעשויבערטן קאָפּ; דאָ האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיץ יאָגט זיך נאָך אים, און דאָ איז אים פאָרגעקומען, אַז די כוואַליעס כאַפּן אים פאַר די פיס און שלעפּן אים אין וואַסער אַריין.

פון דעם אַלעמען איז סאַשקע אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען ניט צו זיין וואָגלען און ניט צודער פינסטערניש, אָבער מיטאַמאָל האָט ער דערזען, ווי אַפן ברעג פינטלט אַ פייערל. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן העפטיק בויקן פון פרייד, און ס'האָט אים גענומען טראָגן צום פייערל, פונקט ווי אַף פליגלען. אין אַ פערטל שעה אַרום איז ער שוין געווען אַף דער דיונע, וואו פון צווישן די סאָסנעס און יאָדלעס האָבן אַרויסגעקוקט פינף באַלויכטענע פענסטערן פונם קאָרדאָן. ער איז אַריין אין פאָרהויז און האָט באַלד דערהערט אַ שטרייענגען „וואוהין”?

דאָס האָט אים אָנגערופן דער דעזשורנער.

— איך וויל זען דעם עלטסטן — האָט סאַשקע דרייסט געענטפערט. פאַר די צוויי וואָכן, וואָס ער האָט זיך אַרומגעדרייט פאַזשע דעם גרעניץ, האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט, וואָס און ווי צו ריידן מיט אַ סאָלדאַט.

דער דעזשורנער האָט אים תיכּף דורכגעלאָזן, און סאַשקע איז אַריין אין אַ גרויסן צימער, ריכטיקער קאַזאַרמע, וואָס איז דורך אַ סלופּ פאַנאַנדערגעטיילט געווען אַף צוויי העלפטן. אין דער ערשטער העלפט איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, אַרומגערינגלט מיט לאַנגע בענק. דאָס איז, ווי עס שיינט, געווען דער עסצימער. די צווייטע העלפט איז אָנגעשטעלט געווען מיט

בעטלעך. אז רויטקאפ איז אריין, האבן עטלעכע זעלנערס זיך שוין געגרייט צום שלאפנגיין, אנדערע האבן געפוצט די ביקסן, עטלעכע האבן געחזרט די זעלנערישע תורה. מיט א פאנאנדערגעקנעפלטן מונדיר איז באם טיש געזעסן א יונגער שיינער אונטעראפיציר, אנטקעגן אים, אריבערגעבויגן איבערן א בויגן פאפיר, איז געזעסן א ברייטפלייציקער זעלנער מיט א צעגאסענעם פנים און אין א ציטן הענדל און האט מיט התמדה עפעס געשריבן.

— נו, וואס האסטו דא אנגעשריבן, פארקרימעניש? לייען דורך, גולם — האט דער אונטעראפיציר זיך געזידלט, אריינקוקנדיק אין פאפיר.

דער זעלנער האט אויפגעהויבן דעם קאפ און האט מיט א שולדיקן אויסדרוק א שמייכל געטאן.

— „לעוואלווער" האב איך אנגעשריבן — האט ער געפרעפלט.

אידיאט איינער!... — האט דער אונטעראפיצער מיט פארווארף געשאקלט מיטן קאפ. און דא האט ער דערזען סאשקען.

— וואס דארפסטו? — האט ער אים געפרעגט.

— איך בין א פארבייגייער, איך גיי אין ליבוי... קאן מען נים איבערנעכטיקן בא אייך?... האט רחמנות... — האט סאשקע זיך גענומען בעטן מיט א וויינענדיקן ניגון.

— קום אהער נעענטער צום ליכט!

סאשקע איז צוגעגאנגען.

— פונוואנען קומסטו? — האט דער אונטעראפיצער געפרעגט, זיך שארף איינקוקנדיק אין סאשקעס פנים.

— פון זשיטאמיר... כ'בין דורכגעגאנגען גאנץ אוקראאינע — האט סאשקע צוגעגעבן, וויסנדיק, אז דערמיט וועט ער נעמען די זעלנערס.

— הער נאר צו — האט דער אונטעראפיציר א זאג געטאן מיט א מאדנעם קול, האט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאנגען הארט צו סאשקען — פון זשיטאמיר, זאגסטו? ביסט אפשר גאר א האלאדאיעווקער?

— אוודאי אַ האַלאַדאַיעווקער! — האָט סאַשקע מיט פרייד אויסגעשריען — פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

— ביסטו דאָס דער רויטקאָפּ. וואָס האָט זיך געהאָדעוועט בײַ מאַראָס דעם סטאָליער! — האָט דער אונטעראָפיציר אויסגערופן, שטאַרק צערודערט.

— און איך ווייס, ווער איר זײַט!.. איר זײַט וואַסקע דוליעס אַ ברודער...

— דאָך דערקענט, ממזר איינער! יאָ. האָסט געטראָפן! נו, שלום־עליכם!

דער אונטעראָפיציר האָט דערלאַנגט סאַשקען אַ האַנט. אַרום זיי האָט זיך אַרומגעשטעלט אַ געזעמל, און אַלע האָבן געגלאָצט די אויגן דאָ אױף סאַשקען, דאָ אױף אונטעראָפיציר.

— און איצט זעץ זיך צו און דערצייל! — האָט דער לאַנדסמאַן, שטאַרק צופרידן, אַ זאָג געטאָן צו סאַשקען.

רויטקאָפּ האָט פון גרויס שמחה זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז ער האָט גאָר קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסריידן. ס'איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט צו געפינען אַ לאַנדסמאַן אין אַזאַ העק, און נאָך נישט אַבי וואָס פאַרא לאַנדסמאַן, נאָר טאַקע אַן אונטעראָפיציר!

איוואַן דוליע האָט זיך מיט דער אומגעריכטער באַגעגעניש דערפרייט נישט ווייניקער פון סאַשקען. ער האָט אַוועקגעזעצט דעם גאַסט בײַם טיש און געהייסן אופקאָכן טיי. סאַשקע איז געווען איבערגליקלעך. קומענדיק צו זיך, האָט ער גענומען דערציילן וועגן זיינע נסיעות, אָפּטמאָל צופּוצנדיק די אמתע געשעענישן מיט צוגעטראַכטע. איוואַן דוליע און אַלע איבעריקע זעלנערס זיינען געשטאַנען אַרום דעם דערציילער, האָבן געגאַפט און געשלונגען זיינע ווערטער, ווי עפּעס אַ וואונדער־מעשהלע.

— אַ־האַ! אַטראָס איז אַ בריה, דער האַלבפונטל!.. הערסט אַ מעשה!—האָבן זיך כסדר געטראָגן צווישנרופן פון די צוהערער.

אַ צייט האָט סאַשקע דערציילט. פאַר דער צייט האָט זיך צוויי מאָל געביטן די וואַך, און ער איז נאָך אַפילו ביז צו דער העלפט פון זיין מעשה נישט דערגאַנגען. ענדלעך האָט דוליע אים אַליין אָפּגעשטעלט, ווייל ער האָט געזען, אַז דער גאַסט פאַלט

שוין אַף דער נאָז, און ער האָט געהייסן דעם דזשורנעם מאַכן פאַר אים אַ בעט.

אַ לאַנגע צייט שוין, ווי רויטקאָפּ איז ניט געשלאָפן אַזוי גוט און אַזוי געשמאַק, ווי אין יענער נאַכט.

באַ די זעלנערס.

איוואַן דוליע האָט זיך אָפּגעגעבן מיט רויטקאָפּן, פּונקט ווי ער וואָלט געווען זיינער אַ לייבלעכער ברודער. און אַף מאָרגן נאָך דער ערשטער באַגעגעניש, ווען סאַשקע האָט זיך געזעצט צום טיש טרינקען טיי, האָט דער אונטעראָפיציר געזאָגט צו אים:

— עהע, מיין אינגל, דו ביסט דאָך גאָר הויל־נאַקעט!

— דאָס האָבן די הינט צעריסן מיינע קליידער — האָט רויטקאָפּ פאַרשעמט געזאָגט.

— ס'איז דאָך גאָר ניטאָ אַף דיר וואָס צו צוריסן. מער ווי אַ העמדל, א פּאָר הויזלעך און אַ היטל פאַרמאָגסט נעבעך ניט — האָט דוליע געזאָגט מיט אַ שמייכל.

סאַשקע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, כאָטש די חרפּה זיינע איז געווען גרויס.

— נו, גוט — האָט דער אונטעראָפיציר ערנסט צוגע־געבן — דו וועסט באַ אונז פאַרברייגנען אַ טאָג־צוויי, און פאַר דער צייט וועלן מיר עפּעס געפינען פאַר דיר. אָבער די ערשטע זאַך מוז מען אַראָפּכאַפּן די שריפה פון דיין קאָפּ.

— וואָס פאַראַ שריפה? — האָט סאַשקע זיך געמאַכט תמעוואַטע, כאָטש ער האָט אויסגעצייכנט געוואוסט, וואָס דוליע מיינט.

— כ'מיין דיינע פּאַטליעס: זיי ברענען דאָך, ווי אַ שריפה. לעווטשענקאָ! — האָט ער אויפגעהויבן זיין קול.

— כ'בין דאָ! — האָט זיך דערטראָגן אַ שטים פון דער צווייטער העלפט קאַזאַרמע.

— גיי אַרויס מיט מיין פריינט אַפן ברעג און כאַפּ מיט די שער, וועסט אים אָפּשערן! — האָט דער אונטעראָפיציר באַפוילן און איז אַרויס פון קאַזאַרמע.

צו מיטיקצייט איז רויטקאָפּ שוין געווען גאָר אַן אַנדער

מענטש. אפילו האַלבפּונקטל וואָלט אים אויך מער ניט דערקענט: קורץ אָפּגעשאָרן, אנגעטאָן ווי אַ זעלנער. די זעלנערס האָבן אים פאַרזאָרגט מיט בגדים, האָבן באַקומען פאַר אים געזונטע, הויכע שטיוול, זעלנערהויזן פון בלאָען טוך, און אַ ווײַס העמדל מיט אַ שמאָלן סאָלדאַטישן רימען. אַ צופרידענער און אַ גליקלעכער, האָט סאַשקע אויסגעזען, ווי אַ יונגער זעלנער פון דער קאַפּעליע.

— אַ, רויטקאָפּ, מזל־טוב דיר! — האָט דוליע אים באַגריסט — נו, חברה־מאַן, זעץ זיך עסן, און נאָכדעם וועסט פאַרענדיקן דערציילן דײַנע אַוואַנטיורעס.

סאַשקע האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן, האָט זיך תּיכּף צוגעזעצט צום טיש און דער ערשטער זיך גענומען צום לעפל.

דרײַ טעג האָט רויטקאָפּ פאַרבראַכט אין קאָרדאָן. די צײַט איז פאַר אים פאַרפלויגן אומבאַמערקט; ער האָט זיך צוזאַמענגעלעבט מיט די זעלנערס, איז געוואָרן אַ גאַנצער קענער אין מיליטערישע ענינים, האָט זיך גוט באַקוקט דעם גאַנצן אומגעגנט און געגאַנגען צוגאַסט בײַ די לאָטוויעשן. יעדן פרימאָרגן און יעדן פאַרנאַכט איז ער געגאַנגען מיט די זעלנערס זיך באָדן, און האָט פאַרחידושט אַלעמען מיט די קאָזשעליקעס, וואָס ער האָט געמאַכט אין וואַסער. די סאָלדאַטן האָבן אים אין קיין זאַך ניט געשטערט און האָבן נאָכגעגעבן אַלע זײַנע שטיפעריײַען. ער איז געריטן, געפאָרן אויפן וואַסער, געמאַכט גימנאַסטיק, און די אַלע פאַרגעניגנס, וואָס זײַנען אויסגעפאַלן אויף זײַן חלק אין דעם קאָרדאָן, זײַנען אויף לאַנג פאַרבליבן אין זײַן זכּרון, אָבער דעם שטאַרקסטן רושם האָט געמאַכט אויף אים דער געיעג נאָך שמוגלערס, וואָס ער האָט צוגעזען.

גראָד האָט געדאַרפט געשען, אַז אויפן צווייטן טאָג נאָך רויטקאָפּס אָנקום, האָט איוואַן דוליע, וועלכער האָט איצט פאַרביטן דעם אווּעקגעפאָרענעם וואַכמײַסטער און איז געווען דער אָנפירער פון דעם קאָרדאָן, זיך דערוווּסט פון אַן אויסשפּירער, אַז די נאַכט וועט דורכן גרענעץ זיך גנבענען אַ חברה קאָנטראַבאַנדיסטן מיט טײַטשע סחורות.

— נו, חברה, גרייט זיך — האָט דער אונטעראָפיציר

געזאָגט צו די זעלנער'ם — די נאַכט וועט זיין אַ שטאַרק אַרבעט!

— וואָס וועט דען זיין די נאַכט? — האָט סאַשקע ניט אַנדערש געוואָלט וויסן.

— גאָרנישט וועט זיין.

— זאָ־אָ־גט...

— מ'וועט זיך יאָגן נאָך שמוגלערס. דאָס אַלץ.

— ווי וועט מען זיך יאָגן נאָך זיי?

— אַזוי ווי נאָך האָזן.

— און איך טאָר ניט?

— וואָס דען?

— מיטגיין מיט אייך?

— ניין, טאָרסט ניט — האָט איוואַן שטרייִנג געענטפערט.

אָבער סאַשקע האָט זיך ניט איבערגעשראָקן פאַרן אָפזאָג, און ער איז אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען צום לאַנדסמאַן מיט זיין בקשה, ביז יענער האָט אים צוגעזאָגט מיטצונעמען.

אַרום צען אַזייגער אינאָוונט האָבן די זעלנערס זיך גענומען גרייטן צו דער „שלאַכט". איוואַן האָט אָנגעזאָגט די כאַלדאַטן, ווי זיי זאָלן זיך באַגיין.

— אין נאַכיאַגן ניט אַריבערגיין די גרענעצליניע. שיסן אויף די פיס, ניט טויטן און ניט רויבערן.

פאַרן אַרויסגיין זיינען די זעלנערס געוואָרן ערנסט און האָבן שווייגעוודיק גענומען זיך באַוואָפענען.

„ס'הויבט זיך אָן" — האָט רויטקאָפּ אַ טראַכט געטאָן, דאָס צוועענדיק.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין די גאַנצע אָפּטיילונג געשטאַנען אויפן הויף, גרייט זיך צו לאָזן אין וועג. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ רואיקע. אויפן הימל האָבן געפינקלט שטערן.

— די רעכטע פליגל פאָרויס, מרישטוויז מאַרש! — האָט דער אונטעראָפיציר אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

די זעלנערס זיינען שטיל אַרויס פון הויף און זיך גענומען

אַראָפּלאָזן מיטן שטעגל צום ים צו. רויטקאָפּן איז דורך אַ שוידער איבערן לייב. ס׳איז אים געווען ניחא און אימהדיק אינאיינעם. ער האָט געזוכט זיך צו האַלטן וואָס נעענטער צום לאַנדסמאַן און קיט אָפּצוטרעטן פֿון אים. אָפּטמאָלס איז ער אַליין זיך פֿאַרגענומען, ווי אַ העלד, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער באַוויזט אַ גרויסע בריהשקייט. „ליאָוואושקע וואָלט דאָ געדאַרפֿט זיין! — האָט ער זיך געטראַכט — אָט וואָלט ער דערפֿילט, וואָס עס הייסט מיטמאַכן אַן אמתע מלחמה...“

אפֿן ברעג האָט דוליע פֿאַנאַנדערגעטיילט זיין מחנה אין דריי טיילן. איין טייל, בראַש פֿון וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער יעפֿרייטער דאָרמאַסטוק, האָט ער אַוועקגעשיקט אין וואַלד מיטן באַפֿעל, דאָרטן אויפֿצוזוכן די שמוכלערס, און אויב זיי זיינען פֿאַראַן, זיי אַרויסצוטרייבן צום ברעג צו, וואו דוליע מיט זיינע זעלנערס וועלן צוגרייטן פֿאַר זיי אַ קבלת־פּנים. די דריטע גרופּע האָט באַקומען דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט: די זעלנערס פֿון דער גרופּע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ שיפֿל אַנטקעגן די שמוכלערס. ווערליק די ידיעות פֿונם אויסשפּירער, האָבן די קאָנטראַבאַנדיסטן געוואָלט אַרויסגיין אפֿן ברעג צוויי ווערסט ווייט פֿון קאָרדאָן, אין אַן אָרט, וואו ס׳שטייט ניט קיין פּאַטרול. אין דעם פֿאַל, ווען זיי וואָלטן אויסגעמיטן אַ באַגעגעניש מיטן שיפֿל פֿון די זעלנער, וואָלטן זיי אַריינגעפֿאַלן צו דער גרופּע אין וואַלד.

ס׳איז אַוועק אַ גאַנצע שעה. איוואַן און נאָך 6 סאָלדאַטן זיינען געזעסן אונטער אַ דיונע, עטלעכע טריט פֿון ים. דאָס שיפֿל מיט פֿינף זעלנערס איז שוין לאַנג געווען אָפּגעפֿאָרן פֿון ברעג. דער ים איז געווען אומרואיק, די כוואַליעס האָבן מיט אַ גערויש זיך צוגעקייקלט צו די פֿיס פֿון די זיצנדיקע זעלנערס און האָבן מיט אַ יאָמער זיך אָפּגעטראָגן צוריק. די צייט האָט זיך געצויגן מאָדנע לאַנג.

ניט זעענדיק קיין שום סכנה, האָט רויטקאָפּ זיך שוין אינגאַנצן באַרואיקט, און אים איז אַפֿילו געוואָרן אַביסל לאַנגווייליק. אָבער מיטאַמאָל האָט איבערן ים, אַ היפּשע שטיקל פֿון ברעג, אויפֿגעבליצט אַ רויט פֿייערל, און תיכף נאָך דעם האָט זיך איבערן

וואַסער אַ קייקל געטאָן אַ טרוקענער קנאַק. די זעלנערס האָבן זיך אויפגעהויבן, ווי איין מענטש.

— נו, סאַשקע, לויף גיכער צוריק אין קאָרדאָן — האָט דוליע אַ זאָג געטאָן רויטקאָפּן — דאָ איז איצט ניט קיין אָרט פאַר דיר. מ׳קאָן דיך נאָך מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער.

באַ די ווערטער האָט סאַשקע ניט־וועלנדיק אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, אָבער אַוועקגיין האָט זיך אים ניט געוואָלט. און דער אונטעראָפיציר האָט תיכּף פאַרגעסן אין אים און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אויפן ים האָט זיך דערווייל עפּעס אָפּגעשפּילט גאָר ניט אויף קאַטאַוועס. נאָכן ערשטן שאָס איז געקומען אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער... און פּלוצלונג האָט זיך דערטראָגן אַ גאַנצער אויפרייס פון שאָסן. אויף אַ רגע האָבן ביקסנפייערן באַלויכטן דעם חושך אַרום, און די זעלנערס האָבן דערזען, ווי דאָס קרוינשע שיפל יאָגט צום ברעג דריי פרעמדע שיפלעך.

— גרייט אָן די לאַמטערנעס! — האָט דוליע באַפוילן.

די זעלנערס האָבן אַזוי געטאָן און האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין אַ לאַנגער קייט. די שיסערייַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאָך אַ ווײַלע—און רויטקאָפּן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די כוואַליעס האָבן אַרויסגעשפּיען אויפן ברעג צוויי אָדער דריי שיפלעך מיט מענטשן. עטלעכע טונקעלע געשטאַלטן האָבן פאַרבײַגעשווינדלט פונדערווייטן און זיינען תיכּף פאַרשוואונדן. די זעלנערס האָבן אויסגעקערט זייערע לאַמטערנעס מיט די שויבן צום ים, און די שײַן פון די שטאַרקע רעפלעקטאָרן איז מיט בלענדנדיקע שטרייפן געפאַלן אויפן ברעג און האָט באַלויכטן דעם גאַנצן אַרום. איין ליכטשטרייף איז געפאַלן אויף דעם אָרט, וואו עטלעכע בערדיקע פאַרשוינען האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די שיפלעך. איצט האָבן די שמוגלערס פאַרשטאַנען, אַז מ׳האָט זיי געכאַפּט באַ דער האַנט, און זיי האָבן זיך גענומען לויפן אין גרויס שרעק.

— שטיי! — האָט דוליע אויסגערופן.

אָבער די טויטאײַנגעשראָקענע קאָנטראַבאַנדיסטן זיינען אין איין אָטעם געלאָפן צום וואַלד צו.

— פּלי! — האָט דוליע באַפוילן.

זעקס שאָסן האָבן אָפּגעקנאַלט. אַז דאָס טראַסקעריי פון די ביקסן האָט זיך איינגעשטילט, האָבן גאָר פונדערנאָענט זיך דערהערט עטיצנס שטילע קרעכצעס. די זעלנערס האָבן אופגעהויבן די לאַמטערנעס און זיך גענומען לויפן צום וואַלד, אָניאָגן די שמוכלערס, וועלכע האָבן שוין באַוויזן צו פאַרשווינדן פון אויג.

— צוריק! — האָט דער פירער אַ געשריי געטאָן, און די זעלנערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט — דאָ בלייבן! דאַרמאַסטוק וועט זיי שוין אַהערטרייבן!

די קרעכצעס האָבן זיך עפּעס דערטראָגן גאָר פונדערנאָענטן, כמעט בא די פיס פונם אונטעראָפיציר.

— ווער איז דאָרטן? לייכט צו!

אַ סאָלדאַט איז צוגעלאָפן און צוגעלייכט מיט זיין לאַמטערן.

— דאָס קרעכצעט אַ פרוי — האָט ער געזאָגט.

דוליע האָט זיך צוגעבויגן און האָט געזען, ווי אונטער דער דיונע ליגט אַפן פייכטן זאַמד אַ פרוי און קרעכצעט יאָמערלעך, פרעפּלענדיק דערביי עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

— דאָס איז פון זייערע — דאָט ער געזאָגט, מיינענדיק דערמיט די קאָנטראַבאַנדיסטן — מ'דאַרף איר אָפּפירן אין קאָרדאָן, זי איז געווים פאַרוואונדיקט... העי, סאַשקע, ביסט נאָך דאָ? — האָט ער אויסגערופן, דערזעענדיק סאַשקען — אויסגעצייכנט... באַלד וועסטו ווערן אַ קאָנוואָאיר, דעם קאָרדאָן וועסט געפינען?

— געפינען — האָט רויטקאָפּ צופרידן געענטפערט.

— טאָ פיר אָפּ דער פרוי און גיב זי איבער דעם דעזשורנעם. פאַרשטאַנען?

— צום באַפעל! — האָט סאַשקע אָפּגעענטפערט, ווי אַן אמתער זעלנער.

— גיי גיכער!

די סאָלדאַטן האָבן געהאָלפן דער פאַרוואונדיקטער אופהויבן זיך און איר איבערגעגעבן אונטער סאַשקעס השגחה.

— קום! — האָט ער קורץ באַפוילן, אַריבערלייגנדיק

מעשה ביקס, איבערן פּליִיצע דעם שטעקן, וואָס ער האָט מיט־געהאַט.

די פרוי האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצן, און מיט מאַטער־ניש האָט זי זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. ווען רויטקאָפּ מיט זיין גע־פאַנגענער האָבן שוין דערגרייכט דעם שפּיץ פונם ברעגאָפּרים, האָט פון וואַלד זיך דערטראָגן אַ פייפן, אַ שיסעריי און קולות.

די פרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געמורמלט עפּעס אין אַ פרעמדער שפּראַך.

— קום, קום — האָט סאַשקע אומגעדולדיק געזאָגט און איר אַ צופּ געטאָן פאַרן אַרבל.

זי האָט זיך הכנעהדיק נאָכגעשלעפּט נאָך אים. די ביידע האָבן נאָך ניט באַוויזן צו דערגיין ביזן קאָרדאָן, האָבן די זעל־נערס זיי שוין איינגעיאָגט. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און האָבן געפירט אַכט אַנטוואָפּנטע קאָנטראַבאַנדיסטן.

די שמוגלערס האָט מען אַריינגעפירט אין קאַזאַרמע. אַלע זיינען זיי געווען קרעפּטיקע, בּרייטפּלייציקע חברה, מיט אָפּגע־ברענטע פּנימער, מוסקולעזע הענט, און ס׳האָט געטראָגן פון זיי מיטן ריח פון ים.

— ווער פון אייך רעדט רוסיש? — האָט דוליע זיך געווענדעט צו זיי.

קיינער האָט ניט געענטפערט. דער אונטעראָפיציר האָט אַ טופּ געטאָן מיטן פוס און האָט שטרייַנגער איבערגעחזרט זיין פראַגע. דעמאָלט האָט איינער פון די געכאַפּטע זיך אָפּגעהוסט און געזאָגט:

— איך פאַרשטיין אביסל רוס...

דוליע האָט שאַרף אַריינגעקוקט דעם רוסישריידער אין פּנים. דאָס איז געווען אַ נעזונטער מיטליאָריקער מאַנסביל, מיט אַ גראָבן, פאַרוועטערטן פּנים פון בראָנזקאָליר און מיט שטאָל־פאַרביקע אויגן.

דו ביסט אַ לאַטוועש? הייסט גריבליגען? קומסט פון אירבען? — האָט דער אונטעראָפיציר אים מיטאַמאָל אָפּגע־שאָטן מיט פראַגן.

די פראַגן האָבן זיך געשאָטן איבערן שמוכלער, ווי שמיץ, און ער האָט אַלץ טיפער געלאָזן זינקען זיין קאָפּ.

— האַ, ברודערקע, כ'האָב דיך דערקענט! — האָט דער אונטעראָפיציר ווייטער גערעדט — איצט לוינט זיך שוין מער ניט אָפּצולייקענען... דערציייל מיר אַלץ אָפן.

— פריצל, ברייננט מיך ניט אום! — האָט דער לאָט־וועש זיך גענומען בעטן, מיטאַמאָל אַריבערגייענדיק אַף אַ ריינעם רוסישן לשון — איכ'ל אייך דערציילן דעם אמת, אַזוי ווי פאַר גאָט אַליין... די טייטשן האָבן באַ מיר אָפּגעדונגען מיין שיפל... כ'האָב אַפילו ניט געוואוסט, וואָס זיי וועלן טאָן דערמיט. זייער שיף שטייט אַ וויאָרסט זיבן פונדאַנען...

— גוט, כ'וויים שוין די מעשות — האָט אים דוליע איבערגעשלאָגן — פאַראַיאָרן האָסטו אויך דאָס אייגענע דער־ציילט... מאָרגן וועט זיך שוין אַלץ אופקלערן אין צאַלאַמט. זאָג מיר, ווער איז אָטדי פרוי, און וואָס קרעכצעט זי? זי איז פאַרוואונדיקט?

— ניין. דאָס איז נאָר פון שרעק. און אָטדער איז איר מאַן.

דער לאָטוועש האָט באַוויזן אַף איינעם פון די שמוכלערס.

— קלאָגט זי, הייסט עס, גלאַט אַזוי! איז אודאי גוט... דאָרמאַסטוק, זעץ זיי אַריין אין אַרעסטאַנטנקאַמער און שטעל אַוועק אַ וואַך!

— צום באַפעל!

אין אַ שעה אַרום זיינען די זעלנערס שוין געזעסן אַרום טיש און געזופט טיי. כאָטש ס'איז שוין געווען גאָר שפעט, האָט קיינער אָבער ניט געהאַט קיין שום חשק צו שלאָפן. אַלע זיינען געווען אופגערודערט, מ'האָט זיך דערציילט די היינטיקע נסים און מ'האָט זיך שוין געטיילט די פרנסות פון פאַנג*)

*) די סאָלדאַטן פון דער גרענעצוואַך באַקומען אַ געוויסן פראָצענט פון דעם ווערט פון דער קאָנטראַבאַנדע, וואָס זיי כאַפּן (באַמ. פון מחבר).

— און וויפל דאַרף באַקומען מיין לאַנדסמאַן? — דאָ מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטאָן דוליע — ער איז דאָך מיט געווען מיט אונז און האָט אונז אַפילו צוגערינט.

בײַ רויטקאָפּן האָבן די אויגלעך אָנגעהויבן פינקלען פון פרייד.

— געוויס, ער האָט אויך געשמעקט פולווער — האָט דאָרמאָסטוק געזאָגט — מוז ער אויך באַקומען אַ חלק...

— אויב אַזוי, וועל איך אים אַרויסצאָלן זיין שכר: מאָרגן נעם איך אים מיט קיין ליבוי און כ'וועל בעטן אַ באַקאַנטן לאַטוועשן מאַטראָס אים אָפּפירן קיין פעטערבורג. זיך שלעפּנדיק צופוס וועט ער צו דער עלטער זיך אויך ניט דערקלייבן אַהין. אחוץ דעם וועלן מיר צווישן זיך צוזאַמענמאַכן פאַר אים צוויי רובל. מסכים?

— פאַרוואָס צוויי?... מיר וועלן צוזאַמענקלייבן דריי! — האָבן זיך דערהערט קולות.

— גוט. און דו ביסט צופרידן, סאַשקע? — האָט דער לאַנדסמאַן אַ פרעג געטאָן רויטקאָפּן.

דער אינגל האָט פון גרויס שמחה ניט געקאָנט אַרויס־ברייענגען קיין וואָרט און געענטפערט האָט ער ניט מיט רייד, נאָר מיט דאַנקבאַרע, פריידיקע בליקן.

אין פעטערבורג.

אין משך פון זיינע לאַנגע נסיעות האָט רויטקאָפּ שוין דורכגעמאַכט בלערליי צרות און אָנשיקענישן, אָבער אַזוי ווי ער האָט געליטן אין פעטערבורג, איז אים נאָך קיינמאָל ניט אויס־געקומען צו ליידן.

אָנגעקומען אַהין איז ער אין אַ קאַלטער נאַכט אין חודש אָקטאָבער, אין דעם פייכטן, נעפּלדיקן, ווינטיקן און רעגנדיקן פעטערבורגער האַרבסט. אָנגעקומען אַהין איז ער אָן אַ פּרוטה בײַ דער נשמה, און צוויי טעג שוין, ווי ער דרייט זיך אַרום איבער די שטולדיקע גאַסן, און אַלע ביידע טעג האָט ער נאָך

ניט געהאַט אין מויל אַפילו וואָס אַ האָר ווערט איז. אין דערדאָזיקער רײַכער שטאָט, וואו יעדן טאָג ווערט אופגעגעסן און אויסגעטרונקען אַף מיליאָנען, האָט זיך פאַר דעם הונגעריקן סאַשקען קײן סקאָרינקע ניט אײַנגעפונען.

געקומען קײן פעטערבורג איז ער מיט דער הילף פון זײַן לאַנדסמאַן. יענער האָט אויסגעפונען אין ליבױ אַ באַקאַנטן לאַטוועש און געפועלט באַ אים, ער זאָל מיטנעמען דעם אינגל. אין צווײ טעג אַרום איז סאַשקע אַריבערגעפירט געוואָרן אין ריגע, אָבער ווײַטער איז דאָס שיף ניט געגאַנגען. און רויטקאָפ האָט זיך אַרומגעדרײט אין ריגע אַ פאָר וואָכן און האָט פאַרצערט ביזן לעצטן גראָשן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט באַקומען באַ די סאָלדאַטן.

אין אײנעם אַ טאָג, ווען ער איז שוין אַרײַנגעפאַלן אין יאוש, האָט ער גאָר אומגעריכט באַגעגנט יענעם לאַטוועש, וואָס האָט אים געבראַכט פון ליבױ.

— ביסט נאָך דאָ ! — האָט דער לאַטוועש אים געפרעגט.

— ווי איר זעט.

— ווילסט זײַן אין פעטערבורג ?

— כ׳וויל ! — האָט סאַשקע אויסגעשריען, און אַ האָפענונג האָט אין אים ווידער אופגעבליצט.

— וועל איך דיר דאָס פאַרשאַפן. איך האָב דאָ אַ קרוב, אַ קאַפּיטאַן פון אַ זעגלשיף. מאָרגן פאָרט ער קײן פעטערבורג מיט פראַכט, און ער דאַרף טאַקע האָבן אַ אינגל אַף זײַן שיף. קום מיט.

און אַף מאָרגן פרי איז שוין רויטקאָפ אַרויסגעפאָרן פון ריגער האַפן אַף א צווײמאַסטער. ער איז אַפן שיף געווען דער געהילף פונם קוכער.

אָנגעקומען אין פעטערבורג, האָט מען גענומען אויסלאָדן דאָס שיף. דער קאַפּיטאַן האָט סאַשקען אויך געהײסן אַרבעטן באַם אויספאַקן די סחורה און אים צוגעזאָגט צו באַצאָלן. און רויטקאָפ האָט געהאָרעוועט אַ וואָכן דרײַ, האָט אָנגעוואָרן אַלע כּחות און האָט צעריסן זײַנע קלײדער, אָבער ווען די אַרבעט

האָט זיך פאַרענדיקט, האָט דער קאַפּיטאַן גאָר ניט געוואָלט ריידן מיט אים. ער האָט אים געהייסן וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן.

— און מיין געלט? — האָט סאַשקע פאַרחידושט גע־פרעגט.

— וואָס פאַראַ געלט? — האָט דער קאַפּיטאַן תמע־וואַטע געפרעגט.

— פאַר מיין אַרבעט.

— אַזאַ קנאַקער ביסטו גאָר — האָט דער קאַפּיטאַן אַ געשריי געטאָן און צונטערדרויט געוואָרן פון כעס — און דו האָסט מיר באַצאָלט פאַר דער נסיעה און פאַרן עסן?... וואו איז אָקאָרשט דיין פּאַס? אָט שוין רוף איך פּאָליציי!

סאַשקע האָט געכאַפּט זיין היטל, אַראָפּגעווישט פון אויג אַן אומגעבעטענע טרער און אַנטלאָפן.

פאַרנאַכט האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די פּעטער־בורגער הויפּטגאַסן, האָט מיט אַ פּנים פון אַ טוריסט אַ ליידיק־גייער באַקוקט די הייזער, די וויטרינעס. כאָטש דער וועטער איז געווען פּאַסקודנע, האָט זיך אָבער סאַשקע אינאָנהייב געפילט ניט שלעכט: אים האָט געוואָרימט די האָפענונג אינגיכן צו באַגעגענען האַלבפונטלען. אַחוץ דעם, איז אים טאַקע פּעטער־בורג שטאַרק געפעלן געווען. אף איין גרויסן שיינעם מאָנומענט האָט ער זיך אַפילו פאַרקוקט אַזוי לאַנג, ביז אַ פּאָליציסט האָט אים אַוועקגעטריבן.

— וואָס האָסטו זיך דאָ אַוועקגעשטעלט, ווי אַ קלאָץ?... — האָט ער דערהערט איבער זיך אַ שטרייענגען קול, און ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דע־זען אַ פּאָליציסט מיט מאָוומדיקע וואָנסן, האָט ער אַפּגיך אָפּגעטראָגן דעם גוף.

איצט ערשט האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ס'איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן דער פאַרצווייפלטער מצב זיי־נער. פּעטערבורג האָט מיט איין מאָל פאַרלאָרן אין זיינע אויגן דעם גאַנצן חן. איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אין אַזאַ גרוי־סער, געדיכטבאַזעצטער שטאָט איז אונמעגלעך אויסצוגעפינען

עמיצן, פונקט אַזוי, ווי עס איז אונמעגלעך צו געפינען אַ נאָדל אין אַ פור היי.

אינאָנהויב האָט רויטקאָפּ זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן, און ער האָט זיך גענומען אָפּשטעלן פאַר יעדער קראָם, פאַר יעדער בעקעריי, האָט אויפגעגעסן מיט די אויגן די פּאַטראַוועס, וואָס זיינען אויסגעשטעלט געווען אין די פענסטערן, און האָט געשלונגען די סלינע. סאַשקע האָט שטאַרק געליטן, ער האָט געהאַפט, אַז עמיץ פון די מענטשן, וואָס קויפן זיך איין אין די קראָמען, וועט רחמנות האָבן אויף אים, אים עפּעס איינטיילן, און ער האָט מיט בעטנדיקע אויגן אַריינגעקוקט אין פּנים יעדן איינעם, וואָס איז אַרויס פון קראָם. אָבער קיי־נער האָט זיך אָן דעם הונגעריקן אינגל ניט דערמאָנט און אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אין זיין זייט.

האַלבע נאַכט האָט מען אַלע קראָמען פאַרמאַכט, און די גאַסן זיינען געוואָרן ווי אויסגעקערט.

סאַשקען האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער אומעט. און איינזאַמער, אַ פאַרלאָזענער — האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די פייכטע גאַסן, און דער הונגער און די קעלט האָבן אים געפּייניקט. די אומענדלעכע שטיינערנע שטאָט האָט אים געשראָקן און האָט געדריקט אויף אים מיט איר מאַסיווקייט און האַרצלאָזיקייט. רויטקאָפּ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז קיינעם ניט נויטיק, אַז קיינער וועט אים ניט מערקן און קיינער וועט אים ניט צוטוליען. נאָר די קאַלטע האַרבסטנאַכט האָט אים געטוליעט אין אירע אָרעמס, דער ווינט איז אים געלאָפן אַנט־קעגן און האַרטע שנייגרייפּעלעך האָבן אים געשטאָכן אין פּנים...

אַ נעפּלדיקער פרימאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן גראָען. דער אויסגעמאַטערטער סאַשקע האָט, ניט פילנדיק פון זיך, זיך געשלעפּט איבער די „זאַמדן". ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם טייל שטאָט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געבלאָנדזשעט איבער דער שטאָט, האָט עטלעכע מאָל געפּרובט כאַפּן אַ דרעמל ערגעץ אויף אַ באַנק, אָבער יעדן מאָל האָט

אים עמיץ אופגעוועקט און אוועקגעטריבן פון דאָרטן. איצט האָט סאַשקע שוין מער קיין כּחות ניט געהאַט, ער האָט קוים גע־שלעפּט די פיס און ער איז שוין אינגאַנצן פאַרצווייפלט געווען.

— אָט שטאַרב איך שוין אַוועק, דאָ אַפן אָרט שטאַרב איך... — האָט ער כּסדר געמורמלט. און ער האָט מאָדנע רחמנות באַקומען אַף זיך אַליין.

צוקומענדיק צו איינער אַ גאַס. האָט רויטקאָפּ מיטאַמאָל דערזען אַ גרויסע מחנה אָפּגעשליסענע פאַרשוינען, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ צייל, צו פאַרוויז אין אַ ריי. ער האָט צו־זאַמענגענומען זיינע לעצטע כּחות און איז אַריבער געלאָפן אַף דער אַנדער זייט גאַס, דאָרטן, וואו די אָרימעלייט זיינען געשטאַנען. ער האָט דאָרטן דערזען אַ קליין הייזעלע, און איבערן אַריינגאַנג אהין איז געהאַנגען אַ שילד מיט אַן אויפשריפט „פאָלקסקיך".

סאַשקע איז געווען הונגעריק, און דעריבער האָט ער תּיכּף מיטן חוש דערפילט. וואָס מען טוט דאָ און אַף וואָס דער געזעמל וואַרט און ניט לאַנג געקלערט. איז ער צו צום גאָרקעך און זיך אויך געשטעלט מיט די אַנדערע אין צייל.

— דו, רויטער. גיי אַפן לעצטן אָרט! — האָט עמיץ אים באַרופן.

— שטעל זיך צום סוף: דאָ שטייט מען איינער נאָכן אַנדערן — האָט איינגערוימט סאַשקען אין אויער זיין שכן, אַ הויכער מאָגערער מאַנספּערשוין מיט אַ בלאָרויטער נאָז און אין אַ ווייבערשן קאַפּטל.

אָבער רויטקאָפּ האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מ'גיט דאָ עסן אומזיסט. און ער האָט געוואָלט זיך האַלטן וואָס נעענטער.

— רויטע נאָניע, ווייבערשער קאַפּטל, וואָס שווייגסטו? גיב אים אין די ציינער!.. — האָט מען גענומען מאָנען פון רויט־קאָפּס שכן.

דער עולם האָט זיך גענומען רודערן. סאַשקעס איינגע־שפּאַרטקייט האָט, ווי עס שיינט, אַרויסגעבראַכט די אָרימעלייט פון די כּלים.

— רייבט אים אָן אַ מאָרדע! — האָבן זיך דערהערט קולות.

רויטקאָפּ האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אומצוקוקן, ווי אַ געזונטע פויסט האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן איבער זיין קאַרק און ער איז געפאַלן פון די פיס.

— אָט זיינען מערדערס! — האָט סאַשקעס שכן געזאָגט, זיך אַריבערבויגנדיק איבער אים.

רויטקאָפּ האָט שוין מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, און ער האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעיאָמערט. אין דעם ביטערן געוויין האָט ער געזוכט אַן אויסגאַנג פאַר אַלע צרות, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פאַר דער לעצטער צייט, אַלע מאַטערנישן און פאַרלעצונגען.

אַף זיין געיאָמער איז פון הויף אַרויס דער דוואָרניק און האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס איז דאָ?

סאַשקע האָט זיך געשטעלט אַף די פיס און נאָך אַלץ ניט אופגעהערט וויינען.

— אַליין איז ער שולדיק, דער רויטער, און ער קלאָגט נאָך...

— שטעלט זיך ניט אין צייל, דער פאַסקודניק, און אַז מ'זאָגט אים, וויינט ער!

— פאַר אַזאַ זאַך דאַרף מען אים אָפּפירן אין צירקל...

פון אַלע זייטן האָבן זיך אַף רויטקאָפּן געשאָטן געשרייען און זידלערייען.

— דעם צווייטן טאָג, ווי כ'גיי שוין אַרום אַ ניט־געגעסענער — האָט רויטקאָפּ זיך געקלאָגט פאַרן דוואָרניק און געשלונגען די טרערן — אָט באַלד שטאַרב איך אוועק...

— מערדערס, אמתע מערדערס — איז דער הויכער אַרומטרייבער אין ווייבערשן קאַפּטל געוועזן אויסער זיך.

דער דוואָרניק האָט געהייסן סאַשקען ווייטער בלייבן שטיין, וואו ער איז געשטאַנען, און דער חברה קבצנים האָט ער געוואָרנט מיטן בעזים אין האַנט.

אין אַ שעה אַרום, ווען פון גאָרקעך איז שוין אַרויס דער

לעצטער באַצאָלטער קונה, האָט זיך אין דער טיר געשטעלט אַ באַדינער פֿון דער קיך.

— העי, איר, הוליאַקעס, קומט אַריין! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער חבֿרה.

דער גאַנצער המון האָט זיך ווי איין מענטש אַ שפּאַר געטאָן צו דער טיר.

— שאַ, פּאַמעלעך... היינט וועט קלעקן פֿאַר אַלעמען...

— האָט דער באַדינער געזאָגט, און געציילט די אַריינגעגאַנגענע. ווען פֿינף און צוואַנציק מאַן זיינען שוין געווען אינעווייניק, האָט זיך די טיר מיטאַמאָל צוגעהאַקט, און אַ העלפֿט פֿון די הונגעריקע איז געבליבן אין גאַס, וואַרטן ביז זייער צייט וועט קומען.

אינעווייניק האָבן די אָרימעלייט זיך אויסגעזעצט אַרום לאַנגע טישן, און מען האָט איינגעטיילט יעדן אַ שטיק ברויט. נאָכדעם האָט מען דערלאַנגט יעדן אַ שיסעלע זודיקע זופּ מיט פּערלגרויפּן און בולבעס. דער עולם איז קענטיק געווען שטאַרק אויסגעהונגערט און מ׳האָט אַריינגעריבן די סעודה מיט אַ וועלפֿישן אַפּעטיט.

רויטקאָפּ האָט זיך אַרופֿגעוואָרפֿן אויפֿן עסן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער רויטנאָזיקער פּאַרשוין, וועלכער איז דאָ אויך געווען זיין שכן, האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק אים צו געבן אַן עצה.

— זאָג ניט אַזוי — האָט ער אים שטיל געזאָגט — ס׳קאָן נאָך טרעפֿן אַ סיבה... אַז מ׳איז שטאַרק אויסגעהונגערט, מוז מען עסן פּאַמעלעך... אָט איז איינער אין מאָסקווע געשטאָרבן פֿון דער אייגענער מעשה: ער האָט דריי טעג ניט געגעסן, און נאָכדעם האָט ער געפּאַקט עפּעס צו קייען און האָט זיך צו היציק צוגעכאַפּט...

רויטקאָפּ האָט מיט אַ פֿולאָנגעפּאַקטן מויל אויסגעהערט זיין שכן און האָט דערביי משונהדיק געדרייט מיט די אויגן.

דער אָנבייסן האָט זיך שוין פֿאַרענדיקט.

— הונגער איז אַ פּאַסקודנע זאַך — האָט דער שכן ווייטער גערעדט מיט זיין מאָנאָטאָנעם קול — איך האָב אַמאָל געהונגערט אין ניזשני... ס׳גרווילט מיר, אַז כ׳דערמאָן זיך... ס׳פֿלעגט

אַפילו טרעפן, אַז איך פלעג אופהויבן אַ שטיינדל און אים שמאָצקענען...

— און מיסט איז דיר ניט אויסגעקומען צו עסן? — האָט מיטאַמאָל אַפן אויבערקול אים אַ פרעג געטאָן אַ זקן מיט אַ גראָער באָרד.

אַלע האָבן גענומען קוקן אַפן אַלטן און געוואַרט, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

— יאָ, יאָ, דו האָסט געשמאָצקעט אַ שטיינדעלע, אָבער איך — אַ געוועזענער באַלעבאָס פון אַ הויז און אַ חשובער מענטש — האָב זיך אַ צייט לאַנג געשפּייזט מיט מיסט... אַזוי איז דאָס! און אַלץ צוליבן פאַרשאָלטענעם ביטערן טראָפּן.

— עהע, מיין פויגעלע, דאָס טאָר מען ניט באַ אונז...— האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שטים פון אַ באַדינער.

דער באַדינער איז געשטאַנען הינטער רויטקאָפּן, און אַלעמענס בליקן האָבן זיך געווענדט צו דער זייט, וואו סאַשקע איז געזעסן. ווייזט זיך אַרויס, אַז רויטקאָפּ האָט אַראָפּגעצויגן פון טיש אַ שטיק ברויט און עס באַהאַלטן אין קעשענע. דאָס האָט דערזען דער באַדינער, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן אינגל און געשריען:

— באַ אונז, ברודערקע, נעמט מען ניט מיט אַף שפּעטער. אָפּגעגעסן — און גיי זיך געזונטערהייט... טו אַ קוק, וויפל הונגעריקע עס שטייען אין גאַס און וואַרטן...

רויטקאָפּ איז אַ צעטומלטער געוואָרן. ער האָט אַרויסגעבאַפּט פון קעשענע דאָס שטיקל ברויט און עס צוריק אַרופגעלייגט אַפן טיש. ער האָט זיך געדרויטלט ביז טרערן און האָט ניט געוואוסט, וואו אַהינצוטאָן די אויגן, און אונטער אַ האָגל פון שפּאָטערייען און סטראַשונקעס איז ער אַרויסגעלאָפן פון גאַרקעך, אַזוי ווי פון אַ באָד. די חרפּה איז געווען גרויס, און ער האָט זיך ממש געוואָלט באַגראָבן אַ לעבעדיקער.

געראַסים.

— אַט זיינען מערדערס, שוין איינמאָל מערדערס... — האָט רויטקאָפּ מיטאַמאָל דערהערט א שטים הינטער זיך און ער האָט זיך אומגעקוקט: הינטער אים איז, אינטערשפּרינגענדיק, געגאַנגען זיין שכן אין צייל און באַם טיש, דער פאַרשוין מיט דער בלאָרויטער נאָז.

ס׳איז געווען אַן עלנט א קוק צו טאָן אַף דעם מענטשן, די שמאַטעס, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון זיין לאַנגן, אויסגעדאַרטן גוף, האָבן אים ניט געוואַרעמט, און ס׳האָט אים די גאַנצע צייט געטרייסלט און געוואָרפן ווי אין קדחת. די פיס זיינע זיינען פאַרוויקלט געווען אין אָנעטשעס און אַרומגעבונדן מיט שטריק. דאָס ווייבערשע קאַפּטל איז אַראָפּגעהאַנגען פון אים אין לאָקשן, די הענט האָט ער געהאַלטן צוגעדריקט צום האַרצן, אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן אינדרייען און איז געגאַנגען אונטערשפּרינגענדיק, אַזוי ווי א פויגעלע. נאָכן וואַרימען, אָנגעפּאַרעטן גאָרקעך, איז אים אין גאַס געווען גאָר קאַלט, און זיין איינגעפאַלענער פּנים איז אינגאַנצן בלאָ געוואָרן.

— ווי מאַכט׳ן דאָס א טומל צוליב א שטיקל ברויט?..

— האָט דער פאַרשוין ווייטער גערעדט — א מענטש וויל ניט הונגערן, נו, האָט ער זיך אָנגעגרייט... און זיי האָבן אופגעהויבן א געוואַלד... אַט איז א הפקר-פאָלק... וואוהין גייסטו איצט, מיין פריינט? — האָט ער פאַרענדיקט מיט א פראַגע.

— איך ווייס אַליין ניט... כ׳האָב ניט קיין אָרט, וואוהין צו גיין — האָט סאַשקע אומעטיק געזאָגט און אָנגעקוקט זיין מיטגייער מיט א בליק פול גלויבן און געבעט.

—אַ, ברודער, דאָס איז פּאַסקודנע, אַז מ׳האָט ניט, וואו צו גיין, ווילסט ניט אַמאָל מיטקומען מיט מיר אין נאַכטהיים? דאָ איז פאַראַן אַזאַ נאַכטהיים, וואו מ׳לאָזט באַטאָג אויך אַריין... לעב זיך איין, איכ׳ל שוין מיט מיין לעצטן צענערל פאַר דיר אויך באַצאָלן — האָט ער צוגעגעבן און האָט פאַרקוועטשט די ציינער, זיי זאָלן ניט קלאַפּן איינער אָן אַנדערן.

רויטקאָפּ איז געווען שטאַרק דאַנקבאַר דעם אומבאַקאַנטן און ער האָט מיט פֿרייד מסכּים געווען מיטצוגיין מיט אים.

אין אַ שעה אַרום זײַנען זיי ביידע געזעסן אַף דער ברייטער נאַרע אין נאַכטהיים און האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך די געשמאַקע וואַרימקייט פֿון שטוב. דער גרויסער קאַמער, מיט דער ברודיקער פּאָדלאָגע, מיט זײַן אײנציקן פֿענסטער און מיט די הילצערנע נאַרעס פֿאַזע די גראָע, אָפּגעקאַלופּעטע ווענט האָט אויסגעזען, ווי אַ תּפֿיסה, אָבער סאַשקע האָט זיך דאָ געפֿילט גליקלעך.

— ס'איז גוט צו האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ — האָט ער געזאָגט — דער ווינט מעג זיך בלאָזן, וויפֿל ער וויל, וואָס גייט דאָס מיך אָן... ניט אמת?

— אוודאי, אמת — האָט דער שכן צוגעבאַמקעט — אָן אַ דאַך איז גאָר שלעכט...

— אַזוי איז דאָס — האָט סאַשקע אים איבערגעשלאָגן — נעכטן, אַ שטייגער, האָב איך זיך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן... כ'האָב געמיינט, אַז מײַן סוף איז שוין געקומען...

— די גאַנצע נאַכט?

— די גאַנצע נאַכט.

— יאָ, יאָ, ווי כ'זע, ביסטו אויך אַ פֿאַרצרהטער...

— אַ גוטמאָרגן, גראַסים! וואָס עפּעס היינט אַזוי פֿרי?

די ווערטער האָט צו רויטקאָפּס שכן געזאָגט אַן אַרײַנגעקומענער פּויער מיט אַ לאַנגער, ברוינער באָרד און מיט אַ געגאָלטער, שמאַלציקער פּאַטילניצע. ווי סאַשקע האָט זיך נאָכדעם דערוואוסט, איז דאָס געווען דער באַלעבאָס פֿון דער נאַכטהיים.

— קאַלט, פּראָכאָר סטעפּאַנאָוויטש... אָט האָב איך געבראַכט אַ נײַעם חבר — האָט גראַסים געענטפֿערט מיט אַ שולדיקן טאָן און האָט באַוויזן אַף רויטקאָפּן.

— פֿאַר אים ט'זיך אויך אײַנגעפֿינען אַן אָרט... אָבער פֿון פּאָליציי האָב איך צרות: זיי ווילן ניט, כ'זאָל אײערע חברה אַרײַנלאָזן אַהער בטאָג, זיי ווילן ניט — און טו זיי עפּעס...

מיט די ווערטער איז דער באַלעבאָס צו צו דער נאַרע און

אָפּגענומען פון געראַסימען זיין צענער. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעזופצט, זיך א קראַץ געטאָן אין פּאָטילניצע און איז אַוועק.

— ער קען מיך גוט — האָט געראַסים געזאָגט נאָך דעם באַלעבאָס אַוועקגיין — ווען איך קום אין פּעטערבורג, נעכטיק איך דאָ, ער איז מיינער א קרוב.

— וואָס פאַרא קרוב?

— ער איז מיין מאַמעס א ברודער, מיינער א פעטער. די הויז איז זיינע אַן אייגענע.

און פון דיר נעמט ער א צענערל פאַרן איבערנעכטיקן! — האָט רויטקאָפּ אויסגערופן אויסער זיך.

— גיי שוין, גיי, מיין ליבינקער, דו ביסט נאָך יונג און דו ווייסט נאָך ניט, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט — האָט געראַסים געזאָגט פאַרטראַכט — דו מיינסט, אַז דאָס האָט ער גענומען דעם צענערל פון מיר? ניין, מיין פריינט, ער איז א וואויל מענטשל, אָבער עס זיצט אין אים א ניט־גוטער און נאָגט אים. און אָטדער ניט־גוטער פאַרוויקלט זיין האַרץ אין שמאַלץ, נעמט אָפּ בא אים זיין גוטסקייט און שטופּט אים אָנצולעבן נאָך און נאָך געלט. און וואָס ווערט דען פון א מענטשן, וואָס פאַרמאָגט מער ניט קיין גוטסקייט אין זיך? דעמאָלט איז ער דאָך ערגער פון א חיה... און כ׳האָב טאַקע רחמנות אַף מיין פעטער: דאַכט זיך אַזא וואוילער מענטש, און די גבירהשאַפט ברייטגט אים אום...

— פאַרוואָס זאָגסט אים דאָס קיינמאָל ניט?

— א שוואַכע שטים בא מיר, מיין פריינט... — האָט געראַסים א בלאָסן שמייכל געטאָן — ער וועט מיך ניט דערהערן.

רויטקאָפּ האָט אַף דעם גאָרנישט געענטפערט, און ס׳איז געוואָרן שטיל. סאַשקע האָט אָנגעהויבן גענעצן און זיך ציען, די אַרומיקע וואַרימקייט האָט זיך אים מחיהדיק פאַנאַנדערגעגאָסן איבער די גלידער, און ער איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט. פון צייט צו צייט פלעגן אים אַפילו אויפקומען, אַזוי ווי כמאַרעס אַף א לויטערן הימל, אומעטיקע געדאַנקען וועגן מאָרגעדיקן טאָג,

אָבער ער האָט די אַלע געדאַנקען געטריבן פון זיך און ער האָט געהאַט הנאה פון דעם איצטער.

— כ'וועל אַוועק צו זיך אַהיים, וועל אַרויסבאַקומען אַ פּאַס און זיך אַוועקלאָזן אין הייליקן לאַנד — האָט געראַסים גענומען ריידן מיט אַ לאַנגען, אויסגעצויגענעם קול, אַזוי ווי אַ קינד, וואָס חלומט און פאַנטאַזירט, און האָט אַראָפּגעצויגן זיין קאַפּטל.

— און וואו איז דיין היים? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט.

— איך בין אַליין פון ניזשני. אַ שטאָטישער תושב.

— און צוואָס ווילסט גיין אין הייליקן לאַנד?

— מיין נשמה ציט זיך צו אַ וועג, צו אַ לאַנגען, ברייטן וועג... איך בין, מיין פריינט, אַ מענטש אָן אומעטיקער, אַ דערשלאָגענער... שוין פון גאָר די יונגע יאָרן הויזט אין מיר אָן אומעט... און דער אומעט שטופּט מיך און לאָזט מיך לאַנג ניט איינזיצן אויף איין אָרט...

געראַסים האָט געריידט שטיל און פאַרחלומט, און רויט־קאָפּ האָט מיט קאָפּ זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און האָט זיך געטראַכט: „וואָס פאַראַ גוטער און שטילער ער איז..."

— אין פּעטערבורג בין איך שוין צום דריטן מאָל — האָט געראַסים ווייטער געזאָגט — דאָס ערשטע מאָל האָט מיך מיין פעטער פיין אויפגענומען, האָט מיר געגעבן אַרבעט בא זיך, האָט מיר געצאָלט פיר קאַרבן אַ חודש. איך האָב אָפּגעאַרבעט בא אים ביז פרי־יאָר, און בין אַוועק קיין מאָסקווע... אַז כ'בין געקומען דעם צווייטן מאָל, זע איך — דער פעטער איז ברוגזלעך. האָב איך זיך דאָ אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און בין נאָכדעם אַוועק קיין פּסקאָוו, און פון פּסקאָוו קיין וואַרשע... איצט בין איך געקומען אַ דריטן מאָל. דער פעטער איז שוין שטאַרק ברוגז אויף מיר... „וואָס שלעפּסטו זיך אַרום? — פרעגט ער מיך — וואָס מעסטו די ערד אומזיסט און אומנישט?" איך שווייג, פאַרשטייט זיך. דע־מאָלט האָט דער פעטער געזאָגט, אַז פון איצט אָן בין איך פאַר אים אַ פרעמדער, און פאַרן נאַכטלעגער זאָל איך צאָלן... נו, צאָל איך. און שטענדיק בין איך געווען אַזאַ וואָגלער... וואָס בין

איך אָבער שולדיק, אַז מײַן אומעט טרײַבט מיך אַרום?...

— מיר איז אויך נעכטן געווען שטאַרק אומעטיק — האָט רויטקאָפּ געזאָגט — אַ שרעק, ווי אומעטיק... קאַלט איז געווען, און די נאַכט איז לאַנג, אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג... כ'האָב אפילו געוויינט...

— יאָ, יאָ, מײַערינקער, צרות זײַנען פֿאַראַן אַ סך אַף דער וועלט. און גוטס—גאָר ווייניק. אָבער אַז מענטשן וואָלט גע־ווען גוטע, וואָלטן גאָר קיין צרות ניט געווען... פֿונוואַנען ביסטו?— האָט גערשאַסים זיך גופא איבערגעשלאָגן מיט אַ פֿראַגע.

סאַשקע האָט ניט גלייך געענטפֿערט. ער האָט זיך אָפּ־געהוסט, האָט זיך אַ קראַץ געטאָן די רויטע האָר, וואָס האָבן שוין באַוויזן ווייטער אָפּצוואַקסן נאָך דער אָפּשערעניש, און ערשט דעמאָלט האָט ער געזאָגט:

— איך קום פֿון ווײַט. פֿאַרן זומער האָב איך שוין באַ־וויזן אויסצוזײַן אין אַ פּאָר צענדליק שטעט!

— וואָס האָסט דאָרטן געזוכט? -- האָט גערשאַסים גע־פֿרעגט.

— גליק האָבן מיר געזוכט... אָט וואָס... און האַלב־פֿונטלען האָב איך אויך אָנגעוואָרן... איצט ווייס איך שוין גאָר־ניט, וואוהין צו גיין...

די לעצטע ווערטער האָט רויטקאָפּ געזאָגט שטיל און דערשלאָגן.

— וואו ביסטו געבאָרן? — האָט גערשאַסים מיטלײַדיק געפֿרעגט.

אָנשטאָט אַן ענטפֿער, האָט סאַשקע גענומען אויסדערציילן אַלע פּרטים פֿון זײַנע וואָגלעניש.

אַ צײַט האָט רויטקאָפּ דערציילט, און גערשאַסים האָט שטיל זיך אײַנגעהאָרכט און האָט נאָר פֿון צײַט צו צײַט שווער זיך אָפּגעזיפֿצט און מיט געפֿיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אין שטוב איז דערווײַל געוואָרן פֿינסטערער. פֿון דער שכנותדיקער טײַהויז האָבן אָנגעהויבן קומען די איבערנעכטיקער. צווישן די אָנגע־

קומענע האָט סאַשקע דערקענט עטלעכן פון די, וואָס האָבן אינדערפרי געגעסן אין אומזיסטן גאָרקעך.

— אָ, דער ברויטלאַטכער איז דאָ! — האָט אויסגערופן איינער און האָט מיט אַ פלינקער, געניטער באַוועגונג זיך אַרופגעכאַפּט אַף זיין נאַרע.

רויטקאָפּ האָט פאַרשטאַנען, וועמען מען מיינט דערמיט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און האָט ווייטער דערציילט. ווען ער האָט פאַרענדיקט, איז שוין די גאַנצע נאַכטהיים פול געווען מיט אָפגעריסענע פאַרשוינען, אין שטוב איז געוואָרן איינג און די לופט איז געוואָרן זייער שווער.

— יאָ, יאָ — האָט גערעסים געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט סאַשקעס דערציילן — אַז אַ מענטש ווערט פאַרלאָרן, איז שוין ניט לייכט אים צו געפינען פונדאָסני. און דו האָסט גאָר בכלל ניט וואָס צו זוכן האַלבפונטלען. אַפן וועג וועסט אים גאָר אומגעריכט באַגעגענען. אַרומזוכן איז אַן אומזיסטע האָרעוואַניע. און נאָך וואָס וועל איך דיר זאָגן: ווי נאָר ס'ווערט וואַרימער, גיי איך אַרויס קיין ניזשני. דעם וועג אַהין ווייס איך, איכ'ל גיין איבער מאָסקווע, איז אויב דו ווילסט, קאָנען מיר גיין צוזאַמען...

— אָהאָ, אויב איך וויל!... — האָט סאַשקע זיך אָנגעכאַפּט, און גענומען ציטערן פון פרייד.

— גוט! און דערווייל, ביז ס'וועט וואַרים ווערן, וועלן מיר זיך שוין ווי עס איז דורכשלאָגן. שוין צוואַנציק יאָר, ווי איך לעב אַזוי, און אינגאַנצן בין איך אַלט פינף־און־דרייסיק...

— און פון מאָסקווע איז פאַראַן אַ וועג קיין זשיטאָמיר? — האָט רויטקאָפּ איבערגעשלאָגן גערעסימען.

אין קאָפּ האָבן זיך אים שוין גענומען פלאָנטערן נייע פאַנטאַזיעס און קאָמבינאַציעס.

— פון מאָסקווע און צו מאָסקווע פירן אַלע וועגן. מאָסקווע איז די קרוין פון אַלע שטעט. און פון איר הייבט זיך אַלץ אָן און מיט איר לאָזט זיך אַלץ אויס! — האָט גערעסים

א זאָג געטאָן מיט גרויס באַגייסטערונג און האָט זיך צעשמייכלט מיט זיין גוטן, קינדישן שמייכעלע.

רויטקאָפּ האָט אים אָפּגעענטפערט מיט דעמזעלביקן שמייכעלע, האָט זיך איינגעצויגן אַף דער נאַרע בײַ געראַסימס זייט און איז תיכּף אַנטשלאָפן געוואָרן. דערווייל האָט דער אופּפּאַסער פון נאַכטהיים, א הינקעדיקער אַלטער פּייערל, אַריינגעטראָגן א קליינעם אָנגעצונדענעם לעמפּל און אים אופגעהאַנגען איבערן טיר. איבערן קאַמער האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן א שוואַכע, בלאָע שיין, ס'איז אַריין דער באַלעבאָס און גענומען צעגויפקלייבן פון די געסט דאָס געלט. אין מאָמענט איז די נאַכטהיים פול געוואָרן מיטן קלאַנג פון מטבעות, מיט א גערייד, מיט תחנונים און געשרייען.

— פּראָכאָר סטעפאַניטש, זיי א גוטינקער... איך שווער דיר בײַ אַלץ, וואָס הייליק איז, אַז מאָרגן קריגסטו!...

— טראָג זיך אָפּ, בײַ מיר איז ניט קיין מושב־זקנים! — האָט זיך געהערט דעם באַלעבאָס שטרענגע שטים.

— מייערינקער, האַרציקער! אין גאַס איז דאָך אַזא קעלט... זאָלן מיך ווערים עסן, אויב איך ברענג ניט מאָרגן...

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אַף מיר! — האָט דער באַלעבאָס געשריען — וואָס בין איך פאַר א צדקה־טייַלער! קיין פינפער האָט ער ניט, און קריכט אויך אַהער! אַרויס פונדאַנען, אַניט רוף איך פּאָליציי!

געראַסים האָט געזען, ווי פון נאַרע איז אַראָפּגעקראָכן דער אַלטער, וואָס האָט אינדערפרי דערציילט, ווי ער האָט געגעסן מיסט.

— רוצח!.. אויסוואָרף!! — האָט דער אַרויסגעטריבענער אין פאַרבייגיין זיך אָפּגעשטעלט פאַרן באַלעבאָס און געשריען ניט מיט זיין קול — דו וואַרפסט אַרויס א מענטשן אין גאַס, אַזוי ווי א הונט... פאַרשאָלטן זאָלסט זיין!

דער אַלטער איז אַרויס. און פּראָכאָר סטעפאַניטש האָט א גלעט געטאָן זיין באָרד, האָט זיך צעשמייכלט און איז אַוועק ווייטער קלייבן געלט בײַם עולם שלעפּערס.

אין גערעסימס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן, אים האָט וויינעטאָן דאָס האַרץ פאַרן אַרויסגעטריבענעם אַלטן, פאַרן פעטער און פאַר אַלע אומגליקלעכע, פאַרוואָגלטע מענטשן, וואָס זיינען דאָ געלעגן אַרום.

אָבער מער ווי אַף אַלעמען האָט ער רחמנות געהאַט אַפן פעטער. ווי שוין אַ גלויביקער מענטש, האָט ער אין זיין פאָר־שטעלונג געזען די געברענטע יסורים, וואָס פּראָכאָר סטעפּאַניטש וועט האָבן אויסצושטיין אַף יענער וועלט.

און מיט די געדאַנקען איז ער איינגעשלאָפן.

אַ שווערער וועג.

שפּעט אינדערנאַכט האָט סאַשקע זיך אויפגעכאַפּט אין גרויס שרעק. אין דער נאַכטהיים איז פאָרגעקומען עפּעס אויסטערלי־שעס און אומפאַרשטענדלעכעס. די צעטומלטע און פאַרשלאָפענע איבערגעכטיקער האָבן זיך ווי די משוגעים געוואָרפן אין אַלע זייטן, האָבן זיך געריסן צו די טירן, אַזוי ווי פון דאָרטן וואָלט געדאַרפט קומען זייער הילף. רויטקאָפּ האָט מיט ברייטאויפגערי־סענע אויגן געקוקט אַף אַלץ, וואָס אַרום שפּילט זיך אָפּ. הינ־טער דער טיר האָט זיך געהערט אַ טאָפּטשען פון אַ סך טריט, עס האָבן זיך דערטראָגן פון דאָרטן פאַרגרעבטע קולות און עפּעס אַ משונהדיק דריבולען.

„אַ שריפה!" — האָט אין זיין מח אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. אין איין רגע איז ער שוין געווען אַף די פיס.

און אַרום האָט מען געשעפּטשעט :

—אַן איבערפאַל! אַן איבערפאַל!

עטלעכע פון די איבערנעכטיקער זיינען זיך פאַרקראָכן אונטער די נאַרעס.

— וואָסי דאָ? אַ שריפה?.. עס ברענט?.. —האָט ער צע־טומלט געפרעגט גערעסימען, און איז שוין גרייט געווען צו לויפן, וואו די אויגן וועלן טראָגן.

גערעסים איז געשטאַנען אַף דער נאַרע אַ בלייכער און אַ

צעשראָקענער און ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיטן קאָפּ אונטערגעשפּאַרט די סטעליע.

— ניין, מיין טייערינקער, ניט קיין שריפה, נאָר אַן איבערפאַל — האָט ער שטיל געפּרעפּלט.

און סאַשקע האָט געזען, אַז זיין נייער פריינט איז שטאַרק צעטומלט.

— וואָס איז דאָס אַזוינס אַן איבערפאַל? — האָט רויטקאָפּ געפרעגט.

— פּאָליציי איז געקומען... מ׳וועט פרעגן אַף פּעסער... ווער ס׳האָט ניט קיין פּאַס, וועט מ׳ זן מיטגיין מיט זיי...

בעת סאַשקע האָט דערהערט גראַסימס לעצטע ווערטער, איז ער געוואָרן שוואַרץ, ווי די ערד. אַ ווילדע שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט, און ער האָט געוואָלט נאָר איין זאַך: וואָס גיכער זיך באַהאַלטן, באַגראָבן זיך ערגעץ. ער האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ פיש אין נעץ.

— לאָמיר אַראָפּקריכן אונטער דער נאַרע... — האָט ער אייליק געפּליסטערט צו גראַסימען — נו, וואָס שטייסטו? קום גיכער, לאָמיר זיך באַהאַלטן,

און ער האָט שיר ניט מיט געוואַלד אַראָפּגעשלעפּט זיין פריינט אונטער דער נאַרע.

אין דער נאַכטהיים זיינען אַריין עטלעכע פּאַרשוין. רויטקאָפּ, וועלכער איז מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם געלעגן הינטער אַ קנויל מענטשלעכע לייבער, האָט געוואָרפן פון שרעק. פונדעסטוועגן האָט ער ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, כדי עפּעס צו דערזען פון זיין באַהעלטעניש. געזען האָט ער נאָר די פיס פון די אַריינגעקומענע. דאָס הייסט זייערע שיך. וועדליק די פיס, וואָס זיינען פאַרביי פאַר אים, האָט ער זיך אויסגעמאָלן, ווער דער מענטש איז. אָט זיינען זיכער און שטאָלץ פאַרבייגעשוואומען אַ פּאָר לאַקירטע באָטפאָרטן מיט שפּאָרן, און סאַשקע האָט געוואוסט, אַז די פיס באַלאַנגען צום פּריסטאַוו. נאָך אים זיינען מיט אַ שווערן טראָט נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר גלאַנציקע כאָליעווס אין נייע גומיענע קאַלאָשן — דאָס זיי=

נען, ווי ס'שיינט, געווען פיס פון אַ פּאָליציייאופזועער. און נאָך זיי בײדן האָבּן זיך געשלעפּט גרויסע, געזונטע פיס אין גראָבּע זעל־נערישע כאָליעוועס — פיס פון פּשוטע פּאָליציסטן.

דער פּריסטאַוו האָט זיך אָפּגעשטעלט הארט בּאַ דער נאַרע, אונטער וועלכער רויטקאָפּ איז געלעגן, און בּאַלד האָט זיך פון אויבּן דערטראָגן אַ שטרײנגע, בּאַפעלערישע שטים:

— דאָס בּיסטו דער בּאַלעבּאָס פונדאַנען?

— יאָ, אייער גענאַד—האָט אַ שטילע, אונטערטעניקע שטים געענטפערט.

— וויפל מאַן גייען אַרײַן אין דײַן נאַכטהיים? וואָס פּערציק? און וויפל האָסטו דאָ? איכ'ל דיר ווײַזן, חזירניק, ווי אַרײַנצופּאַקן הונדערט מאַן אַנשטאָט פערציק!..

דער רעכטער לאַקירטער בּאָטפאָרט האָט אַ זעץ געטאָן אָן דיל. די שפּאָרע האָט אַ קלונג געטאָן, און נאָכדעם איז אַלץ שטיל געוואָרן. רויטקאָפּ האָט געהערט, ווי בּאַ זײַנע שכנים אונ־טער דער נאַרע פויקן די הערצער.

— העי, די פּעסער אָנגעגרייט! — האָט אַ הייזעריקע שטים אויסגערופן, און דער פּאָליציייאופזועער האָט גענומען שטעלן טריט פּאַזשע די נאַרעס.

און בּאַלד האָבּן זיך דערהערט תּחנונים, געוויינען און שטרײַנגע, בּאַפעלערישע אויסגעשרייען.

— בּרײנגט מיך ניט אום, איידעלער פּריץ!

— איכ'ל אַליין אוועקגיין, האָט רחמנות!

— גוט, גוט, איך ווייס, ווי איר גייט אוועק: מ'טרײַבּט איך אַרויס דורך דער טיר, קריכט איר צוריק אַרײַן דורכן פענסטער...

— פּריצל, אַפילו אַ קעמל קריכט דאָך אויך דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל, ס'שטייט דאָך אין פּסוק...

— שווייג שוין! אַ נייער תּלמיד־חכם זיך אײַנגעפונען... נו בּאַלעבּאָס, וויפל פּאַרשוין ליגן בּאַהאַלטן אונטער די נאַרעס? יעפ־רעמאָוו, רײַבּ אָן אַ שוועבּעלע און טו אָקאָרשט אַ קוק!

סאַשקע האָט פּאַרמאַכט די אויגן און איז אַזוי אָפּגעשטאָרבּן.

דער איבערפאל האט זיך געצויגן א לאנגע צייט. פון אונטער דער נארע האט מען איינציקווייז ארויסגעשלעפט אלע פארקראכענע, אחוץ רויטקאפן. אים האט דאסמאל אפגעגליקט. איז דאס געווען צוליב דעם, וואס ער האט זיך צוגערוקט הארט צו דער וואנט, אדער ווייל יעפרעמאָוון האבן אויסגעפעלט שוועבעלעך, — אבער סאשקען האט קיינער ניט געטשעפעט און ער איז געבליבן ליגן אף זיין ארט.

ווען אלץ האט זיך שוין איינגעשטילט, און פאליציי איז אוועק, האט זיך אים נאך אויך ניט געוואלט ארויסקריכן. ער איז געלעגן אין זיין באהעלטעניש און געהערט, ווי די איבערגעבליבענע דערציילן זיך, אז פאליציי האט אוועקגעפירט דרייסיק מאן, וואס האבן קיין פעסער ניט געהאט. און ארויסגעקראכן איז ער ערשט דעמאלט, ווען ער האט זיך אין א צייט ארום איבערצייגט, אז די סכנה איז טאקע אינדערהאמתן פארביי. די שלעפערס, וועלכע האבן פאר דער צייט באוויזן זיך צו באַרואיקן, זיינען שוין געשמאק געשלאפן. זייערע צוזאמענגעדרייטע לייבער האבן ווי גראָבע קנוילן זיך אויסגעטיילט אפן געלן הינטערגרונט פון די נארעס, אף וועלכע ס'איז איצט געווען פיל געראמער, ווי פריער.

אחוץ רויטקאפן, איז אין דער נאכטהיים געווען נאך איין מענטש וואך, און קיין שלאף האט אים ניט גענומען, דאס איז געווען געראסים. בעת סאשקע איז ארויסגעקראכן פון אונטער דער נארע, האט ער געזען, ווי זיין פריינט זיצט אפן ראנד פון בעטל און קוקט אומבאוועגלעך אף דער פארמאכטער טיר, פונקט ווי ער וואלט אף עמיצן געווארט.

— וואס איז מיט דיר? — האט רויטקאפ אים פארוואונדערט געפרעגט.

סאשקע איז געווען גליקלעך, וואס ער זעט געראסימען אף דער פריי, און ער האט זיך אויך שטארק געחידושט, ווי אזוי ער האט זיך דאס ארויסגעדרייט.

— מ'האט דיך ניט מיטגענומען? — האט דער אינגל געפרעגט — דו האסט דאך ניט קיין פאס?...

— כ'האב א פאס, אבער ער איז שוין לאנג אריבערן טער=

מין — האָט געראַסים דערשלאָגן געענטפערט — דער פּריסטאַוו האָט באַפוילן דעם פעטער מיך תיכּף אָפּשיקן, און דער פעטער איז שטאַרק אינכּעס.

באַ די לעצטע ווערטער האָבן פון גערַאסימס קול זיך אַרויסגעהערט טרערן.

— נו, זאָל ער זיך זיין אינכּעס — האָט סאַשקע געזאָגט — ער העלפט דיר דאָך סיווי מיט גאָרנישט, היינט וואָס אַרט דאָס דיר?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט:

— און ווי אַזוי ווילסטו גיין?

— אַף מיינע אייגענע פּאָר פעֿרדלעך, פאַרשטייט זיך... כ׳וועל גיין צו מאָסקווע צו. געוואָלט דאָ אָפּוואַרטן, ביז די וואַרימע צייט וועט אָנקומען, אָבער מ׳מוז שוין מאָרגן אַרויס אין וועג...

— ווייסטו גאָר וואָס? — האָט רויטקאָפּ אים איבערגעשלאָגן — איך גיי אויך מיט דיר מיט! וואָס זאָל איך דאָ טאָן? וועסט מיך נעמען?

— פאַרוואָס ניט? אוודאי נעמען... אָבער ס׳וועט דיר זיין קאַלט... זאָלסט נאָר ניט איינפרירן אונטערוועגנס...

— ניין, ניין! איכ׳ל ניט איינפרירן, איך בין, ברודער, שוין...

ער האָט ניט דערעדט: די טיר האָט זיך אָן עפן געטאָן און אין שטוב איז אַריינגעלאָפן דער באַלעבאָס מיט אַ שעפּסענעם פעלץ פאַרוואָרפן איבערן אָרעם. פון דעם פעלצל האָט געטראָגן אן איבלדיקער, זויערער גערוך.

— נאַ דיר און טראָג זיך אָפּ, טו מיר אַ טובה! — האָט ער אַ ברום געטאָן צו גערַאסימען און אים צוגעוואָרפן דעם פעלצל — גיי פונדאַנען און מער זאָלסט זיך דאָ ניט ווייזן, איכ׳ל דיך דערהרגענען! נאַ דיר געלט אויך — האָט ער צוגעגעבן און אַריינגעשאָטן דעם פּלימעניק אין האַנט אַ הייפל קליינגעלט — און דו, רויטער טייוול, גיי אויך צו אַלדי רוחות! —

איז ער מיטאַמאָל אַרױפֿגעפֿאַלן אױף סאַשקען — װאָס פֿינטלסטו מיט די אױגן, װי אַ כּשר לעמל? איך זאָג דיר אָן, גערשים, מיטן האַרבן װאָרט: זאָלסט זיך מער ניט דערװעגן צו קומען אַהער. דו ברענגסט מיר נאָר שלימזל...

— פעטערל, פּראָכאָר סטעפּאַניטש, זײַט מיר מוחל, װי גאָט איז אײַך ליב! — האָט גערשים זיך מיטאַמאָל פֿאַנאַנ־דערגעװײנט און אַ פֿאַל געטאָן דעם פעטער צו די פֿיס.

יענער האָט זיך אָפּגעשאָקלט מיט בײדע הענט, האָט מיט שרעק זיך אַ שאַר געטאָן אָן אַ זײַט און איז אַפּגיך אַרױס פֿון קאַמער.

— אַ, זיך דערשראָקן, דער רוצח! — האָט רױטקאָפּ דערלעבט אַ נקמה אָן אים און האָט זיך גענומען צענױפֿקלײַבן פֿון דיל די מטבעות, װאָס זײַנען אַרױסגעפֿאַלן פֿון גערשימס האַנט.

גערשים האָט זיך פּאַמעלעך אױפֿגעהױבן פֿון דער ערד און מיט די דלאָניעס זיך גענומען װישן דעם פּנים, װאָס איז אױסגעװײקט געװען פֿון טרערן.

—כ'האָב אַלץ צענױפֿגעקליבן... אינגאַנצן האָט ער געגעבן דרײַ־און־צװאַנציק קאָפּיקעס, דער פּאַסקודניאַק — האָט רױט־קאָפּ געזאָגט, דערלאַנגענדיק גערשימען דאָס געלט.

— האַלט דאָס בײַ זיך, מיר גײען דאָך סײַװי צוזאַמען — האָט גערשים געזאָגט מיט אַ פֿאַרװײנטער שטים.

רױטקאָפּ האָט אין האַרצן זיך שטאַרק דערפֿרײט, װאָס מ'נעמט אים מיט, און צוגלײַך מיט דעם האָט ער באַדױערט זײַן פֿרײַנט, װאָס דער פעטער האָט אים אַזױ באַלײדיקט.

— אַ מתּנה האָט ער דיר געמאַכט, אַ פעלץ! — האָט סאַשקע געבורטשעט — ס'איז ממש אַ בזיון צו זאָגן... דידראָ־זיקע טײַערע מתּנה איז װערט...

סאַשקע האָט פֿאַנאַנדערגענומען דעם פעלץ, װעלכער איז געװען אינגאַנצן פֿאַרלאַטעט און צעריסן, און האָט אים אָנגע־מאָסטן אױף זיך.

— טראָג אים געזונטערהײט — האָט גערשים געזאָגט.

— און דו ? — האָט סאַשקע פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איך דאַרף ניט. מיר איז שוין גענוג וואָרים דער־פון — האָט געראַסים אָנגעוויזן אַף זיין וואַטאָוין קאַפטל.

— אראַנק — האָט רויטקאָפּ אָפּגעמורמלט און זיך אַפּאָר מאָל דורכגעשפּרייזט אַהין און צוריק, אָנגעטאָן אין פעלצל.

אום אַכט אַזייגער זיינען געראַסים און סאַשקע אַרויס פון דער נאַכטהיים און זיינען אַוועק צום מאָסקווער טויער. דער וועטער איז געווען אַ מוראַדיק שלעכטער. ס'איז געווען אַ זאַ־ווערוכע, און אין דער בלאָלבלער שיין פון קאַיאָר האָבן זיך גע־דרייט, געטריבן פון קאַלטן ווינט, טרוקענע שנייעלעך.

— דער ווינטער איז שוין דאָ ! — האָט רויטקאָפּ אויס־געגרופן, און זיך פעסטער איינגעטוליעט אין פעלצל.

געראַסים האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר זיין אויסגעצויגענע, לאַנגע געשטאַלט האָט זיך צוזאַמענגעדרייט אינדרייען, די איינגע־פאַלענע באַקן זיינען בלאָ געוואָרן, און די גראָבע נאָז איז גע־וואָרן אינגאַנצן בלאָרויט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען זיי געזעסן אין טייהייזל באַם מאָסקווער טויער און האָבן אַריינגעזופּט אין זיך זוד. סאַשקע האָט שוין געהאַלטן באַ דער זעקסטער גלאָז טיי, און שוויים האָט זיך פון אים געגאָסן טייכנוויז.

— איצט קאָן איך שוין דערגיין אַפילו ביז מאָסקווע, און דער פראָסט וועט מיר ניט אַרן — האָט ער געטענהט.

ער האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן פּנים, האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די רויטע לאָקן און אָנגעקוקט דעם פריינט מיט לוסטיקע, שטיפערישע אויגלעך.

— זאָג דאָס ניט, מיין גאָלד — האָט אים געראַסים אָפּ־געפּאַטשט די פליגלען — מיר האָבן דורכצומאַכן גאָר אַ שווערן וועג ביז מאָסקווע. פאַרוואָס, מיינסטו, איז מיין פּנים אַזוי בלאָ, און אַ נאָז איז באַ מיר, ווי באַ אַ שיכּור ? דאָס איז דערפאַר, וואָס כ'האָב מיין פּנים אָפּגעפראָרן...

— און דער שיינער פעטער האָט דיר דערלאַנגט דריי־

און־צוואַנציק קאָפּיקעס... אָט איז אַ קאַרגער הונט!.. ער האָט דאָך געוואוסט, וואָס פאַראַ האַרבן וועג מיר האָבן דורכצומאַכן...

סאַשקעס קאַשטאַנברוינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ בייזן פייערל. גערעסים האָט געלאָזן אַרופגעלייגט זיין האַנט אױפן אינגלס אַקסל און געזאָגט מיט אַ מילדער שטים:

— זידל ניט מיין פעטער, אינגעלע: ער איז אַ מענטש אַ פאַרלאָרענער און ער גרייט אַליין צו זיין פּסק... איך האָב רחמנות אױף אים, שטאַרק רחמנות... ער קלייבט געלט און ער ווייס ניט, אַז דערמיט ברענגט ער זיך אַליין אום. וואָס איז אָבער מער ווערט? אַ ברודיקע מטבע נעמט צו איטלעכער מענטש, קיינער קוקט ניט, וואָס זי איז איינגעמאַכט אין בלוט און אויסגעווייקט אין טרערן; אָבער אַ מענטש אָן אַ האַרץ און אָן יושר נעמט קיי־נער ניט אויף. טראַכט זיך אין דעם אַריין, מיין טייערינקער... און דעריבער איז אָן עלנט אױף מיין פעטער, אַ גרויסער עלנט!.. אַלע דריי מאָל, וואָס כ'בין געווען בא אים, האָב איך אים דאָס גע־פּרובט דערמאָנען, אָבער ער איז אַלץ אין כּעס... איך פאַל אים צו די פיס, און ער איז בסדר אינכּעס... ער איז בלינד, דעם אמת דערזעט ער ניט...

סאַשקע האָט זיך צוגעהערט מיט קאָפּ, אָבער פאַרשטאַנען האָט ער גאָרנישט. אים האָט זיך ניט געלייגט אױפן שׂכל, ווי אַזוי אָטדער היימלאָזער, הונגעריקער שלעפּער קאָן רחמנות האָבן אױף אַ נגיד, און פון רחמנות אים נאָך פאַלן צו די פיס.

פאַרנאַכט האָט אונזערע ביידע וואָגלערס פאַרכאַפּט אַ שרעקלעכער שטורעם. אַ צוויי וויאָרסט פאַרן ערשטן דאָרף האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער זיי אַ גראָע, אומדורכדרינגלעכע יריעה, און זיי האָבן מער קיין וועג ניט געזען. דער ווינט האָט געפּיפן און געיאָמערט, האָט געטריבן און געדרייט גאַנצע כמאַרעס פון שנייאיקן שטויב. דער שניישטויב האָט זיך געשניטן אין פּנים און אין די אויגן, און דער שטורעם האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגן איבער די קעפּ פון די איינזאַמע פוסגייער. ראָטקאָפּ האָט דער־שפּירט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די פינגער פון די הענט און פיס,

פּונקט ווי עמיץ וואָלט אים מיט נאָדרעלעך געשטאָכן אונטער די נעגל.

ביידע האָבן געשוויגן, און דער ווינט האָט מיט גרויס צאָרן זיי געפּאַטשט איבער די באַקן און זיי געוויקלט אין שנייִשטויב, אַזוי ווי אין תּכריכים.

סאַשקע איז אויסגעמאַטערט געוואָרן. מיט יעדן טריט האָבן זיך זיינע כּחות אַלץ מער אויסגעדריוועט. דער ווייטיק הינטער די נעגל האָט שוין אָפּגעלאָזן, דערפֿאַר אָבער זיינען די פֿיס אים שווער געוואָרן, אַזוי ווי אַ בלײַ. די קעלט האָט אים שוין ניט געפּייניקט, אַזוי ווי אײַנאָנהייב. ציטנווייז איז אים דער גויאָמער פֿונם ווינט פֿאָרגעקומען, ווי אַ שיין לידל, און ער האָט אַפֿילו געשמייכלט צו עמיצן. נאָכדעם איז אויף אים אַרופֿגעפֿאַלן אַ שלאָף. עטלעכע מאָל האָט ער דאָס שוין געוואָלט זאָגן זיין מיטגייער, אָבער ער האָט ניט געקאָנט: זיין פּנים איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן, און ער האָט דעם מויל ניט געקאָנט שפּאַלטן: שפּעטער אַהין האָט ער שוין גאָר פֿאַרלאָרן די געדאַנקען, מיטאַמאָל איז אים געוואָרן וואַרים, שטאַרק אײַנגענעם, אים האָט באַהערשט אַ זיסע און פֿאַרשלאָפֿענע מאַטקייט, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ ערגעץ טיף־טיף...

אַדאַנק גראַסימען, איז רוטקאָפּ אײַנאָווינט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. אין אַ טיפֿער חלשות האָט מען אים געבראַכט אין דאָרף און מיט גרויס מאַטערניש אים אָפּגעמינטערט.

אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט דער ערשטער טאָג פֿון זייער שווערן וועג.

דער וועג איז פֿאַרענדיקט.

דעם ערשטן טאָג פּאַסכאַ זיינען גראַסים און רוטקאָפּ אָנגעקומען אין מאָסקווע. ס'איז גאָר אוממעגלעך איבערצוגעבן מיט ווערטער סאַשקעס התפּעלות. אַז ער האָט דערזען מאָסקווע, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווילדע שׂמחה. מאָסקווע האָט באַגעגנט די געסט מיט אַ הילכיקן גלאָקנקלאַנג און מיט אַ יום־טובֿדיקער פֿרייד.

שוין בײַ די ערשטע טריט אין שטאָט האָט זי צוגערופן עפּעס אַ גאָטספּאָרכטיקע גויע און האָט דערלאַנגט יעדן צו אַן איי און צו אַ צוואַנציקער.

— אָט דאָס איז אַ שטאָט! — האָט סאַשקע געשריען אָפן־אויבערקול.

און גערשאָסים האָט געשוויגן און געשמייכלט.

די פֿרײַנט האָבן זיך אין מאָסקווע אָפּגעשטעלט אַ טאָג דרײַ, האָבן צוזאַמענגעמאַכט פֿינף רובל און זײַנען אַוועק מיטן וועג קיין ניזשני־נאָווגאָראָד.

אַ בלענדנדיקע וואַרימע זון האָט זיי באַגלייט, און דער פֿרילינג האָט אויסגעלייגט זייער וועג מיט יונגן גראָז, אַזוי ווי מיט סאַמעטענע טעפּיכער. די וואָגלערס זײַנען געווען פֿריילעך און מונטער. זיי האָבן אין פֿריידן דערמאָנט דעם ביטערן וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, און האָבן זיך מחיה געווען מיט די וואונדערלעכע וועסנעטעג. זיי זײַנען געווען פֿרײַ, ווי די פֿייגלען, און זײַנען געגאַנגען ווי אויף אַ שפּאַציר. די צײַט איז געשווינד פֿאַרפֿלויגן, און זיי האָבן זיך ניט ווייניק געחידושט, ווען אין איינעם אַ הייסן זומערטאָג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר דער שטאָט ניזשני.

— אָט אַזוי לויפֿט דאָס די צײַט — האָט גערשאָסים געזאָגט, זיך אופֿהויבנדיק פֿון דעם לעצטן אָפּרואָרט פֿאַר דער שטאָט — ס'זײַנען דאָך שוין אַריבער דרײַ חדשים, זינט מיר זײַנען אַרויס פֿון מאָסקווע.

— זומער גייט די צײַט שטענדיק גיך — האָט רויטקאָפּ געזאָגט — זומערצײַט דרעמלט מען אַביסל אין וואַלד, מ'באָדט זיך אָפּ, מען רוט זיך אויס — און מ'זעט גאָרניט, ווי די טעג פֿליען...

און באַלד זײַנען זיי שוין בײדע געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג בײַם אַרײַנגיין אין שטאָט, און סאַשקע האָט מיט שטומער באַגײַסטערונג אַראָפּגעקוקט אויף דער מעכטיקער וואָלגע, וועלכע האָט ווי אַ גלאַנציקער שטרײַף זיך אַײַנגעשניטן העט־ווײַט אין סטעפּ, און האָט צעטײלט דעם אומענדלעכן שטח אויף צוויי העלפֿטן.

— וואוהין גייט זי אוועק? —האָט רויטקאָפּ נאָך אַ לאַנ־גען שטילשווייגן אַ פרעג געטאָן בײַ געראַסימען.

— די וואָלגע? עהע, זי גייט אוועק ווייט־ווייט, ביז צום סאַמע ים...

— שוין איינמאָל אַ טייך! די אויגן הויבן אָן ווייצוטאָן פון קוקן... און וואו איז דאָ דער מאַרק? — האָט ער מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— דער מאַרק איז דאָרטן, הינטערן בריק...

— דו וועסט גיין אַהין?

— געוויס. אויפן וועג אַהיים, מוז איך דורכשניידן דעם מאַרק: מיר וואוינען הינטערן וואָקזאַל.

— און דו גייסט נאָך הײַנט אַהיים?

— הײַנט, מײַן גאָלד, הײַנט.

סאַשקע איז אַנטשוויגן געוואָרן. אים איז פּיטאַמאָל געוואָרן אומעטיק אויפן האַרצן. הײַנט וועט ער זיך מוזן געזעגענען מיט געראַסימען, צו וועמען ער האָט זיך פאַר די ניין חדשים צוזאַ־מענזיין צוגעבונדן מיט לײַב און לעבן.

„אָט איז ער געקומען אַהיים, און איך...” — האָט רויט־קאָפּ זיך געטראַכט, און גאָר אומגעמערקט האָט אין אים אַרײַנ־געשלײַכט אַ געפיל פון קנאה — אַלע האָבן היימען, יעדער האָט זײַן וועג: נאָר איך איינער האָב ניט קיין פרײַנט, ניט קיין היים, ניט קיין וועג...”

סאַשקעס שטילער אומעט איז זיך אַלץ מער פאַנאַנדערגע־וואַקסן, און דעם גאַנצן וועג ביזן מאַרק האָט ער קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

— אָט זײַנען מיר שוין אויפן מאַרק! — האָט געראַסים געזאָגט, בעת זיי זײַנען אַריבער דעם בריק.

— דאָס איז אויך אַ מאַרק?! — האָט סאַשקע אומצו־פרידן געזאָגט — אין מאָסקווע זעט מען דאָך אויף איטלעכער גאַס מער מענטשן.

זײַן שטימונג האָט זיך אַביסעלע אויפגעהויבן ערשט דעמאָלט, בעת זיי זײַנען צוגעקומען צו די שפּילבײדלעך. נאָך פונדערווייטן

האָט מאַשקע דערהערט אַ הודושעריי, און ער האָט גענומען געכער שפּרייזן. און ווען ער האָט דערזען דעם גרויסן המון אויפן פּלאַץ, די פּאָנעס אויף די סלופּעס, און האָט דערהערט אַ קלאַפּן אין פּויקן און הייזעריקע קלאַנגען פון לייערקאַסטן, האָט ער אָנגעכאַפּט גערעאַסימען פאַר אַ האַנט און האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן די סך מענטשן, אַזוי ווי אַ שטיין אין וואַסער. די אַלע שפּילבײדלעך און קאַרוסעלן אויף דעם פּלאַץ זיינען געווען ברעטערנע שטאַדאָלעס, באַהאַנגען מיט פּאָנעס, באַקלעפּט מיט עמארצישע פּלאַקאַטן און מיט אַזעלכע שרעקלעכע שילדן, אַז גאָטספאָרכטיקע לייט האָבן באַם פאַרבייגיין אויסגעשפּיען, און קליינע קינדערלעך האָבן זיך געשראָקן און געוויינט און געשריען אַזוי לאַנג, ביז די מאַמעס האָבן זיי אַוועקגעטראָגן וואָס ווייטער פון די אויסגעמאָלענע פּאַרזענישן.

אַ טומל איז דאָ געשטאַנען ביזן הימל. פאַר יעדן ביידל האָבן „אַרטיסטן" געשריען, געוויזן קונצן און גערופן דעם עולם צו זיך.

צווישן די אַרטיסטן זיינען געווען קלאָונעס מיט פּנימער, אויסגעשמירט אין קרייד און סאַזשע; הייזעריקע זינגערס, פון וועלכע ס'האָבן זיך געגאָסן טייכן שווייס; אָנגעמאַליעוועטע זינגערינס אין קורצע קליידלעך; און האַרמאָניקשפּילערס, און קונצנמאַכערס, און באַלאַלאַיקעשפּילערס אין לאַפּצעס... אויף אַלע די „אַרטיסטן", אויף זייערע קאָסטיומען און אַפילו אויף די שפּילבײדלעך, איז געלעגן דער שטעמפּל פון קבצנות, דערשלאָגנקייט און טאַלענטלאָזיקייט. און דער עולם, וואָס האָט זיך געבראָטן אונטער דער סמאַליעדיקער תמוז-זון, האָט מיט גיריקייט אויפגעכאַפּט יעדע תנועה פון די קונצנמאַכערס, יעדן וואָרט זייערן. האָט אַ קלאָון זיך אַריבערגעדרייט, אָדער נאָר אַרויסגעשטעקט אַ צונג, האָט דער המון שוין געקיסניעט פון געלעכטער. אָט שטייט אַ יונגע גויע מיט אַ קיילעכדיקן פּנים, אין אַ ציטעגער פּאַטשיילע מיט בלוטרויטע קווייטן, שטייט און קנאַקט ווי אַ וועווערקע שיכּור-ניסלעך מיט אירע ווייסע, געזונטע ציין, און פאַרגייט זיך אין אַ שטילן געלעכטער. און איר געלעכטער גיט זיך איבער דער דערביישטייענדיקער זקנה, באַ וועלכער יעדער קנייטש פון דער געריכטער נעץ

אױף די אײַנגעפאַלענע, דאַרע באַקן איז פול מיט פרײד, און זי
שטשירעט אָנצײַניקע יאַסליעס. און אַ יונגער דאָרפישער שײַגעץ
הירזשעט מיטן גאַנצן כּח פון זײַנע לונגען, און װי אַ װידערקול
פון זײַן געלעכטער טראָגט זיך דער געלעכטער פון אַ קלײנער,
באָרװעסער מײדל.

דער גאַנצער פּלאַץ איז פול פאַרגאַסן מיט ברענעדיקן,
פלענדנדיקן ליכט, און דאָס לעבן שטורעמט דאָ אַריבער די
ברעגעס. דער געפילדער און געלעכטער פון עולם, די געשרײַ-
ען און געזאַנגען פון די אַרטיסטן, די פאַרטױבנדיקע מאַרשן פו-
די לײערקאַסטנס און פון די מיליטער־אָרקעסטערס, דאָס פױקן
אין פּײַקלעך און די הירזשערײַען פון אײַזעלע אין דער מענאַ-
זשעריע — דאָס אַלץ גיסט זיך צעניױף אין אײן קרעפטיקן,
כּסדרדיקן הורזשען, אַ הודזשען אָן אַן אָנהײב און אָן אַ סוף.

אַרײַנפאַלנדיק אין דער מלוכה פון טעאַטער, פון געלעכ-
טער און פון פרײד, האָט כאַשקע זיך דערפילט, װי אַ פיש אין
װאַסער. דער אָרימער גערעסים האָט אים קױם מיט צרות גע-
קאָנט נאָכהאַלטן.

— אָט לאָמיר דאָ אַ קוק טאָן... זע נאָר, װאָס איז
דאָס דאָרטן?... אָט איז אַ פאַרזעעניש... — האָט רױטקאָפּ
אָן אַ סוף גערעדט, אַריבערלױפנדיק פון אײן בײדל צום אַנדערן.

פאָר אַ שפּילבײדל האָבן אױף אַ שמאָלן ברעטערנעם גע-
לעגדער זיך געבראָכן צװײ קונצנמאַכערס — צװישן עולם האָט
מען געזאָגט, אַז דאָס איז אַ טאַטע און אַ זון. דער טאַטע איז
געװען אַ הױכגעװאַקסענער אַלטער, אַ פליכעװאַטער און אַ בײ-
נערדיקער, און דער זון — אַ בלוטאָרימער, בלײכער אינגל פון
אַ יאָר זיבן, מיט גרױסע הימימותדיקע אױגן און בלאָע אָדערלעך
אױפן דאַרן פנימל. דער אַלטער איז געװען אײַנגעצױגן אין אַן
אָפּגעבליאַקעװעטן טריקאָ, זײַן נאַסער פאַרשװיצטער גוף האָט פון
אַלטקײַט זיך שױן מער ניט געבױגן, און ער האָט, װי ס׳שײַנט,
געהאַט גרױסע יסורים דערפון, װאָס פאַרן שטיקל ברױט מוז ער
נאָך ברעכן זײַן צעמאַטערטן, קראַנקן לײַב. װען סאַשקע איז צו
צום בײדל, האָט דער אַלטער, שטײענדיק מיטן רוקן צום עולם,

מיט מאַטערניש געבויגן אַהינטער זיין גוף. ער איז אינגאַנצן בלאָ געוואָרן, האָט שווער געפּריכט, און די ריפּן האָבן אים ווייט אַרויסגעשטאַרצט פון די אויסגעדאַרטע זייטן. אַז ער האָט זיך שוין אויסגעבויגן, ווי אַ ראָד, און האָט מיט די פינגערן אָנגערירט די ברעטער, האָט זיין אינגל אַ פּליעשק געטאָן מיט די הענטלעך, אַ געשריי געטאָן, מיט איין שפּרונג זיך אַרופגעכאַפּט אַפן טאַטנס בויך און דאָרטן גענומען באַווייזן קונצן. אַלע אַרומיקע זיינען נתפּעל געוואָרן, צוזעענדיק די שפּיצלעך, און האָבן געהירזשעט, פונקט ווי זיי וואָלטן די גרעסטע הנאה געהאַט פון די יסורים, וואָס די אומגליקלעכע מענטשן האָבן אויסצושטיין.

פאַר אַנדערע ביידלעך זיינען די קאָנקורענטן געקראָכן פון דער הויט, און יעדער האָט מיט אַנדערע אויסטערלישע קונצן געזוכט אַריינצוקריגן דעם עולם אין זיין קרעמל.

בא רויטקאָפּן זיינען זיך די אויגן פאַנאַנדערגעלאָפן, און ער האָט ניט געוואוסט, אויף וואָס פריער צו קוקן. בא אים האָט אופגעבליצט אַ האָפענונג אַליין אַריינצופאַלן צווישן די אַרטיסטן.

— נו, מיין פריינט, — האָט געראַסים אים צום סוף געזאָגט — פאַר מיר איז שוין צייט אַהיים צו גיין. זיי געזונט און דערמאָנט מיך ניט צום שלעכטן,.;

— וואָס, דו גייסט שוין אַהיים? — האָט סאַשקע אויף אַ ווײַלע זיך פאַנגעשטעלט — נו, האָב זיך אַ גוטן, אַ דאַנק!... און איכ׳ל זיך מסתמא אָנדינגען אויף אַרבעט דאָ ערגעץ — האָט ער צוגעגעבן און אָנגעוויזן אויף די שפּילביידלעך.

זיי האָבן זיך צעזעגנט. רויטקאָפּ האָט פעסט געדריקט זיין פריינטס האַנט, און תּיכּף האָט ער פאַרקערעוועט אין אַן אַנדער זייט. אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגיין קיין פאַר טריט, ווי ער האָט דערהערט הינטער זיך אַן אויסטערלישן טומל. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען, אַז דער עולם איז עפּעס שטאַרק צערודערט, האָט זיך פאַנאַנדערגעשאָקלט און זיך פאַנאַנדערגעהילכט מיט אַן אַ צאָל קולות, פּונקט ווי אַ וואַלד בעתן שטורעם. אַ גרויסער ליבהאָבער פון בלערליי געזעמלען, האָט סאַשקע זיך אַ

וואָרף געטאָן אַהין, לויפנדיק, האָט ער אופגעכאַפּט עטלעכע פּראָזעס און אויסרופן:

— אַ קונצנמאַכער איז דערהרגעט געוואָרן...

— ניט איינער... דער גאַנצער טעאַטער איז איינגעפאַלן...

— די ברעטער האָבן זיך דורכגעבראָכן...

די אָפּגעריסענע רייד האָבן נאָך שטאַרקער אופגעריצט סאַשקעס נייגער, און אין צוויי מינוטן אַרום איז ער שוין געווען אַפן אָרט פון געשעעניש.

און געשען איז אָט וואָס. די גאַנצע טרופּע פונם „פראַנצויזיש-רוסישן טעאַטער" איז געשטאַנען אַפן געלענדער און האָט געמאַכט חנדלעך צום עולם. מיטאַמאָל האָבן די ברעטער זיך דורכגעבראָכן, און די גאַנצע טרופּע איז, צוזאַמען מיטן געלענדער, אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד. מ'האָט געמיינט, אַז אַלץ איז דורך בשלום, און די אַרטיסטן האָבן מיט געלעכטער זיך אופגעהויבן און ווייטער זיך גענומען פאַר זייער אַרבעט, אָבער דאָ האָבן זיך פון אונטער די ברעטער דערהערט עפּעס קרעכצעס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קונצנמאַכער פון טעאַטער איז דורכגעגאַנגען אונטערן געלענדער גראָד אין דעם מאָמענט, ווען די ברעטער זיינען איינגעפאַלן. ער האָט ניט באַוויזן צו אַנטלויפן און איז צוגעקוועטשט געוואָרן.

ווען סאַשקע איז אָנגעקומען, האָט מען דעם צעקאַליעטשטן קונצנמאַכער געהאַלטן באַם אַריינטראָגן אין אַן עקיפּאַזש, כדי אָפּצופירן אין שפּיטאָל.

ס'איז געווען אַ שרעק אַרופצוקוקן אַף דעם געליטענעם. דאָס קליינע, אויסגעדאַרטע מענטשל איז געווען צעקנייטשט און צעריבן אַזוי, אַז אַ גרויל האָט אָנגעכאַפּט. זיין אָפּגענוצטער פראַק איז פאַסנוויז אַראָפּגעהאַנגען פון די פּלייצעס. דער פאַפירענער קאָלנער האָט זיך אָפּגעשפּיליעט און האָט מיט איין שפּיץ אונטערגעשפּאַרט די שאַרפע גאָמבע. דער פּנים איז געווען פאַרבלוטיקט און אָן אַ סימן פון לעבן. בעת מ'האָט אים געטראָגן, האָבן זיינע הענט און פיס זיך געבאָמבלט, ווי די בייטשן.

רויטקאָפּ איז פֿאַרלאָפֿן פֿאַרויס, אַרייַנגעקוקט דעם קונצמאַכער אין פּנים, און אַ ווילדער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אים: אין דעם צעקוועטשטן מענטשן האָט ער דערקענט האַלבפֿונטלען!

ערשט אויף מאָרגן, נאָך אַ סך ווייַנען און בעטן זיך, האָט מען צוגעלאָזן סאַשקען צו האַלבפֿונטלען אין שפּיטאָל. רויטקאָפּ האָט געפֿונען זייַן בעסטן און זייַן איינציקן פֿרייַנט גוססנדיק. ער איז געלעגן אויף זייַן בעטל, אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטער, מיט האַלבפֿאַרמאַכטע אויגן. אַז סאַשקע איז צו צום בעט, האָט האַלבפֿונטל פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן די ברעמען און האָט אַ בלאַסן שמייכל געטאָן. סאַשקע האָט מיט דער האַנט אַראָפּגעווישט די טרערן און איז צו צום פֿרייַנטס צוקאָפּנס. ס'איז געווען צו מערקן, אַז דער חולה האָט שרעקלעכע יסורים, זייַן פּנים האָט זיך כּסדר פֿאַרקראַמפּט, און זייַנע בליקן האָבן געוויינט. ס'זייַנען אַריבער אַ פּאָר סעקונדן. האַלבפֿונטל האָט אַ מאָרנעם קוק געטאָן אויף רויטקאָפּן און האָט קוים צו הערן אַרויסגעשעפּטשעט:

— איך האָב דיך אַרומגעזוכט... סאַשע...

מער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברייַנגען. זייַן פּנים איז פֿאַרקרימט געוואָרן פֿון ווייטיק. רויטקאָפּ איז געשטאַנען פֿאַרן בעטל און האָט פֿאַרביסן געשוויגן.

צוזאַמענעמענדיק זיך מיט די לעצטע כּוחות, האָט האַלבפֿונטל ווייטער אָנגעהויבן ריידן מיט שטילע, אָפּגעריסענע ווערטער:

— דער וועג איז פֿאַרענדיקט... סאַשע... איך שטאַרב שוין... הער צו... אַזוי לעבן דאַרף מען ניט... גיי אַהיים, ווער אַ מענטש... מ'דאַרף לעבן פֿאַרן לעבנס וועגן... מיר זייַנען נאָר געגאַנגען פּאַזשע דעם לעבן... אַרבעט... ברייַנג נוצן... אָט דאָ איז דאָס גליק... מ'דאַרף ניט פֿוסטעפּאַסעווען... קיין וואָגלערס זייַנען דער וועלט ניט נייטיק... סאַשע... הער צו...

רויטקאָפּ האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעט, אָבער מער האָט ער שוין נישט באַקומען צו הערן: דעם קראַנקן איז געוואָרן ערגער, און מער האָט ער ניט געקאָנט ריידן.

סאַשקע האָט ביזן אָוונט צו פאַרבראַכט באַם קראַנקען. מיט יעדער שעה איז האַלבפונטלען געוואָרן אַלץ ערגער.

אַף מאָרגן באַגינען איז סאַשקע געקומען צולויפן אין שפּיטאָל, און ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל, האָט ער זיך שוין דערוואוסט וועגן זיין פריינטס טויט.

— פונקט האַלבע נאַכט איז ער געשטאָרבן —האָט דער שפּיטאָלוועכטער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

רויטקאָפ האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, האָט פאַרגראָבן דעם פּנים אין די הענט און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט מיט אַ שטילן, יאָמערלעכן געוויין.